STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00280

A HOYF AF POKORNE

Jechiel Hofer

Permanent preservation of this book was made possible by
Lewis Schneider
in memory of
Sam Schneider

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האָפּער * אַ הויף אויף פּאָקאָרנע

(מיינע וואַרשעווער הייף)

צווייטער טייל

יחיאל האָפּער

מיינע ווארשעווער הייף

א הויף אויף פּאקארנע

צייכנונגען — אריה מערזער

יחיאל האָפּער

אַ הויף אויף פּאָקאָרנע

שטייגער ראָמאַן

צווייטער טייל

פארלאג
י. ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל־אביב, ישראל

1959

JECHIEL HOFER / A HOJF OF POKORNE

יחיאל האָפער / אַ הויף אויף פּאָקאָרנע
פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק
Publishing I. L. Peretz Library
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „אורלי״, יסוד המעלה 27, תל־אביב. טלפון 32062

אניא סוליק

סוליקס חתונה

די חתונה פֿון מאַטוויעי סוליק מיט אַניאַ, די טאָכטער פֿון זעלמאַן בייקין, איז געפֿייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד און מיט פֿאַרשווענדערישער רייכקייט. דאָס איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער יאָרצייט פֿון בייקינס פֿרוי. כאָטש ס׳איז שוין געהאַט אַריבער אַ יאָר נאָך איר טויט, איז איבער בייקינס שטוב נאָך אַלץ געהאָנגען די דערדריקנדיקע שטימונג פֿון ליידיקייט, וואָס בלייבט נאָכן אַוועקגיין אויף אייביק פֿון אַ נאָענטן מענטש. נישט בייקין און נישט זיין טאָכטער האָבן אין אָנהויב נישט געוואָלט הערן פֿון מאַכן אַזאַ גרויסע חתונה. זיי האָבן געוואָלט, אַז זי זאָל פֿאָרקומען אין דער שטיל, אין אַ קרייז פֿון גאָר נאָענטע מענטשן. אָבער דווקא דער צוריקגעהאַלטענער אין אַלעם סוליק האָט דורכאויס פֿאַרלאַנגט, אַז די חתונה זאָל געפֿייערט ווערן מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט, נישט רעכענענדיק זיך מיט די גרויסע הוצאות, וואָס זענען מיט דעם געווען פֿאַרבונדן און וועלכע ער אַליין האָט געמוזט דעקן. סוליקס פֿאָדערונג האָט געשטעלט בייקינען אין פֿאַרלעגנהייט. עס איז אים נישט געווען צום געמיט די בעלער, די אויפֿנאַמעס, דאָס פֿאַרבעטן אַ סך מענטשן. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס זיין טאָכטער האָט חתונה מיט סוליקן, אָבער גליקלעך דערפֿון איז ער נישט געווען, און זיך שטאַרק פֿרייען פֿון בלויזער צופֿרידנקייט, האָט ער נישט געקאָנט, אויף דעם איז ער געווען צו איידל, צו פּיינפּיליק. ער האָט זיך געקאָנט פֿרייען פֿון גאָר אַ קלייניקייט, אָדער פֿון זייער אַ סך. אויך האָבן אים אַנדערע שווערע דאגות און קוועלן דאַמאָלט געמאַטערט. ער האָט געוווסט, אַז באַלד נאָך דער חתונה פֿון אַניאַ, וועט ער דאַרפֿן ליקווידירן די איצטיקע וווינונג און אָנהייבן פֿירן אַ גאָר באַשיידענעם לעבנס־שטייגער, צו וועלכן ער איז נישט געווען געוווינט. אָבער דער עיקר האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ער וועט

פון איצט אָן בלייבן אַליין. דאָס בלייבן אַליין האָט אים געשראָקן, נישט געגעבן קיין מנוחה. אין זיין איבער צוואָנציק־יעריקן צוזאַמענ־לעבן מיט זיין פרוי, איז ער קיין איין טאָג נישט געווען אָן איר. ווען ער איז געפאָרן אין די בעדער, איז ער געפאָרן שטענדיק מיט איר. ווי אַ קאָמיסיאָנער האָבן אים נישט איינמאָל די וואַרשעווער סוחרים אויפגעפאָדערט ער זאָל אַמאָל באַזוכן זיינע פּראָווינצער קונים, אָבער ער פלעגט זיך אַלעמאָל פון דעם אַרויסדרייען, אונטער די פאַרשידנסטע תירוצים. ביי זיין פרויס קבורה איז ער אַממיינסטן געווען דערשיטערט דערפון, וואָס ער לאָזט זי אַליין. ווי קינדיש דאָס איז נישט געווען אַנטקעגן דעם שרעק־לעכן פאַקט פונעם טויט פון אַזאַ נאָענטן מענטש, האָט אָבער פאַרט דאָס דאָזיקע געפיל דאַמאָלט אין אים דאָמינירט. ער האָט זי געקענט פון די יונגסטע יאָרן אָן, שטענדיק האָט זיין בליק איר באַגלייט.

באַלד נאָך איר טויט האָט ער געהאַט דאָס געפיל אַז נישט זי איז נישטאָ, נאָר אַז ער זעט זי נישט. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע פילונג. ווען ער איז געווען אַליין, האָט אים זיך טיילמאָל אויסגעדאכטן, אַז ער קאָן זען נאָר טויטע זאַכן, אַ טיש, אַ שטול, אַ לאָמפּ, אַ בוך. ס׳פלעגט אים באַפאַלן אַ מורא, אַ פחד. ער פלעגט אָנהויבן רופן די טאָכטער מיט אַ שטימע פול מיט אַנגסט און זיך ערשט באַרויקט דאַמאָלט, ווען ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז זי געפינט זיך נעבן אים.

ווען סוליק האָט פאַר דער חתונה געדונגען די גרויסע דירה אויף לעשנאָ, האָט ער פאַרגעלייגט כייקינען, אַז ער זאָל וווינען מיט זיי צוזאַמען. סוליק האָט אים געוואָלט אָפּגעבן דאָס שענסטע צימער און אפילו צוויי, אַבי נישט וווינען אַליין. אויך אַניאַ האָט דאָס שטאַרק געוואָלט. כייקין האָט אָבער דערויף בשום אופן נישט געוואָלט איינגיין. נישט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָנקומען צו אַ קינד. דערביי האָט עס נאָך ווייט נישט געהאַלטן. כייקין איז נאָך אַלץ געווען דער גרויסער און אָנגעזעענער קאָמיסיאָנער פון דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע. אמת, די לעצטע צייט זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע אַגענטן, פאַרשטייער פון גרויסע רוסישע מאַנו־פאַקטור־פאַבריקן און געפונען דאָ אָפּנעמערס פאַר זייערע סחורות, אָבער גראָד כייקינען האָט עס כמעט ווי נישט אָנגערירט. אויב ער האָט געמוזט

איצט אָנהויבן איינפירן גרויסע אָפּשפּאָרונגען איז עס נאָר געווען צוליב די חובות אין וועלכע ער האָט זיך פאַרוויקלט אין שייכות מיט דער קראַנקהייט פון זיין פרוי. וועגן דאַרפן אָנקומען צו די קינדער איז גאָר קיין רייד נישט געווען. ער איז נישט באַשטאַנען צו וווינען מיט דער טאָכטער און איידעם צוזאַמען, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר זייער צוזאַמענלעבן. כייקין האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי וועט זיך איינשטעלן דאָס לעבן פון זיין ראָמאַנטישער, פאַרחלומטער, וווּנדערשיינער אַניאַ, מיט דעם טרוקענעם, זאַכלעכן, אייביק פאַרטועגעם מאַטוויעי. כאָטש ער האָט געהאַט צוטרוי צו זיין טאָכטערס שכל, כאָטש ער האָט געזען ווי אַזוי סוליק האָט זיך אין אַ סך פּרטים געענדערט, דאָך האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון אַ ריי פּחדים און געוואָלט זיין פון דעם, וואָס דאַרף געשען, וואָס ווייטער. אים האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז אָן אים וועט דאָס אַלץ צוגיין גרינגער און בעסער.

אַניאַ איז אויך געווען קעגן אַ גרויסער חתונה. איר האַרץ איז נישט געווען דערבײַ. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף חתונה האָבן מיט סוליקן, אַז זי האָט נישט קיין אַנדערע ברירה, זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז עס געשעט איר אַן עוולה. זי האָט צו סוליקן גאָרנישט געהאַט. פאַרקערט, זי האָט געזען ווי גוט ער איז צו איר, אַז ער איז גרייט זיך און אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, פאַר איר מקריב צו זיין. אָבער ער אַליין איז געווען צו ווייניק, אַזויפיל צו ווייניק, אַז נישט איינמאָל, זיצנדיק נעבן אים, פלעגט איר אָנפאַלן אַ ווילן צו אַנטלויפן, אַנטלויפן ווו די אויגן וועלן טראָגן, אַבי זיך פון אים צו באַפרייען.

אָבער דער ליטווישער קאָפּ האָט אין אַזעלכע מינוטן ביי איר גענומען די אויבערהאַנט. זי האָט געוווסט, אַז זי קאָן נישט איבערלאָזן דעם פאָטער אַליין. בלייבן מיטן פאָטער און נישט חתונה האָבן מיט סוליקן, האָט געהייסן באַרויבן אים פונעם לעצטן ביסל רו.

אַניאַ האָט נישט געקאָנט גיין צו דער חופּה מיט סוליקן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. האָט זי דעריבער נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן זי דאַמאָלט זען. איר איז געווען פריקרע דער געדאַנק, אַז זי וועט זיין אויסגעשטעלט אויף אַזויפיל פרעמדע אויגן און זייערע דורכנעמענדיקע

בליקן. זי האָט נישט געקאָנט ווייזן קיין אַנדער פּנים, ווי זי האָט אין דער אמתן געהאַט. ווי דאָס רוב באמת שיינע פרויען האָט זי אין זיך גאָר נישט געהאַט קיין געמאַכטס, טעאַטראַלישס. זי איז שטענדיק אין אירע האַנלונ־גען און באַוועגונגען געווען גאָר נאַטירלעך.

גאָר שטאַרק קעגן אַ רייכער התונה זענען נישט כייקין און נישט אַניאַ אַרויסגעטרעטן, ווייל די פּערזענלעכע אינטימע אַרגומענטן קעגן דעם, האָבן זיי סוליקן נישט געוואָלט און נישט געקענט פאַרטרויען. זיי האָבן נאָר געקאָנט אַרויסרוקן די טענה, אַז דאָס וועט דאַרפן סוליקן אָפּקאָסטן אַ שלל מיט געלט. אָבער גראָד דעם אַרגומענט האָבן זיי מורא געהאַט צו באַנוצן. האָט שוין סוליק געהאַט איבערגעבראָכן זיין קאַרגשאַפט, כאָטש דאָס איז געווען נאָר אין באַצוג צו אַניאַ און צו דעם וואָס האָט געהאַט אַ דירעקטן שייכות מיט איר, קוים האָט ער זיך געהאַט דערפון באַפרייט, האָבן זיי אים דאָס מער נישט געוואָלט דערמאָנען, אין קיין שום פאָרם נישט. אין דעם זענען פאָטער און טאָכטער געווען געאייניקט, כאָטש קיינער פון זיי האָט דאָס פאַרן צווייטן נישט געבראַכט פאַרן מויל.

אַזוי אַרום האָט סוליקס ווילן געזיגט און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פראַוועןן די חתונה אויף אַ גאָר רייכן שטייגער.

נאָר אויב שוין יאָ מאַכן אַ גרויסע חתונה, האָט כייקין פאַרלאַנגט, אַז די חופה זאָל פאָרקומען אין דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, ווו כייקין און זיין פרוי האָבן געהאַט שטענדיקע פּלעצער. סוליק האָט געוואָלט, אַז די חופה זאָל פאָרקומען אין איינער פון די ליטווישע שולן. אויף דעם האָט כייקין נישט געוואָלט מסכים זיין. מיט דער פאָדערונג, אַז די חופה זאָל דווקא פאָרקומען אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע האָט כייקין געוואָלט אונטערשטרייכן זיין און זיין טאָכטערס צוגעהעריקייט צו דעם יידיש־פּוילישן פּראָגרעסיוון וואַרשע און אויך געוואָלט דערמיט אָנווייזן סוליקן דעם וועג און נוסח פון זיין שטוב און פירעכץ אויף להבא.

*

אין אַ שיינעם, נאָר הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג, ווען דער ברייטער פּלאַץ אַרום דער סינאַגאָגע איז געווען אָנגעגאָסן מיט זון, האָבן צוויי



...איר האָבן געפירט דער פאָטער און זיינס אַ שוועסטער...

היכע, בראָנזענע מנורות צו זיבן גאַז־לאָמפּן אין יעדערער, געברענט לכבוד דער חתונה וועלכע האָט באַדאַרפט פּאַרקומען. די מנורות זענען געשטאַנען אויף צוויי היכע פּאָסטומענטן ביי ביידע זייטן פון די ברייטע מאַרמאָרענע שטיגן וואָס האָבן געפירט צו די היכע קאָלומנעס פונעם פראָנטאָן, אונטער וועלכע ס'האָבן זיך געפונען די איצט אָפענע פּאָרטאַלן פון דער סינאַגאָגע.

שמשים אין טוכענע פּעלערינעס און אין שוואַרצע סאַמעטענע קיילעכדיקע און היכע קאַפּלען, מיט קאַנטשיקעס אין די הענט, האָבן געיאָגט פון די שטיגן דעם גרויסן עולם נייגעריקע, וואָס האָבן זיך אין דעם זומערדיקן טאָג פאַרזאַמלט אַרום דער סינאַגאָגע. דער עולם האָט זיך צוגעקוקט צו די צוויי שנורן מיט קאַטשן, וואָס זענען אָנגעקומען צו פאָרן, צו די געסט וועלכע זענען פון זיי אויסגעשטיגן, צו דעם חתן־כלה און צום גאַנצן פאַראַד. אַ חופּה אין דער סינאַגאָגע האָט אין יענע צייטן געהערט צו די זעלטנהייטן.

די קאַטשן זענען אָנגעקומען פון צוויי ריכטונגען. די מיט דער כלה און אירע געסט זענען אַרויסגעפאָרן פון דער נאַוואַליפּקי, ווו כייקין האָט געוווינט, אַריינגעפאָרן אין פּזשעיאַזד, פון דאָרט אויף דער דלוגע, פון דער דלוגע אויף ביעלאַנסקע, אַרומגעקרייזט דעם טעאַטער־פּלאַץ און צוריק דורך דער ביעלאַנסקע פאַרפאָרן פאַר די ברייטע שטיגן פונעם פראָנט פון דער סינאַגאָגע. די מיטן חתן, זענען אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט, דירעקט פון לעשנע גאַס, ווו סוליק האָט געהאַט געדונגען אַ גרויסע דירה און אין דער לעצטער צייט שוין דאָרט געוווינט.

די קאַטשן האָבן געהערט צו קריסטלעכע פירמעס, וואָס פלעגן זיי פאַרדינגען אויף שעה'ן. די גאַלאַנטע סטאַנגרעטן וואָס האָבן אָנגעטריבן די פערד, זענען נאָר געווען אָנגעשטעלטע ביי די קאַטשן־פירמעס. נישט נאָר די קאַטשן מיט די שיינע פערד און געשפּאַנען האָבן נישט געהערט צו זיי, נאָר אפילו די ליבעריעס וואָס זיי האָבן געטראָגן זענען אויך נישט געווען זייערע. די קוטשערס וואָס האָבן אָנגעטריבן די ווייסע פערד, איינגעשפּאַנטע אין אויסגעבעטע און מיט ווייסן אַטלאַס באַקלאַפּטע קאַטשן אין וועלכע ס'זענען געפאָרן די כלות, — האָבן געטראָגן העל־קרעמע

פראַקן מיט גאָלדענע קנעפּ, העל־קרעמע אַטלאַסענע צילינדערס, אָפּגעצוי־גענע קרעמע הויזן, און לאַקירטע שטיוול. די ווידער וואָס האָבן אָנגעטריבן מיט די ברוינע פערד און מיט טונקעלן געוואַנט באַקלאַפּטע קאָטשן אין וועלכע ס׳זענען געפאָרן די פּשוטערע געסט, — האָבן געטראָגן טונקל־גראַנאַטענע פראַקן, שוואַרצע צילינדערס, טונקעלע אָפּגעצויגענע הויזן און גיעמזענע שטיוול.

דאָס אַלץ, דאָס גאַנצע פּאַראַדנע אַנטוטעכץ האָט געהערט צו דער פירמע. בלויז די לאַנגע פּוילישע, סאַרמאַטישע וואָנסעס, וואָס האָבן געגרייכט פון איין אויער ביזן צווייטן, און וועלכע יעדער סטאַנגרעט האָט געמוזט האָבן, נאָר זיי זענען געווען דעם סטאַנגרעטס אייגנטום...

נאָך דער אַרבעט, נאָך די אַדורכגעמאַכטע „קורסן״, זענען די קוטשערס אַריינגעקומען אין קאַנטאָר פון דער קאָטשן־פירמע, ווו אַן אָנגעשטעלטער האָט באַקוקט דעם מצב פון די ליבעריעס, צי זיי זענען נישט צעריסן אָדער פאַרפלעקט געוואָרן. נאָכן אַדורכגיין די קאָנטראָל זענען די קוטשערס אַרונטערגעגאַנגען אונטער אַ האָלצערן װענטל, וואָס האָט פונאַנדערגעטיילט דעם קאַנטאָר אויף צוויי, און דאָרטן אויסגעטון אַלע יום־טובדיקע, פּאַראַדנע מלבושים.

זיי זענען געבליבן שטיין אין אָפּגעטראָגענע מאַרינאַרקעס מיט אויס־געריסענע עלענבויגנס. זיי האָבן אַרויפגעצויגן זייערע געדיכט פאַרצערע־וועטע הויזן, און אָנשטאָט דעם אַטלאַסענעם צילינדער, האָבן זיי אָנגעטון גראַנאַטענע, קיילעכדיקע קאַרטענע היטלען מיט דאַשקעס מיט אָפּגעקראַ־כענעם לאַקיר. בלויז די לאַנגע, סאַרמאַטישע, פריצישע וואָנסעס זענען טרויעריק געהאַנגען איבערן מויל, ווי די צוויי פליגל ביי אַ געקוי־לעטן האָן...

אויף יידישע חתונות אין וואַרשע האָט מען די קאָטשן נישט גענומען דירעקט פון די קריסטלעכע קאַנטאָרן. געווען אין וואַרשע אַ חסידישער ייד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צושטעלן די קאָטשן, וואָס האָט פאַר־מיטלט צווישן דעם קריסטלעכן קאַנטאָר און דעם יידישן בעל־שמחה. ער איז געווען אַ נידריקער, אַ פלינקער, אַ קלוגער, זיך פאַרשטאַנען אויפן וווּנק. ער האָט געגעבי געוווּסט ווען און ביי וועמען עס דאַרף פאַרקומען

אַ חתונה. דער ייד פלעגט אַריינקומען נישט נאָר אין די חסידיש־נגידישע וואַרשעווער הייזער, נאָר אויך צו די ליטוואַקעס און אפילו צו די סאַמע פּאָסטעמפּאָווע (פּאַרטגעשריטענע) וואַרשעווער פּאַמיליעס.

מיט דעם ייד האָט מען אָפּגעשמועסט וועגן דער צאָל קאָטשן וועלכע מען באַשטעלט און וועגן דער צאָל קורסן וואָס זיי וועלן דאַרפן מאַכן. מיט אים איז מען אויך גיך אַדורכגעקומען ווען מען האָט באַדאַרפן נאָך עטלעכע נישט פּאַרויסגעזעענע קורסן, בכדי צו ברענגען אויף דער חתונה אומגעריכטע, נאָר חשובע געסט. דער ייד האָט אויך גוט געלעבט מיט די סטאַנגרעטן. ער פלעגט זיי נישט זעלטן צושאַרן אַ „לינקן" קורס, פון וועלכן די פירמע האָט נישט געוווּסט. ער פלעגט אויך אַכטונג געבן אַז די סאַרווערס זאָלן זיי אויף דער חתונה דערלאַנגען אַ גוטן טרינק בראַנפן און אַ לייטישן כיבוד.

*

אַניאַ איז געקומען צו דער חופה אָנגעטאָן אין אַ ווייס אַטלאַסן קלייד, אויבן, ביז דער טאַליע, נעט געפּאַסט און אונטן שטאַרק ברייט און מיט אַ לאַנגן שלעפּ. אויף דעם קלייד האָט זי געטראָגן פאַרוואָרפן אַ קורצע גראָנאָסטייענע פעלערינקע און אויפן קאָפּ אַ לאַנגן וועלאָן מיט אַ דיאַדעם איבערן שטערן, אויף די הויך־פאַרקעמטע טונקל־קופערנע האָר.

איר האָבן געפירט אונטער די הענט דער פאָטער און זיינס אַ שוועסטער, וועלכע איז געקומען צו דער חתונה פון דעם זעלבן דרום־רוסישן שטעטל, פון וועלכן כייקין מיט זיין משפחה זענען מיט אַ צען יאָר צוריק געקומען קיין וואַרשע. כייקין מיט זיין שוועסטער, ביידע אין די מיטעלע יאָרן, ביידע הויכע און פולע, נאָך פרישע ווי דער רחבותדיקער האַרבסט, האָבן געפירט אַניען מיט שטאָלץ, מיט צאַרטקייט און פאַרבאָרגענעם טרויער.

סוליקן האָבן געפירט צוויי אים אומבאַקאַנטע מענטשן פון כייקינס משפחה. סוליקס מוטער איז שוין געהאַט געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, נאָך איידער ער האָט זיך געהאַט דערשלאָגן צו אַ פאַרמעגן. קיין גאָר נאָענטע משפחה האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט און מיט דער וויטער האָט ער נישט אָנגעהאַלטן קיין שום באַציאונגען. ער האָט אויך נישט

געהאַט קיין נאָנטע לעבנס־פרײַנט, וואָס פאַרטרעטן אין אַזעלכע פאַלן די נאָנטע משפּחה.

ווען אַניאַ איז אַרויס פון דער מיט ווייסן אַטלאַס באַשלאָגענער קאַטש, באַגלייט פון פאָטער אין אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און פון דער צווייטער זייט פון דער מומען אַנגעטאָן אין אַ העל־געל טאַפטן קלייד, וואָס איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט שוואַרצע שפּיצן און זיך פאַרענדיקט, ווי אַניאַס קלייד, מיט אַ לאַנגן שלעפּ באַהאָפטן צו דער לינקער האַנט מיט אַ בראַנסאַלעט — איז דורך דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם אַדורכגעגאַנגען אַ שטילער געפּליסטער פון שטוינונג. ווען מען האָט געקוקט אויף דער פּול־שלאַנקער, בלענדנדיקער כלה צווישן די צוויי הויכע רחבותדיקע פיגורן, האָט מען נישט געזען, ווי יוגנט גייט איבער אין עלטער, נאָר פאַרקערט, ווי עלטער גייט איבער אין יוגנט. מען האָט געזען ווי שיינקייט גייט איבער אין נאָך שענערקייט. עפּעס אַ פרייד איז באַפאַלן אָט די אַלע פרעמדע, צופעליקע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, וועלכע די שמשים האָבן נישט אַרײַנגעלאָזט אין דער סינאַגאָגע. זיי איז אַלע באַפאַלן אַ פרייד פון דעם בילד מיט אַזויפיל צויבער, וואָס האָט זיך פּלוצים פאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט.

ווען בסך־הכל אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז פאַרפאָרן די קאַטש מיטן חתן און עס איז אויסגעשטיגן סוליק מיט זיין שמאָל, קליין פּנים, וואָס האָט זיך קוים אָנגעזען פון אונטער די ראַנדן פונעם הויכן שאַפּאָקלאַק (אַ צילינדער וואָס לייגט זיך איין), ווען דער עולם האָט אויפגעכאַפּט די אומגעשיקטקייט פון זיינע באַוועגונגען, ווען מען האָט דערזען די אַנגסטיקע בלאַסקייט, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם טונקעלן אונטערגרונט פון זיין ברוין פּנים און אונטערגעשטראָכן די צוויי טיפע קנייטשן נעבן דער נאָז און מויל — האָט ווידער אַלע אַרומגעכאַפּט אַ שטוינונג. עס האָבן זיך געהערט פראַגן: „איז דאָס דער חתן? איז דאָס דער חתן?” באַלד האָבן זיך צווישן די פאַרזאַמלטע געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן סוליקן געקענט פון דער צייט ווען ער איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען אין דעם מאַנופאַקטור־געשעפט אויף די נאַלעווקעס. באַלד האָבן זיך

געפונען שילדערערס און פאַרציילערס, וואָס האָבן צווישן עולם פאַר־שפּרייט אמתן וועגן זיין אַמאָליקער אָרעמקייט און לעגענדעס וועגן זיין איצטיקן רייכטום. עס האָבן זיך געיאָוועט אַלץ־וויסערס וואָס האָבן געוווּסט צו דערציילן איינצלהייטן וועגן דער ליבע פון סוליקן מיט כּייקינס טאָכטער און אַפילו ציטירט ווערטלעך, גאַנצע שטיקער פון געהיימע שמועסן צווישן זיי. דער עולם אַרום דער סינאַגאָגע איז געוואַקסן און צוזאַמען מיט אים זענען געוואַקסן די מעשיות, לעגענדעס, פּליאָטקעס, רכילותן און כל מיני אויסטראַכטענישן.

אין דער גרויסער סינאַגאָגע האָט געברענט אַ צעצווייגטער זשיראַנ־דאָל מיט צענטליקער גאַז־לאָמפּן, וועלכער האָט אַראָפּגעהאָנגען אין סאַמע מיטן פון דער דרייפּערטל־רונדיקער געביי אין האַלב־מאוריטאַנישן סטיל. אַרום די ווענט האָבן געברענט קינקיעטן צו צוויי פלאַמען. די סינאַגאָגע איז געווען פול מיט אַן עלעגאַנטן עולם, וואָס האָט גערעדט פּויליש און רוסיש.

צווישן די געסט זענען געווען אָנגעזעענע אין וואַרשע באַנקירן, דירעקטאָרן, הויכע באַנק־אָנגעשטעלטע, פּריוואַט־דיסקאָנטערן, פאַברי־קאַנטן, סוחרים, פּראָקורענטן, און אפילו משרתים. טייל זענען געקומען מיט זייערע פרויען אָנגעטוענע אין די מאָדערנסטע און טייערסטע שטאָטן.

מען האָט אַריינגעפירט סוליקן. ער האָט קיינעם נישט געזען. ער האָט געזען נאָר אַניען. ווען ער האָט פון אונטערן וועלאָן אויפגעכאַפּט דעם בליק פון אירע בלוי־גרינע אויגן, פון וועלכעס שיינקייט אַלע זענען געווען באַצויבערט, האָט ער אין זיי דערזען אַזויפיל פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט געהאַט דאָס זעלבע געפיל, וואָס אין דעם אָוונט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אַניען ביי כּייקינען אין שטוב. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, איבערלאָזן אַניען, כּייקינען, די געסט, די סינאַגאָגע און זיך פון אַלעמען מיט איינמאָל באַפרייען.

נישט זיך האָט ער געוואָלט באַפרייען, נאָר אַניען. אין אַזאַ פּראַכט, אַזאַ שיינע האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזען. אין דעם ווייסן אַטלאַ־סענעם קלייד, אין דער גראַנאָסטייענער פּעלערינקע, מיטן וועלאָן און

דיאדעם אויפֿן קאָפּ, האָט זיך איר שיינקייט אַנטדעקט מיט נאָך מער מאַיעסטעטישקייט. ער האָט זיך געפֿילט קליין, נישטיק און פֿאַרלוירן נעבן איר. צי איז אים טאַקע געווען אַ רחמנות אויף איר, אויף איר פּראַכט, אויף דעם אַלעם וואָס זי וועט אים דאַרפֿן אַוועקשענקען? צי איז אים אַ רחמנות געווען אויף זיך, וואָס ער פֿילט זיך אַזוי קליין און פֿאַרלוירן אין איר אַנוועזנהייט? ער האָט איצט וועגן דעם נישט געטראַכט, אַזוי גענוי נישט געטראַכט. עס איז אים בכלל שווער געווען עפּעס צו טראַכטן. ער האָט דאָס נאָר געפֿילט, ווייטיקלעך און שאַרף געפֿילט. סיי אַגיאַ סיי מאַטוויעי האָבן איצט געפֿילט דאָס זעלבע. זיי האָבן בײדע געפֿילט, אַז זיי דאַרפֿן איינער אַנטלויפֿן פֿון צווייטן. זיי האָבן געפֿילט, אַז דאָס איז די לעצטע רגע, די לעצטע מעגלעכקייט צו אַנטלויפֿן, און דווקא אין דעם געפֿיל, האָבן זיי זיך צונויפֿגעטראָפֿן. דאָס בשותפֿותדיקע געפֿיל, אַז זיי דאַרפֿן איינער פֿון צווייטן אַנטלויפֿן, איז געווען זייער איינציק געמיינזאַם געפֿיל, און דאָס האָט זיי צוגעשמידט, פֿאַרבונדן זייער גורל אויף אייביק.

ס׳איז געשען אַזוי, אַז די סובטעלע אַגיאַ האָט געפֿילט נאָר זיך, האָט געזען נאָר זיך, ווען דער טרוקענער, פֿאַרחשבונטער סוליק האָט געזען און געפֿילט בײדע, סיי אַגיען און סיי זיך.

געווען צווישן גרויסן עולם געסט אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען כייקינס טאָכטער. ווען זיי האָבן איצט באַטראַכט דעם חתן נעבן דער כלה, האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר מעגלעך דאָ, אויף דעם אָרט, נעבן דער חופּה צו געבן אַנצוגעהערן כייקינען, אַז ער האָט זיך מיטן שידוך מיט סוליקן אַביסל צוגעאײַלט.

ס׳האָט אויפֿגעזונגען דער כאָר. די דישקאַנטן פֿון די יונגע יינגלעך, פֿון וועלכע ס׳איז באַשטאַנען אַ גרויסער טייל פֿון כאָר, האָבן זיך צונויפֿגעמישט מיט די לירישע טענאָרן פֿון די שוין דערוואַקסענע באַריסטן און אַרויסגערופֿן דעם איינדרוק ווי ס׳וואָלט געזונגען אַ געמישטער כאָר פֿון מענער און פֿרויען.

ס׳האָט אויפֿגעשפּילט די פּיסהאַרמאָניע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אירע קלאַנגען ווי אַ קליינער אָרגל. ס׳האָט געזונגען דער חזן. איבער דער בימה האָט מען פֿונאַנדערגעשפּרייט די חופּה.

ווען דער פּרעדיקער פון דער סינאַגאָגע ד״ר יצחק צילקאָוו האָט געהאַלטן זיין פּרעדיקט אין אַן אַרכאַישן פּויליש, פון וועלכן סוליק האָט קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער געפילט אַז ער איז אַריינגע־פאַלן אין אַ פרעמדער וועלט, אין וועלכער ער וועט קיינמאָל זיין אָרט נישט האָבן.

ווען מען איז צוריקגעגאַנגען פון דער חופה איז אַניאַ געגאַנגען פעסט און שטאָלץ, מיט אַן אַרויפגעהויבענעם קאָפּ. זי האָט געקוקט אַלע־מען אין די אויגן און גערן און אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צוגענומען אַלע ברכות און ווונטשן, וועלכע מען האָט איר אויסגעדריקט. סוליק דאַקעגן האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ער האָט געשטאַמלט, נישט געפונען קיין איין מאָל דאָס פּאַסיקע וואָרט צו ענטפערן. ער האָט געפירט אַניען, אָבער ער האָט זיך קוים צוגערירט צו איר אָרעם און זי האָט גיכער אים געפירט ווי ער זי. סוליק האָט אַרומגעזוכט מיט די אויגן כייקינען, און ווען יענער איז צוגעקומען צו אים נענטער, האָט סוליק אים אָנגעכאַפּט און קראַמפּהאַפט געהאַלטן זיין אָרעם, ווי נאָר אין אים וואָלט ער געקענט געפי־נען אַן אָנהאַלט און אַן אָנשפּאַר.

דער חתונה־באַל

נאָך דער חופה אין דער סינאַגאָגע איז דער גרעסטער טייל געסט פאַרפאָרן אין דער וווינונג פון דעם יונגן פּאָרפּאָלק, אויף לעשנאָ, ווו עס איז געוועזן צוגעגרייט די גרויסע אויפנאַמע.

די ערשטע זענען געפאָרן די חתן־כלה, סוליק און אַניאַ. נאָך זיי כייקינס משפחה, און דערנאָך די געסט לויט אַ פאָראויס באַשטימטן סדר. פריער די גאָר גרויסע סוחרים און דיסקאָנטערן, דערנאָך די אינטעליגענץ, דירעקטאָרן און הויכע באַנק־אָנגעשטעלטע און אויפן סוף די קלענערע סוחרים און עטלעכע משרתים, מיט וועלכע סוליק האָט אַמאָל צוזאַמען

געאַרבעט און זיך דווקא איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז זיי פאַרבעטן. זיי זענען כמעט אַלע געפאָרן אין די קאַטשן, וואָס האָבן געוואַרט פאַר דער סינאַגאָ־גע אָפּצופירן די געסט, ווען צו זיך אַהיים און וועמען אויף דער אויפ־נאַמע. די קאַטשן, אַ טייל פון זיי אָפענע, געשפּאַנטע יעדער אין אַ פּאָר צוגאָווע, ברוינע אָדער קאַרע פערד, האָבן זיך ווייך געוויגט אויף די שפּילנ־דיקע רעסאָרן און גומענע רעדער, און פון די פערדישע קאָפּיטעס האָט זיך געהערט אַ טרוקענער, ריטמישער קלאַנג, טאָק, טאָק, טאָק.

די לעצטע האָבן פאַרלאָזט די סינאַגאָגע כייקין און זיין שוועסטער, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיטן צערעמאָניאַל, געוווּסט ווער עס דאַרף פאָרן פריער און ווער שפּעטער, און אָפּגעהיטן, אַז קיינעמס כבוד זאָל חלילה נישט פאַרלעצט ווערן. בלויז די משרתים האָבן נישט געוואַרט אויף די כיבודים מיט די קאַטשן, זיי האָבן גענומען זייערע פרויען, געדונגען דראָזשקעס און באַלד פאַרפאָרן אויף לעשנאָ גאַס, צום גרויסן באַל.

ווי נאָר סוליק איז איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין וווינונג איז פון אים די גאַנצע פאַרלוירנקייט און געדריקטקייט מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. ער איז געשטאַנען מיט אַניען ביי דער שוועל פון גרויסן זאַל און אויפגע־נומען און באַגריסט די געסט. ער האָט זיך מיט איין מאָל צוזאַמענגענומען, באַהערשט די פריערדיקע אומגעלומפּערטקייט און געוואָרן רירעוודיק, געשיקט. ער איז געווען העפלעך, געוואָרן מיטאַמאָל באַריידעוודיק, באַקו־מען הומאָר, אַ זאַך וואָס האָט זיך זעלטן ביי אים געטראָפן, געוואָרן אפילו שלאָגפערטיק. ער איז געווען דרייסט, אַרויסגעגעבן דיספּאָזיציעס און באַפעלן און אויף אַלעם געהאַט אַן אויג.

אַניאַ האָט געקוקט אויף סוליקן מיט אַ כסדר אַנוואַקסנדיקן נייגער. ער האָט דורך דער גאַנצער צייט, פון דער מינוט ווען ער איז אָנגעקומען צו דער חופה ביז איצט, נישט געהאַט מיט איר פאַרטוישט קיין איין וואָרט. ער האָט כמעט נישט געקוקט אויף איר נאָר טיילמאָל צוגעוואָרפן אַ צעשטרייטן, דורכלויפנדיקן בליק, וועלכן זי האָט פון זיך גיך אָפּגע־שאָקלט, ווי אַ טרוקענע, נישט אָנגענעמע באַרירונג. ער איז געווען איב־גאַנצן אַריינגעטאָן און פאַרנומען מיט די געסט. אַניען האָט שאָקירט זיין

איבערגעטריבענע העפלעכקייט. זי האָט דערין געזען די „משרתישע שטיק״, וועלכע זי האָט אַזוי גוט געקענט — און וועלכע זי האָט נישט פֿאַרטראָגן אפילו דאַמאָלט, ווען זי פֿלעגט קומען אין די געשעפֿטן איינ־קויפֿן. זי איז אָבער נישט געווען גערעכט, ווייל סוליק, ווען ער איז געווען אַ משרת, האָט מיט דעם אָרט קונים נישט געהאַט צו טון. ער פֿלעגט באַדינען די פּראָווינצער סוחרים מיט וועלכע ער איז זיך באַגאַנגען מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט. אָבער אַניאַ איז איצט געווען אין כעס אויף סוליקן. אַזוי לאַנג ווי זי האָט אים געזען אַ דערשלאָגענעם, אַ פֿאַרלוירע־נעם, האָט זי געהאַט אויף אים רחמנות, האָט זי זיך באַמיט אים אַרויסצו־העלפֿן. אָבער איצט, ווען ער איז געווען אַזוי אויפֿגעלייגט, אַזוי צופֿרידן און זעלבסטזיכער — האָט זי זיך געטראַכט אוודאי, ער איז שוין מיט מיר זיכער, ער ווייסט, אַז איך געהער צו אים, האָט ער זיך מיט איין מאָל באַפֿרייט פֿון זיינע אַלע קוועלן און מיינע וויל ער נישט זען. און ווידער האָט אַניאַ געפֿילט נאָר זיך אַליין.

ווען ס׳איז אָנגעקומען כייקין מיט זיין שוועסטער, האָט זיך סוליק געוואָרפֿן אים אין די אָרעמס, געקושט און געהאַלדזט. מיט אַ גאַנצן קנויל פֿאַרפּלאָנטערטע ווערטער, וואָס האָבן זיך מיט אַמאָל אַרויסגעקריגן פֿון זיין מויל, האָט סוליק אויסגעדריקט זיין פֿרייד פֿון דעם, וואָס כייקין איז שוין ענדלעך דאָ, וואָס ער איז שוין געקומען. ס׳איז אין דער דאָזיקער פֿרייד, אין די ווערטער געווען עפּעס פֿון אַ קינדישער טענה, וואָס איז פֿאַראַן אין יעדער צערטלעכקייט פֿון דערוואַקסענע מענטשן.

כייקינען האָט אויסגעזען מאָדנע, דווקא איצט, סוליקס צוגעבונדנ־קייט און זיין פֿרייד מיט אים. ס׳איז אָבער נישט געווען קיין צייט זיך צו פֿאַרטראַכטן. מיטן אָנקומען פֿון כייקינען און זיין שוועסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט דער ווייטערדיקער צופֿלוס פֿון געסט. כייקין האָט אָוועקגע־נומען זיין טאָכטער און אײדעם פֿון דער שוועל. ער האָט גענומען אַניען מיטן רעכטן אָרעם, סוליקן מיטן לינקן, און אַלע דריי זענען אַריין אין גרויסן זאַל, וווּ ס׳האָבן זיך געהאַט פֿאַרזאַמלט די געסט.

*

ווי נאָר חתן־כלה זענען אריין אין זאַל, האָבן די סאַרווער און קרע־

דענצער געעפנט די טירן, וואָס האָבן געפירט אין די דערבײיאיקע צימערן ווו ס׳זענען געשטאַנען געגרייט די טישן. די געסט זענען פאַרבעטן געוואָרן צו די „זיסע טישן״, אויף וועלכע עס זענען געווען אָנגעשטעלט פּלעשער מיט די פאַרשידנסטע ווײַנען און ליקערן. די סאַרווער האָבן געשניטן די שאָקאָלאַד־און־מאַנדל־טאָרטן און כסדר און ווידער אונטערגעטראָגן די געסט. ס׳האָבן זיך געגאָסן די טײַערע ווײַנען, ס׳האָבן געשמעקט און געררײיצט די פרישע צוקער־געבעקסן, וואָס מען האָט נישט לאַנג צוריק געהאַט געברענגט פון דער באַרימטער קאָנדיטערײַ קאַנארעק. נעבן די טאָרטן און די געפילטע קיכלעך זענען געשטאַנען קלאָשן און פּיראַמידן מיט שאָקאָלאַד און אַנדערע זיסקייטן.

ווען די געסט האָבן שוין געהאַט געגעסן פון זיסן טיש, האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון מוזיק, וועלכע האָט געשפּילט אין גרויסן זאַל, ווו ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די טענץ. געשפּילט האָט די באַרימטע דאַמאָלט קאַפּעליע פון די וואַגהאַלטערס.

סוליק האָט געטרונקען מיט אַלע געסט. ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט מיט אים אויסצוטרינקען. אַממיינסטן און אַמאָפּטסטן האָבן זיך צו אים געשאַרט מיט די גלעזער די משרתים. זיי האָבן געוואָלט ווײַזן די רײַכע געסט זייער נאָענטקייט מיטן איצטיקן גביר מאַטוויעי סוליק.

סוליק איז געווען צו זיי זייער אויפמערקזאַם און פרײַנטלעך. דאָס איז געווען זײַן נקמה אין זיי, וועלכע ער האָט זיי צוגעשוווירן אין די שווערע מינוטן פון דעם שרעקלעכן שבת, וואָס האָט זיך אײַנגעקריצט אויף אײביק אין זײַן זכרון און אין זײַן געמיט. געווען צווישן זיי אפילו איינער פון די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אינעם אָנפאַל אויף אים און וואָס האָט אים דאַמאָלט אָנגעשפּיגן אין פּנים אַרײַן. סוליק איז שוין געווען אַביסל באַרוישט פונעם אַלקאָהאָל. ווען ער האָט געזען דעם דאָזיקן מענטש מיט אַ גלאָז ווײַן אין האַנט זיך דערנענטערן, איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, און דער געדאַנק איז אין אים באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן ווילן צו דערציילן איצט, פאַרן גאַנצן עולם, פאַר די פּראָמינענטע געסט און עלעגאַנטע דאַמען די געשיכטע פון זײַן לעבן און

די געשיכטע פון אָנפאַל אויף אים. ווען ער האָט אָבער אַ בליק געטון אויף אַניען, וועלכע איז געזעסן נעבן אים אַזאַ אַנדערע, אַזאַ אויסדערוויילטע, אפילו פון צווישן די שענסטע פרויען פון די רייכע געסט, האָט ער זיך אַ צי געטון אויף צוריק. איר אויסזען האָט אים אינגאַנצן אויסגעניכטערט, און ער האָט אין דער לעצטער רגע אונטערדריקט אין זיך דעם חשק צו דערציילן וועגן זיך.

אַניאַ האָט געטראָגן דאָס ווייסע אטלאַסענע קלייד נאָר אָן דער גראַנאַסטייענער פעלערינקע און אָן דעם וועלאָן. דער דיאַדעם האָט אויף איר הויכער פריזור געשיינט ווי אַ קרוין. דאָס קלייד איז אויף די פּלייצעס און פון פאָרנט געווען אויסגעשניטן מיט אַ טיפן דרייעקיקן דעקאָלט. מיט אירע טונקל־קופּערנע האָר, מיט די בלוי־גרינע אויגן, מיט דער העל־ראָזער קאַרנאַציע האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ פענאָמען פון פאָרם און קאָליר. נאָר די פולקייט פון אירע הענט און האַלדז און די צוויי שנורן פּערלדיקע ציין צווישן די עטוואָס אָפּגעבויגענע ראָזע ליפּן, האָבן צוגעגעבן איר פאַרפירערישער שיינקייט דעם רייץ פון ערדישקייט.

ס׳איז געווען אַ הייסער, הויכזומער טאָג. אין גרויסן זאַל ווו ס׳זענען פאָרגעקומען די טענץ, זענען אַלע פענצטער געווען אָפן.

ס׳זענען נאָך איבער זיי געווען פאַרשפּרייט די העל־קרעמע טיולענע פאָרהאַנגען און איבער זיי און ביי די זייטן די שאַלן פון גרינעם אַדאַמאַש, וואָס האָבן געהאָנגען אויף גאָלד געפאַרבטע עמפּיר־רעמען.

אין דער מאָדע איז דאַמאָלט געווען דער עיקר דער ווינער וואַלס און דער אונגאַרישער טאַנץ ווענגערקע, וועלכער פלעגט אויסגעפירט ווערן פון גרופּעס, צו פיר פּאָרלעך. מען האָט אויך געטאַנצט אַ קאַדריל און אַ פּאָלקע. די ערשטע זענען געגאַנגען אין וואַלס אַניאַ מיט איר פאָטער. זי איז געשוווּמען מיט ברייטע פּאַסאַזשן באַלאַנסירנדיק איר הויכן, בויגעוודיקן קערפּער אויף די שפּיצן פינגער. זי האָט געהאַלטן אָנגעלענט די לינקע האַנט אויפן פאָטערס ברייטן אָרעם און אויף דער רעכטער האָט זי פאַרוואָרפן דעם לאַנגן שלעפּ פון קלייד, פון אונטער וועמענס ברעגעס עס האָבן זיך אָנגעזען נאָר די ראַנדן פון די בראָקאַטענע לעטשלעך.

דערנאָך האָט זי געטאַנצט מיטן מאַן. אין זאַל האָבן געברענט גאַז־לאָמפּן און צענדליקער סטעאַרין־ליכט און קאָמבינירטע זשיראַנדאָלן פון לאָמפּן און הענגלייכטער. סוליק האָט אָנגעטון צום טאַנץ דעם צילינדער, בכדי זיך צוצוגעבן ספּלענדאָר. ווען ער האָט זיך געדרייט אין טאַנץ האָט מען נישט געזען נישט זיין שמאָלע פיגור און נישט זיין קליין פּנים, נאָר פראַק און צילינדער, פראַק און צילינדער.

אַניאַ האָט געפּרוווט יעדעס מאָל אַרויפצולייגן איר האַנט אויף איר מאַנס אָרעם, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך איר פולע האַנט פון זיין שפּיציקן אָרעם אַראָפּגעגליטשט. די פלעמלעך אויף די ליכט האָבן פאַמעלעך און פאַרטראַכט געזויגן דעם צעשמאָלצענעם סטעאַרין. זייערע בלוי־רויטע פייערלעך האָבן בעתן טאַנצן זיך אָפּגעשלאָגן און געדרייט אין אירע אויגן ווי אַ קאַרוזעלע און פאַרבלענדט פאַר איר אַלץ, וואָס האָט זיך געטון און געווען אַרום איר.

אַניאַ מיט איר מאַן האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די הענט. נאָר קיינמאָל נאָך, זייט זיי האָבן זיך באַקענט, זענען זייערע מחשבות נישט געווען אַזוי ווייט פון זיך ווי גראָד איצט. אַניאַ האָט געחלומט ווי זי וואָלט זיך נאָך אַלץ געפונען אין די אָרעמס פון איר פאָטער. דאָס האָט איר אַזוי גוט דערמאָנט די קינדער־יאָרן, ווען אַלץ איז געווען אַזוי העל און פול מיט פרייד. סוליק האָט אין די שטובן פול מיט געסט, פול מיט שיינע, עלעגאַנ־טע דאַמען און אין שוואַרצע פראַקן געקליידעטע הערן, צווישן מוזיק און טענץ, אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַן איינזאַמקייט, וועלכע האָט אים דערמאָנט די ערשטע טעג פון זיין קומען קיין וואַרשע, ווען ער האָט זיך געבלאָנקעט אויף די פולע מיט מענטשן גאַלעוקעס, נישט קענענדיק קיין איין מענטש און נישט ווייסנדיק וואָס מאָרגן וועט זיין.

דערנאָך האָבן געטאַנצט אַלע אַנדערע געסט. די וואגהאלטערס האָבן אויף דער רייכער חתונה און לכבוד דער ווונדערשיינער כלה אַריינגעלייגט אין זייער שפּילן זייער גאַנץ קענטניש און פעיקייט און דאָס וואָס זיי האָבן גענומען בירושה פון זייער טאַטן און זיידן דעם קלעזמער־פידלער וואָס האָט געשפּילט פאַר פּאַגאַנינין.

נאָך דעם הייסן זומער־טאָג איז דער עולם גיך מיד געוואָרן פון טאַנצן. דאָך, ווען דאָס טאַנצן האָט זיך געענדיקט איז שוין לאַנג געווען נאַכט. די חתונה איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די זומער־טעג ווען דער טאָג איז הויך און גרויס און די נאַכט קורץ און טיף. מען האָט פונאַנדער־גערוקט די שאַלן און די אָפענע פענצטער זענען איצט געווען פאַרהאַנגען בלויז מיט די טיולענע גאַרדינען, וואָס האָבן זיך געהויבן פון נאַכטיקן ווינטל ווי האַלבע באַלאָנען.

מען האָט פאַרבעטן די געסט צו די געזאַלצענע טישן. דאָ זענען די געטראַנקען געווען שאַרפע. פאַרשידענע בראַנפנס אָנהויבנדיק פון פּשוטער וואָדקע, דערנאָך געמישטע מיט אַלאַש, מיט קימעל, מיט פעפערמינץ, ביז די בעסטע קאָניאַקן, שוסטאָווס מיט די גאָלדענע גלאָקן און פראַנצויזישן קאָניאַק מאַרטעל מיט דריי שטערנדלעך. די טישן זענען געווען באַשטעלט מיט קאַוויאַר, סאַרדינען און אַלערליי מינים פישן, געוועגזלטן לאַקס, מאַרינירטע הערינג און געזויערטע לעשטשן. נאָך די געזאַלצענע טישן האָט מען דערלאַנגט דאָס גרויסע מאָלצייט.

די אַטראַקציע פון דעם מאָלצייט איז געלעגן אין דעם, וואָס עס איז באַשטאַנען פון בלויזע פליישן. אַ חוץ די פאַרשידנסטע פּאַשטעטן האָט מען דערלאַנגט קוראָפּאַטוועס געפילטע מיט געמאָלן קעלבערנס, געבראָ־טענע קאַטשקעס מיט עפּל, יונגע אינדיקעס געפילטע מיט באַרוווקעס און צום סוף צו פאַרציעס הערשן־פלייש. דאָס אַלץ האָט מען פאַרטרונקען מיט דינעם ווייסן רייך־ווייַן און שטאַרק מוסירנדיקן, פון אייז אַראָפּגענומענעם שאַמפּאַניער. וועגן דעם מאָלצייט האָט מען אַ לאַנגע צייט שפּעטער גערעדט אין קרייזן פון דער וואַרשעווער פינאַנסיערע.

די כלי־זמרים האָבן געשפּילט. זינגערס האָבן געזונגען, אַקטיאָרן האָבן פאָרגעשטעלט. מען האָט געצונדן און געוואָרפן בענגאַלישע פייערן, מען האָט איבער די קעפּ פון די געסט געשליידערט סערפּענטין און קאָנ־פעטי אין די פאַרשידנסטע קאָלירן. ס'האָט זיך געהערט דאָס צונויפקלאַפּן זיך פון די כוסות, ס'האָבן זיך געטראָגן די וויוואַטס און לחיימס. בעת דער סעודה האָבן זיך פאַריבן אַלע קלאַסן־אונטערשידן, וועלכע האָבן זיך נאָך דער ערשטער שעה פון דעם חתונה־כאַאָס אָנגעהויבן אויסצוטיילן.

ווען די געסט זענען אויפגעשטאַנען פון טיש האָט דער פּאַר־פּרי־מאָרגן שוין געבלויט. מען האָט זיך געזעגנט. מאַן און ווייב זענען איצט געשטאַנען ווידער ביי דער שוועל פון גרויסן זאַל און פון מידקייט בלויז צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף די ווונטשן און ברכות.

ווען אַלע געסט זענען געהאַט אַוועק איז אַניאַ אַוועק צו זיך אין בודואַר, וואָס האָט זיך געפונען נעבן שלאָף־צימער. כייקינס משפּחה־מענטשן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין די ווייטערדיקע צימערן. ווען כייקין האָט זיך געקליבן גיין אָפּרוען האָט ער דערזען פּלוצים נעבן זיך סוליקן, זיין איידעם.

סוליק האָט אַוועקגעזעצט כייקינען נעבן זיך און אים געזאָגט, אַז ער דאַרף מיט אים רעדן. כייקין איז געווען זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס האָט ער אים גראָד איצט צו זאָגן. סוליק האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן דיסקאָנטאָ־געשעפטן. דאָס איז געווען אַ משונהדיקער מאָנאָלאָג פון אַ פאַרווירטן מענטש אין זיין חופּה־נאַכט, כאָטש ער איז געווען אינגאַנצן נאָרמאַל און צומאַל נישט קיין ביסל שיכור. כייקין האָט געקוקט אויף סוליקן מיט אַנוואַקסנדיקער שטוינונג, וועלכע איז איבערגע־גאַנגען אין שרעק. וואָס לענגער און וואָס פאַרקאָכטער סוליק האָט גערעדט, אַלץ פאַרשטיינערטער איז כייקין געזעסן. ער האָט נישט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז געזעסן און געהערט. נישט געהאַט קיין מוט צו זאָגן אַ וואָרט, איבערצורייסן דעם שטראָם פון ווערטער וואָס האָט זיך געגאָסן פון סוליקס מויל, און נישט געהאַט קיין מוט זיך אויפצושטעלן. ס'איז געלאָפן די צייט. ס'איז אַוועק אַ שעה און צוויי. כייקינס שוועסטער און די קרובים האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן נאָך אַ קורצן שלאָף און אַריינגעקומען אין זאַל. זעענדיק זיצן איידעם און שווער זענען זיי צוגעגאַנגען צו סוליקן און מיט צעשמייכלטע פּנימער אים געווונטשן מזל־טוב.

פּלוצים האָבן זיי דערזען אַז סוליק זיצט נאָך אין פראַק מיטן ווייסן גאָרס און ווייסן קראַוואַט און האַלט אין די הענט די ווייסע הענטשקעס. זיי האָבן אויך דערבליקט כייקינס פאַרצווייפלט פּנים. זיי האָבן פאַרשטאַ־נען אַז דאָ איז עפּעס געשען. סוליק האָט זיך דערפילט מוראדיק שולדיק.

זיין פּנים איז געוואָרן מיטאַמאָל פינצטער. ס'איז אויף אַלע געפאַלן אַ צערודערונג און אַ געפּלעפּטקייט.

פרוי און מוטער

עס האָט זיך באַוויזן אין זאַל אַניאַ. זי איז אַריינגעקומען אָנגעטון אין אַ העל־סעלעדינען קלייד פון זיידענעם שיפאָן. פון איר אַריינקומען זענען אַלע געוואָרן אַזוי דערשטוינט, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אויסטערלישקייט אויף וועלכער מען האָט זיך גאָרנישט געקאָנט ריכטן, כאָטש אַלע האָבן דאָך געגוי געוווסט, אַז זי געפינט זיך אינעם דערבייאיקן צימער. פון איבעראַשונג האָבן זיך אַלע אויפגעריסן פון די ערטער. אַפילו איר פאָטער, כייקין, האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. אַניאַ איז געווען רויק און געשמייכלט. זי האָט אירע טריט געוואָנדן דאָרט, ווו עס איז געשטאַנען איר מאַן, סוליק. זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אַ האַנט. נישט קוקנדיק איר אין די אויגן האָט ער אויפגעהויבן די דערלאַנגטע ווייס־ראָזא האַנט און צוגעטראָגן צו די ליפּן. ער האָט אינגאַנצן געציטערט פון נישט דערוואַרטקייט און אויפגעברויזטקייט. דערנאָך האָט זי זיך באַגריסט און געקושט מיטן פאָטער און מיט די אַנדערע קרובים. אין דעם קושן און אין דעם גאַנצן אופן פון זייער קעגנזייטיקן פאַרהאַלטן זיך האָט זיך געפילט אַזאַ געשפּאַנטקייט, ווי איינער וואָלט פאַרן צווייטן אויסבאַהאַלטן אַ שלעכטע בשורה.

אַניאַ האָט אַלע איינגעלאַדן צום פרישטיק אין עס־צימער. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט זי שוין אַלץ געהאַט פאַראָרדנט און איצט איז דער טיש געשטאַנען אַ געגרייטער. אַניאַ האָט גערעדט מיט די קרובים וועגן זייערע פּריוואַטע ענינים, וועגן וועלכע סוליק האָט נישט געהאַט קיין אַנונג. זיי האָבן גערעדט וועגן מענטשן און זאַכן, וועלכע ער האָט נישט געוווסט. אַניאַ האָט דאָס ספּעציעל געטון בכדי צו פאַרשפּאָרן סוליקן אָנטייל צו נעמען אינעם געשפּרעך. וועגן דער חופּה און חתונה האָט מען מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט.

דאָס פרישטיק איז געווען זייער אַ לייכטס. אַלע זענען נאָך געווען איבערגעזעטיקט פון דעם באַנאַכטיקן מאָלצייט. מען האָט כמעט גאָרנישט געגעסן, נאָר געטרונקען. סוליקס פּנים איז געוואָרן באַלעבט. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף די מענטשן אַרום דעם טיש מיט אינטערעס. אים איז פּלוצים באַפאַלן אַ חשק צו וויסן עפּעס גענויערס וועגן זיי. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק פון דעם, וואָס ער קען זיי נישט און פון דעם, וואָס ער ווייסט נישט וועגן וואָס זיי רעדן. עס האָט אים אָנגעהויבן קווען זייער אַנוועזנהייט. ער האָט זיי געוואָלט פרעגן ווער זענען זיי און וואָס ווילן זיי דאָ. זיין אומגעדולדיקייט איז געוואַקסן. ער האָט זיך קוים באַהערשט נישט צו מאַכן ביים טיש קיין סקאַנדאַל.

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאַרשפּעטיקטע ווונטש־טעלעגראַמעס פון פוילישע און רוסישע פּראָווינץ־שטעט, ווו כייקין האָט געהאַט משפּחה און קונים. עס זענען געקומען „פּאָסלאַנצעס" מיט מתנות און בריוו. די פּאָסלאַנצעס זענען אַלע געווען עלטערע קריסטן מיט בלאָנד־גרויע וואָנסעס און אַ סך פון זיי האָבן געטראָגן ברילן אויף האַלאָבלעס. זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון אין גרויע סאַקן אָדער פּאַלטאָס און אין קיילעכדיקע, פלאַטשיקע היטלען פון רויטן ציגל־קאָליר. די היטלען האָבן געהאַט צעראַטעטע דאַשקעס און איבער זיי האָבן געפינקלט מעשענע נומערן.

די פּאָסלאַנצעס, מיט העלע שטעקנס אונטער די אָרעמס, זענען געשטאַנען ביי די גרויסע האָטעלן. זיי זענען געווען דיסקרעט און פאַרשטאַנען אויפן ווונק. נישט איין ליבעס־סוד צווישן יונגע מענטשן פון גאָר הויכן שטאַנד איז געלעגן אין די הענט פון אַזאַ אָרעמען פּאָסלאַניעץ.

עס זענען געקומען די קוכערס און סאַרווערס און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צום פייערלעכן מיטאָג, וועלכער איז געווען באַשטימט אויף פיר אַזייגער. כייקינס שוועסטער האָט גענומען די באַלע־באַטישקייט אין די הענט. זי איז אַרויס זיך באַראַטן מיט די קוכערס. זי האָט אויך מיטגענומען אַניען און איר געגעבן פאַרשידענע באַשעפטיקונגען. אין זאַל זענען פאַרבליבן די קרובים מיט כייקינען און סוליקן.

צום מיטאָג זענען געווען איינגעלאַדן הויכגעשטעלטע געסט, צווישן

זיי אַ צאָל קריסטן. עס זענען אָנוועזנד געווען עטלעכע פּאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון בענק, אַקציע־געזעלשאַפטן, מענטשן וואָס צוליב זייערע שטעלעס, צוליב דער טיילווייזער סודותדיקייט פון זייערע געשעפטס־פאַר־בינדונגען האָבן זיי נישט געטאָרט אַרויסווייזן עפנטלעך זייער נאָנטקייט מיטן קליענט און דעריבער נישט געקענט קומען צו סוליקן אויף דער חתונה. עס זענען אויפן מיטאָג געווען אַ ריי אָנגעזעענע עלטערע מענטשן, וואָס צוליב זייערע יאָרן האָבן זיי שוין נישט געקאָנט אָנטיילנעמען אין אַ גרויסער שמחה מיט אַ סך מענטשן. די שטימונג איז ביי דעם מיטאָג געווען אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אויפן חתונה־באַל. מען איז דאָ געווען שטיל, דיסטינגירט, צוריקגעהאַלטן. מען האָט גערעדט ביים טיש וועגן פּאַרשי־דענע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. מען האָט אויך דעליקאַט באַרירט געוויסע פּאָליטישע פראַגעס. עס האָט כמעט די גאַנצע צייט געשפּילט די קאַפּעליע פון די וואגהאלטערס, אָבער אַ קלענערע ווי נעכטן, אויף דער חתונה. זיי האָבן געשפּילט איצט ערנסטע מוזיק. מען האָט געגעסן מיט אַ מאָס, געטרונקען מיט אַ מאָס. די הויכגעשטעלטע געסט זענען געווען זייער שאַר־מאַנט, געמאַכט גרויסע קאָמפּלימענטן דער יונגער פרוי, גערעדט אַזוי אָפן און דרייסט, אין איר אָנוועזנהייט וועגן איר שיינקייט, וועגן איר עלעגאַנץ און געשמאַק. זיי האָבן באַוואונדערט די האַרמאָניע פון איר סעלעדין קלייד מיט דעם בלוי־גרין פון אירע אויגן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אימיצער פון זיי אויפשטעלן, צוגיין צו אַניאַ, זיך טיף פאַרנייגן און בעטן איר האַנט אַ קוש צו טון.

בייקינס קרובים, אפילו זיין שוועסטער, האָבן אין דעם מיטאָג נישט גענומען קיין אָנטייל. זיי האָבן געגעסן באַזונדער, אין עס־צימער.

סוליק איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ פאַרלוירענער. אַלע באַמיאונגען פון בייקינען אַריינצוציען אים אין געשפּרעך זענען נישט געלונגען. די טעמעס פונעם געשפּרעך זענען בכלל געווען פאַר אים צו טיף און קאָמפּלי־צירט. מען האָט גערעדט סיי רוסיש און סיי פּויליש. צווישן די קריסטלעכע געסט זענען געווען פּאָליאַקן און רוסן. עס איז געווען אין דער צייט, ווען דער פּוילישער פּאָזיטיוויסטישער געדאַנק האָט אַלס אידעע שוין געהאַלטן ביים באַנקראָטירן. דער דאָזיקער געדאַנק, אַז מען דאַרף באַפרייען די יונגע

פּוילישע אינטעלעקטועלע כּוחות פון ראָמאַנטישן מיסטיציזם און זיי ווענדן צו פּראַקטישע וויסנשאַפטן, אַז מען דאַרף אַריינציען די פּוילישע באַמיטלטע קלאַסן און שאַפן אַזוי אַרום קודם־כּל די יסודות פון אַ פּוילי־שער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק, אָט דער געדאַנק האָט געהאַט באַהערשט אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און שריפטשטעלער, דער עיקר נאָכן דורכפאַל פון דעם צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863. איצט האָט דער ראָמאַנטיזם ווידער אָנגעהויבן פאַרכאַפּן די הערצער און מוחות פון דער פּוילישער יוגנט. דער ראָמאַנטיזם האָט פון איין זייט אויפגעלעבט, אין אַ פאַרשטאַרקטער פאָרם, דעם פּוילישן נאַציאָנאַליזם און געפירט צום אַנטיסעמיטיזם, פון דער צווייטער זייט האָט ער געעפנט די טויערן פאַר די סאָציאַליסטישע אידעען, וואָס האָבן דאַמאָלט אויף פּוילן געשטראָמט סיי פון מערב און סיי פון מזרח.

בלויז צווישן דער פּוילישער פינאַנסיערע, נאָר אויף דער בערזע פון געלט־חלומות האָט נאָך דער פּאָזיטיוויזם געהאַט אַן אָנהאַלט. דאָ האָבן נאָך די דריי נאַציאָנאַליטעטן וואָס האָבן באַוווינט דעם שטח פון געוועזע־נעם קאָנגרעס־פּוילן, די פּאָליאַקן, די רוסן און די יידן, סיי די פּוילישע און סיי די ליטוואַקעס, זיך צונויפגעטראָפן און טיילמאָל נאָך געהאַט אַ בשות־פּותדיקע שפּראַך, ווי איצט ביי סוליקן אין גרויסן זאַל.

נאָך דעם מיטאָג האָט מען די געסט פאַרבעטן אין הערן־צימער, וווּ מען האָט דערלאַנגט שוואַרצע קאַווע מיט ליקערן און וווּ מען האָט געריי־כערט ציגאַרן און פּאַפּיראָסן.

כּייקין איז געזעסן אין אַ פאָטעל און גערויכערט אַ לאַנגן האַוואַנאַ ציגאַר. סוליק האָט גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן. כּייקין האָט זיך איצט באַמיט צו האַלטן פון זיין איידעם וואָס ווייטער. ווען ער האָט באַמערקט, אַז סוליק דערנענטערט זיך צו אים, האָט ער שנעל פאַרפירט אַ שמועס מיט אימיצן פון די געסט און געמאַכט זיך סוליקן נישט זען. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן געזעגענען. צוזאַמען מיטן לעצטן גאַסט איז אויך פאַרשוונדן כּייקין.

ביי דער טיר זענען געבליבן שטיין אַניאַ און סוליק. אַ לאַנגע ווײַלע האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט. אַניאַ איז נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין

וואָרט, אַריין אין שלאָף־צימער. סוליק האָט זיך אומגעקערט אין גרויסן זאַל. ער האָט פאַרלאָשן אַלע ליכט, לאַנג געזוכט, ווי אַ בלינדער, אַן אָרט פאַר זיך אויף איינער פון די קאַנאַפּעס און אַן איינגעקורטשעטער אָפּגע־פּיבערט אַ קאָשמאַרע נאַכט.

*

אַזוי זענען אַוועק עטלעכע טעג. כייקין האָט געזען, אַז דער ביז איצט דרייסטער, אונטערנעמערישער סוליק האָלט זיך איינגאַנצן ביים צוזאַמענברעכן. ער האָט מיט זיין טאָכטער נישט גערעדט וועגן דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר. ער האָט פאַרשטאַנען אז סוליק וואָגט פשוט נישט צו זוכן אַניאַס נאָענטקייט. אַזוי לאַנג ווי אַלץ האָט זיך געטון אַרום אַניען איז ער געווען דרייסט און זיכער. אָבער ווען עס איז געגאַנגען וועגן איר גופא האָט ער פאַרלוירן זיין זעלבסטזיכערקייט.

וויזט אויס, אַז דער קלאַפּ וואָס סוליק האָט באַקומען אין דעם פאַטאַלן פּרייטיק, ווען די משורתים זענען אָנגעפאַלן אויף אים, האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין זיין פּסיכיק. ביי זיין אַנטשלאָסנקייט און פעסטן כאַראַק־טער האָט ער דאָך אין מאָמענטן פון דעציזיע אין וויכטיקסטע לעבנס־ענינים זיך נישט געקאָנט אַליין קיין עצה געבן. אַזוי איז עס געווען ווען כייקין האָט אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל אָנהויבן מאַכן דיסקאָנטאָ, אַזוי איז עס געווען ווען ער האָט זיך שוין געהאַט באַקענט מיט כייקינס טאָכטער און געוווּסט, אַז ער קאָן זי האָבן פאַר אַ פרוי, און אַזוי איז עס געווען איצט, ווען זי האָט אויף אים געוואַרט, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין מוט צו קומען.

כייקין האָט געטראַכט מיט שרעק און פאַרצווייפלונג: איז דאָס מעגלעך, אַז איך וועל נאָך דאַרפן זאָגן אָט דעם פאַרדאַרטן יונגנמאַן, אָט דעם מיט די קנייטשן אין פּנים, מיט דעם אַרויסשטאַרצנדיקן גאָרגל־קנאָפּ, דעם געוועזענעם שיק־יינגל, אָט אים וועל איך נאָך דאַרפן זאָגן אַז מיין טאָכטער, מיין איינציק קינד, די שענסטע און אויסדערוויילטסטע... וואַרט אויף אים און אויף זיינע לאַסקעס, פּונקט ווי איך האָב אים מיט חדשים

צוריק געזאָגט „מאַטוויעי מיר דאַכט זיך, אַז איר וואָלט שוין געקאָנט רעדן מיט מיין אַניאַן וועגן תכלית״?

כייקין פלעגט משוגע ווערן בלויז פון דעם געדאַנק. עס איז אים אָנגעפאַלן אַ ווילן זיך צו וואַרפן אויף סוליקן און אים שלאָגן מיט די פויסטן. ער האָט זיך קוים צוריקגעהאַלטן מיט די לעצטע כוחות. ער פלעגט אַנטלויפן פון זיין טאָכטערס נייער שטוב, אַנטלויפן פאַר איר פּנים פאַר אירע אויגן. ער האָט אומברחמנותדיק איבערגעלאָזט זיין צוויי־און־צוואַנציק יעריקע טאָכטער, די נישט דערפאַרענע, די אַזוי ווייטע פון אַלע לעבנס־שוועריקייטן, אַליין, אויג אויף אויג מיט איר גורל.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער סינאַגאָגע, ביי דער חופה, האָבן אים מענטשן געזאָגט, אַז ער האָט זיך מיטן שידוך מיט סוליקן אַביסל צוגעאיילט. כייקין האָט נישט געדענקט ווער האָט עס אים געזאָגט, אַזוי עמפּערט איז ער דעמאָלט דערפון געווען. אָבער איצט איז אים איינגעפאַלן אַ משונהדיקער געדאַנק, אַז אַניאַ דאַרף זיך שוין גטן מיט סוליקן. אָבער אויך פון דעם געדאַנק איז ער אַנטלאָפן.

אַניאַ האָט געזען, אַז סוליק איז אינגאַנצן אַראָפּ פון פּנים, זי האָט געזען די צוויי שוואַרצע רעדער אַרום זיינע טיף איינגעפאַלענע אויגן, זי האָט אויך געזען, אַז דער פאָטער אַנטלויפט פאַר איר, האָט זי אָנגעהויבן נאָכגיין סוליקן, ווי מען גייט נאָך אַ קליין, שוואַך קינד. נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. געזעסן מיט אים גאַנצע טעג און גערעדט, גערעדט פון פאַרשידענע קלייניקייטן און נאַרישקייטן. זי האָט איידל באַרירט זיין אַמאָליק לעבן, וועגן וועלכן זי האָט קיינמאָל מיט אים נישט גערעדט און אפילו נישט געוואָלט וויסן. ער האָט אַ סך דערציילט, אָבער אויסגעמיטן אַלץ, וואָס האָט אים אויסגעדאכטן, אַז דאָס קאָן אים פאַרמינערן אין אירע אויגן. ער האָט איר דערציילט פאַנטאַסטישע געשיכטן וועגן זיין קינדהייט, ווי רייך זיי זענען אַמאָל געווען און דערנאָך פאַר־אָרעמט געוואָרן. ער האָט איר געשילדערט זיין קינדהייט ווי אַ צייט פול מיט פרייד און גליק. ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רייד. איין מעשה האָט סותר געווען די צווייטע. זי האָט אים קיין איין מאָל גאָרנישט איבערגעפרעגט. געזעסן אַ פאַרהערטע אין זיינע רייד, געהערט מיט אַזאַ

אויפמערקזאַמקייט ווי אַ פֿאַרגלויבטע אין זיין יעדן וואָרט. זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. ווען ער האָט אויפגעהערט רעדן, האָט זי אים געבעטן ער זאָל ווידער דערציילן. זי אַליין האָט אים אויך דערציילט וועגן זיך. זי האָט אָבער דווקא אויסגעקליבן די אומעטיקע מאָמענטן פֿון אירע קינדער־יאָרן אין דער פֿאַרמעגלעכער שטוב. אַזוי אַרום האָבן פֿאַמעלעך זיך צוויי לעבנס פֿאַרוויקלט און פֿאַרפּלאָנטערט און איינער האָט אָנגעהויבן נאָכגיין דעם צווייטן.

און ווען עס איז געקומען די דערנענטערונג צווישן זיי האָט זי דאָס נישט נאָר אויפגענומען מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, נאָר זי איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען. די טעג פֿון פּיין און נסיון האָבן זי אַזוי דערהויבן, באַשאָנקען מיט אַזויפֿיל חכמה, אַז אַלץ וואָס זי האָט געטון איז געווען אומטעותדיק, ווי זי וואָלט אַלץ פֿון פֿאַראויס געוווּסט. דאָס וויסן פֿון פֿאַר־אויס האָט איר געגעבן אַ רויקייט וואָס איז איר געווען אַ לוין פֿאַר פֿאַרבינדן זיך מיט אַ מענטש, וועלכן זי האָט טראָץ אַלעם, נישט ליב געהאַט.

סוליק איז געווען ווי אַ באַנומענער, ווי אַ מענטש, וואָס איז אומגע־ריכטערהייט מיטאַמאָל באַגליקט געוואָרן. ער האָט געלאַכט און געוויינט. אים האָט זיך פּלוצים אויסגעדאכטן, אַז אַלץ אין דער וועלט איז גרינג און פּשוט. עס זענען פֿון אים אַוועקגעשוווּמען אַלע יאָרן פֿון פּיין און נויט, פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון אַלע לעבנס־תענוגים. עס זענען אים אַרויס פֿון זכרון אַלע דערנידעריקונגען וועלכע ער האָט איבערגעטראָגן אַמאָל. ער איז געוואָרן נאָכגעביק און גרייט געווען אַלע מוחל צו זיין.

סוליק האָט פֿאַרוואָרפֿן אַניען מיט די טייערסטע מתנות. ער האָט איצט איבערגעלעבט די אדורכגעלאָזענע, גליקלעכע צייט פֿון חתן־כלה־שאַפֿט, וועלכע איז אינגאַנצן געווען אויסגעפֿילט מיט פּראַקטישע ענינים פֿון איינאָרדענען זיך. ער האָט זיך געגרייט אויף אַ לאַנג־דויערנדן און גרויסן יום־טוב. אַניאַ האָט זיך נישט נאָר פֿון אים נישט דערווייטערט, נאָר געזוכט זיין דערנענטערונג. עס איז אַדורך אַ גאַנץ קורצע צייט און זי האָט ביי זיך באַמערקט די ערשטע סמנים פֿון שוואַנגערשאַפֿט.

ווען זי האָט דאָס דערציילט איר מאַן איז ער געוואָרן שטאַרק צעטומלט. ער האָט זיך גיך געכאַפּט און באַדעקט אירע הענט מיט קושן

און געריעדט צו איר אַ סך צאַרטע ווערטער, וועלכע זענען אים ערשט אין די לעצטע פּאָר וואָכן באַקאַנט געוואָרן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר איר זיין אַנטוישונג. דער גרויסער יום־טוב פון צו האָבן זי נאָר פאַר זיך איז אים פאַרשטערט געוואָרן. אַניאַ האָט געלייענט אין זיינע געדאַנקען. זי איז געווען גליקלעך דערפון וואָס ער האָט זיך נישט דערטראַכט צו איר כוונה, אַז זי האָט געזוכט זיין נאָנטקייט בכדי זיך קאָנען פון אים דערווייטערן.

צו שפּעט

אַניאַ האָט שוין איצט נישט געזוכט סוליקס נאָנטקייט. פאַרקערט, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך, האָט זי זיך באַמיט צו האַלטן פון אים פונדערווייטנס. סוליק האָט דאָס אויפגענומען מיט דער גאַנצער הכנעה, מיט וועלכער ער איז געוווינט געווען אַמאָל אויפצונעמען זיין אָרעמקייט, זיינע קוועלן און דאגות, וואָס דאָס לעבן האָט אים נישט געקאַרגט. ער האָט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי פאַרהאַלטן זיך אַלע פרויען אין דער צייט פון זייער שוואַנגער־שאַפט. ער האָט זיך ווידער מיטן גאַנצן פאַנאַטישן ברען אַריינגעלאָזט אין די געשעפטן זיינע. ער האָט נישט געוווסט ווי שטאַרק אַניאַ קוועלט זיך. גראַד איצט האָט די אויסגעאיידלטע און אויסגעצערטלטע יונגע פרוי באַדאַרפט די נאָנטקייט פון אַ מאַן, וועלכן זי זאָל ליב האָבן. דאַקעגן יעדע דערנענטערונג מיט סוליקן, אויב דאָס האָט שוין געמוזט זיין, איז איר געווען דערווידער, כמעט נישט צום פאַרטראָגן. סוליק האָט מיט אַ לייכט האַרץ און לייכט געמיט צוגעשריבן אַלע אירע קאַפּריזן דעם צושטאַנד אין וועלכן זי האָט זיך געפונען.

דאָס איז געווען אַ צייט פון דער גרעסטער איינזאַמקייט אין וועלכער אַניען איז אויסגעקומען ווען עס איז צו לעבן. זי האָט אַזוי גיך פאַר־

שוואַנגערט, אַז זי האָט נישט געהאַט באַוויזן איינצושטעלן איר שטוב, ווי זי האָט זיך דאָס פאָרויסגענומען. זי האָט געהאַט בדעה איינמאָל אין דער וואָך אַרויסצוגעבן אַ מיטאָג פאַר איינגעלאַדענע געסט, צי גאָר איינאָרדע־נען אַ „זשור־פיקס", אַ טאָג אויפצונעמען געסט. זי האָט געוואָלט פירן אַ ברייט הויז און אונטערשטיצן פעיקע, יונגע מענטשן, העלפן זיי אין זייער שטרעבן זיך צו בילדן, צי צו אַנטוויקלען זייערע קינסטלערישע טאַלאַנטן. און דאָ איז אַלץ געוואָרן אַזוי אַנדערש. אַלץ איז געשען, ווי אין אַ בהלה. זי האָט געמוזט ראַטעווען סוליקן. דאָס האָט זי געהאַלטן פאַר איר חוב, דאָס האָט איר אונטערגעזאָגט איר פליכטס־געפיל. און ווען סוליק האָט צוריק באַקומען זיין גלייכגעוויכט, האָט זי שוין געשוואַנגערט. די מומע האָט געמוזט צוריקפאָרן צו איר פאַמיליע אין דעם רוסישן שטעטל פונוואַנען זי איז געקומען, ווידער דער פאָטער האָט, זייט דעם ליקווידירן די גרויסע דירה אויף נאַוואָליפּקי און דאָס איבערציען זיך אויף דעם מוראַנאָוו, זיך איינגאַנצן פאַרמאַכט אין זיך, אַריינגעטון אין לייענען ביכער און ספרים און זיך זעלטן געוויזן ביי דער טאָכטער.

סוליק איז נישט געווען צודרינגלעך צו אַניען. ער האָט אויסגע־רעכנט ווי לאַנג דאַרפן נאָך דויערן אירע שווערע שטימונגען און געהיטן דעם טערמין, ווי ער האָט געהיטן די טערמינען פון זיינע געלט־פאַרפליכ־טונגען. אַניאַ האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם און פאַרלוירן, אַז זי איז גרייט געווען ליב צו קריגן אפילו סוליקן, ווען ער וואָלט בכלל נאָר מסוגל געווען דערצו.

אַניאַ האָט געזען אַז סוליק דינט צו איר. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן דינען, ער קאָן זיין געטריי ביז זיך איינגאַנצן מקריב זיין פאַר איר. אָבער ליבן קאָן ער נישט. ער באַזיצט פשוט נישט די דאָזיקע פעיקייט. דער הילוק, אפילו דער בלויז אויסערלעכער, צווישן זיי איז געווען אַזאַ גרוי־סער, אַז סוליק האָט נאָר געקאָנט איר דינען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט הערשן, און ליבע איז דאָך הערשן. דער אומווילן אין אַניען קעגן סוליקן האָט געהאַלטן אין כסדרדיקן אָנוואַקסן. וואָס עפּטער זי האָט פריער געזוכט זיין נאָנטקייט, אַלץ מער האָט זי איצט אַלץ געטון צו זיין פון אים

וואָס ווייטער. ס׳איז אין איר אריין אַ טראַציקייט, אַ ווילן אָפּצונעמען ביי אים איר אַמאָליקע גאַנטקייט.

איר איז געווען מוראדיק שווער. נאָר דער געדאנק, אַז זי קאָן שאַדענען דערמיט דעם קינד, וואָס לעבט און וואַקסט אין איר, נאָר דאָס האָט איר אָפּגעהאַלטן פון אַריינפאַלן אין דער סאַמער טיפסטער פאַר־צווייפלונג. איינמאָל ווען סוליק איז געווען מיט איר און זיך באַמיט איר צו באַשענקען מיט זיינע צערטלעכקייטן האָט זי זיך אָנגערופן צו אים:

— מאַטוויעי, וואָס איז דאָס אַזוינס ליבע?

ער איז געוואָרן צעמישט, האָט זיך געריבן דעם שטערן פון פאַר־לעגנהייט, זיך נישט געפונען קיין אָרט. צום סוף האָט ער אַרויסגע־שטאַמלט: — אַניאַ, יעי באָגו, איך ווייס ניט.

אַניאַ האָט זיך דערמאָנט דעם זאַכלעכן, טרוקענעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר יענעם שבת׳צונאַכטס, ווען ער איז געקומען צו איר מיטן פאָרשלאַג חתונה צו האָבן. זי איז פאַרטרייסלט געוואָרן פון דער דערמאָנונג. ס׳האָט זיך איר איצט נישט געוואָלט גלויבן, אַז צו דעם, וואָס ער האָט דאַמאָלט צו איר גערעדט האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. אין איר איצטיקן צושטאַנד, ווען זי האָט געזוכט פאַר זיך אַן אָנשפּאַר, האָט זי געוואָלט פון סוליקן אַרויסבאַקומען אַ וואָרט, וואָס זאָל איר זיין אַ באַשטעטיקונג פאַר איר אילוזיע, אַז גערעדט האָט ער דאַמאָלט גאָר עפּעס אַנדערש, ווי ער האָט פאַקטיש גערעדט. סוליק האָט אָבער נאָר איין מאָל, ווען זי האָט אים דערציילט אַז זי איז שוואַנגערט, פאַרמאָגט אַזעלכע ווערטער. מער האָט ער שוין קיינמאָל פון זיך נישט געקאָנט זיי אַרויס־באַקומען.

זי האָט ווייטער גערעדט, — און מיך האָסטו ליב? — האָט זי אים געפרעגט אויף דעם סאַמע פּשוטסטן און סאַמע מענטשלעכסטן אופן.

— אוודאי, גאָר שטאַרק — האָט ער שנעל געענטפערט.

— ווי אַזוי קאָנסטו מיך ליב האָבן, — האָט זי געזאָגט, — ווען דו ווייסט אפילו ניט וואָס דאָס איז אַזוינס ליבע.

סוליק האָט צוזאַמענגענומען פון אַלע ווינקעלעך פון זיין מוח דאָס

ביסעלע באַוווּסטזיין וואָס איז דאָרט געלעגן צעשטויבט. ער האָט אַראָפּגעווּאָרפן פון דאָרט אַ געדאַנק, ווי מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ שווערע משא, וואָס איז איבער די כוחות. ער האָט געזאָגט: — ליבע דאָס ביסט דו.

— יאָ, — האָט אַניאַ געענטפערט — אַ דאַנק דיר, מאַטוויעי, די האָסט דאָס זייער שיין געזאָגט. דאָס קאָן מען אָבער זייער לייכט זאָגן. דאָס קאָן יעדער מאַן זאָגן צו יעדער פרוי. אָבער ריכטיק איז עס נישט. וואָס הייסט ליבע בין איך? און ווו ביסט דו? — האָט זי אויפגעהויבן אירע גרויסע, פרעגנדיקע, בלוי־גרינע אויגן. — הער מאַטוויעי, — האָט זי ווייטער גערעדט, — איך האָב געלעזן אַ סך ביכער וועגן ליבע, זייער אַ סך, און אין ערגעץ נישט געפונען קיין באַשייד, וואָס דאָס איז אַזוינס. אָבער ווען איך האָב געזען מיינע עלטערן אַזוי אָפּט צוזאַמען, האָב איך געזען ליבע. איך האָב געזען ווי לייכט ס'איז זיי אינאיינעם. אפילו אין די סאַמע שווערסטע מינוטן איז זיי געווען לייכט, ווייל זיי זענען געווען צוזאַמען. און מיר האָט זיך דאַמאָלט אויסגעדאַכטן, איך האָב דאַמאָלט געהאַט אַ מאָדנעם געדאַנק, ווען איך האָב געקוקט אויף זיי בין איך געווען זיכער, אַז ביידע צוזאַמען וועגן זיי ווייניקער ווי יעדער באַזונדער. איך האָב זיך געטראַכט, אַז ווען ס'וואָלטן געווען צוויי, נאַפּרימיער, כעמישע שטאָפן, וואָס ביים פאַראייניקן זיך זאָלן זיי ביידע וועגן ווייניקער ווי יעדער פון זיי באַזונדער, וואָלט מען געקאָנט באַשאַפן ליבע. ליבע — האָט זי ווייטער געצויגן דעם דאָזיקן איינזייטיקן געשפּרעך, אָבער אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט גערעדט נאָר צו זיך, — ליבע איז אפילו נישט דאָס געפיל, אַז ס'איז גוט. גוט קאָן אויך זיין מיט אַ צופעליקער פרוי. אָבער לייכט, גרינג קאָן זיין נאָר פון ליבע. און מיר איז אַזוי שווער, אַזוי שרעקלעך שווער — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ טיפן קרעכץ.

— יע, אַניאַ, כ'ווייס אז דיר איז שווער, — האָט ווידער סוליק געפּונען אַ גרינגען ענטפער פאַר איר שווער געמיט. ער האָט איצט אַליין, אַלע שוועריקייטן לייכט פאַרבונדן מיט איר שוואַנגערשאַפט. ער האָט מיט גאָרנישט זיך געלאָזט פאַרטונקלען דאָס, וואָס איז געווען פאַר אים אַזוי העל און קלאָר.

אַניאַ האָט אַ מאַך געטון פון פאַרצווייפלונג מיט דער האַנט און

איבערגעריסן אויף שטענדיק דאָס אָנגעהויבענע איינציקע און איינמאָליקע געשפּרעך מיט סוליקן וועגן ליבע.

*

ס׳איז געבוירן געוואָרן דאָס קינד, אַ מיידעלע. אַלע האָבן זיך זייער געפרייט. אַניאַ איז געווען גליקלעך, סוליק אויסער זיך פון צופרידנקייט, אָבער אַממיינסטן האָט זיך געפרייט דער זיידע, זעלמאַן כייקין.

מען האָט דעם קינד אַ נאָמען געגעבן חוה, נאָך כייקינס פרוי. אין די פּאַפּירן האָט מען זי אָבער פאַרשריבן עוואַ. ווען דאָס קינד האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די צעקנייטשטע, רויטע הויט און אָנגענומען אַ באַשטימטע מענטשלעכע געשטאַלט, האָבן אַלע באַמערקט אַז דאָס מיידעלע איז אינגאַנצן ענלעך צו סוליקן. זי האָט געהאַט זיינע שמאָלע, שאַרע־שטאָלענע אויגן, זיין שפּיציקע, שאַרפע גאָמבע. אַניאַ האָט דאָס באַמערקט די ערשטע. דאָס האָט איר אָבער גאָרנישט געשטערט אין איר מוטער־ליבע. זי איז אינגאַנצן געווען אַריינגעטון אין קינד. נישט געקוקט, וואָס די רייכע פרויען האָבן דאַמאָלט אַליין נישט געזויגט זייערע קינדער, נאָר צוגענומען צו זיי אַמען, האָט זיך אָבער אַניאַ איינגעשפּאַרט אַז זי אַליין וועט זויגן דאָס קינד. זי האָט איצט אויסגעזען נאָך שענער און רייצנדער ווי פריער. אַפילו די שוואַנגערשאַפט האָט כמעט מיט גאָרנישט געהאַט געענדערט אירע האַרמאָנישע געזיכטס־צוגן. בלויז די פולע ליפּן זענען ביי איר געוואָרן אביסל אָנגעלאָפן און די פליגל פון איר געטאָקטער נאָז האָבן זיך געהויבן גיך און נערוועז ביי דער מינדסטער עמפּינדונג. איצט האָט זי געשמעקט מיט מילך און מיט מאַמע. צו איר רייצנדיקער פרויענהאַפטיקייט איז איר צוגעקומען די שטראַלנדיקע מוטערשאַפט. די מענטשן וואָס האָבן זי איצט געזען האָבן פשוט געשטוינט פון איר שיינקייט.

ווען כייקין האָט באַמערקט, אַז די קליינע חוה איז ענלעך צו סוליקן איז אים די גאַנצע שמחה מיטן אייניקל פאַרשטערט געוואָרן. ווען ער האָט געזען דאָס קליינטשיקע, טונקעלע, לענגלעכע פּנימל צוגעדריקט צו דער ראָזאַ ברוסט פון זיין טאָכטער, האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר אַ פּערזענלעכער קריוודע. ער האָט זיך געפילט דערפון מוראדיק געטראָפן. כאָטש ער האָט דאָך געקאָנט פון פאָראויס פאַרשטיין, אַז דאָס קינד וואָס וועט געבוירן

ווערן קאָן זיין ענלעך צום פֿאָטער. אָבער דאָס וואָס דאָס נישט שיינע קינד איז גראָד און דווקא געווען אַ מיידל, דאָס וואָס עס האָט באַקומען דעם נאָמען נאָך זיין אויסערגעוויינטלעך שיינער פֿרוי, דאָס האָט אים געוואַלטיק דעפּרימירט. אניאַ האָט געלאַכט פֿון איר פֿאָטער. זי האָט געזאָגט, אַז עוואַ איז אַ קראַסאַוויצע, זי האָט אין איר אויסגעפֿונען די פֿאַרשידנסטע שיינ־קייטן, וועלכע די קליינע האָט נישט געהאַט, און זיך מיט זיי אַנטציקט.

ווען אַניאַ איז געבוירן געוואָרן און שפּעטער ווען זי איז אויפֿגע־וואקסן און כּייקין האָט געזען איר ענלעכקייט צו דער מוטער, האָט אים געשראָקן זייער גורל־געמיינשאַפֿט. ער האָט מורא געהאַט אַז זיין טאָכטער זאָל נישט טיילן דעם זעלבן גורל וואָס זיין פֿרוי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט דאָס, צו וואָס זי האָט געשטרעבט. איצט ווען ער האָט געזען, אַז זיין מורא איז געווען אַזוי באַרעכטיקט, אַז דאָס, פֿאַר וועלכן ער האָט געפֿאָרכט איז געקומען און מיט דער גאַנצער אומברחמנותדיקייט גענומען דעם קרבן אין זיינע הענט, האָט דאָך אים די ענלעכקייט פֿון אַניעס טאָכטער צום פֿאָטער באַדאַרפֿן פֿרייען. דאָס האָט דאָך אים באַדאַרפֿט באַרויקן, ער האָט דאָך אין דעם געקאָנט זען אַ סימן, אַז די־קייט פֿון גורל־בשותּפֿותדיקייט פֿון מוטער און טאָכטער האָט זיך איבער־געריסן און באַדאַרפֿט גלויבן אין דעם קינדס גוטער מערכה. אָבער דאָס געפֿיל פֿון אייגנליבע איז געווען ביי אים אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין טאָכטער האָט געבוירן אַ צווייטן סוליק, נאָך דערצו אין אַ מיידלישער געשטאַלט. ער האָט קוים געקאָנט פֿאַרטראָגן דאָס סוליקישע אין סוליקן אַליין אָבער דאָס סוליקישע אין זיין טאָכטערס קינד איז אים געווען אומדערטרעגלעך. אין דעם קליינעם טונקעלן גופֿל פֿון דער קליינטשיקער חוהן, וואָס איז געלעגן אין אַ ווייסן קישן אַרומגעצוימט מיט די טייערסטע שווייצאַרישע האַפֿטן און שפּיצן, איז געלעגן אַזויפֿיל אָרעמקייט, וויפֿל אין די דאַרע, אָרעמע הענט פֿון סוליקן איז איצט געלעגן רייכטום.

אַניאַ, וואָס איז דורך דער צייט אינערלעך אויסגעוואקסן און רייף געוואָרן אויפֿצונעמען אַ סך פֿון דעם, קעגן וועלכן איר פֿאָטער אפֿילו האָט זיך געווערט, האָט זעענדיק כּייקינס פּנים בשעת ער קוקט אויף דער

קליינער עווא, געזאָגט צו אים: — פּאַפּאָטשקאָ, ערגער זיך נישט, וועסט זען, — האָט זי געזאָגט נישט אָן פאַרביטערונג, — אַז געלט ברענגט מער גליק ווי שיינקייט...

*

די געשעפטן פון מאַטוויעי סוליק זענען זיך שטאַרק צעוואקסן. ער האָט זיך איצט נישט נאָר פאַרנומען מיט בלויז מאַכן דיסקאָנטאָ, נאָר אויך טיילווייז פיגאַנסירט געוויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. ער האָט אָבער זיי נאָר פינאַנסירט אין דער צייט פון זייער בוי און אָרגאַניזאַציע. ווי אָבער נאָר די אונטערנעמונג איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג האָט ער פאַרקויפט זיין אָנטייל צו אַנדערע. אַזוי אַרום זענען זיינע געשעפטן גיכער געגאַנגען אין דער ברייט ווי אין דער טיף. דער כאַראַקטער־שטריך וואָס כייקין האָט ביי אים אַזוי גוט באַמערקט און אונטערגעכאַפּט, אַז אין מאָמענטן פון דעציזיע פאַרפעלט סוליקן די זעלבסטזיכערקייט, האָט זיך איצט זייער אָפט באַשטעטיקט. ער האָט מורא געהאַט זיך צו אַנגאַזשירן אויף לאַנג, צי אויף סטאַלע אין פאַבריקן אָדער אין געשעפטן. ער האָט גיכער געוואָלט זען ווי זיינע קאַפּיטאַלן פליסן. דעריבער האָט ער אויך נישט געקויפט קיין הייזער. קיין היפּאָטעקן מיט זייער קליינעם פּראָצענט האָבן זיך אים אויך נישט געלוינט. וועלנדיק רייך ווערן, נישט אַנגאַזשירנ־דיק זיך דירעקט אין האַנדל און פאַבריקאַציע, האָט ער נישט זעלטן געמאַכט צווייפלהאַפטע דיסקאָנטע־געשעפטן. נישט איינמאָל איז אַ באַנק־דירעקציע געווען נישט שטאַרק צופרידן מיטן דערלאַנגטן דורך סוליקן פּאָרטפעל. סוליק האָט דאָס באַמערקט און אויסגעהאַלטן ביי זיך אַזעלכע וועקסלען, ביזן טערמין פון זייער פעליק ווערן. דאָס האָט ווידער טאָרמאָ־זירט געוויסע טיילן פון זיין קאַפּיטאַל.

סוליק האָט אין דער פירונג פון זיינע געלט־אָפּעראַציעס נישט געהאַט קיין באַשטימטע ליניע. נישט אין דורכדרינגלעכער פינאַנסיסט מיט וועלכן סוליק איז געשטאַנען אין געשעפטס־פאַרבינדונגען האָט עס געזען און געווען דערפון פאַרזאָרגט. כייקין, וועלכער האָט איצט זעלטן גערעדט מיט סוליקן וועגן געשעפטס־ענינים, איז אויך געווען אומרויק פון זיין איידעמס אופן פירן די געשעפטן. ס'איז אָבער געווען אַ צייט פון

גרויסן עקאָנאָמישן אויפשטייג, ווען רוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך ווירט־שאַפטלעך איינגאַנצן צונויפגעגאָסן, און מענטשן מיט ענערגיע און איני־ציאַטיוו האָבן געגאָסן פון די גרויסע מעגלעכקייטן מיט גאָר אַ ברייטער האַנט. סוליקן האָט מען דאַמאָלט געשאַצט פאַר אַ מענטש פון קרוב אַ האַלבן מיליאָן רובל.

*

נאָכדעם ווי אַניע האָט ביי אַנדערהאַלבן יאָר אַנטוויינט איר קינד און איבערגעגעבן עס אין די הענט פון דער ניאַניע, האָט זי באַשלאָסן איינצופירן ביי זיך אַ סאַלאָן, אַזעלכן ווי זי האָט געטראַכט שאַפן באַלד נאָך דער חתונה. זי האָט יעדן דאָנערשטיק איינגעאָרדנט אַ פייערלעך מיטאָג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. די געסט זענען געווען מענער און פרויען כמעט בלויז יונגע מענטשן, זין און טעכטער פון רייכע סוחרישע און באַנקירישע משפּחות פון וואַרשע. די מענטשן האָט אַניאַ נישט געקענט. די ליסטע פון די געסט האָט צונויפגעשטעלט כייקין און סוליק און זיי האָבן זיך באַמיט, אַז די פאַרבעטענע זאָלן קומען. אָבער זיי אַליין האָבן אין די אויפנאַמען נישט גענומען קיין אָנטייל.

געווען צווישן די געסט אויך עטלעכע באַקאַנטע פון אַניען, געוועזע־נע שכנים פון דעם הויז, ווו אירע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט, פּוילישע מענטשן. צווישן זיי איז געווען אַ יונגער דאָקטאָר, אַ מעדיצינער, וועלכער האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקערט פון פּעטערבורג און וועמען מען האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע מעדיצינישע קאַריערע. ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט האָט אַניאַ מיט אים זיך עטלעכע מאָל צופעליק געטראָפן. זיי האָבן געוווינט אַ טיר און אַ טיר. זי האָט געפילט, אַז יעדעס מאָל ווען זיי טרעפן זיך, מאַכט זי אויף אים אַ גרויסן רושם. איינמאָל האָט ער איר אַפילו דאַמאָלט באַלייגט אַ וויזיט. אָבער באַלד נאָך דעם האָט זיין מוטער געהאַט אַ שמועס מיט אַניעס מוטער. דער שמועס איז פאַר אַניען פאַרבליבן אויף שטענדיק אַ סוד, אָבער איר מוטער האָט עס זייער שווער איבערגעלעבט. זייט דאַמאָלט האָבן זיך די יונגע מענטשן מער נישט געזען.

נישט האָבנדיק קיין אייגענע באַקאַנטע איינצולאַדענען, האָט זיך

אַניאַ דערמאָנט אין אים. ער איז גערן געקומען יעדן דאָנערשטיק צום מיטאָג. ער האָט זיך אָבער זייער מאָדנע פאַרהאַלטן. ער האָט בולט אויס־געמיטן זיך צו טרעפן אויג אויף אויג מיט אַניען. נאָר איינמאָל האָט ער זיך פּלוצים געפינען לעבן איר אויף אַ האַלב־קיילעכדיקער קאַנאַפּע אין סאַלאָן. זיי האָבן פּאַרטוישט עטלעכע געמיטלעכע ווערטער פּלוצים האָט ער זי האַסטיק אַ פרעג געטון:

— פרוי אַניאַ, פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי צוגעאיילט חתונה האָבן? — ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זיינע ווערטער. — זייט מוחל, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט, — האָט איר דען נישט געוווּסט, ווי נישט גלייכגילטיק איך בין צו אייך? ער האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענט. פרוי אַניאַ, עס איז נאָך נישט צו שפּעט! — האָט ער אויסגערופן נישט הערשנדיק איבער זיך.

אַניאַ האָט באַפרייט אירע הענט פון זיינע. זי האָט זיך אַ דערשראָ־קענע אַרומגעקוקט, צי ס׳האָט אימיצער נישט געהערט זיין אויסגעשריי. נישט ענטפערנדיק קיין איין וואָרט האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אַריין אין צווייטן צימער און זיך צונויפגעמישט מיט די רעשט געסט.

פון דאַמאָלט אָן האָט זי אָפּגעשאַפט די פייערלעכע מיטאָגן. אַלס סיבה פאַר דעם איבערייס פון די אויפנאַמעס האָט זי אָנגעגעבן דאָס, אַז זי פאָרט אויף אַ צייט קיין אויסלאַנד. זי איז טאַקע מיטן קינד און מיט דער ניאַניע אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע חדשים אין אַ דייטשן קור־אָרט. אין אַ קורצער צייט נאָך איר צוריקקומען אַהיים האָט זי פאַרשוואַנגערט מיטן צווייטן קינד.

דער ערשטער קריזיס

דאָס צווייטע קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי די סוליקס איז געווען אַ ייִנגל. אויפן פינפטן טאָג נאָך זיין געבורט איז פּלוצים געשטאָרבן ביי זיך אין שטוב אַניעס פאָטער, זעלמאַן כייקין. ער איז בסך־הכל אַלט

געווען זעקס־און־פופציק יאָר. דעם שרעקלעכן פאַקט האָט מען פאַר אַניען נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן, ווייל אויפן ברית האָט מען דעם קינד געמוזט אַ נאָמען געבן נאָכן פאַרשטאָרבענעם. וויפיל און מיט וואָס־פאַראַ אופנים מען האָט אַניען דערצו נישט צוגעגרייט, האָט זי פון דער ידיעה באַקומען אַ שווערן שאָק. די דאָקטוירים האָבן אפילו מורא געהאַט פאַר איר לעבן. זי איז זייער פאַמעלעך געקומען צו זיך, דעם ברית האָט מען געמאַכט אין דער שטיל, נישט מער ווי ביי אַ מנין מענטשן. דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן זעלמאַן (זלמן), פאַרשריבן אין די געבורטס־ביכער האָט מען עס זיגמונט. געזויגן האָט עס ביי אַן אַם.

אויף די סוליקס שטוב האָט זיך געלייגט אַ טיפער טרויער. סוליק האָט באַלד געלאָזן וויסן דורך זיין אַדוואָקאַט, אַז אַלע חובות, וואָס כייקין איז שולדיק געבליבן, נעמט ער אויף זיך. אַניאַ איז אים דערפאַר געווען זייער דאַנקבאַר. זי האָט אים דאָס אָבער מיט גאָרנישט געקאָנט אַרויס־ווייזן, אַזוי דערשיטערט און דערשעפּט איז זי געווען.

באַלד נאָך דעם טויט פון דער פרוי, האָט זעלמאַן כייקין זיך געהאַט שטאַרק געענדערט, כאָטש אויסערלעך האָט מען דאָס ביי אים ווייניק אָנגעזען. ער האָט באַקומען שרעקן, געהאַט פּחדים. מורא געהאַט פאַר איינזאַמקייט און שווער פאַרטראָגן מענטשן, אפילו די סאַמע נאָנטסטע. ווי יעדער מענטש, וואָס איז נישט קיין גלויביקער, איז ער געווען אָבער־גלויבעריש, נישט געקוקט דערויף וואָס געהאַלטן האָט ער זיך פאַר אַ ראַציאָנאַליסט און געגלויבט נאָר אין שלטון־השכל. דער אינערלעכער קידער־ווידער, וואָס איז שטענדיק ביי אים געווען, אָבער אים נישט געשטערט אין זיין קלאָרן באַנעמען פון וועלט און מענטש, איז זיך לעצטנס אין אים פונאַנדערגעוואַקסן. דער גלויבן אין גורל האָט אים כסדר פאַר־פאָלגט. אין יעדן געזירשנטן שטריך, צי דאָס איז געווען אַ ביאָלאָגישע ירושה־אייגנשאַפט, אָדער אַ סאָציאַלע, האָט ער געזען גורל־פאַרבינדונג. ער איז געוואָרן אַ פאַטאַליסט. ווען זיין מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך פאַר־ערגערט צוליב די חובות אין וועלכע ער האָט זיך געהאַט פאַרפּלאָנטערט אין שייכות מיט דער פרויס קראַנקהייט, האָט ער עס אויפגענומען מיט אַבסאָלוטער רעזיגנאַציע. ער האָט גאָרנישט געטון בכדי זיך אַרויסצופירן

פון דעם מצב דורך אָנשטרענגונג, דורך באַמיאונגען צו פאַרגרעסערן זיינע הכנסות, וואָס ער האָט געקאָנט אָן גרויסע שוועריקייטן דערגרייכן. ער האָט דערצו אָנגעווענדן נאָר פּאַסיווע מיטלען, דורך אָפּשפּאָרונגען און דורכן ענדערן דעם ביז איצטיקן הויכן לעבנס־ניוואָ. ער איז אַריינגעפאַלן אין מיסטיציזם, אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט אָקולטיזם און נישט זעלטן אַריינגעקוקט אין אַ קבלה ספר, כאָטש דאָס איז אים לייכט נישט אָנגעקומען.

טיף פאַרבאָרגן האָט אין כייקינען געשטעקט, ווי אַ דאָרן, אַ ספק, צי האָט ער גוט געטון, וואָס ער האָט דערפירט צו דער התונה פון זיין טאָכטער מיט סוליקן. פון דעם טאָג פון זייער חתונה, האָט ער נישט איין שווערע צייט צוליב זיי אָדורכגעטראָגן. אָבער נישט די איבערלעבונגען זענען דאָ געווען דער עיקר. טיילמאָל האָט ער געפילט, אַז ווען אים וואָלט אפילו אויסגעקומען אַראָפּצונידערן פון זיין ביזאיצטיקער מאַטעריעלער מדרגה צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, וואָלט ער דאָך געווען פאַר איר אויס־געקעמפט אַ גינסטיקערע פּאָזיציע אין לעבן, ווי זי האָט געהאַט ביים רייכן סוליק. ער איז אָבער גיך אַנטלאָפן פון די געדאַנקען צו זיינע גורל־אידייען. ער האָט זיך געשטעלט אינגאַנצן אָן אַנטוואָפנטער אַנטקעגן דעם, וואָס האָט אים געקאָנט טרעפן און פאַרלוירן זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט. ער איז נישט געווען קראַנק, קיינמאָל זיך נישט געפילט שלעכט. ער איז נאָר געווען ווי געזונטע מויערן פון אַ פעסטונג, וואָס מען האָט געלאָזט אָפן און אין וועלכער דער שונא האָט געקאָנט יעדער רגע אַריינדרינגען. אין די לעצטע טעג פאַר זיין טויט, האָט ער זיך געפילט גאָר געהויבן, פאַר־דעכטיק געהויבן. ער האָט זיך אויסערגעוויינטלעך געפרייט מיטן נייעם אייניקל, דעם פאַטאַלן טאָג האָט ער זיך נישט פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, נאָר אַ גאַנצן פאַרמיטאָג פאַרברענגט ביי דער טאָכטער. ערשט נאָכמיטאָג איז ער געקומען אַהיים און זיך אַוועקגעזעצט נעבן זיין טיש אין קאַבינעט מיט אַ קבלה־ספר אין האַנט.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ שווערער. פאַרנאַכט־צו האָט אויס־געבראָכן אַ שטורעם. עס האָט געבליצט און געדונערט. די דינסט, וועלכע האָט שוין יאָרן געדינט ביי די כייקינס, האָט דערהערט פון קאַבינעט

אַ שווערן קלאַפּ, ווי אַ גרויסע זאַך וואָלט געוועזן אַראָפּגעפאַלן. זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַן עכאָ פון אַ דונער. דאָך האָט זי פּאַמעלעך געעפנט די טיר פון קאַבינעט און דערזען ליגן כּייקינען אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ. נעבן אים איז געלעגן דאָס ספר. דער אַלאַרמירטער דאָקטאָר האָט בלויז פעסטגעשטעלט דעם טויט.

*

דאָס יינגעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי די סוליקס, איז געווען ענלעך אי צו דער מוטער, אי צום פאָטער. ביי דער מוטער האָט ער גענומען איר רחבותדיקן געבוי און אירע געזיכטס־צוגן. ער האָט געהאַט איר שיינעם שטערן, איר געטאָקטע נאָז, אַביסל אַ צו קליינע, ווי פאַר אַ מאַנספּערשוין, איר פאָרם פון די אויגן, אָבער די קאָלירן האָט ער גענומען ביים פאָטער. די אויגן האָבן געהאַט זיין שאַרע־שטאָלענע קאָליר און די הויט פון פּנים און פון גאַנצן גוף איז געווען אַ טונקעלע. עס איז געווען ברוין געמישט מיט ערד־קאָליר און צוזאַמען האָט עס געשאַפן עפּעס אַ מין אָרעם־פאַרב. קיין איינס פון זייערע קינדער איז נישט געווען פריי פון דער דאָזיקער סוליקישער ירושה.

די מוטער האָט דאָס קינד נישט געזויגן אַליין, ווי זי האָט זיך דאָס געהאַט באַשלאָסן. פונעם שאָק, נאָכן פאָטערס טויט, האָט זי פאַרלוירן די מילך. דאָס קינד האָט געזויגן ביי אַ קריסטלעכער אַם.

צו אַניען האָט מען מיט קיין קאָנדאָלענצן נישט צוגעלאָזט. זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געטראָפן מיט קיין מענטשן. ערשט חדשים שפּעטער האָט זי אָנגעהויבן אויפנעמען איינצלנע באַקאַנטע. איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך ביי איר אָנגעמאָלדן, איז געווען דער יונגער דאָקטאָר, צוליב וועלכן זי האָט געהאַט איבערגעריסן דאָס אַרויסגעבן די פּייערלעכע מיטאָגן.

ווען אַניאַ האָט אים דערזען, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט דאָס מיט זיין שאַרף אויג פון אַ גוטן מעדיצינער גלייך באַמערקט. ער האָט איר געזאָגט אַ פּאָר גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער און איז אַוועק.

פון דאַמאָלט אָן פלעגט ער אין די שווערע מאָמענטן פון איר לעבן זיך באַווייזן און באַלד ווידער פאַרשווינדן.

אַניאַ האָט זיך פאַרנומען מיט צוויי זאַכן, מיט איר עלטער מיידעלע, מיט עווען, און מיט לעקטור אין פאַרשידענע שפּראַכן.

געטעס „פאַוסט" האָט זי כמעט נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. אַ סך שטעלעס האָט זי געקאָנט פון אויסנווייניק. פּונקט ווי איר פאָטער, האָט איר אינטערעסירט דער גורל־פּראָבלעם. די שפּיל פון טייוול האָט איר געשראָקן און געלאָקט. די פראַגע, פאַרוואָס קאָנען גוטע כוונות געבוירן שלעכטע מעשים, האָט איר אומאויפהערלעך געמאַטערט. אירע באַציאונגען מיט סוליקן האָבן אַדורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. זי האָט זיך נאָך דער געבורט פון צווייטן קינד אינגאַנצן פון אים דערווייטערט. דער קרבן פון איר חתונה־האָבן מיט סוליקן, איז געווען צוליבן פאָטער, פאַר זיינעטוועגן, פאַר זיין לעבן. איצט נאָך זיין טויט, האָט ער פאַרלוירן יעדן זין. בלויז דער געדאַנק וועגן די קינדער האָט איר ביסלעכווייז צוריקגע־פירט צום גלייכגעוויכט.

וואָס עלטער די קליינע עוואַ איז געוואָרן, אַלץ מיאוסער איז זי געווען. און וואָס מיאוסער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זי אַניאַ ליב געהאַט. זי האָט איר געקליידט אין אַזעלכע קאָלירן, וואָס זאָלן טאָנירן איר טונקעלע, ווי פון ערד־קאָליר, הויט. זי האָט אויסגעזוכט אַזעלכע פאַרבן פאַר דעם קינדס קליידלעך, וואָס זאָלן ווייך מאַכן די שאַרפע ליניעס פון איר פּנים און גאָמבע. זי האָט זיך געפילט שולדיק אַנטקעגן דעם קינד און אים געוואָלט פאַרגיטיקן פאַר דער עוולה, וואָס זי איז קעגן אים באַגאַנגען.

ווען מען האָט דאָס ייִנגעלע אַנטווײנט איז די זעלבע אָם געבליבן זיין ניאַניע. עוואַ איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר. צו איר האָט מען צוגענומען אַ באָנע, אַ פראַנצויזין.

*

אין דער צייט ווען די באַציאונגען פון אַניאַ צו סוליקן האָבן אַדורכ־געמאַכט אַ שווערן קריזיס, האָבן די פינאַנסיעלע ענינים פון סוליקן אויך דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. אַזוי אַרום זענען ביידע קריזיסן אַדורך אומבאַמערקט פאַר דעם צווייטן צד. די צייט, די קלוגע אָבער אומברחמנות־

דיקע צייט, האָט בײדע קריזיסן געהאָלפן אַדורכגײן, אָבער זײ נישט אינ־גאַנצן אויפגעלעזט.

דער פינאַנסיעלער קריזיס װעלכן סוליק האָט דורכגעמאַכט, איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַן עקאָנאָמישער דעפּרעסיע, װאָס איז אַדורך איבער רוסלאַנד און פּוילן, נאָכן גרויסן װירטשאַפטלעכן אויפשטײג. געליטן פון דעם האָבן קודם־כל די, װאָס האָבן אינוועסטירט זײערע קאַפּי־טאַלן אין נײע אונטערנעמונגען, אין דער צייט װען די אַלטע, שוין עקזיס־טירנדיקע, זענען מיט קלײנע שאָדנס אַרויס פון קריזיס כמעט אומבאַרירט. היות סוליק האָט נאָר אינוועסטירט אין נײע אונטערנעמונגען האָט ער געליטן שטאַרקע קלעפּ. עטלעכע נײע גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען, אין װעלכע סוליק האָט גענומען אַ באַדײטנדיקן אָנטײל און װעלכע ער האָט נישט באַװיזן אָפּצוטרעטן, װי זײן שטײגער איז געװען, האָבן אַזוי פאַטאַל באַנקראָטירט, אַז אפילו נאָכן אַרויסשטעלן די פאַבריקן אויף ליציטאַציע איז מער נישט געבליבן װי פּופצן פּראָצענט אויף צו דעקן די חובות. סוליק האָט געליטן מוראַדיקע פאַרלוסטן. ער האָט זײ נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר זײנע קרעדיטאָרן, די בענק. אָבער אַמערגסטן איז געװען דאָס, װאָס ער האָט אַזוי אַרום אויפגעדעקט פאַר זײ זײן אופן פון פירן די געשעפטן, װעלכן זײ האָבן געהאַלטן פאַר אַ פעלערהאַפטן.

אָבער אין יענער צייט זענען די בענק, אגב אַלײן נאָך יונגע, נישט געװען פאַראינטערעסירט צו רואינירן סוליקן. פאַרקערט, זײ זענען געװען פאַראינטערעסירט אים צו העלפן. מיט גרויסער מי איז זײ געלונגען אָפּצו־ראַטעװען סוליקן פון אַ באַנקראָט. אָבער די בענק האָבן שוין געהאַט אויף אים אַן אויג און װעגן זײן פירן די געשעפטן האָט מען נישט אײנמאָל מיט אים גערעדט מיט אַ באַהאַלטענער דראָונג אין די װערטער.

עס האָט געדויערט עטלעכע יאָר ביזװאַנען סוליק האָט זיך אויסגע־גליכן נאָך די גרויסע שאָדנס װעלכע ער האָט געליטן. ערשט מיטן אויס־ברוך פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, האָט ער זײן פאַרמעגן װידער שטאַרק פאַרגרעסערט.

*

װעגן דעם אַלעם, װאָס איז פאַרגעקומען מיט סוליקן, האָט אַניאַ

גאָרנישט געוווּסט. ווען אין אַלע קרייזן פֿון וואַרשע, האָט מען גערעדט וועגן דעם פֿאַרצווייפֿלטן געראַנגל פֿון סוליקן פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון זיין פֿירמע און אָנזען, האָט אַניאַ געטראַכט וועגן קליידלעך פֿאַר עווען און וועגן די פֿאַרשריטן, וועלכע זי מאַכט אין פּראָנצוויזיש. אמת, עטלעכע מאָל האָט איר באַזוכט דער דאָקטאָר, איר אַמאָליקער שכן. ער האָט נישט געהאַט חתונה־געהאַט. ער האָט גערעדט צו איר עפּעס אַזעלכע משונהדיקע רייד, וועגן „אויפֿשטייגן און אַראָפּפֿאַלן", וועגן „דערלאַנגען אַ ברודערישע האַנט". זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ וויטן בליק פֿון אירע ברייט־פֿונאַנדערגעעפֿנטע, בלוי־גרינע אויגן און נישט געוווּסט, וואָס מיינט ער און וואָס וויל ער פֿון איר. ער איז געווען אויף איר אָנגעווייטיקט פֿאַר דעם, וואָס זיין נשמה־אויסברוך האָט איר געלאָזט אַזוי קאַלט, אַז זי האָט אים אפֿילו קיין איין וואָרט נישט געענטפֿערט, נאָר זיך אויפֿגעשטעלט און אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך איצט אָנגעשטויסן אַז זי ווייסט גאָרנישט, פֿון דעם, וואָס עס קאָן מיט איר געשען מאָרגן, צי נאָך אפֿילו היינט. גיכער פֿון זיין פֿליכטס־געפֿיל אַלס דאָקטאָר, ווי פֿון ריינעם מענטשלעכן, האָט ער איר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם, וואָס אַלע אַרום האָבן געוווּסט.

אַניאַ האָט געזען, אַז סוליק איז געוואַלטיק פֿאַרטועט און פֿאַר־דאגהעט. זיין פּנים מיט די שווערע שאָטנס נעבן די קנייטשן, וואָס זענען געוואָרן וואָס אַמאָל טיפֿער, האָבן אין איר נישט געוועקט דאָס מאָל קיין רחמנות. זי איז שוין אַלט געווען אַכט־און־צוואַנציק יאָר, געווען אַ מאַמע פֿון צוויי קינדער. ערשט איצט, ווי קיינמאָל נישט, האָט זי דערפֿילט אַז איר לעבן איז פֿאַרשפּילט. אַלץ איז אויסגעריגען פֿון אירע הענט. אפֿילו איר ווילן איינצופֿירן אַביסל יום־טובדיקייט אין שטוב, דורך די „זשור־פֿיקסן", זענען איר אויך צוליב אַ נעבן מענטש פֿאַרשטערט געוואָרן. דער מענטש, וואָס האָט געקאָנט שפּילן אַ גורלדיקע ראָל אין איר לעבן, האָט רעכטצייטיק גאָרנישט געטון נישט פֿאַר זיך און נישט פֿאַר איר. אָבער איצט האָט ער זיך אוזורפּירט אַ בייז רעכט צו שטערן איר דאָס ביסל רו און פֿאַרגעניגן, וואָס זי האָט נאָך געוואָלט האָבן פֿון לעבן. דער טויט פֿון איר פֿאָטער האָט צעשטערט אירע אַמאָליקע טרוימען. איר איז געווען איצט שרעקעוודיק און אומעטיק צו בלאָנדזשען אַליין אין די

זכרונות פון די קינדישע יאָרן. איז איר נאָר פאַרבליבן די ליבע צו די קינדער. זי האָט זיי געוואַלטיק ליב געהאַט, דער עיקר איר ערשט קינד, די עלטערע עווא. אָבער די קינדער — האָט זי זיך געטראַכט — האָב איך דאָך ליב, ווייל זיי זענען אַ טייל פון מיר, און זי האָט געוואָלט ליב האָבן אימיצן וואָס זאָל קומען פון דרויסן, פון דער פרעמד. ליבע איז דאָך די קונסט פון מאַכן פון פרעמד — אייגן.

סוליק האָט געזען, אַז אַניאַ איז ווייט פון אים. ער האָט איר חושד געווען, אַז זי ווייסט עפּעס וועגן זיינע פינאַנסיעלע שוועריקייטן. ער האָט גערעכנט, אַז אימיצער פון די באַקאַנטע האָט איר אפשר וועגן דעם דער־ציילט און דעריבער וויל זי אים לאָזן אַליין מיט זיך, זי וויל מיט גאָרנישט נישט פאַרנעמען זיינע געדאַנקען, ער זאָל קאָנען פריי דיספּאָנירן מיט זיין צייט און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט שענקען זיינע געשעפטן. ער איז איר אין געהיים געווען אפילו דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי לאָזט אים אַליין, וואָס זי פאָדערט נישט פון אים קיין דערקלערונגען, און ער מוז איר נישט אָפּגעבן קיין חשבון פון זיין מצב, וועלכער איז צייטנווייז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער. צוליב מורא זי זאָל אים נישט פרעגן קיין געשעפטס־פראַגן, האָט ער אונטער פאַרשידענע תירוצים אויפגעהערט קומען אַהיים אויף מיטאָג. ער פלעגט אויך קומען ביינאַכט שפּעט אַהיים, און נישט וועלנדיק אויפוועקן אַניען האָט ער זיך צייטווייליק איינגעאָרדנט ביי זיך אין קאַבינעט. אַזוי האָט נישט באַוווסט פאַר קיינעם פון דרויסן, מאַן און ווייב געלעבט סעפּאַראַט. יעדער פון זיי צוליב אַנדערע טעמים, און יעדער פון זיי האָט געמיינט, אַז דער צווייטער מיינט עפּעס אַנדערש ווי ער האָט באמת געמיינט. ערשט ווען דער שווערער קריזיס איז פאַרביי האָט סוליק אָנגעהויבן עפּטער אַהיימקומען. אָבער ער האָט אויסגעמיטן יעדעס דערנענ־טערן זיך מיט אַניען כל־זמן זיין פאַרמעגן איז נישט דערגאַנגען צו דער זעלבער גרויס, ווי עס איז געווען אין טאָג ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קריזיס. ער איז געווען זיכער אַז נישט האָבנדיק צוריק זיין פריערדיק פאַרמעגן, האָט ער נישט אויף אַניען די מינדעסטע רעכט.

אַזוי זענען עטלעכע יאָר אַדורכגעלאָפן צווישן זיי, פלינק און

גיך. נאָר איינמאָל אויפקומענדיק אינדערפרי פון שלאָף האָט זי געפונען אויף איר נאַכט־טישל נעבן בעט אַ בוקעט רויזן און אַ בריליאַנטענע קאָליע. דאָס איז געווען איר דרייסיק־יעריקער געבוירן־טאָג.

דער טעות

סיי סוליקס גרויסאַרטיקע מתנה און סיי די דאַטע פון איר דרייסיק־יעריקן געבוירן־טאָג האָבן אַניען אַרויסגעפירט פון איר ביז־איצטיקן צושטאַנד. ווען זי איז אַדורכגעגאַנגען אין געדאַנק דאָס אַלץ, וואָס איז צווישן איר און איר מאַן פאָרגעקומען אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר, האָט זי זיך שטאַרק פאַרוואונדערט פון איר אכזריותדיקייט לגבי אים, און נאָך מער ווי דאָס האָט איר פאַרוואונדערט סוליקס געדולדיקייט און גוטס־קייט. דאָס ערשטע מאָל זייט די אַכט יאָר פון זייער חתונה, האָט זי געהאַט אַן אויפריכטיקן ווילן ער זאָל וואָס פריער אַהיימקומען. זי האָט אים נישט אַזוי געוואָלט זען ווי זי האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זי זען. זי האָט געוואָלט, ער זאָל זי ווידער דערזעען. דאָס ערשטע מאָל זייט זי האָט אים געקענט, האָט זי היינט זיך אָנגעטון אין אַ ניי קלייד ספּעציעל פּאַר אים. זי האָט זיך אַליין געוואונדערט פאַר דעם געדאַנק, זי האָט גערעדט אין די מחשבות צו זיך אַליין: — נישט פּאַר אים טו איך דאָס, נאָר פּאַר זיין איידלקייט צו מיר, פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו מיר, אין טראַכטן אַפילו היינט וועגן אים, האָט זי, ווי אַלעמאָל, איר פּערזאָן געשטעלט אין צענטער.

מען האָט געוואַרט מיט מיטאָג און גראַד דאָס מאָל איז ער געקומען צו דער צייט. עס איז געווען אין שטוב אַ געהויבענע שטימונג. אַלע זענען געזעסן ביים טיש. עוואַ איז שוין געווען אַ קינד פון זיבן יאָר. זי איז געזעסן מיט איר פראַנצויזישער באָנע. אפילו דער קליינער, דריי־יעריקער זיגמונט איז געזעסן מיט זיין פּוילישער ניאַניע. אַלע זענען געווען פריי־

לעך. די קינדער האָבן דאָס ערשטע מאָל בייגעוווינט אַזאַ משפּחה־פייערלעכקייט אין זייער רייכער שטוב.

נאָכן מיטאָג זענען די קינדער אַריין צו זיך און אַניאַ מיט מאַטוויעיען זענען אַוועק אין סאַלאָן. אַניאַ האָט געבעטן איר מאַן, ער זאָל היינט בלייבן נאָכמיטאָג אין שטוב, זי האָט אים אויך געבעטן ער זאָל איר דערציילן אַלץ וואָס איז מיט אים פּאַרלאָפן אין משך פון די לעצטע דריי יאָר.

און ער האָט איר דערציילט. ער האָט קיין זאַך פון איר נישט אויס־באַהאַלטן. ער האָט דערציילט ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן. פריער האָט באַנקראָטירט איין פאַבריק. דער שאָדן איז געווען אַ גרויסער. אָבער ער האָט זיך באַמיט מיט אייגענע כוחות זיך אויסגלייכן. דערנאָך האָט איין קלאַפּ געיאָגט דעם צווייטן. ער האָט געמוזט אויפדעקן די קאָרטן, נישט געהאַט קיין ברירה. זייער גאַנצע עקזיסטענץ האָט זיך געוויגן אויף אַ וואָגשאָל. אים האָט זיך טיילמאָל אויסגעדאַכטן, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. מען האָט אים צוגעהאָלפן, די בענק האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט, מען האָט געראַטעוועט. יאָרן האָט געדויערט ביזוואַנען ער האָט דערפילט, אַז ער שטייט צוריק אויף אייגענע פיס. — אייגנטלעך איז ערשט היינט דער ערשטער טאָג ווען איך פיל אַזוי, — האָט ער געענדיקט דעם ערשטן טייל פון זיין דערציילונג.

ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געשוויגן. טיף געאָטעמט. זי האָט געזען, אַז אויף זיין פּנים שפּילט זיך אָפּ אַ געראַנגל. ער האָט זיך געוואַקלט: רעדן ווייטער, אָדער איבעררייסן דעם מאָנאָלאָג. ער האָט אָבער באַשלאָסן ווייטער צו רעדן און ווידער אָנגעהויבן.

— איך בין אַנטלאָפן פון שטוב, אַנטלאָפן פאַר דיר. שטענדיק אַהיימגעקומען מיט האַרץ־קלאַפּונג: ווייסט דו שוין, וואָס אַלע אַרום ווייסן, אָדער דו ווייסט ניט. איך האָב גוט געוווּסט, אַז דו טאָרסט וועגן דעם אַלעם נישט וויסן. צו דיר טאָר דאָס נישט דערגיין. פונוואַנען קומסט דו צו דעם אַלעם. דאָס קאָן און טאָר גאָרנישט האָבן מיט דיר צו טון. דו ביסט געבוירן געוואָרן צו זיין רייך. פאַרגיב אַניאַ, וואָס איך האָב זיך דערוויי־טערט פון דיר, — האָט ער קוים אַרויסבאַקומען פון זיך מיט אַ דער־שטיקטער שטימע. — איך האָב אַנדערש נישט געקאָנט, אַנדערש נישט

געטאָרט. כ׳האָב מורא געהאַט דו זאָלסט נישט אַמאָל עפּעס דערבליקן אין מיר, דערפילן אין מיר. אַ חוץ דעם האָב איך געוווסט, אַז אַזוי לאַנג ווי איך האָב נישט צוריק מיין פאַרמעגן, אַזוי גרויס ווי ער איז געווען אינעם טאָג פון דעם ערשטן באַנקראָט, מעג איך נאָר וועגן דיר טראַכטן און מער גאָרנישט... ערשט נעכטן האָט מיר דער בוכהאַלטער געוויזן דעם בילאַנס. ערשט נעכטן איז אונדזער פאַרמעגן דערגאַנגען צו דער זעלבער הויך וואָס פריער...

אַניאַ איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטע. דאָס וואָס זי איז איצט געוואָר געוואָרן האָט אַנגעוואָרפן אויף איר אַ פּחד. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די דאָזיקע שווערע דריי יאָר האָט זיך נישט איינמאָל אין איר דערוועקט און אַרויפגעשווומען אַ פאַרבאָרגענער ווילן צו ווערן אָרעם. דער דאָזיקער ווילן איז איר טיילמאָל באַפאַלן מיט אַ שטאַרקן חשק, מיט אַ בענקשאַפט. זי האָט זיך געטראַכט, אַז אפשר קאָן איר בשותפותער וועג מיט סוליקן נאָר זיין אַ וועג פון אומגליק און נישט פון גליק. זי האָט זיך געטראַכט, אַז ווען איר וואָלט אויסגעקומען צו קעמפן פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ, וואָלט זי זיך געפונען איר אָרט נעבן סוליקן. אין גוטס און אין רייכקייט, וועלכע ער אַליין האָט געשאַפן, האָט זי נישט געהאַט וואָס צו טון. אין קאַמף און אין נויט האָט ער געקאָנט זיין איר אַ לעבנס־שותף. אין רייכטום איז ער געווען פאַר איר צו ווייניק, אַבסאָלוט ווייניק. נאָר דער געדאַנק וועגן די קינדער האָט איר געהאָלפן פאַרטרייבן די דאָזיקע משונהדיקע גלוסטונג. זי האָט זיך אַליין געמוסרט: — דו ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס נויט, דערפאַר האָט זיך דיר פאַרגלוסט קאַמף פאַר עקזיסטענץ, — האָט מיט איר איינגעטענהעט איר שכל הישר. דאָס בילד, דאָס שרעקלעכע בילד, אַז אירע קינדער וואָלטן נאָך אַ חוץ אַלעם געקאָנט איבערנעמען פון סוליקן אָרעמקייט, נאָר דאָס האָט איר געגעבן דעם כוח זיך אָפּצוטרייסלען פון אירע ווילדע מחשבות, וואָס האָבן ווי מיט צוואַנגען זיך געפּרווט אין איר איינצוקלאַמערן.

איצט ווען זי האָט געהערט פון סוליקן, אַז זיי זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע, האָט זי זיך מוראדיק דערשראָקן. אַריינגעטון אין פאַטאַליסטישע אידעען, איז זי געווען איבערצייגט, אַז דאָס האָט איר

ווילן אָרעם צו ווערן, שיעור נישט דערפירט זיי צו אַ רואין. כאָטש סוליק האָט איר געגוי אויפגעקלערט אַז די סיבה פון זייער שווערער לאַגע האָט זיך קודם־כל געגומען פון דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט זי זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פון אירע גורל־געדאַנקען און זיך געמאַכט שולדיק אין אַלעם, וואָס איז פאַר־לאָפן. פאַר סוליקן האָט זי דאָס וואָס זי האָט געוואָלט און געטראַכט אויס־באַהאַלטן.

און נאָך עפּעס פון וואָס אַניאַ האָט געשטוינט. זי האָט זיך איצט איבערצייגט, אַז ביידע האָבן זיי געלעבט אין די לעצטע יאָרן אין אַ טעות. זי האָט געמיינט, אַז דאָס האָט זי זיך דערווייטערט פון אים, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס האָט ער זיך דערווייטערט פון איר. איר טעות איז אָבער געווען אַ גרעסערער פון זיינעם. ווייל וועגן איר טעות איז זי איצט געוואָר געוואָרן און אים געמוזט האַלטן פאַרבאָרגן און וועגן זיינעם איז אים באַשערט געווען קיינמאָל נישט צו וויסן...

זי האָט אים פון זיין טעות נישט אַרויסגעפירט. זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס קומט אים, ווי אַ באַלוינונג פאַר דעם, וואָס ער האָט זיינע שווערע איבערלעבונגען פון איר אויסבאַהאַלטן. ווייל ער האָט מיט גאָרנישט, אפילו אין די סאַמע קריטישסטע מאָמענטן, נישט געוואָלט אָנרירן איר רו און די אילוזיע, אַז זי איז רייך. כאָטש ס'זענען געווען צייטן, ווען אים האָט זיך אויסגעדאָכטן, אַז אַלץ איז פאַרשפּילט. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איז איר שטאַרק נישט געווען צום האַרץ, וואָס ער מעסט זי נאָך אַלץ מיט דער מאָס פון געלט, האָט זי אָבער ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס ער האָט זיך פון איר געהאַלטן פונדערווייטנס כל־זמן ער האָט נישט דער־וואָרבן זיין פאַרמעגן. זי האָט געוווסט, אַז פון דער סוליקישער הויט וועט ער נישט אַרויס, אַז זיין אופן פילן און טראַכטן וועט ער שוין נישט ענדערן, איז זי כאָטש געווען שטאָלץ דערפון, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר איר אַזאַ הויכן פּרייז.

איצט ביי אירע דרייסיק יאָר, איז איר שיינקייט געווען אַ גאַנצע, אַ שלימותדיקע. מען האָט זי נישט געקאָנט אַנאַליזירן. מען האָט נישט געקאָנט רעדן וועגן אירע אויגן, וועגן איר קאַרנאַציע, וועגן אירע האָר,

וועגן שטערן צי וועגן איר פיגור. זי איז שוין איצט געווען אין דער צייט ווען מען האָט געקאָנט רעדן וועגן אַניאַ, וועגן איר אינגאַנצן. דער אַנטאַ־גאָניזם פון אירע באַזונדערע שיינקייטן איז אַוועק, די פאָרם און קאָליר פון אירע אויגן האָבן איצט נישט קאָנקורירט מיט דער אידעלער ראָזי־קייט פון איר הויט, צי מיטן טונקל־קופּערנעם גלאַנץ פון אירע האָר. ס׳איז געווען ביי איר אַ צייט פון אַ גרויסער סימביאָזע, ווען איין שיינקייט האָט געהאָלפן דער צווייטער צו זיין גלייך שיין. אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, אַלץ מיט וואָס זי איז פון דער נאַטור באַשאָנקען געוואָרן, איז איצט אַרומגע־נומען געווען און באַגלייט פון איין הויכער האַרמאָניע.

און דאָך. און דאָך האָט זי געוווסט, אַז די צייט פון ליבע איז אויף אייביק שוין אַוועק.

דאַמאָלט ווען דאָס אַלץ איז זיך פאַרלאָפן, האָט די ליבע געקאָנט קומען צו פרויען נאָר אין עטלעכע געציילטע יונגע יאָר. האָט זי זיך פאַר־שפּעטיקט, האָט עפּעס אַ גרויסע הערשנדיקע און באַהערשנדע אומזיניקייט, מיטן כוח פון אַן אינערגעץ נישט געשריבן געזעץ, פאַרשלאָסן פאַר איר טיר און טויער, און נישט געגעבן מער דער ליבע קיין צוטריט צו די פרויען, וואָס האָבן אין דער שטיל און פאַרבאָרגן אַ גאַנץ לעבן נאָך איר געלעכצט.

אַניאַ האָט איצט אָנגעהויבן צו שעצן טרייקייט, איבערגעגעבנקייט און גוטסקייט. זי האָט אָנגעהויבן זען די מעלות פון סוליקן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט ווי ביז איצט. ביז איצט האָט זי געהאַלטן, אַז זי איז דאָס דער אינערלעכער מאָטאָר און די איינציקע סיבה פון זיינע גוטע מעשים. אַז ער איז גוט און געטריי און זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר איר, ווייל זי פאַרדינט דאָס. איצט האָט זי אָנגעהויבן גלויבן, אַז די אַלע מעלות זענען ביי אים פאַראַן ווייל ער איז מיט זיי געבוירן געוואָרן, ווייל אַזאַ איז ער. אויף איר שיינקייט האָט זי אויך אָנגעהויבן קוקן אַנדערש. ביז איצט איז איר שיינקייט געווען אירס, איר אייגנטום, איר פּריוואַט פאַרמעגן, באַשאַפן פאַר איר געניס. איצט האָט זי געטראַכט, אַז די שיינקייט האָט זי באַקומען, באַקומען ווי אַ הלוואה, ווי אויסגעבאָרגט נאָר אויף אַ צייט, אויף אַ באַגרע־נעצטער צייט. איר אייגנטום איז עס אָבער נישט. זי דאַרף זי טראָגן איבער

איר לעבן און אויף וויפל דאָס איז פון איר אָפּהענגיק עס איבערגעבן די וייטערע דורות.

די דאָזיקע געדאַנקען און די גורל־אידעען האָבן אויף איר געבראַכט אַ גרויסע באַרויקונג. איר שולד־געפיל, אַז צוליב איר האָבן זיי געקאָנט ווערן אָרעם, האָט זי געמאַכט שטיל און אויפמערקזאַם צו אַלעם אַרום. אויב זי האָט געטראַכט מיט טרויער וועגן אירע עלטערנס פּריצייטיקן טויט, איז איר קודם־כל אַ שאָד געווען זייער שיינקייט, וואָס איז אַזוי פרי אַוועק פון דער וועלט. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איר מאַן און קינדער וואָס זיי איז קיין שיינקייט נישט באַשערט. זי האָט זיי געהאַלטן נאָענט פון זיך, געלעבט מיט זייערע אינטערעסן און זיך אַ צייט לאַנג פון זיי נישט דערווייטערט.

*

כמעט אַ יאָר נאָך דעם טאָג, וואָס האָט זיך סיי אַניען און סיי סוליקן אַזוי טיף איינגעקריצט אין זכרון, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן דאָס דריטע קינד, אַ מיידעלע. נישט געקוקט דערויף וואָס די צייט פון דער שוואַנגער־שאַפט מיט דעם דריטן קינד, איז געווען די שטילסטע און האַרמאָנישסטע פון אַלע יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן, האָט דאָך אַניאַ אין דער קימפּעט באַקומען אַ נערוון־שאָק. די דאָקטוירים האָבן אַרויסגערוקט די השערה, אַז דאָס איז אַ דערמאָנונג פון דעם שאָק וואָס זי האָט איבערגעטראָגן מיט עטלעכע יאָרן צוריק, ווען בעת דער קימפּעט איז איר פּלוצים געשטאָרבן דער פאָטער, זיי האָבן געגעבן גוטע האָפנונגען. צווישן די באַרימטסטע אין וואַרשע דאָקטוירים וואָס האָבן זי באַהאַנדלט, איז אויך געווען דער יונגער דאָקטאָר, אַלכסנדר דאָבזשינסקי, אַניעס באַקאַנטער. אים האָט מען איינגעלאַדן אויף דעם ספּעציעלן און אויסדריקלעכן ווונטש פון דער קראַנקער. נישט דאַמאָלט און נישט שפּעטער האָט אַניאַ אַליין נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט זי דאָס דווקא געוואָלט. סוליק האָט זיך קיינמאָל וועגן דעם ביי איר נישט געפרעגט.

אַניאַ איז גיך געקומען צו זיך. דעם מיידעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן אדעלאַ, נאָך סוליקס מאַמען אדל. זי איז געווען שוין מער ענלעך צו דער מוטער ווי זיגמונט. זי האָט אויך געהאַט אירע גרויסע, בלוי־גרינע

אויגן נאָר די הויט אַ טונקעלע, אַ סוליקישע. ס׳איז געווען אַ שפּאָר ביסל משונהדיק דער קאָנטראַסט פון אירע האָר און אויגן, מיטן קאָליר פון דער הויט. דער קאָנטראַסט האָט צוגעגעבן דער חנעוודיקער אדעלען עפּעס אייגנאַרטיקעס, כאָטש מען האָט נישט געקאָנט אויף איר זאָגן, אַז זי איז דורכאויס שיין. זי איז געווען פון געבוירן אָן אַ גוט קינד. מען האָט זי קיינמאָל נישט געהערט וויינען. שפּעטער, ווען זי איז אביסל אונטערגע־וואקסן, איז זי געווען זייער אַ לעבעדיק קינד אריינגעבראַכט אַ סך פריי־לעכקייט אין שטוב. להיפּוך איז די עלטסטע, עווא, געווען אַלס קליין קינד אַ וויינערקע, געשריגן דורך די נעכט. דערנאָך, ווען זי איז אויפגעוואקסן, איז זי געווען שטענדיק פאַרכמורעט, נישט צופרידן, זיך נישט גערן געשפּילט מיט קינדער, געווען פאַרעקשנט, פאַרביסן אָבער זייער פעיק. צו אַכט־ניין יאָר האָט זי גערעדט אַ חוץ פּויליש און רוסיש אויך פליסיק פראַנצויזיש. זי איז נאָך דערווייל געגאַנגען אין אַ פּוילישער פּראָ־גימנאַ־זיע, אָבער שפּעטער איז זי דאָך אָנגעקומען אין אַ רוסישן גימנאַזיום.

ס׳זענען אַדורך עטלעכע יאָר אָן גרויסע אויפטרייסלונגען אין דעם הויז פון די סוליקס. נאָר עווא איז געווען די סיבה פון אַניאַס גרויסער זאָרג. דאָס מיידל איז מיט יעדן טאָג ענלעכער געוואָרן צו סוליקן. פאַר דער צייט האָט עוואַס נישט־שיינקייט, אויפגעהערט זיין ביי אַניען אַ סולי־קישע מכה, נאָר פּשוט סתם אַ צרה. דאָס, וואָס עווא האָט אין פּראָ־גימנאַ־זיע און שפּעטער אין גימנאַזיום געמוזט טראָגן דעם אַלגעמיינעם, אָנגע־נומענעם שול־מונדיר האָט נאָך אונטערגעשטראָכן איר מיאוסקייט פּונקט פאַרקערט, ווי ס׳איז אַמאָל געווען מיט אַניען, וועלכער דער שול־מונדיר האָט צוגעגעבן איר אַ ספּעציעלן חן.

די קינדער זענען געוואקסן און סוליקס פאַרמעגן האָט זיך אויך שטופּנווייז פאַרמערט. אַניאַ האָט געפירט אין דער צייט אַ רחבותדיקע שטוב; אָפּט געטוישט די מעבל; איינגעקויפט בילדער און גאָבעלינען, טייערע פּערסישע טעפּיכער. נאָכן אַנטוויינען אַדעלען, וועלכע האָט אויך געזויגן ביי אַן אַם, האָט אַניאַ אָנגעהויבן אָפּט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד.

דערנאָך איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. סוליק האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע צווישן די פּאַדריאַטשיקעס, וועלכע זענען

אממיינסטן געוועזן ליטוואַקעס. ער האָט זיי געשטיצט מיט געלט און מיט זיינע איינפלוסן אין די באַנקירישע קרייזן און געוואָרן אַ שטילער שותף צו אַ סך זייערע אונטערנעמונגען און אָפּעראַציעס. פאַר אים איז עס געווען אַ גליקלעכע צייט. ער האָט פאַרדינט אַ סך געלט, נישט דאַרפנדיק זיך אַנגאַזשירן אויף סטאָלע אין געשעפטן. יעדער פּאָדריאַד איז געווען אַ געשעפט פאַר זיך, וואָס האָט געדויערט נאָר אַ באַשטימטע, באַגרענעצטע צייט. סוליק האָט דערין געזען אַ באַשטעטיקונג פאַר זיין אופן פירן געשעפטן. אים האָט דאָס פּאַרפּעסטיקט אין זיין אידעע נישט צו אַנגאַזשירן זיך אויף לאַנג אין איין געשעפט. ער איז נישט געווען ווי אַ זשוק, ווי אַ מוראַשקע, וואָס טראָגט אַ קערנדל נאָך אַ קערנדל; נאָר ער איז געווען ווי אַ בין, וואָס איז געפלויגן פון איין בלום צו דער צווייטער, גלויבנדיק אין זיין אינסטינקט, אַז ער געפינט אויס די, וועלכע איז אים אַמנויטיקסטן. סוליק האָט אָנגעהויבן גלויבן אין זיין אינסטינקט, ער האָט איצט געגלויבט אין זיין גליקלעכן שטערן. אַניאָס איבערגעגעבנקייט און איר פאַטאַליסטיש אַרט טראַכטן האָט אין אים אויך פאַרשטאַרקט זיין גלויבן אין זיין גוטן גורל. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן אויף סוחרישער לאָגיק און שכל הישר. ער האָט זיך געלאָזט פירן פונעם אינסטינקט. ער האָט זיך געלאָזט טראָגן פון צופאַלן, אַריינגעלאָזט אין אַ געפערלעכער שפּיל, וואָס דערווייל האָט זי אים געפירט פון דערפאָלג צו דערפאָלג, נאָר וועמענס ענדגילטיקן אויסגאַנג איז געווען שווער פאָרויסצוזען.

די קאַטאַסטראָפע

די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שווערער מפּלה פאַר רוסלאַנד. די מלחמה און מפּלה האָבן אויפגעדעקט און באַוויזן די גאַנצע אומגעלומפּערטקייט פון דער רוסישער מיליטערישער אָנפירונג און אַדמיניסטראַציע און די צעפוילטקייט פון דער קאַמארילע פון צאַרישן הויף און הערשנדיקער קליקע.

וועלנדיק אָפּווענדן פון זיך די אויפגעברויזטע געמיטער פון דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער אַרבעטער־מאַסע, האָט די רוסישע מאַכט אָרגאַניזירט און אַדורכגעפירט אַ ריי אַנטי־יידישע פּאָגראָמען מיט דער הילף פון דער שוואַרצער מאה. דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט דאַמאָלט, נאָך דער פאַר־שפּילטער מלחמה, אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד, אַריינרעכענעדיק פּוילן, האָט צוגעהאָלפן דעם וווקס פון די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און פאַרשפּרייט די פּאָגראָם־כוואַליע מיט דער שנעלקייט פון אַ פאַרפלייצונג.

אַ טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, האָט שוין אַ צייט פאַר דעם געהאַלטן, אַז דאָס האָבן די יידן ספּעציעל און מיט אַ כוונה פאַר־שפּרייט אין פּוילן דעם פּאָזיטיוויסטישן געדאַנק, בכדי זיינע דערגריי־כונגען אויסצונוצן פאַר זיך. זיי האָבן איינגעשפּאַנט די פּאָליאַקן צו פּאָק־טישער אַרבעט — האָבן זיי געטענעט — און אַליין פאַרנומען די אָנפירנ־דיקע שליסל־פּאָזיציעס פונעם פּוילישן עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן לעבן. איצט, נאָכן אידעישן דורכפאַל פון פּאָזיטיוויזם, ווען פונעם דורך עסט־רייך אנעקסירטן געביט האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין רוסיש־פּוילן דער נעאָ־ראָמאַנטיזם, אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען די קראָקעווער שריפטשטעלערישע גרופּע „יונג־פּוילן", איז דער פּאָזיטיוויזם אויסגעליי־דיקט געוואָרן פון די רעשטלעך אידעישן אינהאַלט. דער פּוילישער פּאָזי־טיוויזם האָט אויפגעהערט זיין אַ פילאָסאָפישע שיטה, וואָס זעלטענער געוואָרן אַ טעמע פאַר אַ ליטעראַריש ווערק און לסוף איבערגעגאַנגען פון די בעסערע פּובליציסטן אין די הענט פון העץ־ און גאַסן־פּובליציסטן. אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָט מען וואָס אָפטער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם אויסשליסלעכן רעכט פון די פּאָליאַקן צו זייער אינדוסטריע און האַנדל. מען האָט אָפן געפּרעדיקט וועגן אַרויסרייסן די עקאָנאָמישע פּאָזי־ציעס פון די יידישע הענט.

די יידישע פאַבריקאַנטן, וועלנדיק ראַטעווען זייער באַזיץ, האָבן אָנגעהויבן אָפּזאָגן די רעשט ביסל יידישע אַרבעטער, וואָס זענען נאָך געווען ביי זיי באַשעפטיקט. די יידישע און האַלב־יידישע בענק האָבן

אָנגעהויבן אַריינגעמען וואָס מער פּאָליאַקן אין די אויפזיכטס־ראַטן און פאַרוואַלטונגען. זיי האָבן געטיילט אָנגעזעענע פּאָליאַקן, פון באַקאַנטע משפחות פון דער אַמאָליקער שליאַכטע, פּעט באַצאָלטע סינעקורן. דאָס אַלץ האָט מען געטון צו ראַטעווען די יידישע פינאַנס־אינסטיטוציעס פון אָפּענעם באַיקאָט.

דערווייל האָט דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס חרוב געמאַכט אַ סך אונטערנעמונגען. נישט נאָר יונגע יידישע, יידיש־פּוילישע און ריין פּוילישע פירמעס האָבן באַנקראָטירט, נאָר אויך אַלטע רוסישע פירמעס האָבן געקראַכט.

סוליק האָט זיך פּלוצים געפונען אין אַ שווערער לאַגע. די פּאָדריאַדן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אין די רוסישע מיליטערישע אינטענדענטורן האָט געהערשט אַ צעמישונג און אַ כאַאָס. מען האָט נישט געקאָנט דערלעדיקן די חשבונות. גרויסע סומעס געלט זענען דערווייל געבליבן שטעקן און מען האָט זיי נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען. די קויציעס וואָס האָבן באַטראָפן אין די הונדערטער־טויזנטער רובל האָט מען נישט געקאָנט אָפּנעמען כל־זמן די חשבונות זענען נישט געווען רעגולירט. עס האָט זיך אַזוי אַרום געשאַפן אַ פאַרכישופט ראָד. די פּאָדריאַטשיקעס האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן באַנקראָטירן.

סוליק האָט אין די לעצטע פינף יאָר שטאַרק פאַרגרעסערט זיין פאַר־מעגן. די מלחמה האָט אים אַריינגעבראַכט גאָר גרויסע פאַרדינסטן. אָבער ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען נישט געהאַט קיינמאָל קיין געלט־רעזערוון. ווי ער האָט נאָר באַקומען אין האַנט אַ גרעסערע סומע, האָט ער זי באַלד אַריינגעוואָרפן אין פרישע געשעפטן.

איצט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן די פּראָטעסטן און מען האָט זיי באַדאַרפט תיכף אויסקויפן אין די בענק פאַר באַר־געלט, האָט זיך סוליק געפונען אין אַ קלעם.

אַניאַ האָט אין די לעצטע פיר־פינף יאָר געפירט אַ רויק אָבער רחבות־דיק לעבן. זי איז אָפט אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד. עטלעכע מאָל געווען

אין איטאַליע. באַזוכט אויך פּאַריז. זי האָט פאַר דער צייט אַ סך געזען, געשטילט איר הונגער נאָך איינדרוקן.

זייט זי איז געוואָרן פון סוליקן וועגן דער געפֿאַר, וואָס האָט באַדראָט זייער הויז, האָט זי געיאָגט פון זיך דעם געדאַנק וועגן אָרעמקייט, אין וועלכן זי האָט זיך אַמאָל אין פאַרצווייפלונג געהאַט אָנגעכאַפּט, ווי אַ בייזן גייסט, וואָס האָט געקאָנט אויף זיי אַלע ברענגען אַן אומגליק. זי האָט זייט דאַמאָלט נאָר געטראַכט ווי אַזוי אויסצונוצן אירע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, בכדי מאַכן איר און אירע קינדערס לעבן וואָס בעסער און שענער. זי האָט געהאַלטן צו די קינדער באַנעס, געלערנט זיי פרעמדע שפּראַכן, געלערנט מוזיק. זי האָט זיי געקליידט אין זייד און אין סאַמעט. גישט געווען קיין פאַרגעניגן, אויב דאָס איז נאָר געווען מעגלעך, וואָס זי זאָל אירס אַ קינד נישט פאַרשאַפן.

זי האָט דאָס געטון נישט דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז קינדער דאַרפן געניסן פון אַלע מעגלעכקייטן, וועלכע די מאַטעריעלע לאַגע פון די עלטערן דערלויבט זיי. פאַרקערט, נישט איינמאָל האָט זי קלאָר געזען, אַז זי טוט שלעכט. זי האָט געוווּסט, אַז אירע קינדער זענען נישט צוגעגרייט צום לעבן. זי האָט געפילט, אַז מיט איר אופן דערציען נעמט זי צו ביי די קינדער זייער ווידערשטאַנדס־קראַפט, זי דעמאָביליזירט זיי און שטעלט זיי אויס אויף די גרעסטע געפאַרן מיט וועלכע דאָס לעבן איז פול. אויב זי האָט דאָס דאָך, קעגן אירע אייגענע איבערצייגונגען, געטון, איז עס געווען דערפאַר, ווייל אין איר משונהדיקן אַרט דענקען פון דער לעצטער צייט, האָט זי זיך עס אויסגעטייטשט ווי אַ סגולה. אַזוי ווי זי איז פריער געווען איבערצייגט, אַז מיט איר ווילן אָרעם צו ווערן האָט זי געקאָנט ברענגען איר גאַנצע שטוב און איר לעבן צום אונטערגאַנג, אַזוי האָט זי איצט געגלויבט אַז מיט איר רייכן, זאָרגלאָזן אַרט לעבן וועט זי פאַרזיכערן איר שטוב ווױלשטאַנד.

אַניאַ האָט איבערגעגעבן דאָס פירן די באַלעבאַטישקייט אַ געדונגענער ווירטן און אַליין איז זי געפאָרן אין אויסלאַנד. זי האָט באַזוכט אָפט די עסטרייכישע קור־ערטער. זי האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר איר אויסערלעכן

אויסזען. זי האָט מורא געהאַט נישט צו ווערן פול, שווערלייביק. זי איז שוין געווען אין די יאָרן ווען אפילו די שענסטע פרוי הערט אויף צו האָבן דעם גאַנצן צוטרוי צו דער נאַטור, וואָס האָט זי אַזוי ברייט און רייך באַשאָנקען. כאָטש די דריי געבורטן האָבן נישט איבערגעלאָזט דעם מינדעסטן שפור אויף אַניעס פיגור, נישט געענדערט אויף קיין האָר די יעגולערקייט פון אירע ליניעס, האָט זי דאָך אָנגעהויבן נעמען ספּעציעלע קוראַציע, בעדער און מאַסאַזשן בכדי גאָרנישט צו פאַרלירן פון דער פריש־קייט און עלאַסטישקייט.

אין דער אונטערוואקסנדיקער, עלטסטער און נישט שיינער טאָכטער װואָ, האָט אַניאַ געוואָלט פאַרפלאַנצן די איבערצייגונג, די זיכערקייט, אַז ייכקייט איז אַ פּריווילעגיע מיט וועלכער מען ווערט באַשאָנקען פון גורל. פון דער פּריווילעגיע קאָן מען זיך נישט אָפּזאָגן, אפילו ווען מען וויל, זי פאַרפליכטעט צו האַלטן זיך שטאָלץ, צו זיין דרייסט און צו פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט.

אַניאַ האָט אָבער באַמערקט, אַז איר טאָכטער, וואָס קוקט אָפט אויף זיך אין שפּיגל זייער אַ פאַרטראַכטע, אַז אָט דאָס מיידל אירס, וואָס אַלץ שטייט צו איר רשות, וואָס אַלץ וואָס איר מויל זאָגט אַרויס און אַלץ וואָס איר פאַנטאַזיע זאָגט איר אונטער, און אַלץ וואָס איר קאַפּריז פאַלט איין ווערט באַלד מקוים, אַז אָט דאָס מיידל טרעט אָפּ יעדער אָרעמסטער חברטע דאָס ערשטע אָרט אויב יענע איז נאָר שענער פאַר איר. אַניאַ האָט זיך דערמאָנט אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט איר פאָטער, בשעת יענער האָט געקוקט אויף דעם מיאוסן קינד מיט פאַרדרוס און טרויער. זי האָט זיך געענוי דערמאָנט אירע ווערטער: „פּאַפּאָטשקאָ, — האָט זי דאַמאָלט געזאָגט, — ווערסט זען, אַז געלט ברענגט מער גליק ווי שיינקייט:

איצט האָט זי זיך איבערצייגט אַז אויך דאָס איז געווען אַ טעות...

*

ווען סוליק האָט זיך פּלוצים געפונען אין אַ מאַטעריעלער קלעם, איז אַניאַ געווען אויף אַ רייזע אין איטאַליע. געפאָרן צו דער ווינער באַן, אין וואַרשע, איז זי מיט אַ שליטן. עס איז געווען ביינאַכט. מיט די קינדער האָט זי זיך געזעגנט אין שטוב. איר האָבן באַגלייט צו דער באַן סוליק

און די ווירטן וואָס האָט איצט געפירט דאָס הויז. אַניאַ איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גרינער ראָטאָנדע פון אונטן באַשלאָגן מיט אַ זילבער־גרוי פייען פוטער. אויפן קאָפּ אַ הוט פון גרינעם סאַמעט מיט זילבערנע שטרויס־פעדערן. זי איז געזעסן אין שליטן נעבן מאַן, וואָס האָט געטראָגן אַ טכויערן פוטער און אַ הויך קאַראַקולן היטל. דער ווייסער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די שליטן־שטאַנגען, דאָס געלע ליכט פון די גאַז־לאָמפּן וואָס האָבן געברענט אויף ביידע זייטן טראָטואַר האָבן געלייגט העל־גרינע פּאַסן ליכט אויף דעם פרישן, ווייכן ווי פּוך שניי.

איצט איז אַניאַ אין די אונטן געפאָרן אין ווענעדיג אין אַ באַלויכ־טענער מיט לאַמפּיאָנען גאָנדאָליע. האָט געטראָגן אירע באַליבטע גרינע קליידער מיט אַ ווענעציאַנישן שאַל פּאַרוואָרפן אויף די אָרעמס. עס איז געווען די בעסטע צייט אין ווענעדיג ווען די לופט איז אין די אונטן אַ קילע און א ריינע און דאָס וואַסער אין די קאַנאַלן איז אָפּגעפרישט און אַ קיל, דין זעפיר־ווינטל פאַרציט דאָס וואַסער ווי מיט אַ דינער דורכזיכ־טיקער הויט.

דאָס מאָל איז דער ווינטער־סעזאָן אין ווענעדיג געווען פאַר אַניען גאָר אַ געלונגענער. זי האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג. עס איז גראָד דאַמאָלט דאָרט געווען אַ געבנוג גרויסע רוסישע געזעלשאַפט. געווען צווישן זיי עטלעכע אַדעליקע. זיי האָבן זיך זייער געפרייט מיט דער פאַרפוילישטער „זיעמלאַטשקע”. אַניאַ האָט אין דער רוסישער געזעלשאַפט אָפּט פאַר־בראַכט און אָנטיילגענומען אין אַלע זייערע פאַרוויילונגען.

*

די לאַגע פון סוליקן איז געוואָרן מיט יעדן טאָג מער קאָמפּליצירט. נישט נאָר די פּאָדריאַטשיקעס האָבן באַנקראָטירט, נאָר אויך פאַבריקאַנטן און אַלטע, רעיעלע סוחרים. סוליק האָט יעדן טאָג באַקומען פון די בענק לאַנגע צעטלען מיט אויסגערעכנטע פּראָטעסטירטע וועקסלען, פאַר וועלכע ער האָט תיכף באַדאָרפן אַריינטראָגן באַר געלט. די בענק האָבן וואָס אָפּטער בראַקירט די פּאַרטפעלן מיט וועקסלען וואָס סוליק האָט זיי דער־לאַנגט צו רעדיסקאָנטאָ. זיין לאַגע איז געוואָרן אַ געפערלעכע.

סוליק האָט זיך געוואָנדן צו פּריוואַט־דיסקאָנטערן. ער האָט עס געטון אין גרויס געהיים דורך זיינס אַ פּאַרטרויאונגס־מענטש. די דיסקאָנ־טערן האָבן געפאָדערט הויכע צינזן און דערצו דאָפּלט־דעקונג. ער האָט באַדאַרפן איינלייגן אייגענע וועקסלען אין דעפּאָזיט אין דער זעלבער הויך, ווי עס האָבן באַטראָפן די פרעמדע וועקסלען, וואָס ער האָט זיי געגעבן צו דיסקאָנטירן. סוליק האָט באַשלאָסן צו שפּילן וואַ־באַנק. ער האָט געמאַכט דעם פעלערהאַפטן שריט.

אין די דאָזיקע שווערע, גורלדיקע טעג האָט סוליק דורכאויס געוואָלט, אַז אַניאַ זאָל זיין מיט אים. ער האָט געפילט, אַז ער מוז האָבן איצט גאָר אַ נאָנטן מענטש, וועמען ער זאָל קאָנען אָנטרויען אַלץ, וואָס עס טוט זיך מיט און אַרום אים. ער האָט געפילט, אַז זיין שטוב און די עקזיסטענץ און צוקונפט פון זיינע קינדער איז ערנסט באַדראָט און געוואָלט אַז אַניאַ זאָל דערפון וויסן. אים האָט אָבער נישט געסטייעט קיין מוט איר וועגן דעם מודיע צו זיין.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז זיגמונט, סוליקס צוועלף־יעריקער זון איז קראַנק געוואָרן אויף שאַרלאַך (שקאַרלאַטין). איינצייטיק האָט ער באַקומען לונגען־אָנצינדונג. דאָקטאָר קראמשטיק איז געוועזן זייער באַזאָרגט. דאָס יינגל האָט אין גרויסער היץ געבערעדזעט וועגן דער מאַמען.
— ווו איז מיין מאַמע? — האָט ער געשריגן. — אך, וואָס פאַראַ שיינע מאמע איך האָב! — האָט ער גערעדט אין אַ ווייטער פאַרטראָגנקייט. דער דאָקטאָר איז געווען דורכאויס פאַר דעם, אַז מען זאָל דער מוטער מודיע זיין וועגן קינדס קראַנקהייט. ווי שרעקלעך דער פּרעטעקסט איז נישט געווען האָט זיך סוליק אין אים אָנגעכאַפּט. ער אַליין איז נישט געווען בכוח איר צו שרייבן. ער האָט געבעטן די ווירטין זי זאָל איר דעליקאַט שריפט־לעך געבן צו וויסן וועגן דעם קינדס שווערער קראַנקהייט.

ווי אַלעמאָל אין דעציזירנדיקע מאָמענטן האָט אויך איצט סוליקן אויסגעפעל מוט צו מאַכן אַ געוואַגטן שריט. ער איז נישט געקומען, ווי ביים ערשטן קריזיס און נישט אויפגעדעקט פאַר זיינע קרעדיטאָרן, פאַר די בענק, זיין אמתע לאַגע. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ האַזאַרד־שפּיל. געגאַנגען ווי אַ בלינדער אויף אַ געפערלעכן וועג. און אפשר איז

ער גאָר געווען געדעכט? אפשר וואָלט דאָס סיי ווי סיי נישט געהאָלפן און וואָלט נאָר געגעבן די בענק אַ מעגלעכקייט אים פערזענלעך צו דערני־דעריקן?

אַנדערע ווינטן האָבן איצט געבלאָזן אין די פּוילישע פינאַנסיעלע קרייזן. אין די בענק זענען שוין נישט געזעסן די אַלטע ליבעראַלן, וואָס האָבן געקוקט אויף יעדן פעיקן מענטש וואָס האָט זיך אַרויסגעשלאָגן, צי דאָס איז געווען אַ ייד צי נישט־ייד, מיט אַ לייטזעליק אויג. איצט זענען אין די אויפזיכטס־ראַטן און אין די פאַרוואַלטונגען אפילו פון די יידישע בענק געזעסן אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן געקוקט מיט שנאה און כעס אויף דעם וווקס פון די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און זייער איינפלוס אויף דער פּוילישערווירטשאַפט. די ליטוואַקעס, דער צוגעשוווומענער פרעמדער עלעמענט, ווי זיי האָבן די ליטוואַקעס גערופן, זענען זיי גאָר געווען זאַלץ אין די אויגן.

ווען די בענק זענען געוווּיר געוואָרן אַז סוליק האָט געגעבן אייגענע וועקסלען ווי אַ דעפּאָזיט, האָבן זיי צונויפגערופן אַ געהיימע זיצונג צווישן זיך און באַשלאָסן אים אויסצושטעלן אויף דעם לעצטן פּרווו.

מיט דער הילף פון זייערע אַגענטן זענען זיי געקומען אין באַרירונג מיט די פּריוואַט־דיסקאָנטערן וועלכע האָבן געהאַט סוליקס וועקסלען. זיי האָבן זיי געהעריק אינסטרואירט. דאַמאָלט האָבן די דיסקאָנטערן אַרויס־געשטעלט סוליקן אַ פרישן באַדינג, אַז ער זאָל זיי געבן שריפטלעכע פאַרפליכטונגען, דאָס, אויב די פּראָטעסטן, וואָס זיי וועלן באַקומען פון סוליקס פרעמדע וועקסלען וועלן איבערשרייטן אַ געוויסע סומע, האָבן זיי דאָס רעכט אויסצושטעלן סוליקס דעפּאָזיט־וועקסלען און זיי לאָזן אין גאַנג. סוליק האָט שוין דאַמאָלט געטראָנקען. נישט זעענדיק קיין אויסוועג פאַר זיך האָט ער געגעבן די דאָזיקע פאַטאַלע פאַרפליכטונג.

דאַמאָלט האָבן די אַגענטן אָפּגעקויפט די דעפּאָזיט־וועקסלען ביי די דיסקאָנטערן, אַ באַקאַנטע באַנק האָט זיי גענומען און אויסגעשטעלט אויף איין טערמין. די סומע, וועלכע סוליק האָט באַדאַרפן דעם טאָג באַצאָלן האָט באַטראָפן צוויי הונדערט טויזנט רובל.

סוליק האָט זיך געוואָרפן ווי אַ געפאַנגענער פיש אין אַ נעץ. ער

האָט צונויפגעשטעלט און דערלאַנגט אין די בענק פרישע פּאָרטפעלן וועקסלען. מען האָט אים אָבער אָפּגעשלעפּט מיטן געבן אַ קאָנקרעטן ענט־פער. דאָ האָט מען אים געזאָגט, אַז די זיצונג איז נאָך נישט פאָרגעקומען, דאָ, אַז דער דירעקטאָר איז נישטאָ, דאָ ווידער אַז עס פעלט אַן אונטער־שריפט פון אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. מען האָט אים נישט אָפּגעזאָגט, אָבער מען האָט גאָרנישט געטון. ער האָט געזען אַז זיי ווילן די זאַך אָפּשלעפּן, זיי ווילן אים איבערלאָזן זיך אַליין און אויספּרובירן זיינע כוחות. ער איז געלאָפן אין די לאָמבאַרדן, פאַרזעצט די פאַרזיכערונגס־פּאָליסן פון זיך, דער פרוי און קינדער, ער האָט אַוועקגעטראָגן אַ גרויסן טייל פון דער פרויס צירונג, וואָס זי האָט געהאַט איבערגעלאָזט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געסטייעט צו דעקן די התחייבותן. ער איז נישט געווען בכוח צו מאָביליזירן אין אַזאַ קורצן טערמין אַזאַ סומע געלט. די וועקסלען זענען געגאַנגען צום פּראָטעסט.

פיר־און־צוואנציק שעה נאָך דעם ווי סוליקס וועקסלען זענען פּראָ־טעסטירט געוואָרן האָט דאָס וואַרשעווער האַנדלס־געריכט דערקלערט מאַטוויעי סוליקן פאַר באַנקראָט.

תיכף ווי אַניאַ האָט דערהאַלטן דעם בריוו וועגן קינדס קראַנקהייט, איז זי מיט אַן עקספּרעס־צוג אַרויסגעפאָרן אַהיים. זי איז אָנגעקומען אין דעם טאָג, ווען מען האָט סוליקן דערקלערט פאַר באַנקראָט. סיי דעם זונס און סיי דעם פאָטערס לעבן זענען געווען אין פרעמדע הענט. זי האָט נישט געוווּסט וועמען פריער זיך וואַרפן ראַטעווען. זי איז אַריין צו איר קינד. ער האָט געקעמפט מיטן טויט. סוליק איז שוין געווען אַ פאַרשפּילטער...

*

דער סינדיק פון באַנקראָטירטן סוליקס פאַרמעגן, אַ באַקאַנטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורכן האַנדלס־געריכט, האָט מאַכנדיק אַ פּראָוויזאָרישן חשבון געפונען, אַז די פּאַסיוון מאַכן אויס ביי איין מיליאָן הונדערט טויזנט רובל. די אַקטיוון זענען באַשטאַנען: פון פאַר איבער פיר הונדערט טויזנט פּראָטעסטירטע וועקס־לען און נישט־געדעקטע חשבונות, פון פאַר אַ האַלבן מיליאָן וועקסלען

וואָס האָבן איצט געהאַט אַ קנאַפּן ווערט; פון עטלעכע גרעסערע פּאַקעטן אַקציעס פון זייער שוואַכע פירמעס, צו וועלכע סוליק האָט אַמאָל געהערט; פון עטלעכע פּאָליסן פון פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן פון סוליקס משפחה אויף אַ סומע פון עטלעכע צענדליק טויזנט רובל. זיין פּריוואַט פאַרמעגן: די הויז־איינריכטונג, די ביזשוטעריע פון זיין פרוי און הונדערט טויזנט רובל, וועלכע ער האָט שוין נישט פאַרמאָגט, האָבן געזאָלט געהערן זיין פרוי. דאָס אַלץ האָט ער איר געהאַט פאַרזיכערט מיט אַן אינטער־ציזע־אַקט.

די זאַך איז איבערגעגאַנגען צום קרייז־פּראָקוראָר. דער פּראָקוראָר האָט נאָכן באַקענען זיך מיטן פּראָוויזאָרישן דין־וחשבון פון סינדיק, נישט געפונען אין דער האַנדלונג פון סוליקן קיין שום בייזוויליקייט. נעמענדיק אָבער אין באַטראַכט, אַז סוליק האָט מיט גאָרנישט, נישט מיט הייזער און נישט מיט קיין היפּאָטעקן, נישט פאַרזיכערט דאָס פאַרמעגן פון זיינע קרעדיטאָרן, איז דער פּראָקוראָר געקומען צו אַ באַשלוס אַז דער באַנקראָ־טירטער האָט געהאַנדלט אויסערגעוויינטלעך לייכטזיניק און, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן סוליקן.

ג ו ר ל

קינדער־לוויות

אין דער יידישער געגנט אין וואַרשע האָט מען אָפט געזען אַרומ־פאָרן צוויי שוואַרצע עגלות פאַר קינדער־לוויות. די עגלות זענען געווען געשפּאַנט אין איינצלנע, ברוינע, דאַרע, אומעטיקע פערד. די פערד זענען געווען נאַקעט, נישט געגאַנגען אָנגעטון אין שוואַרצן געוואַנט, ווי די פערד פון די לוויות פאַר דערוואַקסענע מענטשן.

די עגלה איז באַשטאַנען פון אַ גלאַטיקן, פלאַטשיקן אויבערפלאַך באַשלאָגן אין די זייטן מיט שוואַרצן שטאָף, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען אין ברייטע פאַלבאַנעס ביז צו דער ערד און אינגאַנצן פאַרשטעלט די רעדער פון דער עגלה. אינמיטן דער אויבערפלאַך איז געשטאַנען אַ שוואַרצער קאַסטן וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרצער, ריזיקער שטיין פון דאָמינאָ, נאָר אינדערהייך, ביי די זייטן, אַביסל פאַרקיילעכדיקט. דער קאַסטן האָט געהאַט, אין דער פאַרקערטער זייט פון דער, ווו עס איז געווען געשפּאַנט דאָס פערד, צוויי טירעלעך. ווען מען האָט זיי געעפנט האָט מען דאָרט געזען שטיין אַן אָפענעם שוואַרצן קאַסטן וואָס מען האָט אַרויס־געררוקט, ווי אַ שופלאָד, פאַר אַ טויט קינד ביז דרייצן יאָר. אין דעם קאַסטן איז ביי דער זייט געלעגן אַ שטיק שוואַרץ געוואַנט צוצודעקן דעם טויטן.

אין דעם גרויסן קאַסטן איז ביי איין זייט געשטאַנען אַ לענגלעך קעסטל מיט אַ דעק. עס האָט אויסגעזען פּונקט ווי מיין קאַסטן פון קראָ־קיעט. נאָר מיינער איז געווען פון העל־ברוין האָלץ און דער איז געווען אַ שוואַרצער, מיט אַ געדיכטער שוואַרצקייט ווי באַשמירט מיט סמאָלע. דאָס איז געווען אַ קעסטל פאַר טויטע קינדער פון פיר־פינף יאָר. צופוסנס פון גרויסן קאַסטן איז געשטאַנען אַ קליין קעסטעלע פאַר גאָר קליינע קינדער, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגעקוקט ווי אַ פוטעראַל פון אַ פידל.

די בעלי־עגלות זענען געזעסן אויף די קיעלניעס אויף שוואַרצע

געבעטע קישעלעך. די קיעלניעס זענען געווען אַרומגעשלאָגן מיט שוואַרצן געוואַנט, ווי די זייטן פון דער עגלה גופא.

צוויי זענען זיי געווען די בעלי־עגלות. איינער מיט אַ שטייפן, קורצן האַלדז, אַ רויטער אויפן פּנים, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, מיט שאַרפע ברילן אין בלויע האַלאַבליעס. ער האָט געהאַט אַ געדיכטע, רויטע באָרד ווי בלוט. ווען איך האָב געקוקט אויף דעם יידס באָרד האָט זיך מיר אויס־געדאַכטן, אַז ער האָט אַן איינגעשניטענעם האַלדז פון וועלכן עס רינט כסדר אויף זיין באָרד פריש בלוט.

דער צווייטער איז געווען דאַר און קנאָכיק ווי אַ סענקאַטער שטעקן. ער האָט געהאַט אַ דרייעקיק, קליין, געל פּנים מיט אַ געלער, בלעכערנער נאָז, מיט ברילן אין געלע האַלאַבליעס, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי־סקאָרפּיאָנען וואָלטן זיך אַרומגעזעצט אַרום זיינע אויגן. דאָס בערדל אויף דער שפּיציקער גאָמבע איז געווען נישט מער ווי איין קרייזל פון אַ שעפּסן פּעלעכל אָן אַ באַשטימטן קאָליר.

די בעלי־עגלות זענען געגאַנגען אָנגעטון אין לאַנגע שוואַרצע פּאַלטנס אָדער סאַקן און אין הויכע, שוואַרצע, קיילעכדיקע היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס.

אַמאָפּטסטן האָט מען זיי געזען אַרומפאָרן אין זומער ווען צו אַלע קינדישע־קראַנקהייטן זענען נאָך צוגעקומען פאַרשידענע „אונטערגאַנגען״, ווי אָפּפירעכץ, כאָלערינקעס, פון וועלכע עס זענען געשטאָרבן אַ סך קינ־דער, דער עיקר פון די אָרעמע יידישע היימען.

די עגלות פלעגן זיך באַווייזן אין די פאַרמיטאָג־שעהען. נישט געווען כמעט קיין טאָג איך זאָל זיך אַהיימגייענדיק פון חדר, נישט אָנטרעפן מיט אַן עגלה, וואָס איז געפאָרן אַנטקעגן מיר. די עגלה האָט זיך געוויגט אויף די שפּיציקע שטיינער פון דער גאַס, און דער בעל־עגלה וואָס איז געזעסן אויף דער קיעלניע האָט זיך געשאָקלט פון רעכטס אויף לינקס. מיר האָט זיך דאַמאָלט אויסגעדאַכטן, אַז דער בעל־עגלה קוקט אויף מיר און שאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט מיך גערופן צו זיך. איך פלעג פון פּחד אַריינלויפן אין אַ טויער, זיך באַהאַלטן ערגעץ־ווו אויפן הויף אויף שטיגן. ערשט אין אַ צייט אַרום בין איך צוריק אַרויס אין גאַס און פלעג אַהיימ־

קומען אַ טויט־דערשראָקענער מיט אַ האָרץ, וואָס האָט געקלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער.

*

עס איז ביי אונדז אויפן הויף אויף פּאָקאָרנע געשטאָרבן אלטער, דער טויב־שטומער. ער איז אַלט געווען אינגאַנצן צוועלף יאָר. זיין מאַמע איז געווען די ליטוואַטשקע, וואָס האָט געהאַט צו טון מיט שילאָוועס און זיין פאָטער איז געווען אַ העברעאישער לערער. און געהאַט האָט ער אויך צוויי שוואַרצע, ווי פאַריסטע, שוועסטערן. אַ צייט פאַר זיין טויט איז אים געפאַלן אין קאָפּ אַריין אַן אייזערנער טאָפּ, וואָס אַ שכנטע האָט אַרויסגע־שטעלט אויף דער בלעך, אויף דער דרויסנדיקער זייט פון פענצטער. אלטער האָט באַקומען אַ טיפע וווּנד אין קאָפּ. פון דאַמאָלט אָן האָט מען אים נישט געלאָזט גיין אַליין, נאָר איינע פון זיינע שוואַרצע שוועסטערן האָט אים געפירט. אלטער האָט געהאַט לאַנגע הענט און לאַנגע פיס, אַ גרויס פערדיש פּנים מיט לאַנגע ציין אין האַלב־אָפענעם מויל. די שוועסטערן פלעגן אים פירן ווי מען פירט אַ בער. ער האָט געשטעלט שווערע האַלצערנע טריט און געקוקט מיט אַ פּאָר גרויסע אויגן פון אַן אומעטיקער געשלאָגענער חיה.

די שוועסטערן האָבן ליב געהאַט צו דערציילן די שכנטעס וועגן דעם פאַל מיטן טאָפּ. אַלטער, כאָטש ער איז געווען טויב, האָט ער אָבער זיך באַלד געכאַפּט וועגן וואָס מען רעדט. דאַמאָלט פלעגט ער שנעל אַראָפּ־נעמען דאָס היטל פון קאָפּ און ווייזן מיט אַ פינגער אויפן אָרט ווי ער האָט געהאַט די וווּנד.

מאָדנע האָט עס מיר אויסגעזען: כמעט אינמיטן קאָפּ, אַביסעלע אויף רעכטס, איז געווען אַ קליינטשיקער פּליך די גרייס פון אַ קופּערנער דריי־קאָפּיקע מטבע און אינמיטן האָט זיך געבאָמבלט אַ גרעסער שטיקל איינגעדרייטע, דאַרע הויט. מיר האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ נאָפּל און איך האָב געקוקט דערויף מיט גרויס נייגער.

ווען אלטער פלעגט זיצן אויף דער שוועל פון אַ הויז־איינגאַנג און זיין שוועסטער איז געשטאַנען מיט אימיצן פון הויף, האָב איך זיך דער־

נענטערט צו אַלטערן, אים אונטערגערוקט אַ צוקערל אָדער אַ טשעקאָ־לאַדקע און אים מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן קאָפּ. דער טויב־שטומער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין. ער האָט גענומען דאָס שטיקל זיסקייט פון מיין האַנט און שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ. איך האָב אַזוי לאַנג און מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף דעם אָרט ווו עס איז געווען די ווונד, און איצט האָט עס מיר אויסגעזען ווי אַ נאַפּל, ביז אַלטער פלעגט ווערן אומגעדולדיק און מיט אַ בהמהשער מרוקע מיך אָפּשטופּן מיט זיין שווערער האַנט און זיך צוריק אַרויפפּלייגן דאָס היטל אויפן קאָפּ.

ער איז געשטאָרבן פּלוצים. מען האָט אויפן הויף נישט געהערט ער זאָל זיין קראַנק. איינמאָל אויפהייבנדיק זיך אינדערפרי האָט מיר גענענדל אָנגעזאָגט די בשורה אַז אַלטער איז געשטאָרבן. זי האָט עס געזאָגט זייער טרויעריק און לאַנג מיר געקוקט אין די אויגן אַריין. איך ווייס נישט וואָס איז זי אויסן געווען מיט איר קוקן מיר אין די אויגן. אפשר האָט זי געוואָלט זען וואָס־פאַראַ איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף מיר? און אפשר האָט זי סתם אַזוי געקוקט? צי פון דער ידיעה, צי פון דעם שטאַרן בליק פון אירע ווייסע אויגן, וועלכע זענען אַביסל ענלעך געווען צו אַלטערס, נאָר מיר איז געוואָרן פון גענענדלס קוקן אויף מיר זייער אומעטיק. איך האָב זיך שיער נישט צעוויינט. גענענדל איז נאָך אַ פּאָר מינוט געשטאַנען איבער מיר און עפּעס אַזוי משונהדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אַלטערס טויט האָט אַרויסגערופן טרויער אין גאַנצן הויף. כאָטש ער איז געווען אַ טויב־שטומער און גייסטיק אָפּגעשטאַנען האָבן אים אַלע ליב געהאַט, אַלע האָבן באַדויערט זיין טויט, וואָס איז געקומען אַזוי פּלו־צים. אַזוי געשעט עס אַלעמאָל מיט די דאָזיקע קאַליקעס, איבעריקע מענטשן, וואָס טראָגן אין זייערע אויגן דעם צער פון אומשולדיק געשלאָ־גענע באַשעפענישן. זיי לעבן און דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט נאָר דערפאַר, וואָס „מען" האָט נישט צו זיי קיין צייט און „מען" פאַרגעסט זיי אַוועקצונעמען. פּלוצים באַמערקט „מען" זיי און עפּעס אַ בייזע האַנט גיט אַ שאַר און... זיי זענען שוין מער נישטאָ.

*

פֿאַרמיטאָג־צייט האָט אַ ריס געטון דער גלאָק ביים טויער. איך האָב דערפילט אַז מען איז געקומען נאָך אַלטערן. איך האָב אָנגענומען מיין שוועסטער עוואַ ביי דער האַנט און ביידע זענען מיר מיט קלאַפּנדיקע הערצעלעך אַרויס אויפן באַלקאָן.

עס איז אַריינגעפאָרן אַ קינדישע עגלה מיט אַ ברוין, דאַר פערדל. אויפן קאָזיאָל איז געזעסן דער ייד מיט דער בלעכענער נאָז און מיט ברילן אין די גלעזערנע הענטלעך... דער עגלה האָט אַרומגעקרייזט איבער אַ האַלבן הויף און זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם איינגאַנג צו די שטיגן ווו אלטער האָט געוווינט. אלטערס פּאָטער, אין אַ שוואַרץ אלפּאַגן כאַלאַטל מיט אַ האַרטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און מיט אַ פּאַראַסאָל אין דער האַנט האָט שוין אָפּגעוואַרט די עגלה אויפן הויף. דער בעל־עגלה איז פּאַמעלעך אַראָגע־קראָכן פון דער קיעלניע און לאַנג באַקוקט דאָס פּאַפּיר וואָס אלטערס טאַטע האָט אים דערלאַנגט. דערנאָך האָט ער לאַנג און פויל געזוכט אין די קעשענעס, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שליסעלע און פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט דאָרט געהאַט אַ גרויסע מציאה, אויפגעשלאָסן און געעפנט די צוויי שוואַרצע טירלעך. ער האָט אַרויסגעצויגן אַביסל דעם שוואַרצן קאַסטן, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ לאַנג שוואַרץ קעסטעלע, געטראָגן עס אויף די הענט, צוגעגאַנגען צו דער קיעלניע, פאַרשאַרצט דאָס שוואַרצע געוואַנט, מיט וועלכן זי איז געווען אַרומגעשלאָגן, און אַוועקגעשטעלט זיך צופוסנס דאָס קעסטעלע. דערנאָך איז ער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צום קאַסטן און אַרויסגענומען דאָס קעסטעלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פוטעראַל פון אַ פידל און עס אויך געשטעלט ביי דער קיעלניע זיך צופוסנס. ערשט דאַמאָלט האָבן עטלעכע יידן, וועלכע זענען אַריין אין הויף ווי נאָר די עגלה איז דאָרט אַריינגעפאָרן, אויסגעשטרעקט די הענט, אַרויסגעצויגן דעם קאַסטן און אַריין מיט אים אויף די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו דער דירה ווו אלטער איז איצט געלעגן טויט.

עס האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. מיין שוועסטער עוואַ און איך זענען מיר געשטאַנען אויפן באַלקאָן צוגעדריקטע צו זיך און אַלץ האָט געציטערט אין אונדז. די צוויי אָפענע טירלעך ווי צוויי שוואַרצע, אויס־

אַל-טער-קע! אַל-טער-קע!

געשטרעקטע הענט, האָבן אָנגעוואָרפן אַ גרויליקן פּחד. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, אָבער עפּעס אַ משונהדיקער כוח האָט אונדז געהאַלטן צוגעשמידט צום אָרט. איך האָב געקוקט אויף עוואַס בלייך פּנים, אויף אירע גרויסע, טונקל־ברוינע אויגן, וואָס זענען געווען פֿאַרקוקט אין מײַנע, און נישט געקאָנט פון זיך אַרויסבאַקומען קיין וואָרט. מיר האָבן זיך שטומערהייט אָנגענומען בײַ בײדע הענט און ווי דאָס וואָלט געווען צווישן אונדז אַ פון פֿאָראויס באַשטימטער צייכן צו בלייבן — זענען מיר פֿאַרבליבן שטיין אויפן באַלקאָן.

מאַמעס און דינסטן זענען אַראָפּ אויפן הויף און אַרויפגענומען די קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געשפּילט. דער הויף איז געוואָרן אָפּגעליידיקט פון קינדער. נאָר עטלעכע דערוואַקסענע ייִנגלעך האָבן זיך גענומען אונטער די הענט, זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן די אָפֿענע טירלעך פון דער עגלה און אַרײַנגעקוקט אין דעם שוואַרצן חלל מיט אַזויפיל פּחד אין די אויגן ווי זיי וואָלטן דאָרט געזען דעם מלאך־המות אַליין.

פּלוצים האָבן אויפן דריטן שטאָק זיך אַ פּראַל אויף געטון צוויי פענצטער און אין יעדער פון זיי האָט זיך באַוויזן אַן אויבערשטער טייל קערפּער אין אַ שוואַרצער בלוזקע, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר און אַ שוואַרץ, ווי פֿאַריסט פּנים. פון זייערע פֿאַרשטאַרטע אויגן און שטייפע מײַלער האָט זיך געריסן אַ ווילד געשריי: אַל־טער־קע, אַל־טער־קעע! דאָס זענען געווען אלטערס שוועסטערן. יעדע פון זיי איז געשטאַנען אין אַן אַנדער פענצטער און יעדע פון זיי האָט געשריגן באַזונדער, נאָר זייערע שטימעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרענעצלאָזן פֿאַרצווייפלטן געשריי.

עס זענען אַרויס פון הויז־אײַנגאַנג די יידן מיטן קאַסטן אין וועלכן אלטער איז געלעגן איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ שטיק געוואַנט. עוואַ און איך האָבן מיר אַ טיפן צאַפּל געטון. אַלטערס שוועסטערן האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף די פֿאַראַפּעטן פון די פענצטער, זיי האָבן זיך אויף זיי געוואַלגערט און געוואָרפן ווי אין שווערע קאָנווולסיעס. זייער געשריי איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער. די יידן האָבן אַרײַנגעשטעלט דעם קאַסטן אין דעם שוואַרצן חלל פון די צוויי אָפֿענע טירלעך. דער בעל־עגלה האָט

טיף אַרײַנגערוקט דעם קאָסטן, נישט געאײַלט פֿאַרמאַכט אײן טירעלע, דערנאָך דאָס צווייטע. זיי פֿאַרשלאָסן און דאָס שליסעלע באַהאַלטן אין אַ הויזן־קעשענע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען איבערבינדן די בײַטש. די געשרייען פֿון אלטערס שוועסטערן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל העכערע און פֿאַרטראָגענערע. דער ייִד האָט זיך נישט געיאָגט, עס האָט אויסגע־זען אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט פֿאַרגעניגן אײַנגעהערט אין די געשרייען. ער האָט זיך געדרייט אַרום דער עגלה און אַלעמאָל עפּעס געפֿונען אַן אַנדערע זאַך צו פֿאַריכטן. אַלטערס פֿאָטער האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם צער פֿון זײַנע טעכטער. ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ווײַס נאָז־טיכל עס צוגעלייגט צום בעל־עגלהס פּלייצע און אים אַ לײַכטן שטופּ געטון: — נו, פֿאָרט שוין. דער ייִד מיטן דרייעקיקן, בלייכן פּנים ווי בײַ אַ מת האָט זיך אַזוי אָנגעצונדן, ער איז אַרויס מיט אַזאַ געבייזער, אַז אַלטערס פֿאָטער, אַ פֿאַרלוירענער און אַ פֿאַרצווייפֿלטער, איז געבליבן שטיין אינגאַנצן צעטומלט. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער אָנגעהויבן אײַנצוטענען מיטן בעל־עגלה און אים עפּעס אַרײַנגעלייגט אין קעשענע. דאַמאָלט איז דער ייִד ערשט אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן קאָזשאָל, זיך גלײַך געמאַכט דאָס שוואַרצע בגד וואָס ער האָט געטראָגן, זיך באַקוועם אָוועקגעזעצט און גענומען אין זײַנע בײנערדיקע הענט די לייצן. נעבן אים האָט זיך זײַטיק אָוועקגעזעצט אַלטערס פֿאָטער, די עגלה האָט אַ ריר געטון פֿון אָרט און אָוועקגעפֿירט אַלטערן אין אַ ווײַטן וועג אויף יענער וועלט.

*

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט אויפֿן הויף באַמערקט אין דער לופֿטן אַ ווײַסע פֿעדער. זי איז געווען גרויס, קײַלעכדיק און פּוכיק און זיך פֿאַמעלעך געהויבן וואָס אַמאָל העכער. עטלעכע קינדער האָבן אָנגעהויבן שרייען, אַז דאָס איז אַלטערס נשמה, וואָס פֿליט אין הימל אַרײַן. אַלע קינדער זענען געבליבן שטיין און נאָכ־געקוקט ערנסט און פֿאַרטראַכט נאָך אַלטערס נשמה, וואָס האָט זיך געהויבן אין דער הויך און פֿאַרשוווּנדן ערגעץ ווײַט איבער די דעכער...

סטאַשיעק

עס איז געשטאָרבן סטאַשיעק, דער זון פון פּאַוועלן, דעם סטרוזש פון אונדזער הויף. פּאַוועל האָט געהאַט צוויי קינדער, אַ טאָכטער פון אַ יאָר אַכצן, העלענע, און אַ יינגל סטאַשיעק, וועלכער איז אַלט געווען צען יאָר ווען ער איז געשטאָרבן.

העלענע איז געווען זייער אַ בלייכע. סיי ווינטער און סיי זומער איז זי געגאַנגען אַרומגענומען מיט אַ וואַרעם וואָלן טוך. זי איז געווען אַ שאַטינקע, געהאַט אַ לענגלעך פּנים, העל־גרעלע אויגן, לאַנגע, גרעלע ציין און בלויע, טרוקענע ליפּן. ווען זי האָט געעפנט דאָס מויל, האָט מען ביי איר אַרויסגעזען נישט נאָר די ציין, נאָר אויך די יאַסלעס, וועלכע זענען געווען כמעט אינגאַנצן ווייס. די ווייסקייט פון אירע יאַסלעס האָבן פאַר־לענגערט אירע ציין. פונדערווייטנס האָט אויסגעזען, ווי די אויבערשטע ציין וואָלטן איר אַרויסגעוואקסן פון אונטער דער נאָז אַפער.

סטאַשיעק איז אויך געווען אַ בלייכער, נאָר מיט אַ געדיכטן קאָפּ העלע האָר ווי קאָנאָפּיעס, מיט בלויע, אַביסל וואַסערדיקע אויגן און מיט אַ פאַריסן פּויליש נעזל.

ער האָט זיך געשפּילט נאָר מיט די יידישע קינדער פון אונדזער הויף און פון דער גאַנצער פּאָקאָרנער גאַס. ער האָט גערעדט מיט זיי יידיש. די קינדער האָבן געזאָגט, אַז „סטאַשיעק רעדט יידיש ווי אַ וואַסאַ". מיט קריסטלעכע קינדער האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט שפּילן. עס פלעגט שטענדיק אַרויסקומען צווישן זיי קריגערייען און סטאַשיעק פלעגט אַוועק פון זיי אַ וויינענדיקער, אַ באַעוולטער.

ער פלעגט דאַמאָלט אַריין אין הויף צו די יידישע קינדער און זיך פאַר זיי באַקלאָגן אויף די שקצים, וואָס האָבן אים געשלאָגן. ווען פּאַוועל פלעגט באַמערקן, ווי סטאַשיעק קלאָגט זיך פאַר די יידישע קינדער און וויל וועקן אין זיי רחמנות צו זיך, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן כעס.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון דעם בענקל, אויף וועלכן ער איז כסדר געזעסן און געשניצט וויטקעס צו בעזעמער, אַראָפּגענומען דעם פּאַסיק פון די הויזן, אונטערוויילעכץ זיך אונטערגעגנבעט אונטער סטאַשיעקן און אים אַ כאַפּ געטאָן אין דער העלפט. ער פלעגט אים אַזוי אַרום אַרייַנטראָגן אין טויער, אָנשפּאַרן איין פוס אין בענקעלע, אַריבערלייגן אים איבער דער קני, אַראָפּציען אים די הויזן און באַלייגן מיטן פּאַסיק זיין גאַל לייב. סטאַשיעק פלעגט מאַכן קולות, געוואַלדעווען, וואָרפן מיט די פיס און קאָפּ. דאַמאָלט האָט פּאַוועל עטלעכע מאָל אַ פיר געטאָן מיטן פּאַסיק איבער סטאַשיעקס נאַקעטע פיס. סטאַשיעק האָט אַ סיקע געטאָן פון מוראדיקן ווייטיק און שוין הכנעדיק אונטערגעשטעלט דאָס אונטערשטע חלק אונ־טערן טאַטנס שמיץ.

נאָך אַזאַ פאַל האָבן זיך די יידישע קינדער פון הויף נישט געריצט מיט סטאַשיעקן און נישט געחוזקט פון אים, ווי זיי פלעגן דאָס טאָן, ווען אַזאַ זאַך האָט זיך געטראָפן מיט אַ יידיש קינד. ווען אַ יידיש קינד פון הויף האָט אַריינגעכאַפּט שמיץ פון זיין טאַטן, פלעגן די אַנדערע קינדער פון אים חוזקן און אים אויפגעזונגען שפּאָטישע לידלעך.

אָבער מיט סטאַשיעקן האָבן די קינדער פון הויף נישט אַזוי געטאָן. פאַרקערט, ווער עס האָט נאָר עפּעס געהאַט האָט אים אונטערגערוקט, ווער אַ צוקערל, ווער אַ שטיקל ברויט גוט אָנגעשמירט מיט פּוטער, און ווער נאָך אַ האַלב האַרט איי, וואָס די מוטער האָט אים אַראָפּגעוואָרפן אויפן הויף אין אַ בייטל צום צווייטן פרישטיק. די יידישע קינדער האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז סטאַשיעק ליידט פאַר יידישקייט, אַז ער איז אַ מאַרטירער פאַר אַ יידישער זאַך...

*

סטאַשיעק האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ פוס ביי דעם אייזערנעם פלומפּ, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דעם פעלד אויף דער עספּלאַנאַדע גאַס, אַנטקעגן דער קריסטלעכער שענק. אַרום דעם פלומפּ זענען געשטאַ־נען האַלצערנע קאַריטעס אָנגעפילט מיט וואַסער און אַרום זיי האָט זיך געדרייט אַ הויכער קריסט מיט אַ בייטל איבערגעהאַנגען איבער דעם רעכטן אָרעם ווי אַ יעגער־זאַק. די פערד וואָס זענען געקומען מיט די

וועגענער אויפֿן עספּלאַנאַדער פּלאַץ האָבן אַזוי געצויגן צום וואַסער, ווי זייערע באַלעבאַטים צום בראָנפֿן אין דער קריסטלעכער שענק.

דער הויכער קריסט פֿון דער פּלומפּ איז געווען זייער העפֿלעך צו די פֿערד, ער האָט צו זיי געשמייכלט, צוגעפֿירט זיי נענטער צו די קאָרי־טעס, אָפּגעהעקלט די אייזערנע צוימלעך וואָס האָבן זיך מיט בייזער האַרטקייט אַריינגעשניטן אין זייערע פּירקאַנטיקע מיילער. פֿאַר דעם אַלעם פֿלעגט ער שפּעטער אויפֿמאָנען ביי די פֿערדס באַלעבאַטים אַ קופּערנעם צווייער.

סטאַשיעק האָט זיך אָפּט געדרייט ביי דער פּלומפּ, דער עיקר אין די פֿרימאָרגן שעהען, ווען דאָס רוב קינדער פֿון הויף זענען געווען אין די חדרים. ער האָט געהאָלפֿן פּלומפּן דאָס וואַסער און זיך געכאַפּט אָפּהעקלען די צוימלעך פֿון די פֿערדישע פּיסקעס. איינמאָל האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער אייזערנער קאָרבע פֿון דער פּלומפּ אין דעם רעכטן פּוס. אין אָנהויב האָט ער עס כמעט ווי נישט געפֿילט, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט דאָס אים מיטאַמאָל שטאַרק אָנגעהויבן ווײ טאָן. פּלוצים האָט מען באַמערקט אַז סטאַשיעק לאָמט.

פּאַוועל האָט געסטראַשעט סטאַשיעקן מיטן פּאַסיק אויב ער וועט נישט אויפֿהערן לאָמען. זיין מוטער יווידער איז געווען אַ וועשין, וואָס פֿלעגט גיין וואַשן אין יידישע הייזער און אַהיימקומען ביינאַכט אַ פֿאַרמאַ־טערטע. זי האָט אַפֿילו נישט געוווסט וואָס מיט סטאַשיעקן איז געשען. העלענע איז געווען אומבאַהאָלפֿן אַנטקעגן איר פֿאָטערס ברוטאַליטעט און כעס. זי האָט אַליין קוים געלעבט און זייט מען האָט אַרעסטירט וולאַדעקן, נאָך דעם ווי מען האָט געפֿונען מאַגדען מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז אין איינעם פֿון די קעלערס פֿון אונדזער הויף, איז זי אינגאַנצן אַרומגע־גאַנגען ווי אַ נישט־דאַאיקע. זי האָט אפילו נישט געגוי געהערט וואָס מען רעדט צו איר. פּאַוועל האָט נישט איינמאָל אַראָפּגענומען זיין פּאַסיק פֿון די הויזן און זיך געוואָלט פֿאַרמעסטן אויף העלענען, האָט זי אָבער דאַמאָלט אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ פֿאַרלוירענעם בליק, אַז אפילו פּאַוועל איז געוואָרן פֿול מיט רחמנות צו איר, אַ מאַך געטאָן אויף איר מיט דער האַנט, געלאָזט זי צורו.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט און סטאַשיעק האָט שוין באַלד אײנ־נאַנצן אויפגעהערט צו קאָנען גיין. דאַמאָלט האָבן די יידישע שכנים פון הויף צונויפגענומען צווישן זיך עפּעס געלט און געגעבן דער פּאַוולאָווע זי זאָל גיין מיט סטאַשיעקן צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט לאַנג באַטראַכט סטאַשיעקס פוס און שטאַרק נישט געווען צופרידן. ער האָט אים פאַרשריבן וואַסערן אויף קאָמפּרעסן און זאַלבן צו שמירן און אים געהייסן ליגן אין בעט. עטלעכע מאָל איז די פּאַוולאָווע געגאַנגען מיט איר זון צום דאָקטאָר. עס איז אָבער דעם קראַנקן נישט בעסער געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז סטאַשיעק מוז אָנקומען אין אַ שפּיטאָל.

ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע חדשים. מיטאַמאָל איז מען געוווּיר געוואָרן אַז מען האָט אים אַראָפּגענומען דעם רעכטן פוס. אין אַ קורצער צייט אַרום איז סטאַשיעק געשטאָרבן.

ווי נאָר מען האָט געזאָגט, אַז סטאַשיעקן דאַרף מען נעמען אין שפּיטאָל אַריין, איז אויף די קינדער פון הויף געפאַלן אַ מרה־שחורה. זיי האָבן באַלד געהאַלטן סטאַשיעקן פאַר אַ פאַרלוירענעם. — פון שפּיטאָל קומט מען שוין נישט צוריק קאַ לעבעדיקאַ — האָט געזאָגט דעם שמוקלערס ייִנגל מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז אויף די קינדער איז אָנגעפאַלן אַ פּחד נישט אַזוי פאַרן טויט, ווי פאַרן שפּיטאָל. פון דאַמאָלט אָן האָבן די קינדער געקוקט אויפן אַלטן בנין פון הקדש, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון דער עספּלאַנאַדע נישט ווייט פון דער פּאָקאָרנע, אָן אָפּגעשיילטער און פאַרוואָרלאָזטער, ווי אויף אַן אַלט בית־עולם, וואָס סטראַשעט מיט פאַרפוילטע גופים און פאַרוואָגלטע נשמות.

אויף סטאַשיעקס טויט האָט מען זיך געריכט. ער איז נישט געקומען פּלוצים, ווי אַלטערס טויט. דעריבער האָט מען אויך ווייניקער צוליב אים געטרויערט. פאַר די קינדער פון הויף איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע צו זען אַזוי פון דער נאָענט אַ קריסטלעכן פּאָגזשעב (לוויה).

*

איך ווייס נישט צי מען האָט סטאַשיעקן געבראַכט אין שטוב אַריין אין דער לעצטער מינוט איידער ער איז געשטאָרבן, צי שוין נאָכן טויט.

אינדערפרי האָב איך זיך אַרויסבאַקומען פון שטוב און אַראָפּ אויפן הויף. איך האָב זיך דאָרט געטראָפן מיט דעם יינגעלע מיט די לאַנגע האָר. מיר האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענטלעך און פּאַמעלעך זיך צוגערוקט צום טויער ווי עס האָט זיך געפונען פּאַוועלס שטיבל, די „סטרוזשוווקע". ביי דער טיר און פענצטער האָט דאָס שטיבל געהאַט אַ נאָרמאַלע הייך, נאָר וואָס ווייטער פון פענצטער, אַלץ נידריקער איז עס געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך דער סופיט דערנענטערט צו דער פּאָדלאָגע. אינגאַנצן האָט דאָס שטיבל אויסגעזען, ווי מען וואָלט אויסגעהאַקט אין מויער אַ דרייעק מיטן שאַרפן ווינקל אַנטקעגן דעם פענצטער.

איצט איז די טיר פון דער „סטרוזשוווקע" געשטאַנען אָפן אין טויער אַריין. מיר האָבן אַריינגעקוקט דורך דער טיר און געזען, אַז נעבן פענצטער שטייט אַ טיש און אויף דעם טיש שטייט אַ האָלצערנע טרומנע אָפּגעמאָלן אויף זילבער קאָליר. ביי דער ברייטערער זייט, דאָרט ווו עס איז געלעגן דער קאָפּ האָט מען אַרויסגעזען די שפּיצן פון אַ ווייס קישעלע. פון סטאַשיעקס פּנים האָט מען געזען די נאָז און צוויי אָנגעשוואָלענע ליפּן. די נאָז איז נישט געווען ווי אַלעמאָל פּויליש פּאַריסן, נאָר לאַנג, לאַנג און געל און אויף די ליפּן האָבן זיך אָנגעזען דריי טראָפּנס שוואַרץ פאַרגלי־ווערט בלוט, אין דער פאָרם פון אַ סגל. די בלויע, פאַרצעלייענע פיגור פון דער הייליקער מאַמען און דער ניקעלנער קרייץ מיטן געקרייציקטן יעזוסן זענען איצט נישט געשטאַנען, ווי געוויינטלעך מיט די פּנימער צום הויף, נאָר אויסגעדרייט צום שטיבל און צו סטאַשיעקן. אויפן טיש נעבן דער טרומנע האָבן אין ערדענע טעפּלעך מיט זאַמד געברענט צוויי געלע, וואַקסענע ליכט.

ווי מיר זענען אַזוי געשטאַנען און געקוקט האָט זיך אין דער טיר באַוויזן העלענע, סטאַשיעקס שוועסטער. זי האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי־אַ פאַרטראָגענע און געקוקט אויף אונדז מיט אַ פרעמדן בליק. פּלוצים האָט זיך עפּעס אין איר אָנגעצונדן, אַ געדאַנק האָט באַלעבט איר מאַט פּנים און מיט שנעלע טריט איז זי צו צו אונדז.

— קינדער, האָט זי געזאָגט הויך און באַפעלעריש — איר האָט זיך

מיט אים געשפּילט, צוליב איך האָט ער נישט איינמאָל אַריינגעכאַפּט שמיץ פון זיין טאַטן, טאָ קומט איצט אַריין און זייט מתפלל פאַר זיין נשמה.

זי האָט אונדז אָנגענומען מיט אירע הענט, וואָס האָבן איצט געהאַט אין זיך דעם כוח פון איזערנע צוואַנגען און אַריינגעפירט אין שטוב אַריין.

אין דער „סטרוזשוווקע״ האָט זיך געפילט אַ ריח פון קרויט און פון קאַפּעטש פון די וואַקסענע ליכט, וואָס האָבן געטריפט און געקאַפּטשעט. העלענע האָט יעדן פון אונדז אונטערגעהויבן און מיר האָבן געזען סטאַ־שיעקן ליגן אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמדל און אין אַ שוואַרץ אַנצוגל. אויף אין פוס האָט געגלאַנצט אַ שוואַרץ אָפּגעפּוצטער שוך. די הענט האָט ער געהאַלטן צונויפגעפלאָכטן אויף אַ בילדל פון דער הייליקער מאַמען.

העלענע האָט אונדז צוגעפירט צו אַ זייט פון דער טרומנע און אַ באַפעל געטון: — קניט! מיר זענען געפאַלן אויף די קניען. דערנאָך האָט זי אונדז געהייסן צונויפלייגן האַנט צו האַנט, פינגער צו פינגער און נאָכזאָגן וואָרט ביי וואָרט.

זי האָט אָנגעהויבן מיט Ojcze nasz „פאָטער אונדזער״. זי האָט געדאַוונט פּאַמעלעך, און אַכטונג געגעבן אַז מיר זאָלן איר נאָכזאָגן הויך און שאַרף. זי האָט אונדז געהיטן ווי נישט גלויביקע, מיר זאָלן נישט פאַר־דרייען אָדער אַראָפּשלונגען אַ וואָרט און ווען זי איז צוגעקומען צו דער צווייטער תפילה Zdrowaś Maryja „זיי באַגריסט, מרים״ און פאַרענ־דיקט מיט די ווערטער I błogosławiony niechaj będzie owoc żywota Twego Jezu Chryste, Amen.

„און געבענטשט זאָל זיין די פרוכט פון דיין טראַכט יעזוס קריסטוס, אמן״ האָט זיך איר גאַנצע מיידלעשע פאַרבענקשאַפט אין איר אַ הויב געטון און זי איז אויף אַ לאַנגער ווילע געבליבן אַזוי ווי הענגען אין אַ טיפן עקסטאַז.

איך האָב נאָכגעזאָגט נאָך העלענען די ווערטער פון די קריסטלעכע תפילות. איך האָב זיי געזאָגט וואָס אַמאָל העכער און וואָס אַמאָל מיט מער שרעק, איך האָב אַזש אָנגעהויבן שרייען. איך האָב נישט געזען נישט די שטוב מיט דעם הייליקן בילד און מיטן אייביקן פייער וואָס האָט געברענט

אין אַ ווינקל, איך האָב נישט געזען די טרומנע מיטן טויטן סטאַשיעקן, נישט העלענען, און נישט דאָס יינגעלע מיט די לאַנגע האָר וואָס האָט געקניט נעבן מיר. איך האָב געזען אונדזער שטוב אין אַ פּרייטיק־צונאַכטס. דער טאַטע זיצט ביים טיש אין שטריימל, אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, נעבן אים לינקס זיצט די מאַמע מיט די שנורן פּערל אויף איר איידעלן, ווייסן האַלדז, רעכטס זיץ איך, דער בן־יחיד, און אַרום מיינע פינף שוועס־טערן. דער טאַטע האַלט אַ סידורל אין האַנט און ווייזט מיר די ווערטער פון „כל־מקדש". מיר איז געוואָרן פינצטער פון דער זעאונג. איך בין געווען זיכער, אַז מען האָט מיך דאָ אָפּגעשמדט. איך האָב געפילט, אַז מיט מיינע תפילות צום גויאישן גאָט האָב איך פאַראַטן מיין שטוב, מיין טאַטע־מאַמע און מיינע שוועסטערן. איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב אָפּגעטון אַ גרויס פאַרברעכן, פאַר וועלכן עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרגעבונג, אַז איך האָב געברענגט אַן אומגליק אויף אונדזער גאַנצער שטוב.

פון גרויס שרעק זענען מיר די אויגן געוואָרן גרויס און שטאַר און פון זייערע ווינקלען האָבן זיך געצויגן ריטשקעלעך טרערן. ווען העלענע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען מיך אַ וויינענדיקן, האָט זיך אַ שמייכל פון גוטסקייט באַוויזן אויף איר פּנים. אָבער באַלד האָט זיך אין איר דערוועקט אַ חשד, אַז נישט צוליב סטאַשיעקן און נישט צוליב דעם געקרייציקטן וויין איך אַזוי. זי האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט געעפנט די טיר און אַ זאָג געטון צו אונדז: — אידזשטשע (גייטס).

מיר זענען אַרויס. איך האָב געלאָזט דאָס יינגעלע מיט די לאַנגע האָר און זיך געטראָגן דורכן הויף פייל פון בויגן. ווען גענענדל האָט מיר געעפנט די טיר און דערזען מיין בלייך און פאַרוויינט פּנים, האָט זי מיך דערשראָקן געפרעגט: — וואָס איז מיט דיר געשען? איך האָב געענט־פערט: — גאָרנישט, אַ יינגל האָט מיך געיאָגט. מען האָט מיר דערלאַנגט דעם צווייטן פרישטיק. איך האָב גאָרנישט געקאָנט עסן, נאָר געגאָסן די קאָכעדיקע טיי זיך אויפן צונג, געוואָלט זי כשרן.

איך בין אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַ פאַרלוירענער. איך האָב אָבער אָפּגעמאַכט ביי זיך קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן.

ביי מיטאָג האָב איך געכאַפּט די הייסע יויך און זיך געגאָסן אין מויל אַריין. עס איז געוואָרן אַ טומל ביים טיש. אַלע האָבן געשריגן: — וואָס טוט זיך עפּעס מיט דיר, וועסט זיך דאָך אָפּבריען די צונג! און איך האָב זי טאַקע אָפּגעבריט. אַ לאַנגע צייט שפּעטער האָט מיר די צונג נאָך אַלץ וויי געטון. ווען די מאַמע האָט פאַרן לייגן מיך שלאָפן געזאָגט מיט מיר קריעת־שמע, האָב איך די ווערטער „ה׳ אלוקנו ה׳ אחד״ געזאָגט מיט אַזאַ ברען, מיט געביילטע פויסטן און צוגעמאַכטע אויגן, אַז די מאַמע האָט מיך אָנגעקוקט אַ דערשטוינטע.

איך האָב לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. איך האָב הייס און בעבראָכן אַריינגעוויינט אין קישן אַריין און געבעטן דעם יידישן גאָט, דעם איינציקן, ער זאָל נישט שטראָפן קיינעם פון מיין שטוב פאַר מיינע שווערע זינד.

צומאָרגנס פאַרנאַכט זענען זיך צוזאַמענגעקומען די סטרוזשעס פון פּאַקאָרנע און טייל פון מוראַנאָוו. עס זענען געקומען אביסל טראַמוואַיאַ־זשעס, וואָס האָבן געוווינט אויפן טראַמוויי־געסל און אויף דער מוראַנאָוו־סקע אין שטיבן, וועלכע מען האָט איבערגעמאַכט פון בוידעמער. איינער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ ווייס, קורץ העמד און גענומען אַ האָלצערנעם צלם אין דער האַנט און זיך געשטעלט מיט אים פאָראויס. דערנאָך האָבן עטלעכע קריסטן אויף די אַקסלען אַרויסגעטראָגן די טרומנע מיט סטאַשיעקן און זענען אַוועק מיט אים אויפן צמענטאַזש.

מיר איז פון דעם, וואָס מען האָט סטאַשיעקן אַוועקגעטראָגן געוואָרן לייכטער. מיר האָט זיך געדאַכטן אַז צוזאַמען מיט אים טראָגט מען ערגעץ אַוועק מיינע תפילות צום פרעמדן גאָט, ווו זיי וועלן פאַרפאַלן ווערן אויף אייביק...

אין עטלעכע טעג נאָך סטאַשיעקס לוויה איז זיין מאַמע געקומען צו מיין מאַמען זיך באַדאַנקען. מיין מאַמע פלעגט יעדן פרייטיק, ווען זי האָט געבאַקן קיכלעך אויף שבת, ספּעציעל אָפּבאַקן אַ בייטל קיכלעך פאַר סטאַשיעק. ווען פאַוועל, צי העלענע פלעגן פרייטיק קומען נאָך „פּיאָנטקאָ־ווע״ (פרייטיק־געלט), פלעגט די מאַמע מיטגעבן פאַר אים קיכלעך. איצט האָט די פּאַוולאָווע דערציילט מיין מאַמען וועגן סטאַשיעקס לעצטע טעג, וועגן די יסורים וועלכע ער האָט געליטן און זי האָט פאַרענדיקט: — אַליע

דראָגאָ פּאַני, איליע אָן שיען טיך ציאָסטקווו נאַיאַדל פּושעד שמיערציאָן! (אָבער טייערע מאַדאַם, וויפל קיכלעך האָט ער זיך דאָס אָנגעגעסן פאַרן טויט) — און זי האָט דערביי געקושט מיין מאַמען אין דער האַנט.

מיינע שוועסטערן וואָס האָבן באַדויערט סטאַשיעקס טויט, האָבן באַדויערט וואָס די פּאַוולאָווע רעדט נישט גראַמאַטיקאַליש פּויליש...

„ערגעץ וויט, ערגעץ וויט"...

וואַדעק, אונדזער סטרוזשס געהילף, איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צען יאָר קאַטאָרגע פאַר דערמאָרדן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן, דורכן איבערשניידן דעם האַלדז, די זיבצן־יעריקע מאַגדאַ. אַפּגעראַטעוועט פון אַ טויט־אורטייל דורך הענגען האָט אים דער פאַקט, וואָס די מעדיציניִשע עקספּערטיזע האָט פעסטגעשטעלט, אַז זי איז פאַרן טויט נישט געוואָרן פאַרגוואַלטיקט.

דער אורטייל אויף וואַדעקן האָט געטראָפן אונדזער הויף ווי אַ דונער. דער מאָרד גופא האָט בשעתו געמאַכט אַן אומפאַרגלייכלעך קלע־נערן רושם, ווי דער אורטייל. מאַגדאַ איז געווען אַ פרעמדע, זי האָט געדינט ביי אונדז אויפן הויף זייער קורץ. זי איז אינגאַנצן געווען אין וואַרשע בסך הכל עטלעכע חדשים, אַ סך מענטשן פון הויף האָבן זי אפילו נישט געקענט. אָבער וואַדעק איז געווען אַן אייגענער. יאָרן לאַנג איז ער געווען פאַרבונדן מיטן הויף. ער איז געווען אַן איינגייער אין די שטובן, זיך געחברט מיט די דערוואַקסענע יינגלעך פון הויף, געווען מיט זיי אויס־געקאָכט. ווען אימיצער האָט עפּעס באַדאַרפן האָט מען געשיקט רופן וואַדעקן, ער איז געווען ווי אַן אייגענע האַנט.

דער הויף האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי לאַגערן, אַ טייל האָבן געהאַלטן אַז וואַדעק איז אומשולדיק, אַז ער איז אַ קרבן פון אַ געריכטס־טעות. זיי זענען געווען גרייט צו שווערן, אַז נישט ער איז דאָס פאַרברעכן

באַגאַנגען, אַז ער איז בכלל נישט מסוגל צו אַזעלכע שוידערלעכע טאָטן. זיי האָבן געברענגט פאַר אַ ראיה דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל, ביי קיין שום געלעגנהייט, גאָרנישט געגנבעט, ער האָט קיינמאָל נישט אָנגערירט קיין זאַך וואָס האָט נישט געהערט צו אים.

דער אַנדערער טייל האָט געזאָגט: — זעטס מענטשן, גיי און זיי אַ חכם. ווער מען זאָל דאָס איינפאַלן אַז נעבן אונדז דרייט זיך אַרום אַזאַ שרעקלעכער רוצח. ער האָט דאָך נאָך געקאָנט אונדזערס אַ קינד אומברענגען, אָט איז ער אַרומגעגאַנגען צווישן אונדז ווי אַ לעמעלע און געקאָנט אויף אונדז ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק!

די דאָזיקע מענטשן האָבן געגלויבט גאָט וואָס וולאַדעק איז געפאַלן אויף פרעמדע הענט, וואָס וועלן שוין וויסן ווי אַזוי זיך מיט אַזעלכן ווי ער צו באַגיין.

די דאָזיקע מענטשן האָבן אָנגענומען דעם געריכטס־אורטייל ווי אַן אמת וואָס אונטערליגט נישט קיין צווייפל, ווי אַ זאַך אַן אומטעותדיקע מלכתחילה. זיי האָבן אַזוי געטראַכט נישט דערפאַר, ווייל אַזאַ איז געווען זייער טיפע איבערצייגונג, ניין, זיי האָבן אַזוי געגלויבט, ווייל דער ענין איז זיי דירעקט נישט אָנגעגאַנגען, ווייל ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע שייכות צו זיי.

וולאַדעק איז געווען אַ „זנאַידע". אַ פּויערטע האָט אים געפונען אין דאָרף נעבן אַ פּלויט, ווען ער איז געווען אַ דריי־חדשימדיק קינד, און אים גענומען צו זיך. די פּויערטע איז געווען אַן אָרעמע. דאָס קינד איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, פון שטוב צו שטוב. ביז איינמאָל, ווען עס איז געווען אַ טריקעניש, עס האָט געדראָט דעם דאָרף אַ הונגער, האָט מען וולאַדעקן אינגאַנצן משלח געווען. ער האָט געוואַנדערט. שפּעטער שוין אַ דערוואקסן יינגל, איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע און דורך פאַרשידענע גילגולים פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין הויף אויף פאַקאָרנע און אָנגעקומען ווי אַ געהילף צו פאַוועלן.

ווי מען האָט אים אַרעסטירט, שוין ביי דער ערשטער אויספאָרשונג, האָט ער זיך געהאַלטן מאָדנע פאַרדעכטיק. ער האָט געשריגן, זיך געריסן. געווען מוראדיק געררייצט. די אַנדערע אַרעסטירטע אין שייכות מיט דעם

מאָרד האָבן זיך פאַרהאַלטן רויק, געדערט געלאָסן, געבראַכט זייערע אמתע צי אויסגעטראַכטע אַליביס. וולאַדעק איז געווען אומרויִק, זיך געוואָרפן, נישט געקאָנט איינשטיין און נישט איינזיצן אויף זיין אָרט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן צום אויספאָרשונגס־ריכטער אַזוי ווי אַמאָל צו די קאַוואַלירן ווען ער פלעגט זיי כאַפּן מיט מאַגדען אין אַ הויז־איינגאַנג. ער האָט געזידלט און געשאָלטן. אַזוי ווי מאַגדעס אָנוועזנהייט פלעגט אים שטענדיק אַרויספירן פון גלייכגעוויכט, אַזוי האָט אים איצט דער חשד, אַז ער האָט זי דערמאָרדעט, גאָר אַראָפּגעבראַכט פון זינען.

וולאַדעק האָט כמעט אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען קיין רוסיש. מען האָט פאַר אים געבראַכט אַן איבערזעצער. אָבער ווי נאָר דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט געשטעלט אים אַ פראַגע, האָט ער נישט וואַרטנדיק ביז דער דאָלמעטשער וועט אים די פראַגע איבערזעצן, גענומען שרייען און שעלטן. ער פלעגט אַזוי שרייען, אַז אַ שוים האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן מויל, און זיינע קליינע אויגן זענען געווען ווי שטיקלעך בלוט. עס איז געווען אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי עס נעמען זיך אין אַזאַ קליינעם גוף אַזויפיל פאַרבאָרגענע כוחות.

ביז איינמאָל, ביי אַזאַ אויספאָרשונג, האָט דער ריכטער באַפוילן וולאַדעקן שמידן אין קייטן. ווי נאָר מען האָט אים פאַרלייגט די קייטן אויף די הענט און די פיס, איז ער מיט איין מאָל געוואָרן שטיל. ער איז זיך אינגאַנצן איינגעפאַלן. זיין קליינער, דראָבנער גוף איז מיטאַמאָל געוואָרן מיט אַ העלפט קלענער. ער האָט געפילט ווי מען וואָלט אים אינגאַנצן אויסגעליידיקט פון די אינגעווייידן און מיט זיי אים געבונדן הענט און פיס. פון דאַמאָלט אָן האָט ער אויף אַלע פראַגעס פון אויספאָרשונגס־ריכטער, נישט וואַרטנדיק אויף דער איבערזעצונג, אויטאָמאַטיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

*

וולאַדעקס פראָצעס איז פאָרגעקומען אין וואַרשעווער קרייז־געריכט. דאָס איז געווען קורץ נאָך סטאַשיעקס טויט. צום פראָצעס זענען פון

אונדזער הויף געגאַנגען נאָר פּאַוועל, זיין ווייב און טאָכטער, העלענע. און איין עדות.

ווען זיי זענען געקומען אין געריכט־זאַל איז שוין וולאַדעק געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק און נעבן אים זענען געשטאַנען צוויי סאָל־דאַטן מיט די גאָלע שווערדן אָנגעשפּאַרט אויף זייערע רעכטע אָרעמס. ווען וולאַדעק האָט דערזען די מענטשן פון הויף האָט זיין פּנים אויסגעדריקט פּאַנישע שרעק. ער האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ געשטאָרבענעם, און זייער אָנוועזנהייט האָט אים צוריק אַראָפּגעצויגן אויף דער וועלט. עס זענען אַריינגעקומען די ריכטער אין טאָגעס באַנייט מיט גרינעם שוטאַזש און מיט גאָלדענע קייטן אויף די העלדזער. דער פּאָרזיצער האָט געהייסן איבערלייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. נאָך דעם האָט ער געהייסן וולאַ־דעקן זיך אויפשטעלן און אָפּגעבן אַ דערקלערונג צי ער איז זיך מודה אין פאַרגעוואָרפענעם אים פאַרברעכן, צי נישט. וולאַדעק האָט זיך אויפגע־שטעלט אָבער קיין וואָרט נישט געקאָנט פון זיך אַרויסבאַקומען. דער פּראָקוראָר האָט געגעבן אַ וואָרט און אויפמערקזאַם געמאַכט דעם פּאָרזי־צער, אַז ווי עס דרינגט אַרויס פון באַשולדיקונגס־אַקט האָט זיך דער באַשולדיקטער אין אַלעם מודה געווען ביי דער אויספאָרשונג. דער פּאָרזי־צער האָט דאַמאָלט געהייסן וולאַדעקן זיך אַוועקזעצן אָבער ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען און געפינטלט מיט די אויגן און עפּעס באַוועגט מיט די ליפּן ווי ער וואָלט געכאַפּט מיט זיי לופט, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט. די זעלנער וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים ביי די זייטן האָבן אים אָנגע־נומען ביי די אַקסלען און אים אַראָפּגעזעצט. ער איז געפאַלן אויף דער באַנק, ווי עס פאַלט אַראָפּ פון אַ צווייג אַן אונטערגעשאָסענער פויגל.

עס איז אויסגעהערט געוואָרן דער ערשטער עדות, די באַלעבאָסטע ביי וועלכער מאגדא האָט געדינט. זי האָט געזאָגט אַז מאַגדאַ איז געווען אַן אַרומלויפּערקע און זי האָט געהאַט דעריבער פון איר גרויסע צרות. מיט וולאַדעקן האָט זי קיין איין מאָל מאַגדען נישט געזען. ווען ער פלעגט אַמאָל אַרויפקומען נאָך „פּיאַנטקאָווע”, צי ווען מען האָט אים גערופן ער זאָל אין עפּעס צוהעלפן אין שטוב, האָט מאַגדא שטענדיק פון אים געחוזקט. ווען די באַלעבאָסטע האָט איר געזאָגט, אַז וולאַדעק איז אָרנטלעך, פלייסיק

און טרינקט נישט, האָט מאגדא אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער: טעזש מי קאַוואַליער! (אויך מיר אַ קאַוואַליר), זי האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

דער צווייטער עדות איז געווען פּאַוועל. ער האָט אָנגעהויבן פון דעם טאָג ווען וולאַדעק האָט זיך צו אים געוואָנדן ער זאָל אים געבן אַרבעט. ער איז געווען הונגעריק און כמעט נאַקעט. ער האָט וולאַדעקן געשילדערט ווי אַן ערלעכן, איבערגעגעבענעם מענטש. דאָס וואָס ער האָט געזאָגט די שיקסעס מיט זייערע קאַוואַלירן פון די פאַרבאַרגענע ווינקעלעך פון הויף, האָט ער דאָס געטון אויף זיין, פּאַוועלס, באַפעל. ווייל נישט זעלטן זענען צווישן די קאַוואַלירן געווען גנבים וואָס זענען געקומען אויסקוקן אַ דירה צו אַ בוידעם בכדי אים קאָנען באַגנבענען. אויף דער פראַגע פון פּראָקוראָר צי האָט וולאַדעק מיט אַ ספּעציעלן אייפער פאַרפאָלגט מאַגדען מיט אירע קאַוואַלירן, האָט פּאַוועל געענטפערט: — יאָ.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס אויספרעגן די עדות. דערנאָך האָט גערעדט דער פּראָקוראָר. ער האָט אָנגעהויבן דערמיט וואָס דער באַשולדיקטער איז אַ „זנאידע”, אַן אומגעזעצלעך קינד פון אַ צופעליקער פאַרבינדונג און אפשר גאָר פון אַ פאַרבינדונג פון אַ פאַרברעכערישן פּאָר. ווי אַ באַווייז פאַר זייער פאַרברעכערישקייט האָט ער אָנגעוויזן דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן דאָס קינד אונטערגעוואָרפן, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ פאַרברעכן. אַזאַ קינד — האָט דער פּראָקוראָר גערעדט מיט זעלבסטזיכערקייט, — טראָגט שוין פון געבוירן אָן אין זיך אַ פּראָטעסט קעגן דער נאָרמאַלער געזעלשאַפט, קעגן אירע מאָראַלישע און עטישע געזעצן און איז עלול ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרברעכער וואָס באַדראָט די געזעלשאַפט. דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעזאָגט זיין פעסטע איבערצייגונג, אַז מאַגדא איז געפאַלן אַ קרבן פון וולאַדעקס אייפערזוכט און פון אויספעלן ביי אים פון יעדער מאָראַלישער העמונג. ער האָט געבעטן דאָס געריכט נישט צו נעמען אין אַכט, וואָס וולאַדעק איז ביז איצט נישט געווען באַשטראָפט. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ רעזולטאַט פון וולאַדעקס דורכגעטריבנקייט, אַ דאַנק וועלכער דער פּרעדיספּאָנירטער מערדער האָט געקענט נישט נאָר זיין פריי פון חשדים נאָר

ווּעקן אפילו צו זיך צוטרוי. ער האָט אויך אָנגעוויזן דערויף, אַז וולאַדעק האָט זיך מודה געווען ביים אויספאָרשונגס־ריכטער, אָבער נישט אַרויסגע־וויזן קיין סימן פון חרטה. ער האָט געבעטן דאָס געריכט צוהעלפן די קאָנסטרוקטיווע כוחות פון דער געזעלשאַפט אויסצוראָטן מיטן וואָרצל דאָס שלעכטס און אָנווענדן לגבי דעם באַשולדיקטן די שאַרפסטע מאָס פון גערעכטיקייט — טויט־שטראָף.

דער אַדוואָקאַט וועלכער איז וולאַדעקן צוגעטיילט געוואָרן פונעם געריכט האָט נאָר געבעטן דאָס געריכט זאָל נעמען אין באַטראַכט די מיל־דערנדיקע אומשטענדן און אַרויסטראָגן אַ גערעכטן אורטייל.

וולאַדעק האָט באַקומען דאָס לעצטע וואָרט. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און אַ צעשראָקענער זיך אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט ער גיכער אַרויסגערעוועט ווי גערעדט אַז ער איז אומשולדיק, אַז ער ווייסט נישט וואָס מען וויל פון אים.

נאָך אַ קורצער הפסקה האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל: צען יאָר קאַטאָרגע.

וולאַדעק האָט אויסגעהערט דעם אורטייל גלייכגילטיק, ווי נישט וועגן אים וואָלט דאָ געגאַנגען. בלויז העלענע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ געשריי, אַ שאַרפן און שפּיציקן, ווי דער דינער פייף פון אַ פאַבריק־סירענע, וואָס שניידט זיך אַדורך און שטילט איין דעם גרעסטן גערויש פון מאַשינען. צוויי סטויקאָוועס האָבן איר אָנגענומען אונטער די הענט און שנעל אַרויסגעשלעפּט פון געריכט־זאַל.

קיינער האָט אויף דעם אורטייל נישט אַפּעלירט און נאָכן אָפּלויף פון דרייסיק טעג איז ער אַריין אין קראַפט.

אין אַ צייט אַרום איז געקומען די פּאַוולאָווע און דערציילט, אַז מען גרייט זיך שוין אָוועקצושיקן וולאַדעקן מיטן עטאַפּ נאָך סיביר. צוויי פרויען פון הויף האָבן זיך געלאָזט גיין צווישן די לאָקאַטאָרן און צונויפגענומען געלט פאַר וולאַדעקן. פּאַוועל האָט געקויפט עטלעכע ברויט, אַ שטיק סאַדלע, עטלעכע פּעקלעך טיטין, דאָס אַלץ אָוועקגעטראָגן וולאַדעקן אין טורמע. פּאַוועל האָט אים געזען, ער האָט גענומען דאָס זעקל און דאָס

געלט, אָבער רעדן מיט אים האָט וולאַדעק נישט געוואָלט און נישט געוואָלט זיך מיט אים געזעגענען.

די פּאַוולאָווע איז אַרויפגעקומען צו אונדז אַ פּאַרוויינטע און געבראַכן די הענט. איר האָט שרעקלעך ווי געטון, וואָס וולאַדעק האָט זיך מיט פּאַוועלן נישט געוואָלט געזעגענען, אַזוי ווי ער וואָלט אים געמאַכט שולדיק אין זיין גורל. — „פּאַני דראָגאַ, (טייערע מאַדאַם) — האָט די פּאַוולאָווע זיך געווישט מיטן פאַרטוך די טרערן פון פּנים, — דאָס יינגל איז דאָך אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען, ער האָט זיך דאָך די גאַנצע צייט פאַרהאַלטן ווי ער וואָלט משוגע געוואָרן. ער האָט דאָך אויף קיין איין פראַגע נישט געענטפערט צו דער זאַך. און ווען מען זאָל איינפאַלן, — האָט זי געבראָכן די הענט — אַז גראָד אים, וואָס האָט נישט אָנגערירט קיין פליג אויף דער וואַנט, וועט מען פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע ווי אַ מערדער. מאַטקאָ שווינטאַ, יעזוס קאָכאַני! (הייליקע מאַמע, ליבער יעזוס) — האָט זי אויסגעשריגן — אַזוי ווערן פאַרפאַלן אונדזערע קינדער ביי די מאַסקאַלעס!

ביי מיינע שוועסטערן האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן. מיט פאַרביסענע ליפּן זענען זיי אַריין צו זיך אין צימער. מיין קליינע שוועסטער, עווא, האָט באַלד אויסגעפילט די שטימונג און זיך אַוועקגעשטעלט דעקלאַמירן דאָס ליד פון פוילישן דיכטער Or-Ot,(אָר־אָט): List z Sybiru („אַ בריוו פון סיביר”), זי האָט אָנגעהויבן הויך און פּאַטעטיש:

Mamo! Czy będziesz czytała ten list? Nie wiem.

„מאַמע! צי וועסט דו לייענען דעם בריוו — ווייס איך נישט”...

וולאַדעק האָט נישט געקענט זיין מאַמען. ער האָט נישט געהאַט צו וועמען צו שרייבן. מער האָט שוין קיינמאָל קיינער וועגן אים נישט געהערט...

*

ביים קאַפּעליוש־מאַכער, וואָס האָט געוווינט ביי אונדז אויפן הויף, האָט מען צוגענומען דעם עלטסטן זון, לייבל, צו די זעלנער. לייבל איז געווען אַ הויכער, איידעלער, שיינער בחור. ער איז געגאַנגען לאַנג געקליידעט, אָבער זיין קאַפּאָטע איז געווען אַ קורצע און זייער

גוט אויפגעגייט. ער האָט געטראָגן אַ יידיש היטל, וואָס איז געווען קליין און ציכטיק און קרימלעך געזעסן אויפן קאָפּ. ער פלעגט גיין פּאַמעלעך און רעדן שטיל. וואָס איז געווען זיין באַשעפטיקונג ווייס איך נישט.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צונאַכט, ווען אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט און אין די שטובן ביי אונדז האָבן די שטאַרק געהייצטע אויוונס צעפירט איבער דער גאַנצער דירה אַ ליבע און היימישע וואַרעמ־קייט, ווען אַלע גאַז־לאָמפּן האָבן געלויכטן און אַכט ליכט האָבן געברענט אויפן טיש, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען די מאכלים צו דער שבתדי־קער סעודה, איז אַריינגעקומען די דינסט געגענדל און געזאָגט, אַז געלע דעם קאַפּעליוש־מאַכערס מיידל וויל עפּעס בעטן.

באַלד איז אַריינגעקומען געלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַר־טרויערט פּנים און געבעטן מיין שוועסטער באָרגן איר אַ מאַפּע.

פּלוצים איז אויף אַלע ביים טיש געפאַלן אַן אומרויקייט און אַן אומעט, ווי פון אַ שלעכטער בשורה. געלע האָט דערציילט מיין שוועסטער פעלען, וואָס האָט איר אויסגעזוכט און געגעבן די מאַפּע, אַז לייבלען שיקט מען אַוועק ערגעץ זייער ווייט נעבן אַרכאַנגעלסק.

כמעט קיינער פון אונדז האָט כמעט לייבלען נישט געקענט, זענען פון דער ידיעה אַלע געוואָרן טרויעריק. אין אונדזער וואַרעמער, זאַטער, פאַרזיכערטער שטוב האָט זיך מיט דער ידיעה אַריינגעריסן אַן אומהיימ־לעך געפיל, אַן אָנזאָג פון אַ פרעמדן כוח, וואָס באַפעלט און געוועלטיקט, וואָס רייסט אַרויס קינדער פון זייערע היימען און וואַרפט זיי ערגעץ־ווו אין אַ ווייטער, פרעמדער, בייזער, פיינטלעכער וועלט.

דער טאַטע האָט זיך דער ערשטער אָפּגעשאָקלט פון דעם שווערן געפיל. ער האָט אַ פיר געטון די האַנט איבערן שוואַרץ סאַמעטענעם קאַפּל, אַרויפגעלייגט זיך אויפן קאָפּ דאָס שטריימל און אָנגעהויבן מיט זיין באַליבטן ניגון דעם „יה רבון עלם ועלמיא״ און אָקצענטירט און לאַנג געצויגן די ווערטער „ואפק ית עמך מגו גלותא, עמך די בחרת מכל אמיא״...

קונצנמאַכערס

ס'איז געשטאָרבן דער אָנגעשטעלטער פון דאָרפמאַנס פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען ביי אונדז אין הויף. דער ייד וואָס איז געקומען צו מיין טאַטן און אים דערציילט, אַז ס'האָט זיך אים געוויזן בלוט. די ידיעה וועגן זיין טויט איז אָנגעקומען פון אָטוואָצק, ווו דער קראַנקער האָט לעצטנס געוווינט מיט זיין פאַמיליע און זיך דערנערט פון דעם, וואָס זיין פרוי און קינדער האָבן אַרומגעטראָגן צווישן די לעטניקעס פרוכטן צו פאַרקויפן.

שוין לאַנג פאַר דעם, ווי נאָר דאָרפמאַן האָט אָפּגעזאָגט דעם קראַנקן פון דער אַרבעט, האָט ער אויף זיין אָרט צוגענומען אַ פעסטן, געזונטן יונג, מיט ברייטע פלייצעס און מיט הענט ווי אייזערנע לאָפּאַטעס. דער נייער אַרבעטער האָט געטראָגן הויכע, גלאַנציקע שטיוול, אַ בלויען שפּענצער און אַ גראַנאַטן היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק. באַלד האָט זיך די צאָל פעסער און באַליעס מיט ווייַן אין דער פאַבריק, און די צאָל זעקלעך מיט ראָזשינקעס אויפן הויף, פאַרמערט אויף טאָפּלט.

דאָרפמאַן איז געלאָפן דורכן הויף, פון זיין דירה אין קעלער אַריין, אַ גאַנצן טאָג, אַהין און צוריק, האַלטנדיק דעם לאַנגן, געלן מעטער ווי אַ לולב אין דער האַנט. דער נייער אָנגעשטעלטער איז טאַקע געווען אַ גוטער אַרבעטער, אָבער קיין גרויסער ספּעציאַליסט אין וויין־פאַך איז ער נישט געווען. דאָרפמאַן איז איצט אַליין געוואָרן אי דער סוחר אי דער וויין־קיפּער. ער פלעגט זיצן ביים טישל, וואָס איז געשטאַנען נעבן פענצטער, און מאַכן די חשבונות איינער אַליין. די דאָרפמאַנאָווע האָט זיך געקלאָגט פאַר מיין טאַטן, אַז זייט דער אַלטער אָנגעשטעלטער איז קראַנק געוואָרן, אַרבעט איר מאַן ביינאַכט און ביי טאָג. זי האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי דער אָנגעשטעלטער וואָלט ספּעציעל קראַנק געוואָרן אַבי דאָרפמאַן זאָל האָבן מער אַרבעט...

איצט איז מען צוגעטראָטן צו פאַרגרעסערן און איבערצואַרבעטן דעם

ווייַן־קעלער. אָנשטאָט אַרויסצוקלאַפּערן די פּעסער מיט ווייַן דורך די שטיגן פון הויז־אייַנגאַנג, ווי מען האָט עס געטון ביז איצט, האָט מען אויס־געהאַקט אַ שטיק מויער אַרום די קליינע סוטערינע־פענצטער און געמאַכט אויף דעם אָרט אַ ברייטן אַרייַנגאַנג מיט שטיגן וואָס האָבן געפירט גלייך פון הויף אין קעלער אַראָפּ. צו די שטיגן האָט מען צוגעפּעסטיקט צוויי אייַזערנע שינעס אויף וועלכע מען פלעגט פון איצט אָן אַרויפציען און אַראָפּלאָזן די פּעסער מיט ווייַן. איבער דעם אַלעם האָט מען אויפגעשטעלט אַ געמויערט ביידל, וואָס האָט זיך פאַרמאַכט אויף צוויי אייַזערנע טירן. מיר האָט דאָס געמויערטע ביידל אויסגעזען ווי אַ גרויסער הונט, אַ מאָפּס, וואָלט געלעגן און געהיטן דעם אַרייַנגאַנג צום ווייַן־קעלער.

מען האָט אַוועקגענומען פון הויף די האָלצערנע שטאַנגען מיט די אייַזערנע האַנטאַבעס, וואָס האָבן געדינט ביז איצט אויף צו קאָלערן אויף זיי די פּעסער. די קליינע ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך, וואָס די עלטערע קינדער פלעגן מיטנעמען מיט זיך אויפן הויף, ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען זיך שפּילן, האָבן איצט נישט געהאַט וווּ זיך אַוועקצוזעצן, כדי זיך פונדערווייטנס צוצוקוקן צו די שפּילן. ס׳האָבן מיטאַמאָל אויסגע־פעלט אַ סך ווינקעלעך ווו די קינדער פלעגן זיך באַהאַלטן ווען זיי האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. ס׳האָט אויסגעפעלט די פעסטונג פון וועל־כער די קינדער פלעגן מיט בויגנס און פיסטאָלעטן זיך פאַרטיידיקן קעגן אָנגרייפנדיקן שונא — די קינדער פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער אָפּיצי־נע. ס׳האָבן אויסגעפעלט באַהעלטענישן און גריבעלעך צו באַהאַלטן „פאַנטן" און טויטע זשוקעס מיט גלאַנצנדיקע פאַנצערס ווי פון לאַקירט לעדער. מיטן אַוועקנעמען די לאַנגע, קיילעכדיקע שטאַנגען האָט דער הויף פאַרלוירן פאַר די קינדער אַ שטיק פון זייַן אַמאָליקן חן און רייץ. מיטאַמאָל האָט זיך אין דעם בלויען פריילעכן הויף אַרייַנגעכאַפּט אַ שטיק גרויער אומעט.

טיילמאָל פלעגט דער הויף אויף אַ צייַט אויפלעבן מיט זייַן אַמאָליקן גלאַנץ. דאָס איז געווען דאַמאָלט, ווען ס׳זענען געקומען קונצנמאַכערס. ווען זיי זענען נאָך געווען אין טויער, איידער זיי זענען נאָך אַריין אין הויף, האָבן זיי שוין אָנגעמאַכט מיט זיך אַ טומל און אַ רעש. איינער פון

זיי, וואָס האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ קעסל־פּויק און איבער אים צוויי מעשענע טאַצן, האָט דרייענדיק זיך און מאַכנדיק פּירועטן, אַריינגע־טאַנצט אין הויף אַריין קלאַפּנדיק אונטערוויילעכץ האַסטיק און הויך אין די ווענט פון קעסל־פּויק. איינצייטיק האָט ער צוגעטופּעט מיטן רעכטן פוס צו וועלכן ס׳איז געווען באַהאָפטן אַ דראָט.

ווען דער קונצנמאַכער האָט אַ צי געטון דעם פוס האָט דער דראָט אַ שלעפּ געטון די אויבערשטע טאַץ און זי האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין דער אונטערשטער אַרויסגעבנדיק אַ מעשענעם געשאַל און באַלד צוריק אָפּגע־שפּרונגען אין דער הויך. אַזוי האָט ער טאַנצנדיק אין אַ ראָד געקלאַפּט אין דער פּויק, געצויגן דעם פוס און געשאַלט מיט די טאַצן, אַז דער הויף איז אין איין רגע פול געוואָרן מיט מעשענע קלאַנגען און טויבע, פּאַרמע־טענע אָפּהילכן.

נאָך עטלעכע רגעס אָפּטאַנצן האָט דער קונצנמאַכער אַ פּיר געטון מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן איבער די פענצטער פון אַלע פיר אָפּיצי־נעס און אָפּטאַקסירט די אַלע, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען און אַרויסגע־קוקט. זענען דאָס געווען „ערנסטע״ מענטשן, אויף וועלכע מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן פאַרשטיין ווי אָפּצושאַצן די שפּיל פון די קונצנמאַכערס, האָט ער געהייסן די חברים זיינע פונאַנדערשפּרייטן אַ דיוואַן און די שפּילן האָבן זיך אָנגעהויבן. נאָר טאָמער האָט ער געזען ווייניק מענטשן אין די פענצטערס, אָדער ס׳רוב קינדער וואָס וועלן זיך זייער גערן צוקוקן צו דער שפּיל, אָבער נישט האָבן מיט וואָס פאַר דעם צו באַלוינען, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און מיט דער גאַנצער חברה צוריק אַרויס פון הויף. נישט געווען קיין שווערערע איבערלעבעניש פאַר די קינדער פון הויף, ווי אַזאַ גרינגשעצונג מצד די קונצנמאַכערס.

נאָר אויב די קונצנמאַכערס האָבן באַשלאָסן צו ווייזן אויפן הויף זייערע קונצן האָבן זיי פונאַנדערגעשפּרייט אַן אויסגעריבענעם „טעפּיך״, און אַ יונג, דין מיידל אין גרינע, טוכענע הויזן, אין אַ געל זיידן וועסטל מיט רויטע אַרבל און אין אַ פּאָר גרויסע לאַטשן מיט פאַרבויגענע אַרויף שפּיצן צו וועלכע ס׳זענען געווען צוגעהאָפטן קליינע גלעקעלעך, האָט געוויזן אַקראָבאַטישע שטיק. זי האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער

פון די פּיס, אַ וואָרף־געטון דעם קערפּער אונטער זיך, זיך אָנגעשפּאַרט אויף די שפּיצן פינגער פון די הענט און דעם גאַנצן שמאָלן קערפּער מיטן בויך אַרויף אָנגעצויגן ווי אַ בויגן. זי האָט דאַמאָלט אויסגעזען ווי אַ גרויסער פיש, וועלכער האָט באַקומען אַ וווּנד פון אַ פיש־פּאַנגער, וואָלט זיך געגרייט אַ שפּרונג צו טון.

נאָכן אָפּשטיין עטלעכע רגעס אויף זי' שפּיץ פינגער פון די הענט, האָט זי אַ שליידער געטון דעם קאָפּ פאָרויס, דערנאָך אַ וואָרף די הענט פאַר זיך ווי זי וואָלט זיך אָנגעכאַפּט אין דער לופט און מיט איין מאָל געבליבן שטיין אויף די שפּיץ־פינגער פון די פּיס, גלייך, אויסגעצויגן און אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע.

דערנאָך האָט זי אַ פאָל געטון מיט איין האַנט אויפן „טעפּיך", געבליבן אָנגעשפּאַרט אויף איין האַנט און איין פוס און די צווייטע האַנט און פוס געהאַלטן אין דער לופטן. זי האָט אויסגעזען ווי אַן איקס געשטעלט אין דער ברייט.

נאָך דעם האָט זיך אַ קונצנמאַכער אין שוואַרצע, זיידענע הויזן און אין אַ רויט וועסטל מיט גאָלדענע קנעפּ אַוועקגעלייגט אויפן „טעפּיך" אויף די פּלייצעס, האַלטנדיק אין דער הויך זיינע צוויי אָפענע הענט, ווי צוויי זשאַבע־שיסעלעך. דאָס מיידל האָט זיך איבער אים לייכט איבערגעבויגן, אַרויפגעלייגט איר רעכטע האַנט אויף זיינע און זיך אַ הויב געטון אין דער לופטן. זי האָט זייטיק אַ שווים געטון איבער אים און זייערע לינקע הענט האָבן זיך אויך צונויפגעטראָפן און צונויפגעשלאָסן. אַזוי אָנגעשפּאַרט אויף די הענט האָט זי אַ הויב געטון איר שמאָלן און עלאַסטישן ווי פון גומי קערפּער אין דער לופטן, און איז געבליבן שטאַר מיט די פּיס אַרויף. דער קונצנמאַכער, איר חבר איז געלעגן אויסגעצויגן, אומבאַוועגלעך, זי האָט די שוואַרצע, געדיכטע, לאַנגע האָר פון איר קאָפּ איינגעוואָרעט אין זיין פּנים און זי האָט אויסגעזען ווי אַ האַק אַריינגעהאַקט אין קאָפּ פון אַן אונטערגעשניטענעם בוים.

נאָך די דאָזיקע אַקראָבאַטישע קונצן האָט אַ דריטער קונצנמאַכער אַוועקגעלייגט אַ ברעט פול באַקלאַפּט מיט נעגל מיט די שפּיצן אַרויף. ער

האָט אויסגעטון זיין בלויע מאַרינאַרקע, אַראָפּגעצויגן דאָס גרינע העמד און זיך אַוועקגעלייגט מיט די נאַקעטע פּלייצעס אויף די שאַרפע שפּיצן פון די נעגל. ווען ער איז אַזוי אָפּגעלעגן עטלעכע רגעס האָט דער קונצנ־מאַכער אין די זיידענע הויזן אַרויפגעשטעלט זיך אויף זיין ברוסט־קאַסטן מיט די פיס אין די שיך און מיטן גאַנצן כוח צוגעדריקט יענעמס פּלייצעס צום ברעט מיט די טשוועקעס.

נאָך דעם האָט דאָס מיידל, די קונצנמאַכערין, אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן צילינדער, וואָס דער מיטן קעסל־פּויק, האָט געטראָגן אויפן קאָפּ, און געגאַנגען צוזאַמענעמען געלט. זי האָט געשאָקלט מיטן צילינדער ווי מיט אַ פּושקע. זי איז צוערשט אַרומגעגאַנגען צווישן דעם עולם וואָס איז געשטאַנען געדיכט אַרומגעשטעלט אַרום די קונצנמאַכערס. זי האָט נישט געבעטן קיין געלט נאָר געשאָקלט מיטן צילינדער און צוגעווינקען מיט די אויגן. אַ טייל מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט די מנהגים פון די קונצנמאַ־כערס, וואָס האָבן געוווסט ווען זיי הויבן אָן בעטן געלט, האָבן נאָך איידער דער קונצנמאַכער האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם ברעט מיט די טשוועקעס, זיך אייליק אָפּגעטראָגן.

צום סוף איז דאָס מיידל מיטן צילינדער אין האַנט צוגעגאַנגען און זיך געשטעלט אונטער יעדער שורה פענצטער פון יעדער אָפּיצינע. זי האָט נישט געשאָקלט מיטן צילינדער, נאָר געמאַכט אַזאַ גראַציעזע באַווע־גונג מיטן קאָפּ ווי זי וואָלט די מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער פאַרבעטן אין צילינדער אַריין. דאָס איז געווען זייער קאָמיש, אַלע האָבן געשמייכלט און יעדער האָט גערן אַריינגעוואָרפן איינע, צי עטלעכע קופּערנע מטבעות פאַרוויקלטע אין שטיקלעך פּאַפּיר. דערווייל האָבן די אַנדערע קונצנמאַכער געמאַכט צוגרייטונגען צום ווייטערן שפּיל. איינער האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש מיט עפּעס אַ פליסיקייט, דער צווייטער האָט נעבן דער פלאַש אַוועקגעלייגט אַ באַרג מיט פּאַקולעס, דאָ ווידער אַ פּעקל זאַפּאַלקעס, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע און אַן אייזערנעם אַרשין מיט צוויי פאַרשאַרפטע שפּיצן. ווען דאָס מיידל האָט געענדיקט דאָס צוזאַמענעמען דאָס געלט האָבן אַלע קונצנמאַכערס זיך אַרומגעשטעלט און עס איבערגעציילט. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי האָבן

צוזאַמענגענומען אַ נישטקשהדיקע מטבע, האָבן זיי געוויזן די שפּיל מיט די פּאַקולעס און מיט דער פלאַש, נאָר טאָמער איז זיי דער „לוין" נישט געפעלן געוואָרן, האָבן זיי פאַרבאַהאַלטן די פלאַש, אַוועקגענומען די פּאַקו־לעס, צונויפגעוויקלט דעם טעפּיך און אַרויס פון הויף.

אַזאַ זאַך האָבן נישט נאָר די קינדער, נאָר אפילו די דערוואַקסענע מענטשן אויפגענומען מיט פאַרדרוס. זיי האָבן געהאַלטן אַז די קונצנמאַ־כערס האָבן זיי אָפּגענאַרט און באַשלאָסן ביי זיך מער זיי קיינמאָל נישט אַראָפּצוואַרפן קיין געלט.

אונדזער דינסט, גענענדל, האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעקוקט צו די שפּילן פון די קונצנמאַכערס. מיין שוועסטער, עווא, און איך האָבן זי גערופן, מיר פלעגן אין סאַמע מיטן שפּיל אַריינלויפן אין קיך אַריין און זי שלעפּן ביי אירע גרויסע, האַרטע הענט, זי זאָל אַרויס מיט אונדז אויפן באַלקאָן. די מאַמע פלעגט אויך צו איר זאָגן — „טו צוליב די קינדער און גיי אַרויס". גענענדל האָט אָבער נישט געוואָלט דערפון הערן. — ווער האָט צייט עפּעס צו זען, אַז מען איז פאַריאָגט און פאַרהאָרעוועט — האָט זי זיך געבייזערט. עפּעס האָט גענענדל געהאַט אַ ספּעציעל פאַרגעניגן צו מאַכן פון זיך אַ קרבן. אין מיר האָט דאָס נישט געוועקט קיין גוט געפיל צו איר. איך האָב אויף איר צוליב דעם נישט געהאַט קיין רחמנות, גיכער האָט עס געוועקט אין מיר אַ פיינטשאַפט צו איר.

מיינע דערוואַקסענע שוועסטער האָבן זיך געשעמט אַרויסצוגיין אויפן באַלקאָן, אָדער אַריינשטעלן זיך אין פענצטער און אַראָפּקוקן צו די קונצנמאַכערס. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט איבערווינדן זייער נייגערי־קייט, פלעגן זיי זיך אַוועקשטעלן אין אַ זייט פון אַ פענצטער, אַ קליין ביסעלע אָפּבייגן דעם פאָרהאַנג און מיט איין אויג אַראָפּקוקן אויפן הויף. זיי האָבן זיך דערביי פעסט צוגעדרוקט צו דער וואַנט, אַז פון אַן אַנט־קעגנאיבערדיק פענצטער צי פון הויף זאָל מען זיי חלילה נישט באַמערקן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאַרף מען זיך שעמען צו קוקן אויף זאַכן, וועלכע מען וויל זען, און מיר איז אַ רחמנות געווען אויף מיינע גרויסע שוועסטערן וואָס זעען נאָר מיט אַ ווינקל פון איין אויג דאָס, וואָס איך זע נישט נאָר מיט צוויי אויגן נאָר מיטן גאַנצן קאָפּ, מיט לייב און

לעבן. אָבער, אַז עס איז נישט אײַנגאַנצן קיין פּשוטע זאַך דאָס אַראָפּקוקן אויפֿן הויף, האָב איך געוווּסט, ווײַל די פּאַננע מאַדזשיע האָט אַפֿילו אונדז, יונגערע קינדער, אָנגעזאָגט נישט אַרויסצוגיין אויפֿן באַלקאָן אָן אַ דער־לויבעניש.

ווען די קונצנמאַכער זענען געווען אויפֿגעלייגט און צופֿרידן פֿון דעם צונויפֿגעזאַמלטן געלט, האָבן זיי געוויזן די קונץ מיט פּאַקולעס. איינער פֿון זיי האָט גענומען אַ האַנט מיט פּאַקולעס, זיי אײַנגעטונקען אין אַ פֿלעשל נאַפֿט און אונטערגעצונדן מיט אַ זאַפּאַלקע. די פּאַקולעס האָבן זיך העל־צעפֿלאַמט, דאָס פֿײַער איז זיך צעוואָקסן און דער קונצנמאַכער האָט זיך דאָס פֿײַער געשטופּט אין אָפֿענעם מויל אַרײַן, ווי מען שטופּט לאַנגע, ברייטע לאָקשן. ווען ער האָט שוין געהאַט אַראָפּגעשלונגען דאָס גאַנצע פֿײַער האָט ער צוגעלייגט צום מויל אַ שפּיץ פֿון דעם אײַזערנעם אָרשין און אָנגעהויבן אויף איר אויפֿוויקלען פֿאַרשידנפֿאַרביקע בענדער, וואָס האָבן זיך כסדר געצויגן פֿון האַלדז אַרויס. צוזאַמען מיט די בענדער האָבן זיך פֿון זײַן מויל אַרויסבאַקומען קײלעכדיקע קנוילן געדיכטן רויך.

די קונץ מיט דעם פֿײַער און בענדער האָט אַלעמען, אַפֿילו די דערוואַקסענע אַרײַנגעבראַכט אין אַנטציקונג. די קינדער זענען גאָר געווען אויסער זיך. זיי האָבן געקוקט דערויף מיט אַ געמישט געפֿיל פֿון פֿרייד און שרעק. זיי זענען נישט אײַנגעשטאַנען אויף איין אָרט, איבערגעשפּרונגען פֿון איין פֿוס אויפֿן צווייטן. ס'האָט זיי געהויבן פֿון אָרט. זיי האָבן מיט אומרויִקע הענטלעך געצופּט דאָס אָנטועכץ אויף זיך. טייל ווײַבער פֿון הויף האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פֿאַרבלענדעניש, אַז די קונצנמאַכער פֿאַר־בלענדן די צוקוקערס די אויגן, אַז זיי ווײַזן גאָרנישט דאָס, וואָס מענטשן זעען. טייל האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז אַזאַ מין פֿלינקייט, אַז זיי לעשן אויס דאָס פֿײַער נאָך איידער זיי לייגן עס זיך כּלומרשט אין מויל אַרײַן. טייל האָבן גאָר געזאָגט אַז דאָס איז כּישוף און מען טאָר אויף דעם בכלל נישט קוקן.

נאָר די קינדער איז נישט אָנגעגאַנגען „פּאַרוואָס" און „ווי אַזוי". זיי איז נישט אָנגעגאַנגען צי מען מעג דערויף קוקן, צי מען טאָר נישט.

זיי וואָלטן אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, נישט געגעסן און נישט געטרונ־קען, נאָר געקוקט ווי דער קונצנמאַכער שלינגט דאָס פייער און ציט די סטענגעס. לאַנג נאָך זייער פאַרלאָזן דעם הויף זענען נאָך די קינדער געשטאַנען אויף די ערטער, און ווי זיי וואָלטן זיך אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף האָבן זיי פּאַמעלעך געעפנט די אויגן און דערזען נעבן זיך אַ האַנט פון אַ דערוואַקסענעם מענטש וואָס האָט זיי צוריקגעפירט אין די שטובן אַריין.

זייט מען האָט ביי אונדז אויפן הויף געמאַכט „פּאָזשאָנדקעס", זייט מען האָט אויפגעשטעלט דאָס ביידל פאַרן וויין־קעלער און מען האָט צוגע־נומען די שטאַנגען, האָט דער הויף באַקומען אַן ערנסט, מיושבדיק פּנים. פּאַוועל האָט אויפגעהערט אַריינלאָזן אין הויף אַריין די קונצנמאַכערס, נאָר אין גאַנץ זעלטענע פאַלן, ווען מען האָט אים גאָר שטאַרק געבעטן, פלעגט ער נאָכגעבן. די זעלטענע וויזיטן פון די קונצנמאַכערס האָט דער הויף זייער גוט אויפגענומען און גוט באַלוינט, און דערפאַר האָבן זיי געוויזן אַלע זייערע קונצן, אויך מיט דעם פייער און די בענדער.

זייט סטאַשיעק איז געשטאָרבן און מען האָט פאַרשיקט אויף קאַטאָר־גע וולאַדעקן, איז פּאַוועל זייער שלעכט געוואָרן צו די קינדער פון הויף. ער פלעגט זיי אָפט יאָגן מיטן פאַסעק אין דער האַנט און פאַר דעם מינדסטן טומל וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט האָט ער זיך אויף זיי געוואָרפן. טייל קינ־דער האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט זייערע שפּילן אויפן וווינעם־פּלאַץ, נעבן דער עספּלאַנאַדע, און טייל האָבן אויפגעהערט אַראָפּצוגיין אויפן הויף זיך שפּילן.

פּאַוועל האָט שוין אינגאַנצן נישט אַריינגעלאָזט די קונצנמאַכערס. ער פלעגט איצט גיכער אַריינלאָזן די קאַטאַריניאַזשעס, וואָס האָבן אויס־געוואָיעט אויף זייערע קאַטערינקעס אַ צעריסענע מעלאָדיע צו די ווער־טער: „זאַטשעם מעניאַ מאַט ראָדילאַ"...

קאַטאַריניאַזשעס און מאַריאַנעטקעס

די קאַטאַריניאַזשעס וואָס זענען געקומען צו אונדז אויפן הויף האָבן אַלע געהאַט אָפּגעבערענטע פּנימער, גלאַט־אויסראַזירטע באַקן און לאַנגע וואָנסעס. זיי האָבן געטראָגן בלויע לייוונטענע הויזן און אַריבערגעוואָרפּע־נע איבער זיי בלויע לייוונטענע העמדער. די העמדער האָבן געהאַט קליינע אויפגעשטעלטע קעלנער, וואָס האָבן זיך פאַרשפּיליעט אויף דער לינקער זייט אויף העקעלעך. אַרום דער טאַליע האָבן זיי געטראָגן אויסגעהאָפּטענע גאַרטלען פאַרבונדן אויך אויף דער לינקער זייט און פאַרענדיקט מיט פּראַנדזן. זיי זענען געגאַנגען אין גלאַנצנדיקע שטיוול און אין הויכע, גראַ־נאַטענע היטלען מיט לעדערנע דאַשקעס.

אויף די קאַטאַרינקעס זענען געשטאַנען שטייגלעך און אין יעדער פון זיי האָט זיך געפונען אַ ווייסע טויב. די טויבן איז געווען ענג אין די קליינע שטייגלעך און ווי נאָר אַ קאַטאַריניאַזש איז אַריין אין הויף, זיך אָוועקגעשטעלט און אָנגעשפּאַרט דעם בויך פון דער קאַטאַרינקע אויף אַ דאַרן, איינציקן האַלצערנעם פוס, האָט ער געעפנט דאָס שטייגל און אַרויסגעלאָזט די טויב, וואָס האָט זיך שפּאַצירט אויף דער דעק פון דער קאַטאַרינקע ווי אַ זייער בכבודיקע, עלטערע, דיקע מאַמע. זי איז זיך געגאַנגען אַהין און צוריק און פון גרויס פאַרגעניגן געוואָרקעט.

דער קאַטאַריניאַזש האָט אויך אַוועקגעשטעלט אויף דער קאַטאַרינקע אַ קעסטעלע מיט פאַרמאַכטע קאָנווערטן. אין די קאָנווערטן האָבן זיך געפונען אָפּגעדרוקטע אויף ראָזאַ און גרין פּאַפּיר נביאותן וועגן דער צוקונפט, וועגן אַ חתן און וועגן ליבע. אין די ראָזאַ נביאותן האָט זיך גערעדט וועגן ליבע און אין די גרינע וועגן האָפענונג און צוקונפט. ווען די קאַטאַרינקע האָט שוין געהאַט אויסגעקרעכצט און אויסגעוויינט עטלע־כע סענטימענטאַלע מעלאָדיעס, וועלכע דער קאַטאַריניאַזש האָט אונטער־געהאַלטן מיט זיין באַסאָווער שטימע, האָבן זיך אַרום דער קאַטאַרינקע

אָנגעהויבן באַוויזן יידישע און דער עיקר קריסטלעכע דינסט־מיידלעך, שיקסעס. זיי האָבן געשטופּט אין דער האַנט אַריין דעם קאַטאַריניאַזש צו צוויי קאָפּיקעס און די טויב האָט פון קעסטעלע אַרויסגעפּיקט פאַר יעדער פון זיי אַ קאָנווערט און זי דערלאַנגט מיטן שנאָבל. די דינסטן וואָס קיין איינע פון זיי האָט נישט געקאָנט לייענען, פלעגן די קאָלירטע פּאַפּירן באַהאַלטן אין די בוזעמער און ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסנעמען זיי פון דאָרט צעוואָרעמטע און בעטן ביי די דערוואַקסענע מיידלעך פון די פאַמי־ליעס, ווו זיי האָבן געדינט, נאָך אַ מאָל און נאָך אַמאָל זיי איבערצולייענען.

די קינדער פון הויף האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער קאַטאַרינ־קע אין אַ האַלב־ראָד. די עלטערע ייִנגלעך האָבן מיט נייגעריקייט געקוקט אויף די נאַקעטע פּרויען, אויף די מוזעס און נימפעס, וואָס זענען מיט ראָזא און גאָלד געווען אויסגעמאָלן אויף דער שוואַרצער, פאָדערשטער זייט פון דער קאַטאַרינקע. די יונגע קינדער האָבן געוואָלט דער עיקר דערגיין פון וואַנען די קלאַנגען און די מעלאָדיע באַקומט זיך אַרויס. זיי האָבן געזען, צי זיך אָנגעשטויסן, אַז ווען דער קאַטאַריניאַזש דרייט מיט דער קאָרבע טוט זיך עפּעס אין דער קאַטאַרינקע, אַז אין אירע איינגעווייד קומט זיך עפּעס צונויף און צעגייט זיך ווי אין אַ האַרמאָניע. מיר האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז דער קאַטאַריניאַזש לייגט אַריין אין דער קאַטאַרינקע אַ גאַנצע מעלאָדיע און דרייענדיק מיט דער קאָרבע גייט די מעלאָדיע אַרויס ביסלעכווייז, ווי פון אַ פלייש־מאַשינקע אין וועלכער מען לייגט אַריין אַ גרויס שטיק פלייש און אַזוי דרייענדיק מיט דעם הענטל גייען אַרויס פון דער מאַשינקע לאַנגע פלייש־לאָקשן.

די קאַטאַריניאַזשעס פלעגן אָוועקיאָגן די קינדער פון דער קאַטאַרינ־קע, זיי זאָלן נישט שטערן די דינסטן צוצוגיין אויסלאָסעווען אַ נביאות. ווען קיין שיקסעס זענען נישט געווען נעבן דער קאַטאַרינקע האָט פּלוצים אַזאַ קאַטאַריניאַזש מיט פּוילישע וואָנסעס אָנגעהויבן שעלטן די יידישע קינדער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, אין זייער מאַמען אַריין אויף יידיש. מיטאַמאָל האָט מען דערזען, אַז דער קאַטאַריניאַזש איז גאָר אַ ייד, וואָס רעדט יידיש מיט האַרטע, ראַציקע ריש'ן. מיך האָט אַזאַ ייד מער געשראָקן, ווי אַ גוי. מיר איז אומהיימלעכער געוואָרן פון זיין יידישקייט,

ווי פון זיין גויאישקייט, נאָר אַ רחמנות אויף אים איז מיר פּאָרט געווען. איך האָב אַרויסגעפילט אין אים אַ פאַרוואָגלטקייט. גאָרנישט האָט אַזוי אין מיינע קינדער־יאָרן געוועקט מיין מיטגעפיל, ווי זען אימיצן אַ היימלאָזן אָדער אַ פאַרפרעמדטן.

דער עיקר איז דעם קאַטאַריניאַזש געגאַנגען אין נעמען ביים האַרץ דאָס ערשטע דינסט־מיידל, טרעפן אין איר צעבראָכן געמיט און צעשפּילן איר פאַנטאַזיע וועגן אַ מאָרגן, וואָס זאָל זיין פול מיט צוזאָגן וועגן גליק. איז נאָר דאָס ערשטע דינסט־מיידל אַראָפּ אויפן הויף און אויסגעשטרעקט איר האַנט מיט די צוויי קאָפּיקעס נאָך אַ קאַנווערט מיט אַ נביאות, זענען באַלד אַלע יידישע דינסט־מיידלעך און שיקסעס איר נאָך און באַלאַגערט דעם קאַטאַריניאַזש. נישט זעלטן האָט אַ טאָכטער פון אַ באַלעבאַטישער שטוב געבעטן אין געהיים די דינסט זי זאָל איר אויך אַרויפברענגען פון קאַטאַריניאַזש אַ נביאות.

נישט אַלע מאָל איז באַשערט געווען דעם קאַטאַריניאַזש אַזאַ דערפאָלג. ער פלעגט טיילמאָל דרייען מיט דער קאָרבע, אויסשפּילן עטלעכע אומעטיקע מעלאָדיעס און מער ווי אַ פּאָר קאָפּיקעס וואָס מען האָט אים פון רחמנות אַראָפּגעוואָרפן דורך די פענצטער און וועלכע די קינדער האָבן פאַר זייענטוועגן אויפגעהויבן, האָט ער נישט געהאָט. ער פלעגט דאַמאָלט אַ סיקע טון דורך די ציין, אַ שפּיי טון, פאַרוואָרפן זיך אויף די פּלייצעס אויף לעדערנע פּאַסן די קאַטאַרינקע, געמען אונטערן אָרעם דעם האַלצערנעם פּוס און אַן איינגעהויקערטער אַרויס פון הויף.

*

אין יענע גוטע צייטן, ווען דער הויף איז נאָך געווען אינגאַנצן בלוי און פריילעך, ווען געקיגיגט אויף אים האָבן בראָודע׳ס יונגען, ווען עס האָט געלעבט סטאַשיעק און וולאַדעק איז דאָרט געווען אַ שטיק באַלעבאָס, דאַמאָלט פלעגט מען אויפן הויף אויך ווייזן די שפּיל מיט די מענטשעלעך.

פּלוצים האָט מען דערהערט פּייקלען. ווען מען איז צו צו די פענצטער, איז שוין אין מיטן הויף געשטאַנען אַ קליין ביידל פון פיר שפּאַנישע ווענטלעך. איבער דעם ביידל האָט זיך באַוויזן אַ מאַרקיזע אָנגעטון אין

אַ ווייס, סאַמעטן קלייד און אין אַ הויכן ווייסן פּאַריק. זי האָט עטלעכע מאָל זיך איבערשפּאַצירט, וויגנדיק זיך ווייך מיט איר קאָרפּולענטן קער־פּער אַזוי־ווי זי וואָלט געשווומען אין דער לופט. אינדעם האָט זיך באַוויזן אַ שמאָלער אַרלעקין אינגאַנצן אָפּגעצויגן אין גרינעם זייד. ער האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר דער ווייסער מאַרקיזע און פאַרפירט מיט איר אַ שמועס. זיי האָבן גערעדט אין אַ פויגל־שפּראַך, אין דער שפּראַך פון פּאַפּוגעס און קראָען. זיי האָבן געקרעלט און געקראַקעט, אַז עס האָט פּאַרטויבט דעם הויף. דער אַרלעקין האָט פּרובירט אַרומנעמען אַרום דער טאַליע די מאַרקיזע. עטלעכע מאָל האָט זי זיך זייער געשיקט אַוועקגעבויגן אויס־מיידנדיק זיין אָרעם. אָבער ענדלעך איז זי געוואָרן צו אים לייטזעליקער און זיך געלאָזט פון אים אַרומנעמען. דאַמאָלט האָט זיך באַוויזן אַ העל־בלאָנדע קאָלאָמבינע אין אַ ברייט רויט, זיידן קלייד. דערזעענדיק דעם אַרלעקין ווי ער האַלט אַרומגענומען די מאַרקיזע האָט זי אויסגעקרעלט אירע שווערע פאָרווורפן מיט איר קרעלנדיקער פּאַפּוגע־שפּראַך. דער אַרלעקין איז איר נישט געבליבן שולדיק און אויסגעקראַקעט זיין ענטפער אויף זיין קראָען לשון. מיטאַמאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געכאַפּט אַ שטיק האָלץ און אַ קלאַפּ געטון קאָלאָמבינען איבערן קאָפּ. זי איז געפאַלן אין אָנמאַכט און געבליבן הענגען ווי אַ שטיק רויטע, זיידענע שמאַטע אויפן ראַנד פון דעם בלויען שפּאַנישן ווענטל. די מאַרקי־זע האָט געחלשט. עס איז אַרויפגעשווומען אַ דאָקטאָר מיט ווייסע באַקן־בערד, אין ברילן, מיט אַ שוואַרצן צילינדער און אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט אַ ווייסן גאַרס. דער דאָקטאָר האָט געראַטעוועט די ווייסע מאַרקיזע, געפּאַ־כעט אויף איר און געבלאָזן. דערנאָך איז ער צוגעשווומען צו דער קאָלאָמ־בינע, געקוקט אויף איר און געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ. ווען ער איז אַוועק, זענען אַרויף צוויי לאַנגע לייט אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע בגדים. זיי האָבן ביידע אָנגענומען די טראַגע, וואָס איינער פון זיי האָט זי אַרויפ־געבראַנגט אונטערן אָרעם, אַרויפגעלייגט אויף איר קאָלאָמבינען איבערגע־דעקט זי מיט אַ שוואַרץ טוך און אַראָפּ.

עס האָט זיך באַוויזן פּיעראָ אין אַ ברייטער, שוואַרצער זיידענער בלוזע מיט גרויסע ווייסע קנעפּ, מיט אַ ווייסער פּריזע אַרום דעם האַלדז און



„זאַטשעם מעניאַ מאַט' ראַדילאַ"

מיט אַ ווייס ווי קאַלעך פּנים. ער איז באַלד אַריין אין אַ געקריגעריי מיטן אַרלעקין. זייער קראַקעריי האָט אָנגעפּולט די אויערן מיט אַ ווילדן רעש. מיטאַמאָל האָט פּיעראָ געכאַפּט דאָס שטיק האָלץ, וואָס עס האָט פריער געהאַט דער אַרלעקין און אַוועקגעלייגט דעם לעצטן אַ טויטן. פּיעראָ איז געווען פול מיט טריומף. פּלוצים האָט ער דערזען די מאַרקיזע אַ פאַרקוקטע אין אים. ער האָט לאַנג נישט געטראַכט און אויך איר דערלאַנגט מיטן שטיק האָלץ און זי געטויט. פּיעראָט האָט אַרומגעשוועבט עטלעכע מאָל אַהין און צוריק איבער דעם חלל פון דעםביידל ביז פּלוצים האָט ער באַקומען פון אַ פאַרבאָרגענער האַנט אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ מיט דעם זעלבן שטיק האָלץ מיט וועלכן ער האָט געהרגעט דעם אַרלעקין און די מאַרקיזע — און די שפּיל איז געענדיקט. אויף די ווענטלעך פון דעם ביידל זענען געבליבן ליגן אַריבערגעוואָרפענע דריי אויסגעהויכטע קערפּערס פון סאַמעט און זייד.

די שפּיל מיט די מענטשעלעך האָט זיך געצויגן לאַנג. מיר האָט זיך געדאַכטן, אַז זי וועט קיינמאָל נישט אויפהערן. און ווען אפילו איך האָב געזען, אַז זי ענדיקט זיך שוין אין אַ מינוט אַרום, איז די מינוט אויך געווען אייביק. אין קיין שום עלטער האָט דער מענטש נישט אַזאַ געפיל פון אייביקייט ווי אין די קינדער־יאָרן. די הויפּט־שפּאַנונג איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די קינדער האָבן נישט געוווסט, אַז דאָס זענען ליאַלקעס. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען ליליפּוטן, אַזעלכע קליינע מענטשעלעך, וואָס באַוועגן זיך אַזוי שנעל און רעדן אַזוי משונהדיק. גענוי וואָס דאָס איז האָבן זיי נישט געוווסט אפילו דאַמאָלט ווען זיי האָבן געזעען ווי נאָך דעם פאַרענדיקן די שפּיל שלעפּט אַ מענטשלעכע האַנט אַראָפּ די טויטע פון די ווענטלעך און עס באַווייזט זיך אַ קריסט מיט אַ בלאָנדן קאָפּ שטייפע האָר, אַ דאַרער און אַ בייזער. אין איין האַנט האַלט ער אַ קויש אין וועלכן עס ליגן די ליאַלקעס פּוסט און אויסגעצויגן און מיט דער צווייטער לייגט ער צונויף דאָס ביידל, נעמט עס אונטערן אָרעם און גייט אַרויס פון הויף.

ווען די דערוואַקסענע מענטשן האָבן דערזען דעם קריסט, האָבן זיי געזאָגט מיט אַנטוישונג: — אָט דאָס איז דער „בזשוכאָמוווצע" (דער בויך־רעדער), אָט ער האָט דאָס אַזוי געקראַקעט פאַר די מענטשעלעך, דאָס האָט

ער אַזוי מיט זיי קאָמאַנדעוועט, און די מענטשעלעך זענען גאָר ליאַלקעס געמאַכט פון שטיקלעך סאַמעט און זייד און אַרויפגעקלאַפּט אויף שטעקענעס.

פאַר די קינדער איז אָבער דאָס באַוויזן זיך פון דעם קריסט פון אונטער דעם שפּאַנישן ווענטל און די רייד פון די דערוואַקסענע נישט נאָר נישט געווען קיין אַנטוישונג, נאָר נאָך אַ סיבה פאַר אַנטציקונג, אַ פרישער מקור פון איבעראַשונג, אַ ווילדע סענסאַציע, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן שוין גאָרנישט געקאָנט באַנעמען, נאָר וואָס האָט זיי אָנגעפולט מיט געשעעניש, געמאַכט פריילעך און אויפגעברויזט, ממש שיכור.

לאַנגע טעג נאָך דעם האָבן נאָך די קינדער אַלץ גערעדט פון די מענטשעלעך און גאָרנישט געהאַט געגנוג פון נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערציילן איינער דעם צווייטן דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט אַזוי גוט געוווסט. בראָודע׳ס אַ יינגל האָט אונדז, קינדער, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס האָט דער ארלעקין געוואָלט פירן אַ ליבע מיט דער מאַרקיזע און קאָלאָמבינע איז געווען שטאַרק אייפערזיכטיק.

כאָטש נישט מיין שוועסטער עווא און נישט איך האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דאָס אַזוינס ליבע און אייפערזוכט, האָבן מיר זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם וואָס מיר האָבן געהערט. ווען מיר זענען אַרויפגעקומען אין שטוב האָבן מיר דערציילט אונדזערע דערוואַקסענע שוועסטערן וועגן דער „מילאָשטש״ (ליבע) פון ארלעקין מיט דער מאַרקיזע. אונדזערע שוועסטערן האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט און אונדז געפרעגט: „— אַ צאָ טאָ יעסט מילאָשטש? (וואָס איז דאָס אַזוינס ליבע?). מיר האָבן נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, געמאַכט אַ מינע ווי מיר וואָלטן זיך געברוגזט און אַוועק פון זיי.

ס׳פלעגט אויך אויפן הויף קומען אַ מענטש מיט אַ הייזעלע, וואָס האָט געהאַט אַ גרינעם דאַך און בלויע ווענטלעך. איין ווענטל האָט געהאַט צוויי קיילעכדיקע פענצטערלעך. דאָס הייזעלע פלעגט דער מענטש אַרויפשטעלן אויף אַ געשטעלעכץ. אַז אַ קינד האָט אים געגעבן אַ קאָפּיקע האָט ער געקאָנט ארייַנקוקן דורכן פענצטערל. צוויי קינדער האָבן געקענט קוקן אויף איין מאָל. דאָס איז געווען ווי אַ מין פּאַנאָראַמע. דער מענטש האָט פּאַמעלעך געדרייט מיט אַ הענטל און מען האָט געזען אַ מלחמה.

רייטערס אויף פערד האָבן זיך געיאָגט מיט פּיקעס אין די הענט. דערנאָך האָט מען געזען ירושלים און קבר רחל, דערנעבן איינעם אין אַן אַבּאַיע וואָס רייט אויף אַ קעמל. דער מענטש האָט געדרייט ביים הענטל סך־הכל עטלעכע מינוט און געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ, אַז ס׳איז שוין געענדיקט, און דאָס קינד פלעגט שטענדיק אַוועקגיין פון פענצטערל אַ נישט צופרידנס. די קינדער האָבן גערופן דאָס הייזעלע: „קוקע־דע־לאָכע״.

*

ס׳פלעגט קומען אויפן הויף אַ ייד אויף איין פוס. אַ קליינער, מיט אַ שיטער, גרוי בערדל אויפן סוף פון זיין שפּיציקער, אַרויסשטאַרצנדיקער פּאַרויס גאָמבע. ער איז געגאַנגען אויף אַ קוליע און אויף אַ פּאַסיק געטראָגן אויף דער לינקער זייט אַ שפּיל־קעסטעלע (אַ פּאַנאָגראַף). נעבן אים איז געגאַנגען זיין ווייב, פּונקט אַזוי קליין ווי ער און געטראָגן אין אַ קיישל איר מאַנס האַלצערנעם פוס. דער ייד פלעגט אַרויפלייגן אויפן שפּיל־קעסטעלע אַ קיילעכדיק, בלעכן רעדל פול מיט לעכעלעך פון פאַרשידענע גרייס. דער ייד האָט געדרייט מיט דער קאָרבע און דאָס שפּיל־קעסטעלע האָט אַרויסגעהוסט און אַרויסגעקרעכצט אָפּגעהאַקטע טענער פון צעבראָ־כענע מעלאָדיעס.

ס׳זענען געקומען יידן מיט גראַמאָפאָנען. איינער האָט געטראָגן דאָס גראַמאָפאָן־קעסטל און דער צווייטער די רויטע טובע מיט דעם געשטע־לעכצל. מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן, אַרויפגעזעצט די טובע, אָנגעדרייט די קאָרבע, אָנגעשטעלט די נאָדל אויף דער פּליטע און דער גראַמאָפאָן האָט אַ זינג געטון:

„דאָס טליתל איז דאָך די הערצלעכע טרייסט״...

אַמאָפּטסטן האָבן די גראַמאָפאָנען געשפּילט:

„אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו נישט פאַרזאַמען״...

און אַלע דינסט־מיידלעך אפילו די שיקסעס פון הויף האָבן מיט־געזונגען:

„הייל מיין הערץ

אַ הויף אויף פּאָקאָרנע

פון טיפן שמערץ
שיקע די נחמה״...

*

ס׳איז געשטאָרבן משהלע, דער בעטלער, דער האַלבער נאַר, וואָס האָט געקאָנט אָן אַ שיער עסן, דער וואָס האָט געמאַכט מי שבירך׳ס און געזונגען דאָס ליד „פּאָניע דינעך״. ער האָט געוווינט ביי אַן אָרעמער פאַמיליע אין אַ סוטערינע אויף דער פּאָקאָרנע גאַס. אין איינעם אַ שבת איז ביי זיינע באַלעבאַטים נישט געראָטן דאָס טשאָלנט. ס׳איז אַרויס כמעט אינגאַנצן רוי. משהלע האָט נישט געלאָזט אַרויסוואַרפן דאָס טשאָלנט, נאָר זיך אַוועקגעזעצט און איינער אַליין איפּגעגעסן דעם גאַנצן טאָפּ. אין עטלעכע שעה אַרום האָט ער באַקומען בויך־קראַמפּן. ער האָט געהאַט מוראדיקע יסורים, ס׳האָבן זיך אים איבערגעדרייט די קישקעס און ער איז געשטאָרבן.

אונדזער דינסט גענענדל האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות די גבירים, וואָס געבן צו עסן די אָרעמעלייט דאָס, וואָס זיי אַליין ווילן אין מויל אַריין נישט נעמען. ווען מיין מאַמע האָט איר געזאָגט, אַז די, וואָס האָבן געגעבן משהלען צו עסן דאָס טשאָלנט, זענען גאָרנישט קיין גבירים, נאָר גאָרע אָרעמעלייט, האָט גענענדל געענטפערט: — אויב אַזוי, האָבן זיי אינגאַנצן נישט צו וואָס צו לעבן, איז אַ שאָד, וואָס די ערד טראָגט זיי.

צומאָרגנס מיטאָג־צייט איז געקומען די עגלה ציצונעמען משהלען. די פערד זענען נישט געווען אָנגעטון אין שוואַרצן געוואַנד, נאָר געווען נאַקעט, מיט נאַקעטער ברוינער פעל. די עגלה איז נישט געווען אונטן אַרומגעשלאָגן מיט שוואַרצן שטאָף, נאָר אַרומגעקלאַפּט מיט שוואַרצע ברעטער.

דער בעל־עגלה, אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַ קליין גרוי האַרט בערדל, מיט אַ לאַנגן שוואַרצן בגד און אַ שוואַרצן האַרטן קאַפּעליוש איז מיטן גאַנצן אימפּעט פון די צוויי אונטערגעיאָגטע פערד פאַרפאָרן פאַר דער פראָנטאָווער סוטערינע וווּ ס׳איז געלעגן דער מת. ער איז שנעל אַראָפּ פון קאָזשיאָל און צוגעאיילט די יידן וואָס זענען צו צו דער עגלה נעמען דעם קאַסטן, אַז זיי זאָלן נישט באַלאַמוטשן. ווי נאָר מען האָט

אַרויסגעטראָגן דעם קאַסטן מיטן בר־מנן, איז דער ייד, דער בעל־עגלה, אַרויף אויפן קאָזשיאָל און אַזוי גיך ווי ער איז געקומען, אַזוי גיך איז ער אַוועקגעפאָרן. ער איז צומאָל נישט געפאָרן עטלעכע טריט פּאַמעלעך, נאָר באַלד געגעבן אַ שמיץ די פערד און די עגלה האָט זיך צעשאָקלט אויף די שפּיציקע שטיינער פון דער גאַס, נישט ווי ס׳וואָלט דאָרט איינגעווייניק געלעגן אַ מת, נאָר אַ זאַק קאַרטאָפל. קיינער האָט די עגלה נישט אָפּגע־וואַרט און קיינער האָט זי נישט באַגלייט.

גענענדל איז געשטאַנען ביים טויער פון אונדזער הויז און פונדער־ווייטנס זיך צוגעקוקט צו דער לוויה. זי איז געשטאַנען פאַרשטאַרט און מיך פעסט געהאַלטן ביי דער האַנט. זי האָט אינגאַנצן געציטערט. מיט־אַמאָל איז איר האַנט געוואָרן נאַס ווי מען וואָלט זי באַגאָסן מיט וואַסער. מיך האָט געאיבלט פון דעם שוויס פון איר האַנט, כ׳האָב זי אָבער נישט געוואָלט אָפּלאָזן צוליב דער מורא פאַר דער עגלה, פאַרן טויטן, און פאַר דעם ייד, דעם בעל־עגלה. גענענדל האָט זיך נישט באַוועגט, אַזוי ווי זי וואָלט אפילו נישט געאָטעמט. פון איר האָט געשלאָגן אַזאַ אומעט, אַז מיר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט וויינען. איך האָב אָנגעהויבן שרייען: גענענדל, געננעדל! זי האָט שווער און פּאַמעלעך אויסגעדרייט צו מיר איר גרויסן, צעשויבערטן קאָפּ, מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרטראָגענעם בליק, געוויזן מיר אַ געביילטע פויסט און פלוצים אַ קוש געטון מיר אין שטערן מיט אירע גראָבע ליפּן, האַסטיק זיך אויסגעדרייט און צוריק אַריין מיט מיר אין הויף.

דער לעצטער „דיליזשאַנס״

אין איינעם אַ מאַנטיקדיקן זומער־נאָכמיטאָג איז דער סטאָיקאָווע דאָס „רבילע״ מיט דער לאַנגער, געלער באָרד, דער וואָס האָט געשמעקט טאַביק פון אַ האָלצערן טאַביק־שקעטעלע, נישט געקומען אויף דער סטאָיקע, וועלכע ער האָט שוין זייט יאָרן פאַרנומען אויפן ראָג פּאָקאָרנע

און וואָלוווקע. אויף זײַן אָרט איז געקומען אַ צווייטער סטאָיקאָווע, א הויכער, אַ גלייכער און אַ דאַרער, מיט אַ פּאָר העלע, אָפענע, פרעכע אויגן, מיט אַ ברייטער און פאַרשאַרצטער קאָזאַצקער נאָז און מיט פאַר׳דרייטע אַרויף גרויסע, בלאָנדע וואָנסעס, אונטער וועלכע עס האָט זיך באַהאַלטן אַ חוזק־שמייכל.

דער דאָזיקער סטאָיקאָווע איז נישט געווען אַזוי עלעגאַנט ווי דאָס „רבילע״. כאָטש עס איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, האָט ער נישט געטראָגן קיין ווייסע הענטשקעס. זײַן בלויער מונדיר איז געווען אַביסל אָפּגעלאָזן, די ווייסע הויזן מיט די בלויע ליאמפּאַסן האָבן נישט געבלאַנקט מיט זייער ווייסקייט ווי דעם „רבילעס״ הויזן. ער האָט זיך נישט געשנייצט די נאָז אין אַ גרויסער, רויטער פאַטשיילע, ווי דאָס „רבילע״ פלעגט דאָס טון. ווען ער האָט באַדאַרפט אַ שנייץ טון, האָט ער צוגעלייגט דעם ווייז־פינגער פון דער רעכטער האַנט צו דער רעכטער זייט נאָז און אַרויסגעשנייצט פון דער לינקער זייט, דערנאָך האָט ער צוגעלייגט דעם ווייז־פינגער פון דער לינקער האַנט און אויסגעשנייצט פון דער רעכטער זייט, דערנאָך געגעבן אַ וויש איבער דער נאָז מיט דער האַנט — און פאַרטיק. בלויז די שוואַרצע, געמזענע שטיוול, וועמענס כאַלעוועס זענען געווען העכער ווי ביים „רבילעס״ שטיוול, האָבן געגלאַנצט מיט אַ חוצפּהדיקן גלאַנץ פון ביליקן שוואַקס.

אויף די יידן פון דער וואָלוווקע און אויף די, וואָס האָבן געהאַט געוועלבער אויף פּאָקאָרנע איז געפאַלן אַ מרה־שחורה און אַ צעטומלטקייט. איינער האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן מיט שטומע אויגן פולע מיט פאַרצווייפלונג, ווי עפּעס אַ גרויס אומגליק וואָלט געהאַלטן ביים אָנקומען. דעם אָוונט, ווען דער נייער סטאָיקאָווע איז אָנגעקומען, זענען אַלע בוידן, סטראַגאַנעס און געוועלבער אויף דער וואָלוווקע און פּאָקאָרנע געשלאָסן געוואָרן פּינקטלעך זיבן אַזייגער. די גאַס איז אָפּגעליידיקט געוואָרן פון מענטשן, ווי ערב יום־כּיפּור.

די יידן האָבן זיך אָנהויב געטרייסט, אַז אפשר איז עס אַ צופאַל, וואָס דאָס „רבילע״ איז נישט געקומען, אפשר איז ער קראַנק. אפשר איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַ קורצער צייט. אָבער ווען עס איז אַדורך אַ וואָך

און צוויי און דאָס „רבילע״ האָט זיך נישט געוויזן, האָט דער עולם פאַר־שטאַנען, אַז עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך.

דער נייער סטאַיקאָווע האָט געזען די בהלה אין וועלכער זיין באַווייזן זיך האָט אַריינגעוואָרפן די וואָלוווקער יידן. ער האָט געזען מיט וואָס־פאַראַ אייפער די יידן יאָגן אַרויס די קונים, ווען עס קומט די פאַרגעשרי־בענע צייט צו פאַרמאַכן די געוועלבער. ער האָט געזען ד'עם אומעט אין זייערע אויגן, ווען זיי פאַרלייגן די אייזערנע פרענטן מיט די שלעסער אויף זייערע בוידן און געוועלבער. ער האָט זיך צו דעם אַלעם צוגעקוקט און גאָרנישט גערעדט, נישט געענטפערט מיט קיין „טשעסט״ אויף די יידנס באַגריסונגען, ווי דאָס „רבילע״ פלעגט דאָס טון, נאָר דער חוזק־שמייכל פון אונטער זיינע גרויסע וואָנסעס איז אפּערגעקראָכן און זיך צעלייגט איבער זיין גאַנץ פנים מיט דער פאַריסענער קאָזאַצקער נאָז.

די יידן פון די וואָלוווקער און פאָקאָרנער געוועלבער זענען גאָרנישט געווען אַזעלכע פחדנים, אַז זיי זאָלן מורא האָבן פאַר אַ סטאַיקאָווע. זיי פלעגן אים אָפּגעבן כבוד און אפילו פאַר דעם „רבילע״, וואָס איז געווען מיט אַלע יידן פון דער וואָלוווקע אויסגעקאָכט, אפילו פאַר אים האָבן די יידן געהאַט דרך־ארץ, ווי פאַר אַ פאָרשטייער פון מלכות. אָבער מורא האָבן? זיך שרעקן? אַריינפאַלן אין פאַניק? דאָס איז ביי זיי קיינמאָל נישט געווען.

נאָר דער נייער סטאַיקאָווע איז אַזוי אַנדערש געווען פון דעם פריער־דיקן, אַז אָט די אַנדערשקייט האָט שווער געמאַכט די יידנס געמיטער, צוגערויבט ביי זיי זייער גאַנצע ביז איצטיקע דרייסטקייט און געמאַכט זיי זיך פילן נישט זיכער. דאָס „רבילע״ איז געווען פון מיטעלן וווקס, מיט אַ קיילעכדיקער געבויגענער פלייצע, מיט אַ לאַנגער געלער באָרד. ער האָט געשמעקט טאַביק פון אַ טאַביק־שקעטעלע און געזוישט די נאָז מיט אַ גרויסער, רויטער, חסידישער פאַטשיילע. כאָטש ער איז געווען ביי דעם אַלעם עלעגאַנט, געטראָגן זומער ווייסע דינע הענטשקעס און ווינטער ווייסע־וואָלענע, און זיין מונדיר איז שטענדיק געווען אַזוי ווי פון אונטער דער נאָדל אַפּער, כאָטש ער האָט געוווסט ווי אָפּצוהיטן זיין שטאַנד, איז אין זיין האַלטן זיך, אין זיין הילוך און רעדן געווען אַזויפיל היימישס,

איגנס, אַז אויף אים אַ רוס פון דור־דורות, האָבן די יידן אויסגעטראַכט, אַז ער איז אַ משומד און אים אַ נאָמען געגעבן „רבילע".

דאַקעגן דער נייער סטאַיקאָווע איז געווען אַן אמתער פּאַנקע, עפּעס אַ פרעמדער פון אַ פרעמדער וועלט. ער האָט זיך אַזוי נישט אַריינגעפּאַסט אין דער גאַנצער יידישער סביבה, ער איז דאָ געווען אַ ווילדער דיסאָ־נאַנס, און די יידן האָבן מיט זיין אַנוועזנהייט, מיט זיין דרייען זיך צווישן זיי, גאָרנישט געקאָנט שלום מאַכן. די דאָזיקע פרעמדקייט און אַנדערש־קייט פון דעם סטאַיקאָווע האָט געמאַכט די יידן אָפּהענטיק און זיי האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי צו זוכן אַ וועג צו אים.

אָבער לאַנג האָט עס אַזוי נישט געקאָנט אָנהאַלטן. ס'האָט זיך דער־נענטערט דער האַרבסט, ס'איז אָנגעקומען דער סעזאָן פון שטיוול און שיך, פון פּאַלטנס און שפּענצערס. די וואָלווקע מיט איר אַלטוואַרג, די פּאָקאָרנע מיט אירע לעדער־געוועלבער, מיט די כאַלעווע און פּשישווע־שטעפּערס האָבן זיך געגרייט צו לייזן. דאָס פאַרמאַכן די געוועלבער און בוידן אין דער דורך דער פּאָליציי באַשטימטער שעה, האָבן זיי געהאַלטן פאַר אַן אומגליק, פאַר אַ גזירה, וואָס רויבט אַוועק ביי זיי אַ האַלבע פּרנסה.ביים „רבילע" האָבן זיי שוין לאַנג געהאַט וועגן דעם פאַרגעסן, זיי האָבן שוין געוווסט ווי אַזוי מיט אים אַ שמועס צו טון, ווי אַזוי זיך מיט אים צו באַגיין, און דאָס „רבילע" האָט שוין געוווסט ווען און ווו ער דאַרף זיך מאַכן נישט זען. אָבער דער נייער סטאַיקאָווע, איז גאָר געווען אַן אָנשיקעניש און די יידן זענען צוליב אים געווען אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט.

האָט זיך געפונען אַ ייד, אַ „מעלדונקאָווע זשאַנדצע" פון איינעם פון די הייזער אויף פּאָקאָרנע, אַזוינער, וואָס איז געווען אויסגעקאָכט מיט דער נאַטשאַלסטוואָ, און ער האָט זיך אונטערגענומען אַ שמועס צו טון מיטן נייעם סטאַיקאָווע. אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער סטויקע, האָט אים דער מעלדונקאָווער זשאַנדצע אָפּגעוואַרט, ער האָט זיך פאַר אים פאַרנייגט און אים פאַרבעטן אין דער באַוואַריע, וואָס איז געווען ביי אונדז אין הויז. דער סטאַיקאָווע האָט זיך אויף אַ מינוט

אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך באַטראַכט, יאָ אָננעמען צי נישט אָננעמען די איינלאַדונג. דער מעלדונקאָווע זשאַנדצע האָט אים אָבער געהאַט פאַר־האַלטן צוויי טריט פאַר דער באַוואַריע. ווען ער האָט מיט דער רעכטער האַנט געמאַכט צום סטאַיקאָווע אַ פאַרבעטנדיקן זשעסט, האָט ער אים איינציייטיק אָנגעוויזן אויף דעם שויפענצטער פון דער באַוואַריע, ווו ס׳זע־נען געשטאַנען פּולמיסקעס מיט געפילטע פיש, ווו אין אַ בראָטפּאַן איז ברייט געלעגן אַ גרויסע, געבראָטענע גאַנדז און אין גרויסע סלאָיען זענען געשטאַנען פאַרשידענע מאַרינאַטן. דעם הויכן, דאַרן סטאַיקאָווע איז די סלינע געקומען אין מויל אַריין, ער האָט זיך אַ הויכן שנעל געטון מיט צוויי קנאַקנדיקע פינגער אין גאָרגל אַריין אונטער דער גאָמבע, אַ צמאָקע געטון מיט די זשעדנע ליפּן און געזאָגט: — דאַוואַי זאַידיאָם (מילא, לאָמיר אַריינגיין).

דער באַוואַרניק האָט זיך אַ פאָרע געטון אַרום דעם פרישן גאַסט. אים האָט זיך דערמאָנט דאָס „רבילע", ווען ער פלעגט זיצן און בריווח עסן און טרינקען אין דער באַוואַריע און דערנעבן זענען געזעסן די יידן, אָפט געגומען ביי אים דאָס שקעטעלע צו נעמען אַ שמעק דאַר־מאַנס טאַביק, זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות וועגן טיף ראָסעי און שטאַרק פון זיי הנאה געהאַט און אים טיילמאָל אין גרויס געהויבנקייט אפילו אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע. דאָס „רבילע" האָט קיינמאָל נישט פאַריבל געהאַט פאַר אַזאַ גוט־ברודערישן קלאַפּ. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פון פריינטשאַפט צו אים און נישט חלילה אַז מען איז מזלזל אין זיין כבוד. אוי! ווי אַנדערש האָט דאָס דאַמאָלט אויסגעזען!

דעם באַוואַרניק איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרץ. עפּעס אַזויפיל געשעענישן זענען לעצטנס זיך פאַרלאָפן אין הויף. געשטאָרבן אַלטער, אַוועק פון דער וועלט דער אָנגעשטעלטער פון דאַרפמאַנס פאַבריק, אַזאַ איידעלער, חסידישער ייד. געשטאָרבן דער אָרעמאַן משהלע, וואָס פלעגט זיך אַריינכאַפּן אין דער באַוואַריע מאַכן מי שברך׳ס און פריילעך מאַכן און וואָרעם מאַכן אויף זיין אומעטיקן אופן די הערצער פון די יידן, וואָס האָבן געוואָלט פאַרזיסן זייער שווער געמיט מיטן ביטערן טראָפּן. ערשט די מיתה־משונה פון דער יונגער שיקסע מאַגדאַ, וולאַדעק, דער אומשול־

דיק פאַרמשפּטער און סטאַשיעק. איצט איז צו דעם אַלעם צוגעקומען די צרה מיטן סטאַיקאָווע. דעם באַוואַרניק האָט זיך אַזש אַ מיש געטון אין קאָפּ פון דער דערמאָנונג פון אַזויפיל שווערע געשעענישן. ער האָט זיך אָבער שנעל אַ כאַפּ געטון ווער עס זיצט און וואַרט ער זאָל אים באַדינען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יידן דאַרפן פּרנסה, אַז מען דאַרף מיט עפּעס זען איינגעמען דעם נייעם סטאַיקאָווע.

ער האָט אַרויסגענומען פון שאַנק אַ פלאַש בראָנפן, גענומען צוויי ליאמפּקעס און אַוועקגעשטעלט פאַר די געסט און אָנגעגאָסן פאַרן סטאַי־קאָווע און פאַרן מעלדונקאָווע זשאַנדצע. אַוועקגעשטעלט פאַרן סטאַיקאָווע אַ גרויס שטיק געפילטע פיש, אַ פערטל גענדזנס און אַ ווייסע בולקע.

דער סטאַיקאָווע האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל מיטן זשאַנדצע, דערנאָך נאָך איינס, ער האָט זיך אַ וויש געטון מיט צוויי פינגער די וואָנסעס, געכאַרקעט פאַרביסן, אָפּגעוואַרט אַ פאָר רגעס און זיך גענומען צו די פיש. ער האָט געריבן דאָס עסן מיט אַלע ציין, געריסן שטיקער פון דער בולקע און פאַרטרונקען מיט בראָנפן. דערנאָך האָט ער גענומען אין די הענט אַריין דאָס פערטל גענדזנס. די פליגל פון זיין פאַרשאַרצטער, קאָזאַצקער נאָז האָבן זיך אַ הויב געטון פונעם פאַרכאַפּנדיקן ריח פון געבראָטנס. ער איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן און ציין צו דעם גענדזנס — און די גאַנצע וועלט, די וואָלוווקע, דער אוטשאַסטאָק, דער רעווירקאָווי, אַלץ איז פאַר אים פאַרשוווּנדן.

דער סטאַיקאָווע האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע פלאַש בראָנפן, ער איז אָבער נישט געוואָרן שיכור, בלויז זיינע אויגן זענען געוואָרן נאָך מער פאַרשאַרט און די קאָזאַצקע נאָז שטאַרק רויט. ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעליידיקט אַלץ פון טעלער, האָט דער מעלדונקאָווע זשאַנדצע, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן נעבן אים, אַרויסגענומען אַ זילבערנעם רובל און דערלאַנגט דעם סטאַיקאָווע אין נאָמען פון די וואָלוווקער און פּאַקאַרנער געוועלבניקעס.

דער סטאַיקאָווע האָט גענומען דעם רובל אין האַנט, אים גוט אָנגע־קוקט, אַ בלאָז געטון אויף אים און מיטן גאַנצן כוח פאַרקוועטשט די האַנט אַרום דעם רובל ווי ער וואָלט מיט אַלע כוחות אַרומנעמען אימעצן וואָס

ער האָט שטאַרק ליב. דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן צום זשאַנדצע:
„זאַטשעם בראַטאַק טאַק דאַלגאָ זשדאַל! עך, קאַקאַי טי! (צו וואָס ברודער־קע אַזוי לאַנג געוואַרט, עך, וואָס דו ביסט) און אַ קלאַפּ געטון דעם זשאַנדצע אין דער קני, אַז אים איז אַזש פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן.

צומאָרגנס באַלד אינדערפרי איז זיך בליץ־שנעל צווישן די הענדלער פון דער וואָלוועקע און פאַקאַרנע צעגאַנגען די גוטע בשורה. מען איז געגאַנ־גען איינער צום צווייטן זיך דערציילן די פריילעכע נייעס — ער איז אַ גוטער גוי, דער סטאַיקאָווע, — האָט איינער זיך געוואָנדן צום צווייטן אויפן אָרט פון זיך זאָגן אַ גוט־מאָרגן. ווען אַ זייטיקער, נישט באַהאַוונטער מענטש האָט זיך איבערגעפרעגט מיט וואָס איז ער גוט, האָבן די יידן אויסגערופן מיט שטוינונג: ס'הייסט! ער איז אַ גוטער גוי — ער נעמט!

דעם אָוונט, ווען דער גרויסער ציבעלע־זייגער, וואָס דער סטאַיקאָ־ווע האָט געטראָגן אין זיין הויזן־קעשענע, צוגעהעקלט צו אַ דיקער, זיל־בערנער קייט, האָט געוויזן די שעה זיבן איז דער סטאַיקאָווע געגאַנגען איבער די בוידן און געוועלבער און אויפגערוימט און פריילעך געשריגן:
— „דאַוואַיטיע, דאַוואַיטיע זאַקריוואַט לאַוואַטשקי!" (נו, נו, גיט נאָר אַ פאַרמאַך די געוועלבלעך)! — די יידן האָבן אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און שמייכלענדיק אים געענטפערט: טשי־טשאַס, טשי־טשאַס (סעיטשאַס — שוין) גאַספּאָדין נאַטשאַלניק (הער נאַטשאַלניק). די יידן האָבן זיך פון זיינע רייד גאַרנישט געמאַכט. זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס מיינט ער דעם רובל, וועלכן זיי דאַרפן אים צוגרייטן פאַר דער צווייטער וואָך.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם איז די יידן באַנג געווען נאָך דעם אַלטן סטאַיקאָווע, דעם „רבילע". ווען זיי פלעגן זיך צונויפטרעפן אין דער באַוואַריע, האָבן זיי גערעדט וועגן אים ווי מען רעדט להבדיל וועגן אַ גוטן ייד, וואָס איז נפטר געוואָרן. דער עיקר האָט גערעדט וועגן אים דער באַוואַרניק. ער האָט דערציילט ווי אַזוי דאָס „רבילע" פלעגט אים און די באַוואַריע אָפּראַטעווען פון די שיכורע גויים, וואָס פלעגן אַרויס פון דער קריסטלעכער שענק און זיך אַריינרייסן צו אים בכדי אַרויסצורופן

אַ סקאַנדאַל, וואָרפן זיך שלאָגן און צעברעכן אַלץ, וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט. ער האָט דערציילט וויפל מאָל דאָס „רבילע" האָט זיך פּאַר זיינעטוועגן איינגעשטעלט ביים רעוויראָווי זייטשיק, מיט דער באָרד אַלאַ גענעראַל סקאָביעלעוו, און מבטל געמאַכט די פּראָטאָקלן וואָס דער רעוויראָווי האָט אויף אים געמאַכט. די יידן פון דער וואָלוווקע האָבן דערציילט וויפל מאָל ער האָט זיי אין דער לעצטער מינוט אָפּגעראַטעוועט פון געשטאָכן ווערן מיט אַ מעסער וואָס האָט פּלוצים אַ בליץ געטון אין דער האַנט פון אַ כוליגאַן. זיי האָבן זיך דערמאָנט ווי אַזוי ער פלעגט צעיאָגן די גרעסטע גראַטשקעס בלויז מיטן פייף פון זיין פייפערל. זיי פלעגן רעדן וועגן זיין גרויסער, געל־רויטער באָרד, וועלכע ער פלעגט אויסשאָקלען נאָכן פאַרבייסן צום בראָנפן מיט אַזאַ יידישער באַוועגונג. עפּעס האָט דער רוס געהאַט אין זיך אַ יידישן חן. מיט זיין פאַרשווונדן ווערן האָט די וואָלוווקע און פּאָקאָרנע פאַרלוירן אַ שטיק פון זייער פאַרביקייט און אייגנאַרטיקייט.

*

ס׳איז פאַרשוווּנדן פון דעם ראָג פּאָקאָרנע און מוראַנאָוו די בויד, וואָס האָט דאָרט געהאַט איר ענד־סטאַציע און פלעגט פירן פּאַסאַזשירן מיט זייערע איינגעקויפטע אויף נאַלעווקעס און גענשע פּעק סחורות קיין אָכאָטע. די בויד איז געווען אַ באַקוועמע, אַ ברוינע, מיט ווענט, מיט פענצטערלעך און מיט אַ שטיג ווו אָנצושפּאַרן אַ פוס ביים אַרויפגיין. די בויד האָט אויסגעזען כמעט ווי אַן אַמאָליקער פּאָטשטאָווער וואָגן, אַ דילי־זשאַנס. זי איז געווען געשפּאַנט אין צוויי שיינע, גוט געקאָרמעטע פערד און אין א לעדערנעם, געפּוצטן געשפּאַן. אַמשענסטן האָט די בויד אויס־געזען אין דער וואָך פון קריסטלעכן שבועות, דאַמאָלט זענען די גזשיוועס פון די פערד געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט פאַרשידענע קאָלירטע בענדער און די גאַנצע בויד איז געווען באַפּוצט מיט פריש גרינס און מיט אקאציע.

ווען ס׳זענען אויפגעקומען די עלעקטרישע טראַמווייען האָט מען די אַלטע טראַמווייען, געפירטע דורך פערד, איבערגעטראָגן אויף די פּערי־פעריעס פון דער שטאָט. ס׳איז געווען ביליקער און שנעלער צו פאָרן מיט

די טראַמווייען ווי מיט דער בויד. פונדעסטוועגן איז די ערשטע צייט קיין איין פּאַסאַזשיר נישט געפאָרן מיטן טראַמוויי, נאָר אַלע זענען געבליבן טריי דער בויד. דער באַלעבאָס פון „דיליזשאַנס", אַן עלטערער נאָך פעסטער און פולער קריסט, מיט אַ פּאָר דיקע, גרויע וואָנסעס, מיט אַ לעדערנעם בייטל אַריבערגעהאָנגען איבערן אָרעם, האָט געלאַכט און געחוזקט פון די טראַמווייען. ער איז געווען זיכער, אַז זיין האַלצערנע בויד מיט די צוויי ברוינע פערד וועלן איבערלעבן די טראַמווייען פון בלעך און פון אייזן, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך אַ באַהאַלטענעם טייוול.

מיט דער צייט האָבן אָבער איינצלנע פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן צו פאַר־לאָזן די בויד און פאָרן מיט טראַמווייען. אין דער שטאָט זענען זיי געפאָרן מיטן עלעקטרישן און שוין ווייטער מיט אַ טראַמוויי געשפּאַנט אין פערד. דער עלעקטרישער טראַמוויי איז געפאָרן שנעל און בייז און דער מאָטאָר־פירער האָט געקלאַפּט מיטן פוס אויפן גלאָק, וואָס האָט געקלונגען האַרט און גראָב. די פערד־טראַמווייען זענען געפאָרן שטיל און ווייך, די צוויי נידעריקע פערדלעך זענען געגאַנגען גלייך און שטאָלץ צווישן די שינעס און דער טראַמוויי־פירער האָט געקלונגען מיט דער האַנט, מיט אַ גלאָק, וואָס איז געווען אַרויפגעזעצט אויף דער קאָרבע פון האָמוליעץ. דער גלאָק האָט געקלונגען מעטאַליש, ריין און פריילעך און דערמאַנט אין גוטע, מילדע צייטן.

פאַר די עלעקטרישע טראַמווייען האָבן די מענטשן שטאַרק מורא געהאַט. מען האָט אויפגעהערט אַרויסצולאָזן די קינדער אַליין אין די גאַסן. מען האָט געהערט וועגן פאַלן, ווען אַ קינד איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ טראַמוויי און צעשמעטערט געוואָרן. אפילו דערוואַקסענע מענטשן האָבן מורא געהאַט אַריבערצוגיין איבער דער גאַס. ס'האָט זיך אויך געטראָפן, אַז אַ דערוואַקסענער מענטש איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן טראַמוויי, אָדער גאָר זיך פאַרטשעפּעט ביים אַראָפּגיין, און ס'האָט אים אָפּגעשניטן אַ פוס. אַמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז אַ טראַמוויי האָט אַ מענטש אָפּגעשניטן דעם קאָפּ. גענענדל איז געווען פון דעם שרעקלעכן פאַל אויסער זיך. זי האָט געזאָגט: — אָן אַ קאָפּ איז שוין דאָס ערגסטע. אָן אַ קאָפּ איז דאָס לעבן נישט ווערט קיין גראָשן.

ס׳האָט געדויערט אַ גענוג לאַנגע צייט ביז וואַנען דער באַלעבאָס פון „דיליזשאַנס״ האָט זיך געכאַפּט, אַז ביי אים אין וואָגן ווערט וואָס אַמאָל לויזער. זינט ער האָט געמאַכט די דאָזיקע אַנטדעקונג, האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעלאָזט, פאַרלוירן דעם אַמאָליקן קוראַזש, ס׳איז פון אים אַוועק די גאַנצע פרייִלעכקייט און ברייטקייט. ער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן פאַרעלטערטער און איינגעהויקערטער. ער האָט כסדר און מיט וואָס מער פאַרביסנקייט געשמיסן די פערד מיט דער בייטש איבער זייערע איצט איינגעפאַלענע בייכער.

ס׳איז אַוועק אַ יאָר און אפשר צוויי און דער „דיליזשאַנס״ האָט זיך געשלעפּט מיט איינצלנע פּאַסאַזשירן איבער די וואַרשעווער גאַסן. די בויד און איר באַלעבאָס זענען דערווייל געוואָרן אָפּגעריבן און אומעטיק אָרעם. ביז אין איינעם אַ טאָג איז געקומען צום „דיליזשאַנס״ נישט מער ווי איין פּאַסאַזשיר. דער איינגעפאַלענער קריסט האָט אַ שפּיי געטון אויף דער גאַס אַראָפּ פון זיין הויכער קיעלניע, געלאָזט שטיין דעם פאַראיינזאַמטן פּאַסאַזשיר מיט די פּעק, אַ שמיץ געטון די פערד מיט די רעשטן פון זיין איבערגעבליבענער אַמאָליקער גבורה און אַוועק פון דעם ראָג פּאָקאָרנע און מוראַנאָוו און זיך דאָרט מער שוין קיינמאָל נישט געוויזן...

חילול הקודש

צום ווינטער צו, האָט פּאַוועל צוגענומען אַ נייעם געהילף אויפן אָרט פון וולאַדעקן, וועלכן מען האָט פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע. פונעם טאָג ווען מען האָט וולאַדעקן אַרעסטירט ביז צום פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען סוף זומער, האָט פּאַוועל נישט צוגענומען אויף זיין אָרט קיין אַנדערן. מסתמא האָט ער געהאָפט, אַז אפשר וועט מען וולאַדעקן באַפרייען. אָבער אַפילו שוין נאָכן פאַרמשפּטן וולאַדעקן האָט ער זיך אויך אָפּגעהאַלטן פון צונעמען אַ צווייטן געהילף. ביזן סוף זומער און איבערן גאַנצן האַרבסט

האָט זיך פּאַוועל אַליין געמאַטערט, געטון אַלע אַרבעטן אין הויף און אויף דעם שטיק גאַס, וואָס האָט געהערט צו אונדזער הויז, כאָטש ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש און לעצטנס נישט געווינט געווען אַליין צו אַרבעטן. זייט וולאַדעק איז אונטערגעוואקסן און גענומען אויף זיך אַלע עולן פון הויף און הויז ביז זיין אַרעסט, איז זיך פּאַוועל געזעסן גאַנצע טעג אויף אַ בענקעלע נעבן דער טיר פון דער „סטרוזשוווקע" און געשניצט ווּיטקעס צו בעזעמער. ער האָט זיי פּאַרמאָגט אַ גאַנצע קאָלעקציע, צו די פאַרשידנסטע אַרבעטן: צו קערן דעם טראָטואַר און דעם אַספאַלטירטן טייל אַרום און אַרום דעם הויף, אַרויסצוקערן דאָס מיסט פון צווישן די האַרטע שטיינער אַרויס, צו שאַרן דאָס וואַסער פון די רינשטאָקן, אָפּצוקערן דעם שניי אין ווינטער און אַוועקצושאַרן דאָס רעגן־וואַסער אין האַרבסט און אַ סך אַנדערע בעזעמער, צו קלענערע און גרעסערע אַרבעטן. ער איז אויך געווען אַ ספּעציאַליסט אין צוגרייטן די שטעקנס צו די בעזעמער. ער האָט זיי געהאַט אין די טוצן. ווען ער האָט געענדיקט בינדן אַ נייעם בעזעם און אים אַרויפגעזעצט אויף אַ שטעקן, האָט ער אים אָנגעשפּאַרט ביי זיך אויף דער ברוסט, זיך גוט איינגעשפּיגן די הענט, גענומען אין זיי דעם בעזעם און אַ פּיר געטון מיט אים איבער אַ שטיקל הויף מיט ברייטקייט, מיט צופרידנקייט. דערנאָך האָט ער איבערגעלייגט דעם בעזעם אויף דער צווייטער זייט און אים פעסט צוגעדריקט צו די שטיינער ווי ער וואָלט זיי, די שטיינער מיטן בעזעם, אויף אייביק פאַרבונדן. ער האָט דאָס געטון מיט ערנסט און פאַרגעניגן. אַ שמייכל, וואָס איז געווען אַזוי זעלטן ביי אים, האָט זיך דאַמאָלט באַוויזן אויף זיין מויל און אפערגעקוקט פון אונטער זיינע דיקע וואָנסעס.

איצט האָט ער מער קיין בעזעמער נישט געמאַכט. ער האָט גענוצט פון די זאַפּאַסן, וועלכע ער האָט זיך אין די „גוטע צייטן" געהאַט איינגעגרייט. ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער, ווען עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שניי, האָט פּאַוועל פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך אַליין נישט קאָנען מיט דער אַרבעט קיין עצה געבן און ערשט דאַמאָלט צוגענומען אַ נייעם געהילף.

אַלע לאָקאַטאָרן פון הויף זענען געווען אויסערגעוויינלעך פאַרוווּנ־

דערט פון פּאַוועלס געפיל צו וולאַדעקן, פון זיין צוגעבונדנקייט צו אים. מען האָט געקאָנט פּאַוועלן פּאַר אַ בייזן, פּאַר אַ מרוק און קאַלטן מענטש. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט פון זיין איינציקן ייִנגל האָט אים כמעט ווי נישט גערירט. די פּרויען פון הויף האָבן דעמאָלט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַ טאָטעריש האַרץ. אָבער זעט אויס, אַז אונטער דער מאַסקע פון בייזקייט און קאַלטקייט האָט ער באַהאַלטן אַ וואַרעם געפיל פּאַר דעם, וואָס איז אים געווען נאָנט און ליב. קאָן זיין, אַז וולאַדעק איז אים געווען נענטער ווי זיין אייגן קינד דערפאַר, ווייל מיט אים האָט ער געהאַט בשותפותדיקע אינטערעס, דאַקעגן מיט סטאַשיעקן, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געשפּילט מיט די קינדער, האָט אים גאָרנישט פאַרבונדן. פּאַוועל האָט געשטאַמט פון אַן אָרעמער פּויערים־פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט אַ האַרט, שווער לעבן, געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ און ביי וועלכער דער אינטערעס אפילו צו די אייגענע קינדער איז פאַראַן נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי זענען נוצלעך, אויף וויפיל זיי קאָנען צוהעלפן לייכטער צו מאַכן דעם שווערן עול פון אַרויסצובאַקו־מען ברויט פאַר דער משפחה.

טייל איינוווינער פון הויף האָבן פונדעסטוועגן געהאַלטן, אַז פּאַוועלס איצטיק געפיל צו וולאַדעקן איז שוין גאָרנישט קיין פּשוטע זאַך, אַז דאָס איז אַ שולד־געפיל. זיי האָבן געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זיי האָבן אַ חשד, אַז פּאַוועלס שולד־געפיל לגבי דעם פאַרשיקטן וולאַדעקן, שטאַמט פון עפּעס אַ שייכות וואָס ער זאָל האָבן געהאַט מיטן געהיימנישפולן טויט פון מאַגדען...

דער נייער געהילף איז שוין געווען אַ צוואַנציק־יעריקער, אַ הויכער, אַ דאַרער און אַ גלייכער. ער האָט געהייסן וואַצעק. געווען זייער פעיִק, געקאָנט סטאָלער־ און שלאָסער־אַרבעט, כאָטש ער האָט זיך דאָס קיינמאָל נישט געלערנט. געהאַט אויסערגעוויינלעך פלינקע און געשיקטע הענט. „אַלץ וואָס די אויגן זעען קענען די הענט" — האָבן די פּרויען פון הויף אויף אים געזאָגט. ער האָט באַלד געטון אַלע אַרבעטן, קיין רגע נישט געזעסן ליידיק. ער איז אויך געווען ביי זיך זעלבסטזיכער, געווען אַ „הויראַק". געהאַט אַ פּאָר העלע דורכדרינגלעכע אויגן, געזען נישט נאָר

דאָס וואָס ער האָט באַדאַרפֿן, נאָר אויך און קודם־כל דאָס וואָס ער האָט גישט באַדאַרפֿן. די בראָודע׳ס זענען גאָר געווען באַאומרויקט פֿון וואַצעקס אויגן. אַ חוץ דעם, האָבן טייל געזאָגט, אַז זיינע הענט האָבן נאָך די „מעלה״ וואָס זיי זענען קלעפּיקע, עס קלעפּט זיך טיילמאָל צו זיי צו דאָס, וואָס געהערט נישט צו אים.

אָבער פּאַוועל האָט איצט נישט געהאַט קיין עצה, נישט געקאָנט זיין איבערקלייבעריש, ער האָט געמוזט האָבן אַ געהילף. דער ווינטער איז אין יענעם יאָר אָנגעקומען מיט איין מאָל, באַלד מיט טיפע שנייען און גרויסע פרעסט. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט אָנגעקומען פֿון צפון אַ באַלאַ־דענער מיט שניי, מיט קעלט און מיט אייז, און מיט אַן אימפּעדיקער גוואַל־טאָוונעקייט אַריין אין שטאָט און מיט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די דאָזיקע גאַנצע, שווערע, ווינטערדיקע, אייזיקע משא.

אונדזער הויף איז געלעגן אונטער אַ הויכער, ווייכער דעק. דער שניי איז געווען ווייס־בלוי, נאָר דאָרט וווּ עס איז געפֿאַלן אויף אים אַ שיין פֿון אַן איינגעבראָכענעם זונען־שטראַל, דאָרט איז ער געווען ראָזע. די פֿאַר־קלאַפּטע מיט ברעטלעך קליינע קעלער־פֿענצטערלעך זענען ביז אין דער העלפֿט געווען פֿאַרשיט מיט שניי און אויסגעזען ווי האַלב־פֿאַרמאַכטע לעפֿלעך אויף בלינדע אויגן. אַלע פֿענצטער זענען פֿון דער דרויסנדיקער זייט געווען באַפּוצט מיט ווייסע, לאַנגע שניי־קאַלנערס. אַלע קאַרניזן, שטוקאַטוריעס און די אָרנאַמענטיק פֿון די באַלקאָנען זענען געווען געזיימט מיט ווייסן שניי. פֿאַרנאַכט ווען דער הימל איז געוואָרן טונקל גראַנאַט און אין די פֿענצטער האָבן נאָך נישט געברענט קיין ליכט האָט זיך מיר אויס־געדאַכט, אַז דאָס הויז איז פּלוצים געוואָרן אַלט, באַוואַקסן מיט ווייסע בערד און וואָנסעס. די אַלטקייט פֿון הויז האָט אויסגעזען צו זיין אַ געזונטע, אַ קרעפֿטיקע, אַ מיושבדיקע, אַ קלוגע.

אויף דער ברייטער פּאָקאָרנע גאַס, אויף וועלכער עס זענען נישט געגאַנגען קיין טראַמווייען, איז דער שניי געלעגן אַ טיפֿער און אַ פּוכיקער. בייטאָג האָט ער זיך געמיניעט מיט ראָזע און מיט בלוי און ביינאַכט, ווען אויף די גאַסן, ביי די ברעגעס פֿון די טראָטואַרן, האָט געברענט גאַז אין לאַמטערן מיט קאַנטיקע שייבלעך, האָבן זיך אויפֿן שניי געלייגט געלע

פּאַסמעס ליכט, ווי גאָלדיקע פּעכערס. ווען עס איז געווען אַ „גאַלווּוקע״ (אַ מלוכהשער יום־טוב) האָבן אויף ביינאַכט די סטרוזשעס אַרויפגעצויגן אויף די דראָטן, וואָס זענען געהאָנגען אַרום די הייזער, קליינע קאָלירטע, אָנגעצונדענע לאַמטערלעך, רויטע, בלויע, גרינע און געלע. ווינטער ווען די לאַמטערלעך האָבן זיך געוויגט אין ווינט און געוואָרפן זייערע קאָלירטע בליקן צום ווייסן שניי, האָט דער שניי זיי פריילעך אָפּגעענטפערט מיט זייערע אייגענע קאָלירן.

קליינע סאַנקעס (שליטנס) האָבן זיך לייכט געגליטשט אויפן שניי און די קליינע, דינע גלעקלעך פון די פערדס געשפּאַנען האָבן איידל געוועקט די גאַס ווי פון אַ ווייטן טיפן שלאָף. אויפן אָרט ווו עס איז זומער געשטאַנען דער „דיליזשאַנס״, וועלכער איז נאָך דאַמאָלט געפאָרן פריילעך און פול געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, איז איצט געשטאַנען אַ גרויסער, ברייטער שליטן פון נישט באַמאָלטן האָלץ, אויסגעבעט אינעווייניק מיט שטרוי און אויף יעדער ברעט צום זיצן זענען געלעגן צו עטלעכע דערקעס אַרומצוּוויקלען די פיס. דער עלטערער, פעסטער קריסט, מיט די דיקע וואָנסעס איז איצט געגאַנגען אָנגעטון אין אַ „קאָזשוך״ מיט אַ פיטערן היטל און זיך געדרייט אַרום דעם שליטן. פון צייט צו צייט האָט ער פונאַנדערגענומען די געפרוירענע הענט, און מיט זיי אַ פּאַל צו געטון צו זיך אַליין, קלאַפּנדיק זיך אין די אָרעמס ביז אין אַ האַלבער פלייצע אַריין. די פערד געשפּאַנטע אין שליטן האָבן אַלע רגע אַרויסגעלאָזט פון די נאָזלעכער לאַנגע און געדיכטע זיילן פּאַרע. זיי זענען געשטאַנען איבערגעדעקטע מיט דיקע דערעס און זעק און פאַרטראַכט געגעסן דעם אָבראָק פון אַ האָלצערנער קאָריטע אַרויס. פון צייט צו צייט האָט זיך אַ פערד מיישב געווען, אַ שטעק אַריין געטון די מאָרדע אין דער צווייטער זייט קאָריטע און אַ כאַפּ געטון אַ פרעס פון יענעמס חלק. דאָס צווייטע פערד איז נישט געבליבן שולדיק און אַ דערלאַנג געטון זיין שותף איבער דער מאָרדע מיט זיין האַרטן קאָפּ — און שפּעטער אַליין געפרוווט פרעסן פון יענעמס חלק.

פון דער פּאָקאָרנע האָט מען געזען דאָס גרויסע שטיק הימל, וואָס איז געהאָנגען איבער דעם „ווּוינעם־פּלאַץ״, באַדעקט דעם ציטאַדעל און ערגעץ־ווו אַראָפּ צום מערב צו. דער הימל איז געווען אַ גאַנצן טאָג שטאָל־

בלוי, די שניי פעניצלעך האָבן אין דער לופט אויסגעזעען צו זיין גרוי, נאָר ווען זיי זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד האָט מען ערשט געזען, אַז זיי זענען בלאַנקנדיק־ווייס.

אין די פאַרפרוירענע רינשטאָקן האָבן אויפן בלויען אייז זיך געגליטשט יינגלעך. זיי זענען געפאַלן, זיך אויפגעשטעלט, אויף גיך אָפּגעשאָקלט פון שניי די פאָלעס פון זייערע פאַלטענעס, און ווייטער זיך גענומען גליטשן. זיי האָבן געשיקט דאָס רעכטע פיסל פאָראויס, אַ יאָג אונטער געטון מיטן לינקן פיסל און ווען עס האָט זיי צו שטאַרק פאַרכאַפּט דער אימפעט, האָבן זיי טאַרמאָזירט דעם גליטש צעשטעלנדיק פלוצים די סטאָפּעס אין דער ברייט.

עס האָט אויך געטראָפן, אַז פון פראָסט האָבן געפּלאַצט פעסער מיט וויין, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט אויף פלאַטפאָרמעס פון דאָרפמאַנס וויין־פאַבריק פון אונדזער הויף. דער ווייסער שניי איז דאַמאָלט באַגאָסן געוואָרן מיט רויט־ברוינעם וויין און געשמעקט מיט אַ געפרוירענעם, זויערן ריח. די טרעגערס זענען שנעל אַרויס פון דער פאַבריק מיט באַליעס, מיט עמערס און זיי אונטערגעשטעלט אונטער די געפּלאַצטע פעסער. דער אויסגעגאָסענער וויין האָט זיך דערווייל גיך איינגעזאַפּט אין שניי, וועלכער האָט זיך איינגעקאָרטשעט, צוגעפאַלן צו די שטיינער, ווי עס פאַלט צו אַ שיכור צו אַ באַשטענדיק, זיכער אָרט.

אויפן הויף ביי אונדז האָבן קינדער געמאַכט אַ שניי־מענטש. אַ גרויסער ווייסער גולם איז געשטאַנען אין מיטן הויף און געגלאָצט מיט זיינע שוואַרצע אויגן פון שטיקלעך קויל. די פיס זיינע זענען געווען פאַרטאָפּטשעט אין שניי נאָר די קורצע גראָבע אָרעמס זענען געווען פאַרלייגט אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אַרומגענומען אַ שטיק ליידיקייט. אין די הענט האָט געפעלט אַ בעזעם, דער „סצעפּטער" פון אַלע שניי־גולמס. פאַוועל האָט נישט געשטערט די קינדער צו מאַכן דעם שניי־מענטש, פאַרקערט ער האָט זיי נאָך געהאָלפן מיט עצות, אָבער ווען עס איז געקומען צום בעזעם, ווען די קינדער האָבן אים געבעטן ער זאָל זיי באָרגן אַ בעזעם אַריינצושטעקן דעם גולם אין די הענט אַריין, האָט ער דאָס בשום אופן נישט געוואָלט טון. ווען זיי האָבן אים געוואָלט באַצאָלן פאַרן בעזעם, האָט

ער וועגן דעם נישט געוואָלט אפילו הערן. דאַמאָלט האָט די חברה געבראַכט אַ בעזעם, וואָס זיי האָבן געקויפט ביי אַ צווייטן סטרוזש פון אונדזער גאַס, אָבער פּאַוועל האָט נישט דערלאָזט אים אַריינצושטעקן דעם שניי־מענטש. מאַכן אַ גולם, אָפּחוזקן פון אַ מענטש, דאָס האָט ער פאַרשטאַנען, אויף דעם איז ער איינגעגאַנגען, אָבער חוזקן פון אַ בעזעם, צו דעם האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן....

אַזוי איז דער שניי־מענטש געשטאַנען ביי אונדז אויפן הויף טעג און נעכט, אויפן פראָסט און געבענקט נאָך אַ בעזעם און די קינדער איז צוליב דעם פאַרשטערט געוואָרן אַ האַלבע שמחה...

דעם זעלבן ווינטער האָט מען ביי אונדז אויפן הויף פאַרמאַכט דאָס שולעכל, ווו די ליטוואַקעס פון אונדזער און פון די שכנותדיקע הייף האָבן געדאַוונט אין די שבתים און אין די ימים־טובים. דעם ארון־קודש מיט דער ספר־תורה האָט מען איבערגעטראָגן אין אַ צווייטער ליטווישער שול אין ד'ער פּאָקאָרנער געגנט. ווען דער ליטווישער שמש פון דער שול מיט אַ שיטער בערדעלע אויף דער שפּיציקער גאָמבע, מיטן האַרטן קאַפּעליוש אויפן ליסע קאָפּ און מיטן אויסגעקראָכענעם פוטערל אויפן דאַרן לייב, האָט אַרויסגעטראָגן איינגעוויקלט אין אַ טלית די ספר־תורה, איז אויף די פרומע לאָקאַטאָרן פון הויף געפאַלן אַ שרעק, ווי פון אַן אויסגעלאָשן נשמה־ליכט אין יום־כיפור. שפּעטער איז געקומען אַן אַלטער ייד מיט אַ גרויס האַנט־וועגעלע אויף וועלכן מען האָט אויפגעלאָדן דעם קליינעם, בלוי געמאָלן און אינגאַנצן אָן באַפּוצעכץ ארון־קודש, דעם שולחן און דעם עמוד. דער אַלטער ייד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, האָט זיך פאַרלייגט ד' שטריק איבערן רעכטן אָרעם, גענומען דעם דישעל איןביידע הענט אַריין, זיך איינגעבויגן, אַ שיק געטון דעם אויבערשטן טייל קערפּער פאָר־אויס — און דאָס וועגעלע האָט אַ ריר געטון פון אָרט. דער שמש וואָס האָט געהאָלפן פאַרלאָדענען דעם ארון־קודש און דערנאָך אונטערגעשטופּט דאָס וועגעלע האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן ראַנד פון ארון־קודש, ווי מען לייגט אַרויף די הענט אויפן ראַנד פון דער עגלה ביי אַ לוויה פון גאָר אַ נאָענטן מענטש.

צומאָרגנס נאָכן אַרויסנעמען די ספר־תורה זענען געקומען סטאָ־

ליאַרעס, אַרויסנעמען די שטענדערס, צענומען זיי באַלד אויפן הויף און די ברעטער אַוועקגעפירט צו זיך אין ווערקשטעל אַריין. דאָס פאַרמאַכן די שול און דאָס צענעמען אויף נאַקעטע ברעטער די שטענדערס אויף וועלכע עס זענען נאָך געווען צוגעקלעפּט קוויטלעך מיט די נעמען פון די מתפללים, האָט געמאַכט אַ שווערן דערדריקנדיקן רושם אויף אַלע לאָקאַטאָרן פון הויף, נישט נאָר אויף די פרומע, נאָר אפילו אויף די סתם באַלעבאַטים. דערצו האָבן זיך נאָך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער זשאַנדצע, דער וואָס האָט געדריכערט אין שבת פּאַפּיראָסן בפרהסיה און איצט געווען דער אדמיניסטראַטאָר, האָט פאַרדונגען דאָס אָרט פון דער שול פאַר אַ מאַגאַזין פון שטיוול.

מיין טאַטע איז געווען אויסער זיך. — אַ סקלאַד פון שטיוול אויף אַן אָרט וואָס איז פריער געווען אַ מקום־קודש! — האָט ער זיך געבעסט. ער און נאָך עטלעכע איינוווינער פון הויף האָבן זיך געגרייט אַראָפּצוגיין צום זשאַנדצע און רעדן מיט אים אַ פּאָר ערנסטע ווערטער.

זיי האָבן זיך אָבער פון דעם פּלאַן גיך אָפּגעזאָגט, מען איז געוווּיר געוואָרן, אַז געדונגען דאָס אָרט פון דער שול אויף אַ מאַגאַזין פון שטיוול, האָבן דווקא פּוילישע, יידישע יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט בערד. טאָ וואָס־פאַראַ זין האָט עס שוין געהאַט גיין מאַנען יאַנדעס (יהדות) ביי אַ ליטוואַק, אַ צלם־קאָפּ, אַ גאַליבראָדניק און מחלל שבת בפרהסיה׳ניק?

די יידן וואָס האָבן געדונגען דאָס אָרט פון דער שול, זענען געווען אַ גרויסע משפחה, פינף צי זעקס ברידער, וואָס האָבן געפירט בשותפות אַ גרויסן שטיוול־מאַגאַזין. זיי זענען אַלע געווען הויכע, ברייטע, זיי זענען געגאַנגען אָנגעטון אין שעפּסענע פּוטערס, אין טוכענע, יידישע היטלען און אין הויכע שטיוול. זיי האָבן אַלע געהאַט ברוינע, אָפּגעברענטע, גרויסע פּנימער, הויכע צעקנייטשטע שטערנס, פליישיקע, גרויסע נעז, גרויסע הענט און גרויסע פיס, געדיכטע ברוינע בערד און טונקל ברוינע, פאַרזאָרגטע אויגן. די ברידער זענען געווען אַזוי ענלעך צו זיך, אַז נישט קיין אייגענער מענטש האָט אינגאַנצן נישט געקאָנט אונטערשיידן איינעם פון צווייטן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויף אַן אסיפה, וועלכע איז פאָרגעקומען

ביי אונדז צו רופן די יידן פון מאַגאַזין צו אַ דין־תורה. זענען אָבער די יידן געקומען צו מיין טאַטן מיט אַ געשריי, מיט אַ ן אַלאַרם, אַז מען גייט אויף זייער פּרנסה, אַז דאָס איז ממש ביי זיי אַ לעבנס־פראַגע, אַז זיי האָבן שוין יאָרן געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַ סקלאַד אין אַזאַ „פּונקט". זיי האָבן נישט נאָר אַליין זיך געקאָכט און געשריגן נאָר אויך געברענגט זייערע ווייבער. די ווייבער אין פוטערנע פּאַלטנס, מיט שוואַרצע שאַלן איבער זייערע טיפע שייטלען האָבן זיך געבראָכן די הענט, געקנאַקט מיט די פינגער וואָס זענען געווען באַרייפט מיט בריליאַנטענע פינגערלעך. זיי האָבן געגלאָצט מיט די אויגן, געוויינט און גערעדט גערעדט און שנעל מיט אַזויפיל לשון־קודישע, יענעוועלטיקע ווערטער.

די באַלעבאַטים פון דעם שטיבל־מאַגאַזין האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו דינגען אַן אַנדער אָרט פאַר דער שול, וואָס איז פאַרמאַכט געוואָרן און באַצאָלן פאַר אַ יאָר דירה־געלט פאַראויס. זיי זענען געווען גרייט צו געבן אַ גרעסערן סכום געלט אויף ר' מאיר בעל־הנס, אַבי מען זאָל זיי לאָזן צורו און נישט רופן צו קיין דין־תורה.

קיין אַנדערע שול האָבן זיי נישט געדונגען, אויף ר' מאיר בעל־הנס האָבן זיי נישט געגעבן, נאָר אָנשטאָט מתפללים זענען איצט אויף דעם אָרט געקומען גויים און סתם שוסטערס, מען האָט אַרויסגעטראָגן און אַריינגעטראָגן גאַנצע זעק מיט שטיוול. עס איז איצט פון דאָרט געגאַנגען אַ שלעכטער ריח פון ביליקער האַרטער, פּאַדעשווע־לעדער.

דווקא דערפאַר וואָס די באַלעבאַטים פון מאַגאַזין זענען געווען יידישע יידן, איז מיין טאַטן און די אַנדערע פרומע לאָקאַטאָרן דער גאַנצער ענין געווען מוראדיק „פּזשיקרע" און מיין טאַטע האָט אַ מאַך געטון אויף דער גאַנצער זאַך מיט דער האַנט און זיך מיאש געווען פון עפּעס ביי די יידן צו פועלן.

זייט דעם פאַל האָט דער טאַטע פאַרלוירן זיין גאַנץ האַרץ, זיין גאַנצע סימפּאַטיע צום הויף אויף וועלכן מיר האָבן געוווינט אפשר צען יאָר, אַ סך פריער איידער איך בין אויף דער וועלט געקומען. ביי אונדז אין שטוב האָט מען אָנגעהויבן ערנסט צו רעדן וועגן פאַרלאָזן דאָס הויז אויף פּאָקאָרנע.

געשעענישן אין פרילינג

דער פרילינג איז אַנגעשוווּמען פון אַלע זייטן מיט אַ שפע פון וואַסער. די עספּלאַנאַדע, דער „וווּינעם־פּלאַץ", איז געשטאַנען אין אַ טיפער בעץ, איבער וועלכער עס האָט זיך אין די זוניקע טעג געטראָגן אַ לייכטער, איידל פאַרוויקלטער ווייס־ראָזא נעפּל, ווי די ווייכע, דינע וואַרעמע פעל פון נאַר־וואָס געבוירענע שעפּסן. אין די צוויי רינשטאָקן פון דער ברייטער פּאָקאָרנע גאַס, האָבן צוויי שאַרפע און הויכע שטראָמען וואַסער זיך געריסן צו די קאַנאַלן און אַראָפּ אין זייערע פאַרבאָרגענע טיפן מיט אַ געבייזער, מיט אַ רוגזה. די גאַס איז געווען נאַס, פריש אויסגעוואַשן און די הייזער זענען געשטאַנען פייכטע און זיך מיט הנאה געטרוקנט אונטער דער יונגער, מילדער זון.

אַ גאַנצן ווינטער האָט איבערן שטח פון וווּינעם־פּלאַץ, פּאָקאָרנע און עספּלאַנאַדע „געקיניגט" די וואָלוויקע מיט אירע געוועלבער און בוידן, מיט שטיוול, אַלטע פּאַלטנס און זעלנערישע שינעלן. דער „וווּינעם־פּלאַץ" איז געלעגן אונטער אַ טיפן שניי. די עטלעכע פּויערישע וועגעלעך, וואָס פלעגן אין ווינטער טיילמאָל דאָרט פאַרפאָרן מיט אַ חזיר אָדער מיט עטלעכע גענדז צו פאַרקויפן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער עספּלאַנאַ־ דע, האַרט נעבן דעם איינגאַנג צו דער קריסטלעכער שענק.

אין פרילינג ווען דער שניי האָט אָפּגעטייעט, איז דער גאַנצער פּלאַץ באַלד געווען באַדעקט מיט אַ געדיכט, העל־גרין גראָז, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געשלאָפן אונטערן ווייסן שניי־דעק. די ערד האָט געשמעקט מיט אַ זיסער פייכטקייט, מיט פוילקייט און באַגער. די קריסטלעכע שענקערקע האָט אויסגעטון דעם פוטערנעם „בעזרענקאָווניק", אויסשעמערירט מיט רויטע און גרינע וואָל־פעדים, און אירע פולע, נאַקעטע הענט האָט זי געהאַלטן פאַרלייגט אויפן הויכן ביוסט. זי איז געשטאַנען אין דער טיר, וואָס מען האָט ערשט איצט געהאַט, נאָך אַ גאַנצן ווינטער, געעפנט אין גאַס אַריין, און געשמייכלט צו דער אָפענער וועלט.

באַלד נאָך פּסח האָט די „וואָלוווקע״ איינגעדרימלט אויף עטלעכע זומער חדשים. טייל הענדלער האָבן אַזוי אָפּגעדרימלט צוזאַמען מיט די אַלטע מלבושים און שיך אַ גאַנצן זומער, און טייל, די גרעסערע אויסטוי־גערס, האָבן זיך געלאָזט אויף די הייף מיט קוישן פּאַיאַנס און אַריינגע־שריגן אין די פענצטער אַריין מיט הוילע, הייזעריקע שטימעס: — „פּאַיאַנס פּאַר שמאַטעס״! „פּאַיאַנס פּאַר שמאַטעס״! אַרום דער וואָלוווקע גופא האָבן זיך אין דער צייט געמערט די הענדלער „פון האַנט צו האַנט״, מיט די פאַרשידנסטע זאַכן. די בוידן און געוועלבער האָבן געפּוסטעוועט, נאָר אַביסל ווייטער פון זיי, אויפן פּלאַץ האָט זיך געראַיעט פון מענטשן, ווי פליגן אויף אַ פּלעצל באַשיט מיט צוקער.

דער נייער סטאַיקאָווע האָט געיאָגט די צופעליקע הענדלער מיט ברען און מיט אייפער. ער האָט געפייפט מיטן פייפערל און געקלאַפּט דעם עולם מיט דער פּלאַטשיקער זייט פון זיין שווערד איבער די געזעסן. טייל־מאָל האָט אים אימיצער פון די הענדלער אַריינגערוקט אין האַנט אַ פּאָר קאָפּיקעס. דער סטאַיקאָווע האָט זיך גיכער געהיטן מיט דעם פּאָר די וואָלוווקער יידן, ווי פאַר „נאַטשאַלסטוואָ״. ער האָט אָבער נישט געוווסט, אַז די יידן פון וואָלוווקער געוועלבער אַרט ווייניק דער גאַנצער יריד אַרום זיי. דאָס האָט מיט זיי, מיט זייער מיסחר געהאַט אַ קנאַפּן שייכות. זיי האָבן גערן געזען ווי דער סטאַיקאָווע נעמט די פּאָר קאָפּיקעס, ווייל זיי אַליין האָבן זייער נישט גערן אין די דאָזיקע טויטע חדשים אים געצאָלט זיין וועכנטלעכן „געהאַלט״, דעם רובל.

אין דער צייט ווען די וואָלוווקע האָט געדרימלט מיט איר אַלט־וואַרג, האָט די עספּלאַנאַדע געלעבט מיט אַ פרישן, יונג, רעשיק לעבן. פון פאַרטאָג אָן האָבן דעם פּלאַץ פאַרפולט צענדליקער פּויערישע וועגענער. די אויסגעשפּאַנטע פערד זענען געשטאַנען אויסגעדרייט מיט די קעפּ צו די וועגענער און אַרויסגעגעסן פון די אָפּגעוויקלטע זעקלעך ברוין־געלן, שפּיציקן האָבער. אויף די וועגענער זענען געשטאַנען קאַסטענעס־שטייגן מיט הינער און הענער. די יונגע הענער, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אָנגעהויבן צו קרייען, האָבן אפילו דאָ געוואָלט באַווייזן זייערע גבורה, זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די הויכע, דאַרע פיס, אויסגעצויגן די

העלדזער, געפּרוווט אויסגלייכן, שטייף מאַכן די שטאָלצע, רויטע קעפּ און עפענען די מיילער אַ קריי צו טון. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן מיט די באַקרוינטע קעפּ אין די האַרטע דעקן פון די קאַסטנס און זייער קריי איז אָפּגעהאַקט און פאַרשטומט געוואָרן נאָך איידער ער האָט באַוויזן כאָטש אַביסל זיך צו צעגיין. די הענער האָבן דאַמאָלט אַראָפּגעלאָזט די פאַריסענע קעפּ און זיך אַוועקגעזעצט פאַרשעמטע און אומעטיקע נעבן די גלייכגילטיקע הינער.

אויף טייל וועגענער זענען געלעגן הויכע שטויסן ראש־חודש־רעטעכלעך וואָס האָבן זיך געחנדלט מיט זייערע רויטע, פריילעכע פּנימלעך און ברייט צעוואָרפן די מיט גרינע נאַטש געדיכט באַוואַקסענע קעפּלעך. פּויערטעס זענען געזעסן פאַרבונדן די קעפּ אין גרינע און רויטע געבלימלטע וואָלענע טיכלעך און אין בורקעס צי שפּענצערס אין וועלכע זיי האָבן זיך מילד געטוליעט אין די נאָך גאָר קאַלטע פאַרטאָגן. זיי האָבן געהאַלטן אויף די קניען געפלאָכטענע קוישן מיט אייער, מיט ווייסע קעזלעך פאַרוויקלטע אין גרויסע, גרינע בלעטער און קיילעכדיקע שטיקלעך אָסעלקאָווע פּוטער. עס האָט פון דעם אַלעם געשמעקט מיט שטאַל, מיט וואַרעמע אייטערס פון זיך מעלקנדיקע קי, מיט פעטער פרישקייט און בהמהשן באַגער. טייל פּויערטעס האָבן געהאַלטן קאַלטע ערדענע טעפּ מיט סמעטענע און מיט צוואָרעך. דער פרישער, דינטשיקער „שטשיפּיאָרעק" האָט געררייצט מיט זיין יונגקייט און גרינער שאַרפער זאַפטיקייט. דאָס אַלץ האָבן די פּויערים און פּויערטעס פאַרקויפט פאַר קופּערנע און זילבערנע מטבעות, וועלכע זיי האָבן פאַרוויקלט אין גרויע שטיקלעך היימישן לייוונט און באַהאַלטן טיף אין זייערע וואַרעמע בוזעמער.

די דרייסטערע און כיטרערע פּויערטעס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט מיט די קוישן אייער און פּוטער אין די דערבייאיקע גאַסן און אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן אין די שטובן, באַקומענדיק פאַר דעם עפּעס מער ווי אויפן מאַרק. דערוויל פלעגן זייערע מענער באַווייזן דעם געלייזטן פדיון צו פאַרטרינקען אין דער קריסטלעכער שענק...

*

זומער האָט מען אויפן הויף אָנגעהויבן רעדן, אַז וואַצעק, פּאַוועלס נייער געהילף, וועט זיך אין אַ פּאָר חדשים אַרום דאַרפן שטעלן צום פּריזיוו. וואַצעק אַליין האָט דאָס פּאָר קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן, נאָר דערביי פאַרזיכערט, אַז ער וועט צו די סאָלדאַטן נישט גיין. ער האָט דאָס געזאָגט אויף זיין „הויראַצקע" אופן און אַריין אין אַזאַ האַזאַרד, אַז ער האָט זיך געשווירן, ווען ער זאָל אפילו וויסן צו שטאַרבן, וועט ער זיך נישט לאָזן נעמען. ער האָט זיך פאַרלייגט נישט צו גיין דינען. וויפל מען האָט אים געוואָרנט ער זאָל זיך נישט עקשנען און זיך נישט אַריינלאָזן אין אַזעלכע ריזיקאַלישע שטיק, האָט ער זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע, אַז ער וועט נישט ווערן קיין סאָלדאַט. די יידן פון הויף זענען אפילו געווען פאַר־וווּנדערט וואָס דווקא אַ גוי וויל אַזוי נישט גיין דינען. אָבער אַזוי איז עס געווען. וואַצעק האָט געטענעט, אַז ער וועט נישט גיין און געהאַלטן וואָרט...

אין אַ צייט אַרום האָט מען באַמערקט, אַז דער הויכער, גלייכער וואַצעק גייט איינגעבויגן, אַז זיינע העלע, דורכדרינגלעכע אויגן זענען טונקל און מוטנע און אַרום די קין־באַקן ברענט עפּעס ווי מיט אַ פאַרבאָרגן פייער. ער איז געוואָרן הייזעריק און אינגאַנצן אָן כוחות.

פּאַוועל האָט אָנגעהויבן צו פאַרטרעטן וואַצעקן אין די שווערע אַר־בעטן און אים איבערגעגעבן די שמירה ביינאַכט אין טויער. דאָס האָט אָבער נישט פאַרבעסערט זיין געזונט־מצב. ווען וואַצעק איז ענדלעך געגאַנ־גען צו אַ דאָקטאָר, האָט ער ביי אים פעסטגעשטעלט די שרעקלעכע קרענק: האַלדז־שווינדזוכט.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט זיך וואַצעק פאַרשטענדיקט מיט אַ „מומחה" פון באַפרייען פון מיליטער און יענער האָט אים געגעבן ספּע־ציעלע טראָפּנס און אַ „געהעריקע" דיעטע. איצט ווען וואַצעק האָט דער־פילט, אַז עס דראָט אים אַ טויט־געפאַר, איז ער אינגאַנצן משוגע געוואָרן אויף לעבן. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרווירטער. דער געדאַנק וועגן טויט האָט אין אים געוועקט אַ ווילדן חשק צו לעבן און דאָס פלעגט אים אַראָפּפירן פון זינען.

די יידן פון הויף האָבן זיך דערמאָנט ווי שטיל און הכנעהדיק עס האָט אויפגענומען זיין גורל דער אָנגעשטעלטער פון דאָרפמאַנס ווייך־פאַבריק. ער האָט איבערגעלאָזט ווייב און קינד און אַליין אַוועק פון דער וועלט, שלום מיט זיך און מיט גאָט. אין וואַצעקן האָבן אָבער געשריגן זיינע רויע צוואַנציק יאָר. די דערמאָנונג, אַז ער האָט פאַרניכטעט זיין יונג, פרישׂ לייב וואָס האָט געלעכצט נאָך לעבן און וועלכעס ער האָט אפילו אויף אַ צייט נישט געוואָלט צו קיינעם פאַרשקלאַפן, האָט אים געמאַכט משוגע. זיין יונג בלוט, וועלכעס ער אַליין האָט מיט די אייגענע הענט פאַרסמט, האָט אים נישט געגעבן אויף קיין רגע קיין מנוחה. ווען ער פלעגט וועגן דעם אַלעם אַ טראַכט טון איז ער אַריינגעפאַלן ווי אין אַ דעליריום און זיך געוואָרפן אויף אַלע, און אַלץ אַרום זיך געוואָלט חרוב מאַכן.

דער אַלטער רעוויראָווי זייטשיק, מיט דער באָרד אַ לאַ געגעראַל סקאָביעלעוו, וועלכער האָט געהאַט וואַצעקן אויפן צעטל פון די פּריזיוני־קעס, האָט גוט געזען וואָס עס טוט זיך מיט אים אָפּ. ער האָט גאָרנישט געזאָגט נאָר געלאַכט אים אין די אויגן אַריין ווי אַ שד. נאָר איין מאָל האָט ער אַרויסגעסיקעט מיט כעס: — פאַדאָכניעש אַ פּאַידיאָש! (דו וועסט פגרן און וועסט גיין). נאָך דעם זאָג האָט זיך וואַדעק אַזוי לאַנג געהאַקט מיטן קאָפּ אין וואַנט, ביז איבערן פּנים און קאַרק האָט אים געדיכט געריגען דאָס בלוט.

די פרויען פון הויף האָבן געראַטן וואַצעקן צו „פאַרגיסן" די קרענק. פאַרגיסן מיט מילך, מיט סמעטענע, מיט שיטערע אייער און חזיר־שמאַלץ. וואַצעק האָט זיך צו זיי צוגעהערט ווי אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד. ער האָט אַלץ געטון וואָס זיי האָבן אים געהייסן.

מיטאַמאָל האָבן די באַלעבאַטים פון שטיול־מאַגאַזין באַמערקט, אַז עס פעלט זיי שטיול. זיי האָבן אָנגעהויבן נאָכקוקן און פעסטגעשטעלט, אַז יעדער נאַכט ווערן פאַרשווונדן עטלעכע פּאָר. עס איז פאַר זיי געוואָרן קלאָר, אַז דער סקלאַד ווערט סיסטעמאַטיש באַגנבעט. זיי האָבן זיך פאַר־שטענדיקט מיט דער פּאָליציי און ביינאַכט, ווען אַלע האָבן פאַרלאָזט דעם מאַגאַזין, איז אין געהיים דאָרט געבליבן פאַרבאַהאלטן אַ פּאָליציי־אַגענט און איינער פון די אייגנטימערס.

אַרום איינס ביינאַכט האָבן זיי דערהערט ווי אימיצער דערנענטערט זיך צו דער טיר, שליסט זי שטיל אויף מיט שליסלען, גייט אַריין אין סקלאַד, פּאַרפּאַקט אויף גיך אַ פּעקל און גרייט זיך אַרויסצוגיין. ווען דער גנב איז שוין געווען ביי דער טיר זענען פון דער פינצטערניש אויף אים אַרויפגעשפּרונגען דער אַגענט און דער אינהאַבער, וואָס זענען דאָרטן געלעגן באַהאַלטן, און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס אין מאַגאַזין קומט פאָר. זיי האָבן דעם געכאַפּטן אַרונטערגע־דריקט די הענט און דער אַגענט האָט אים געשלאָסן אין קייטן. דער אייגנ־טימער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערקענט אין דעם גנב וואַצעקן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן ביי דער ערשטער אויספאָרשונג האָט וואַצעק אויסגענוצט דאָס, וואָס ער איז לעצטנס געזעסן ביינאַכט אין טויער און אַראָפּגענומען מיט אַ שטיקל וואַקס די פאָרם פון די שליסלען מיט וועלכע מען האָט געשלאָסן דעם מאַגאַזין. ער האָט זיי אַליין נאָכגעמאַכט און יעדער נאַכט באַגנבעט דעם מאַגאַזין בכדי צו האָבן געלט אויף „פאַר־גיסן" די קרענק.

וואַצעקן האָט מען אָפּגעפירט אין תפיסה. פון דאָרט אין שפּיטאָל פאַר אַרעסטירטע, ווו ער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

*

באַלד נאָכדעם, ווי אין לאָטעס בראָנזאָוויע האָט אַ יונגער, פּראָ־ווינצער בחור, וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, זיך גענומען דאָס לעבן, האָט לאָטע איבערגעטראָגן זיין וואַרשטאַט אין אַן אַנדער אָרט, אויף אַ צווייטער גאַס. אויף דעם אָרט פון דער געוועזענער בראָנזאָוויע, אין אַ קליינעם שטיבל אַנטקעגן פּאַוועלס סטרוזשוווקע, האָט זיך אַריינגעצויגן אַ גאָר אַלטיטשק פּאָרפּאָלק, אפשר צו ניינציק יאָר יעדער. די דירה פאַר זייערט־וועגן האָט געדונגען זייערס אַ טאָכטער. די צוויי זקנים, קליינע און דראָבנע, האָבן אויסגעזען ווי צוויי קליינע, אַלטע קינדער. דער אַלטיטשקער איז גאַנצע טעג געלעגן אין בעט אָנגעטון אין טלית און אין תפילין. ער פלעגט זייער אָפט אָפּגעבן אין אַ קליין טעפּעלע צו עטלעכע טראָפּנס השתנה און זיך כסדר געהאַלטן און וואַשן די הענט. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ קראַנק

קינד מיט אַ קליין געל, גלאַנצנדיק פּנימל. נאָר די ווייסע באָרד און די ווייסע לאַנגע, געדרייטע פּיאות און אַ פּאָר גרויסע ברענענדיקע און פרעגנ־דיקע אויגן האָבן געמאַכט דאָס קינדישע פּנים אויסזען גאָר מאָדנע. אויב מען דאַרף פּאָר יענער־וועלט געבוירן ווערן, האָט דער אַלטיטשקער אויס־געזען ווי אַ ניי־געבוירן קינד פּאָר יענער וועלט.

די אַלטיטשקע איז אַרומגעגאַנגען און זיך געפּאָרעט, אָדער געזעסן אויף אַ קליין פּיס־בענקעלע און עפּעס געזאָגט פון אַ גרויסן כל־בו סידור. זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד, אין שוואַרצע זאָקן און אין שוואַרצע שיך. זי האָט געהאַט אַן איינגעשרומפּן פּנים ווי אַ פּאַראַיאָריקער אתרוג. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טונקעלע קופּקע מיט ציטערשפּיל־קעס. זי האָט געקאָכט אין קליינטשיקע אייזערנע טעפּלעך, אַמאָפּטסטן פלוימען און מייערן־צימעס. זי האָט זיי געקאָכט געדיכט, האַלב געדעמפּט. מיר דאַכט זיך, אַז נאָר דערמיט האָבן זיך די זקנים דערנערט, אַחוץ דעם האָבן זיי געטרונקען בלעכערנע טעפּלעך רימינעק (רומיאַנעק).

די אַלטיטשקע פלעגט מיך צורעדן, אַז איך זאָל אַריינגיין דעם אַלטיטשקן עפּעס דערלאַנגען. — ער וועט דיך בענטשן — האָט זי מיר געזאָגט שטילערהייט, ווי זי וואָלט פאַרטרויט אַ סוד. איך פלעג דעם אַלטיטשקן דערלאַנגען צו וואַשן די הענט נאָכן לאָזן די עטלעכע טראָפּנס השתנה. איך פלעג קוים דערשלעפּן די גרויסע, שווערע, קופּערנע שעפּ מיט צוויי אויערן אויף אָנצונעמען. דער אַלטיטשקער האָט געקוקט אויף מיר לאַנג און פאַרטראַכט. מיין קינדישקייט, מיין אויסזען און אָנטאָן האָט אים זעט אויס געמאַכט זייער פאַרוואונדערט. ווען איך פלעג זיך נעמען אַוועקצוגיין, האָט ער מיך געבענטשט. ער פלעגט אַרויפלייגן זיינע צוויי קליינע הענטלעך אויף מיין קאָפּ און זאָגן הייליקע ווערטער.

ווען ער איז געשטאָרבן האָט דאָס קיינעם נישט געמאַכט טרויעריק. אפילו אונדזער דינסט גענענדל, וועלכע איז געווען זייער פּילבאַר אויף טויט־פאַלן, האָט דאַסמאָל געזאָגט: — הלוואי זאָלן קאָ יינגערע נישט שטאַרבן. זי האָט אָבער באַלד צוגעגעבן, — איך מיין די ווּס האָבן צי ווּס צי לעיבן.

ווען עס איז פאַרפאָרן אַ גרויסע, שוואַרצע עגלה, האָט עס דאַסמאָל

נישט אַרויסגערופן קיין בהלה, ווי דאָס פלעגט געשען אין אַנדערע פאַלן ווען אַן עגלה איז פאַרפאָרן אין הויף. אפילו די קינדער האָבן זיך נישט דערשראָקן און נישט איבערגעריסן די שפּילן. די מאַמעס זענען נישט אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף אַרויפנעמען די קינדער. עטלעכע יידן האָבן אַרויסגעטראָגן אַ גרויסן, שוואַרצן קאַסטן. מיר האָט זיך געדאַכטן, אַז דער קליינער אַלטיטשקער וועט פאַרלוירן גיין אין דעם גרויסן קאַסטן און עס איז מיר צוליב דעם אַ גרויס רחמנות געווען אויף אים.

נאָכדעם ווי עס זענען אַדורך זיבן טעג האָט דער אַלטיטשקעס טאָכטער, פאַרפּאַקט דאָס ביסל בעטגעוואַנט, גענומען אין האַנט דאָס קליינע פיס־בענקעלע און אַוועק מיט דער מאַמען צו זיך.

*

אויף דער פּאָקאַרנע און מוראַנאָוו האָט זיך אַרומגעדרייט אַ בחור, אַ דאַרער, אַ בלאָנדער, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אין אַ יידיש היטל. מיט אַ שנור אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז, האָט ער געטראָגן אַ קעסטעלע. אין קעסטעלע זענען געלעגן איינצלנע, און אין צענטלינגען פּעקלעך לאַפּשינס זאַפּאַלקעס. דער בחור איז אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען און אָן איבעררייס אויס־געזונגען מיט אַ ניגון:

צוויי גראָשן לאַפּשינס זאַפּאַלקעס,
לאַפּשינס זאַפּאַלקעס צוויי גראָשן.

לעצטנס האָט זיך געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער פאַבריקאַנט, לאַפּשין, האָט געשאָנקען דעם בחור דריי הונדערט רובל אויף אַ נדן דער־פאַר, וואָס ער האָט אַזוי גוט רעקלאַמירט זיינע זאַפּאַלקעס. צווישן די דינסט־מיידלעך, צווישן די אָרעמע שניידערקעס, נייטאָרינס און גאָרסעט־מאַכערקעס פון פּאָקאַרנע און מוראַנאָוו האָט זיך אַ ראַיע געטון. אַלע האָבן אָנגעהויבן טראַכטן און טרוימען וועגן דעם באַגליקטן בחור מיט די דריי־הונדערט רובל נדן. מען האָט אים אָנגעהויבן נאָכקוקן, מען האָט אים אָנגעהויבן קאָקעטירן, צוואַרפן אַ לענגערן בליק און אַפילו אַ שמייכל.

אָבער דער בחור איז אַזוי געווען באַרוישט פון דעם וואָס איז מיט

אים פלוצים געשען, אַז ער האָט קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געהערט. און אפשר איז די גאַנצע זאַך נישט געווען מער ווי אַ פאַנטאַזיע אויסגעטראַכט פון סתם לצים? ווער ווייסט, קאָן זיין. דערווייל האָט איבער זאַקאַרנע און מוראַנאָוו נישט אויפגעהערט קלינגען דאָס זינגענדיקע קול מיטן ווייכן ניגון, וואָס האָט הייס און מיט אַ געבעט איבערגעחזרט די ווערטער:

צווי גראָשן לאַפּשינס זאַפּאַלקעס,
לאַפּשינס זאַפּאַלקעס צווי גראָשן...

ערב אָוועקפאָרן

מאַניע, אונדזער שכן בראַודע׳ס, עלטסטע טאָכטער, איז געווען אַזוי מאַרטון אין די צוגרייטונגען אָוועקצופאָרן אין דער שווייץ, אַז זי האָט דודן אינגאַנצן נישט באַמערקט. ווען זי האָט אפילו געקוקט אויף אים, האָט זי אים אויך נישט געזען. דוד איז געווען אויסער זיך פון מאַניעס פּלוצימער גלייכגילטיקייט צו אים. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז מיט איר געשען. ער האָט אפילו באַרעכטיקט איר אָוועקפאָרן אין דער שווייץ. אויב זי האָט אַזאַ גוטע געלעגנהייט, פאַרוואָס זאָל זי טאַקע נישט פאָרן אַביסל זען די וועלט, — האָט ער מיט זיך אַליין איינגעטענעט, שטעלנדיק זיך אויף איר צד. ער האָט אָבער נישט געקאָנט באַנעמען פאַר־וואָס מוז איר אָוועקפאָרן אויף אַ צייט זיין דורכאויס פאַרבונדן מיטן איבעררייסן לגמרי מיט אים.

דוד האָט געזוכט אין זיך די סיבה פון מאַניעס פלוצימער פאַרענדע־רונג צו אים. — האָב איך זי באַליידיקט? בין איך געווען צו איר צודרינג־לעך? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

ניין! איז געווען זיין ענטפער. אמת, די ערשטע צייט האָט ער געזוכט וועגן, ווי אַזוי זיך צו באַקענען מיט איר. ער האָט אויסגענוצט יעדע מעג־

לעכקייט זיך צו געפינען אין איר אַנוועזנהייט. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער הילף פון אירע ברידער בכדי זיין וואָס אָפטער און נאָענטער מיט איר. ער האָט אַלץ געטון צו ציען מאַניעס אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. אָבער מיט דעם מאָמענט ווען דאָס איז געשען, איז די איניציאַטיוו איבערגעגאַנ־גען אין גאַנצן אין אירע הענט. זי האָט אים נישט איינמאָל געגעבן אָנצו־געהערן, אַז ער האַנדלט קעגן איר און אירע עלטערן נישט גענוג דרייסט. זי האָט אים נישט איינמאָל געגעבן אָנצוגעהערן ברמיזא, אַז ער וואָגט נישט גענוג. ער האָט טיילמאָל אַרויסגעהערט פון איר שטים פאָרווורפן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט צו אים טענות פאַרוואָס ער נעמט נישט אונטער קיין דעצידירנדיקע שריט.

וויפל דוד האָט נישט געזוכט אין זיך די סיבה פון מאַניעס אָפּווענדן זיך פון אים, האָט ער נישט געפונען גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס זאָל דאָס אין דער מינדעסטער מאָס באַרעכטיקן.

ער האָט אויך געוווּסט, אַז מאַניעס אָפּקערן זיך פון אים איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַ דירעקטער השפעה פון אירע עלטערן אָדער פון דער טשאַטשע בראָניע. ער האָט גוט געוווּסט, אַז סתם אַזוי, נאָר מיט רייד וואָלטן זיי ביי מאַניען גאָרנישט געפּועלט. אויב דאָס איז שוין יאָ געשען, אויב זי האָט געקאָנט אים מיטאַמאָל אויפהערן זען, מוז די סיבה זיין גאָר אַ טיפע און אַ וואָגיקע.

דוד האָט זיך אַרומגעדרייט אין שטוב ביי די בראָודע׳ס ווי אַ פאַר־כמטער. ער האָט זיך נישט געקאָנט דאָרט געפונען קיין אָרט. די צעפאָרנ־קייט פון זייער שטוב, וואָס איז אים אין אָנהויב ביי זיין קומען אַהער, אַזוי שטאַרק צונויץ געקומען, וואָס האָט אים דערלויבט זיך אַזוי לייכט אין איר איינצובירגערן און געבן צו פילן זיין אַנוועזנהייט, דער כאַאָס פון בראָודע׳ס שטוב, איז אים געווען איצט די גרעסטע שטערונג אין זיינע פאַרצווייפלטע שריט אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט מאַניען, בכדי זיך מיט איר אָדורכצו־רעדן. מאַניע איז כסדר געווען אַרומגערינגלט מיט מענטשן, וואָס האָבן איר צוגעהאָלפן אין די צוגרייטונגען צום אָוועקפאָרן און פון מענטשן, וואָס האָבן סתם אַזוי אַרום איר זיך געדרייט. דודן איז דאָס אַלץ געוואָרן דער־ווידער. ער האָט געקריצט מיט די ציין אויף אַלע און אויף אַלץ, וואָס האָט

געהאַט מיט דער שטוב אַ שייכות, און אויסגעלאָזט דעם כעס זיינעם צו די דינסטן מיט דער טענה, אַז זיי באַדינען אים נישט ווי ס׳געהער צו זיין.

דוד האָט באַפוילן בראודע׳ס יונגען, אַז זיי זאָלן געוווּיר ווערן ביי זייער שוועסטער, פאַרוואָס זי באַציט זיך אַזוי שלעכט צו אים. ער האָט זיי באַפוילן געניי געוווּיר ווערן די סיבה דערפון און אויך ווער ס׳איז דער עיקר שולדיקער אין איר איצטיקער שטעלונג צו אים.

די יונגען האָבן לאַנג געלויערט אויף זייער שוועסטער. ביז איינמאָל האָבן זיי זי געפּאַקט איינע אַליין אין איר צימער שוין אַ האַלב־אויסגע־טוענע, ווען זי האָט זיך געגרייט לייגן שלאָפן. זיי זענען צו איר צו און אַלע אינאיינעם האָבן זיי אויסגעשריגן:

— מאַניע, פאַרוואָס האָסטו אויפגעהערט ליב צו האָבן דודן?

זי האָט זיי אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזען, ווי זיי וואָלטן זי אויפגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף. זי האָט געקוקט אויף זיי מיט אַ צעטומלטן בליק און פון איר מויל איז נישט אַרויס דער מינדעסטער קלאַנג.

דריי פּאָר געביילטע פויסטן האָבן זיך מיט איין מאָל אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ גרייט שוין אויף איר אַראָפּצופאַלן. אַלע דריי ברידער האָבן ווידער מיט איין מאָל אויסגעשריגן צו איר: — רעד! פאַרוואָס רעדסטו נישט?

זי האָט זיי נאָך איין רגע אָנגעקוקט און אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ווילד געשריי. דאָס געשריי איז געווען אַזוי משונהדיק, אַז זיי האָבן זיך מוראדיק דערשראָקן און זיך אין בהלה צעלאָפן.

די יונגען האָבן וועגן דעם אַלעם דערציילט דודן. זיין פאַרצווייפלונג האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ.

דוד האָט זיך מוראדיק געמאַטערט. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין מאַניען. ער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט פאַרוווּנדערונג און אפילו מיט שרעק. אָבער טאַקע דאָס וואָס זי איז מיטאַמאָל געוואָרן פאַר אים אַ רעטעניש און אַ סוד, האָט נאָך מער ווי ביז איצט געוועקט זיין נייגער צו איר, קודם־כל זיין מענלעכן נייגער. ער האָט אין אָנהויב געטראַכט וועגן מאַניען ווי וועגן אַ מיטל צו זיין קאַריערע. ער האָט אויך

געוואָלט ווייזן די בראַודע׳ס, אַז נישט נאָר אין זייער געשעפט וועלן זיי אים מוזן אָריינגעמען, נאָר אפילו אינעם ענגערן משפּחה־קרייז אויך. דוד איז אָבער געווען צו יונג, אַז ער זאָל קאָנען זען אין מאַניען בלויז אַ מיטל צו אַ ציל. זיינע לעבנס־אינסטינקטן זענען געווען צו פריש, אַז דער ציל צו דערגרייכן מאַניען זאָל זיין בלויז פון ניכטערער אויסגערעכנטקייט. מאַניע איז אים באַלד אין אָנהויב געפעלן געוואָרן. ער האָט אָבער נאָך דאַמאָלט נישט געזוכט איר נאָענטקייט, ער האָט געפילט, אַז עס איז צו פרי. שפּעטער ווען ער האָט זי אָנגעהויבן זוכן און גיך געפונען אַ קאָנטאַקט מיר איר, האָט ער ליב באַקומען איר געזעלשאַפט, בלויז איר אָנוועזנהייט איז פאַר אים געווען אַ גענוס. ער האָט אַרויסגעפילט איר ליידנשאַפטלעכ־קייט און איר אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַלע זיינע חושים.

איצט, ווען זי האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווייט פון אים, האָט ער דער־פילט, אַז ער האָט זי ליב. ער האָט דערפילט, אַז זי איז אים נויטווענדיק, ער האָט דערפילט איר אומבאַדינגטקייט אין זיין לעבן. עס זענען אַוועק פון אים אַלע חשבונות און אויסרעכענונגען און עס איז פאַרבליבן אַ גרויסער באַגער, אַ לוסט, עפּעס האָט אין אים געשריגן אַ גרויסע פאַרצווייפלונג, געמאָנט, געוואָרנט און נישט געגעבן קיין מנוחה.

ווען דוד האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי מאַניע פלעגט זינגען דעם „ערלקעניג״, ווי זי האָט פונאַנדערגענומען די הענט ווי אין גרויס געבעט און וועגדנדיק איר בליק צו אים אַקצענטירט יעדעס וואָרט פון דער שורה

„אונד ביסט דו ניכט וויליג
זאָ בראַוך איך געוואַלט״

איז ער געווען זיכער אַז ער האָט דורכגעלאָזט די מינוט ווען דאָס לעבן זאָגט צום מענטש: קום און נעם. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט פאַרשפּילט זיין איינציקע שאַנס.

דוד איז געווען צו פּרימיטיוו ער זאָל פאַרשטיין מאַניעס כאַראַקטער. ער האָט נישט פאַרשטאַנען און דערפאַר געווען פאַריאושט און פאַרלוירן.

*

מאַניע האָט געהערט צו דעם גענוג זעלטענעם טיפּ מיידל, וואָס

שפּרינגט גיך איבער פון איין געמיטס־צושטאַנד אין אַ צווייטן. אין אַ פּונקט פאַרקערטן, דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטן צום ערשטן. און אפשר שפּרינגט זי גאָרנישט איבער, נאָר ווערט געטראָגן, ווערט געשליידערט פון פאַר־באָרגענע, נישט געצוימטע, נישט געאָרדנטע כוחות פון איין געמיט־צושטאַנד אין אַ צווייטן. זי האָט נישט געקאָנט אויסטראָגן עטלעכע געפילן מיט איין מאָל. קוים איז זי באַהערשט פון איין געפיל איז נישטאָ ביי איר קיין אָרט פאַר אַ צווייטס. באַלד ווי עס קומט אָן אַ פריש געפיל, צי בלויז אַ פרישער איינדרוק, איז שוין פאַר דעם פריערדיקן גאָרנישט אין איר נישט פאַראַן, ווערט דאָס פריערדיקע ביי איר אומברחמנותדיק אַרויסגע־שטויסן. אַמאָל בלייבט נאָר וועגן דעם אַ בלייכער שפּאָר אין איר זכרון. נישט געקוקט אויף דעם, און אפשר טאָקע דערפאַר, האָבן זיך די געפילן ביי איר, פון דער מינדעסטער רעגונג, פון דעם קלענסטן שטויס, ראשיק געביטן. נישט נאָר געפילן, נאָר איר גאַנצער געמיט־צושטאַנד האָט זיך זייער אָפט געטוישט, שוין אָפּגערעדט פון סתם עמאָציעס און קאַפּריזן. איין משונהדיקער איינפאַל האָט גיך אָפּגעטרעטן זיין אָרט אַ צווייטן.

דודן האָט דאָס אין אָנהויב פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט מאַניען אויס־געזען צו זיין פּשוט און נאַטירלעך. אַזוי האָט ער זיך אין זיין פאַנטאַזיע פון אַ פּראָווינצער בחור, געהאַט פאָרגעשטעלט אַ מיידל פון אַ גרויסשטאָ־טישער, רייכער שטוב. פּונקט ווי בראַודעס נישט געאָרדנטע שטוב איז דודן אין אָנהויב זייער געווען צו דער האַנט, באַקוועם אין איר זיך צו באַזעצן און זיך פאַרפעסטיקן, און ערשט שפּעטער איז דער כאַאָס פון דער שטוב געוואָרן אים אַ שטערונג אין זיינע פּלענער בנוגע מאַניען, אַזוי איז מאַניעס נישט געאָרדנטע פּסיכיק, וואָס האָט אים פריער פאַרלייכטערט זיך מיט איר צו פאַרשטענדיקן, איצט אים געוואָרן אַ שטערונג און אַ שטרויכלונג נישט איבערצוקומען.

דער מאַטאָר פון מאַניעס כאַראַקטער איז געווען נאָר און אויסשליס־לעך נייגער, וועלכער איז כסדר געווען גערייצט. ער האָט זיך געפונען ווי אין אַ צושטאַנד פון אַ נישט־געשטילטן הונגער. אירע ראָמאַנטישע און אפילו עראָטישע פאַראינטערעסירונגען האָבן נישט געהאַט צו טון מיט אינסטינקט, נאָר מיט נייגער. זי האָט אַלץ געוואָלט הערן און זען, אָבער

נישט בכדי עפּעס פּאַקטיש איבערצולעבן, אָדער טאַקע צו װעלן װיסן, נאָר סתּם צו שטילן דעם הונגער צו עפּעס נײַעס. זי האָט פון דעם געזעענעם, צי געהערטן נישט געמאַכט די מינדעסטע אױספירן. זי האָט אַ דאַנק איר נײַגער אַ סך געזען און געװוּסט, אָבער איר װיסן איז איר צו גאָרנישט צונוץ געקומען. זי האָט עס לחלוטין נישט באַדאַרפן. פאַרקערט, עס איז איר נאָר געװען אַן איבעריקער באַלאַסט. זי האָט ליב געהאַט דראַסטיק, אָפט גערעדט װעגן סעקסועלע ענינים, אָבער צוזאַמען מיטן אינטערעס פאַר די דערציילונגען פון דעם מין, האָט זיך געמערקט אין איר אַ װידער־װילן צו דעם אַלעם. זי האָט ליב געהאַט כלערליי סענסאַציעס, עס איז אָבער גענוג געװען אַז זי זאָל די גרעסטע סענסאַציע נאָר איינמאָל אימעצן איבערדערציילן, און דאָס אפילו אַן אומבאַקאַנטן, צופעליקן מענטש, אַז איר גאַנצער אינטערעס צו דער סענסאַציע זאָל זיך מיט איין מאָל ביי איר אויסלעשן.

װאָלט דאָס אַלץ דוד געװען געװוּסט, װאָלט אים גאָרנישט שװער געװען צוריק צו געװינען מאַניעס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט דאָך גאָר־נישט בדעה געהאַט אים פון זיך צו דערװייטערן. פּשוט, פאַרכאַפּט פון אַ נײַ געפיל, פון גרויסע דערװאַרטונגען פון דער נסיעה נאָך שװייץ, איז דוד װי אַלעס אַנדערע סתּם ארויסגעפאַלן פון איר זע־קרייז. זי האָט איצט קיין אָרט אין זיך פאַר אים נישט געהאַט. עס װאָלט אָבער גענוג געװען װען דודן װאָלט געלונגען זיך מיט איר צו פאַרשטענדיקן און ער װאָלט איר צוריק געװוּנען פאַר זיך און זי װאָלט זיך אפשר גאָר אָפּגעזאָגט פון דער רייזע.

*

דאָס װאָס דוד האָט נישט געװוּסט, האָבן זייער גוט געװוּסט מאַניעס עלטערן. זיי האָבן מורא געהאַט אַז דוד זאָל זיך מיט איר נישט פאַרשטענ־דיקן און איר נישט באַאיינפלוסן זי זאָל ענדערן איר פּלאַן פון אַװעקפאָרן. זיי האָבן דעריבער מאַניען אַרומגעשטעלט מיט די פאַרשידנסטע מענטשן. עס איז כסדר אַרום איר געװען אַ קינסטלעך געדראַנג. דער טעלעפאָן אין שטוב האָט אַ גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט קלונגען. מען האָט כסדר

גערופן מאַניען צום טעלעפאָן. דאָ האָט מען געקלונגען פון דער שניידערקע
וועגן צו קומען פּאַסן, דאָ פון דער מאָדיסטקע (הוטן־פּוצערין) וועגן קומען
אָנמעסטן. די טשאָטשע בראָניע האָט זיך פּלוצים אויפגעהערט צו קענען
און צו פאַרשטיין אויף מאָדעס און דאַמען־גאַרדעראָבע און וועגן יעדער
קלייניקייט האָט מען געפרעגט מאַניען, כאָטש די דעציזיע האָט גאָרנישט
געהערט צו איר. מען האָט איר נישט נאָר געפרעגט וועגן דעם פאַסאָן פון
יעדער קלייד, וועגן קאָליר און שטאָף, נאָר אויך וועגן דעם „פוצעכץ" צו
יעדן קלייד און בלוזקע אָנהויבנדיק פון די טייערסטע שפּיצן און ענדיקנ־
דיק אויף די קלענסטע קנעפּלעך. די טשאָטשע בראָניע האָט שוין אַזוי
געמאַכט, אַז די שניידערקעס און מאָדיסטקעס האָבן אָפּט געענדערט די
טערמינען פון קומען פּאַסן, זיי האָבן דעריבער אַ סך מאָל געקלונגען,
גערופן מאַניען צום טעלעפאָן, זיך מיט איר באראטן, געגעבן מיט איר ווידער
פעסטגעשטעלט די טערמינען און איר דערביי אַרויסגעוויזן גרויס אויפ־
מערקזאַמקייט און כבוד. דאָס אַלץ האָט מאַניען געהאַלטן אין שפּאַנונג
און איר געמאַכט בלינד אויף אַלעם אַרום.

*

עס זענען געקומען צו די בראַודע'ס קריסטלעכע מיידלעך פון די
קריסטלעכע שניידערינס, ביי וועלכע מאַניע האָט געניית אירע שטאַטן. די
מיידלעך זענען נאָך געווען זייער יונגע נאָר געגאַנגען אָנגעטון ווי דער־
וואַקסענע, וואָס האָט זיי געמאַכט ביי זייער נידריקן וווקס און משונהדיקן
פאַרהאַלטן זיך, זייער קאָמיש. זיי האָבן געטראָגן גראַנאַטענע קאָסטיומען
און גרויסע היטן אויף די קעפּ אַרומגענומען מיט שיפאָנענע שאַל'ן פאַר־
בונדענע אונטער דער גאָמבע אין אַ ברייטער שלייף. זיי האָבן זיך פאַר־
האַלטן איבערגעטריבן איידל, געטראָגן מיט גרויסער פייערלעכקייט פיר־
קאַנטיקע גרויסע פּודלעס אויף וועלכע עס איז געווען אין דער קווער
אויפגעמאָלן דער נאָמען פון דער פירמע. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די
פּודלעס (שאַכטלען) מיט אַזאַ פאָרזיכטיקייט, ווי זיי וואָלטן געווען פון דער
טייערסטער פאָרצעליי. אויף די פּנימער פון די מיידלעך איז געווען אויס־
געגאָסן אַזאַ באַהאַלטענע פרייד און יום־טובדיקייט, ווי זיי וואָלטן אין די
שאַכטלען געבראַכט אַ בשורה פון אַ גרויס געווינס.

זיי האָבן פּאַמעלעך אויפגעבונדן די זיידענע בענדער, מיט וועלכע די שאַכטלען זענען געווען פאַרבונדן, אַראָפּגענומען די אויבערשטע דעק און אָנגעהויבן אַרויסנעמען די קליידער. זיי האָבן יעדער טייל קלייד אַרויסגענומען באַזונדער, טראָגנדיק עס אויף ביידע הענט ווי אַ ניי־געבוירן קינד אין אַ לאַנג קישן צום קוואַטער. דערנאָך האָבן זיי יעדער טייל קלייד אַוועקגעלייגט אויף אַ באַזונדערער שטול, אַוועקגעיאָגט די קינ־דער, וואָס האָבן פון דער נאָענט געוואָלט באַקוקן דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געבראַכט און געמאַכט ערנסטע פאַרוואָרפן די דערוואַקסענע פאַר נישט גענוג איידל זיך צורירן צו די קליידער.

נאָך דעם ווי די מיידלעך האָבן געהאַט אַלץ אַרויסגענומען האָבן זיי די שאַכטלען צוריק פאַרמאַכט און זאָרגפעליק פאַרבונדן מיט די בענדער. דאַמאָלט האָט אימיצער פון די שטוב־מענטשן זיי דערלאַנגט עטלעכע זילבערנע מטבעות אין דער האַנט אַריין. מיטאַמאָל איז די גאַנצע פייער־לעכקייט און יום־טובדיקייט פאַרשוונדן פון די מיידלעכס פּנימער. זיי האָבן גיריק באַטאַפּט די מטבעות מיט די מיט נאָדלען צעשטאָכענע שפּיצן פון זייערע פינגער און פאַרבאַהאַלטן דאָס געלט אין קליינע, שוואַרצע, צעראַ־טענע בייטעלעך. זיי האָבן גענומען אויף דעם לינקן אָרעם דאָס שאַכטל, זיך עטלעכע מאָל טיף פאַרנויגט און אַרויס פון שטוב.

עס זענען געקומען הויכע, שלאַנקע מיידלעך מיט קיילעכדיקע שאַכטלען. זיי זענען געווען אַזעלכע פריילעכע און עס האָט געשמעקט פון זיי מיט פּאַרפום. דאָס זענען געווען מיידלעך וואָס האָבן געאַרבעט ביי טייערע מאָדיסטקעס און איצט האָבן זיי אָפּגעבראַנגט די הוטן פאַר מאַניען. זיי האָבן אַרויסגענומען די הוטן זייער דרייסט. די סאַמעטענע האָבן זיי איבערגעפּוצט מיט אַ בערשטל, די טוכענע אָפּגעבלאָזן מיטן מויל, דאָ עפּעס צוגעהאָפטן מיט אַ שפּילקע, דאָרט געטאָן עטלעכע שטעך מיט אַ נאָדל. ווען מאַניען איז עפּעס נישט געפעלן געוואָרן אין אַ הוט, האָבן זיי אים געגעבן אַ טו אָן זיך אויפן קאָפּ. אויף זיי, איבער זייערע צעשפּיל־טע בלויע טיפע אויגן, איבער זייערע פריילעכע פּנימער זענען אַלע הוטן געווען שיין. עס האָט געשלאָגן פון זיי מיט חשק און מיט לעבנס־לוסט.

עס זענען געקומען אָרעמע מיידלעך אין ברוינע אָדער גראַנאַטענע

קליידלעך און געבראַכט שאַכטלען מיט שיך און לאַטשן. אָפּענע לאַטשן (טשולענקעס) און צוגעמאַכטע ספּאָרטאָווע, גיעמזענע און לאַקירטע. זיידע־נע פּרונעלקעס, שוואַרצע און זילבערנע. בראָקאַטענע לעטשלעך צו באַלאָ־יווע קליידער און ווייסע פון לעדער און פון לייוונט. מאַניען האָבן קיינמאָל קיין שיך און לאַטשן נישט געפעלט. זי האָט אויך געהאַט פולע שענק מיט קאָסטיומען און קליידער, פולע שאַכטלען מיט הוטן און קלייניקייטן פון דער דאַמען־גאַרדעראָבע. אָבער איצט האָט מען איר אַלץ געמאַכט פון דאָס ניי. מען האָט זי געוואָלט באַרוישן כל זמן זי האָט נאָך באַדאַרפן בלייבן אין שטוב. דער פּרוי בראָודע׳ס קרובים האָבן פאַרבעטן מאַניען צו זיך ערשט צום האַרבסט צו, ווייל ווען דער בריוו פון דער פּרוי בראָודע וועגן פאַרבעטן מאַניען איז צו זיי אָנגעקומען, האָבן זיי זיך געגרייט אַוועקצופאָרן אויף צוויי חדשים אין ווישי אויף קוראַציע.

די פּרוי בראָודע האָט כסדר געקלונגען אין שטוב געוויר ווערן וואָס עס הערט זיך, די טשאַטשקע בראַניע האָט געצאָלט די חשבונות פאַר אַלעם וואָס מאַניען איז נאָר איינגעפאַלן אַז זי קאָן דאָס באַדאַרפן, מאַניע איז אַרומגעגאַנגען אַ באַנומענע און קיינעם, אַחוץ זיך און די זאַכן אַרום זיך, נישט געזען.

*

דוד איז אויף גאַנצע טעג אַוועק פון שטוב. ער האָט געמאַכט אַ פּשוטן השבון: אויב מאַניע קוקט אויף אים און זעט אים נישט, וועט זי אפשר אים זען דאַמאָלט, ווען ער וועט נישט זיין. ער האָט גענומען בראָודע׳ס עלטערע יונגען און אַוועק מיט זיי אין פאַרדעכטיקע גאַסן. זיי האָבן נישט איינס אין יענע ביטערע פאַר דודן טעג איבערגעלעבט. ווען די יונגען זענען אַהיימגעקומען האָבן זיי געערעדט צו מאַניען פאַרשייטע רייד. זיי האָבן געמאַכט צו איר מיאוסע באַוועגונגען. מאַניע האָט זיך צו זיי צוגעהערט, צוגעקוקט צו דעם וואָס זיי טוען, טיילמאָל איז זי אויסגעשאָכן מיט איר אַמאָליק ווילד געלעכטער, אָבער זי איז צופיל געווען פאַרכאַפּט מיט דעם, וואָס האָט איר דערוואַרט אין דער נאָענטסטער צייט, אַז זייערע רייד און דאָס וואָס זיי האָבן געטון און אפילו דודס פאַרשווונדן ווערן פון שטוב, זאָל וועקן איר אויפמערקזאַמקייט.

זעענדיק, אַז זיין פאַרשווונדן ווערן פון שטוב האָט אויף מאַניען נישט געמאַכט דעם מינדעסטן איינדרוק און קאָן זיין, אַז זי האָט אַפילו גאָרנישט באַמערקט, האָט זיך דוד אָנגעכאַפּט אין דער טשאָטשע בראָניע. ער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן צו איר מיט צווײדייטיקייטן. אַלץ וואָס ער האָט גערעדט איז געווען פול מיט אַזויפיל אָנצוגעהערענישן, אַז דאָס דאָזיקע ניכטערע, עלטערע מיידל וואָס איז געווען פאַרטאָן ביז איבערן קאָפּ מיט רעכנקעס און ווירטשאַפט, פלעגט פון זיינע רייד בלייבן שטיין אַ צעטומלטע. דוד איז דאָס מאָל אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט איר אָנגעהויבן בפירוש צו פאַרטשעפּען. ער איז איר כסדר נאָכגעגאַנגען און ווו עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט איר אָנגעטון קליינע פאַרגעניגנס. ווי די טשאָטשע בראָניע איז נישט געווען אין כעס אויף דודן פאַר זיין אַמאָליק פלוצים אָפּקערן זיך פון איר, פאַר זיין גרייכן אַזוי הויך און דווקא ווען מאַניען פאַר זיך, איז אָבער איר לייב צופיל געווען אויסגעבענקט נאָך מענלעכע צערטלעכקייטן, אַז זי זאָל זיך קענען פון דודס קושן אָפּזאָגן, און אפשר האָט זי טאַקע געמיינט, אַז איצט, ווען דוד זעט אַז מאַניע פאָרט אַוועק און קוקט זיך אפילו נישט אום אויף אים, וועט ער זיך באַזינען און ערנסט אַ טראַכט טון וועגן איר.

דוד איז אָבער מיט זיין נאָכגיין דער טשאָטשע בראָניע אויסן געווען גאָר עפּעס אַנדערש. קודם כל האָט ער דערמיט געוואָלט דערצערנען מאַניען און ארויספירן זי פון דער גלייכגילטיקייט לגבי אים, צווייטנס איז ער אויסן געווען געוויר צו ווערן פון דער טשאָטשע בראָניען עפּעס נענמערס וועגן מאַניעס מחשבות און מיינונג וועגן אים, ער האָט אויך געוווסט, אַז די טשאָטשע בראָניע פירט דאָ, אין דעם ענין מאַניע, די גאַנצע פּאָליטיק און געוואָלט זי פּשוט מיט זיך פאַראַבסאָרבירן, אַז זי זאָל פאַרלירן איר וואַכזאַמקייט לגבי מאַניען.

מאַניען האָט אָבער דאָס אַלץ, וואָס דוד האָט געטון מיט בראָניען, קנאַפּ אינטערעסירט. זי האָט דאָס צומאָל נישט באַמערקט און בראָניע איז געווען צו קלוג, אַז זי זאָל מאַניען עפּעס וועגן דעם דערציילן. זי האָט גענומען דודס לאַסקעס צו ערנסט, אַז זי זאָל זיך לאָזן פּראָוואָצירן און עפּעס איבערגעבן דודן וועגן מאַניעס טראַכטענישן פאַר דער לעצטער

צייט. בראָניע האָט אויך נישט געוואָלט דערלאָזן אָפּשוואַכן איר וואַכזאַמ־קייט דווקא אזוי נאָענט צו מאַניעס אַוועקפאָרן פון וואָס זי אַליין איז געווען די פּראָיעקט־געבערין און אויספירערין.

דערווייל איז די צייט זיך געגאַנגען מיט אירע טריט. עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון מאַניעס אַוועקפאָרן.

די צעשיידונג

ביי מאַניען אין צימער האָט אויסגעזען ווי אין אַ מאַגאַזין אין וועלכן מען מאַכט אָרדנונג און מען גרייט זיך צו אַ נייעם סעזאָן. אומעטום, אויף דעם טיש, אויף די שטולן און אויף דער פּאָדלאָגע, זענען געווען אָנגעשטעלט שאַכטלען פון פאַרשידענער גרייס, הויכע און פלאַטשיקע, שמאָלע און ברייטע, קיילעכדיקע און פירקאַנטיקע. עס זענען גשטאַנען שאַכטלען מיט שיך און לאַטשן, מיט טאַשן־טיכלעך, מיט זאָקן, מיט קעל־נערלעך און מאַנקיעטן, מיט פאַסקעס צו קליידער, לעדערנע און סאַמעטע־נע, פון פאַרשידענע קאָלירן. עס זענען געשטאַנען שאַכטלען מיט קאָסמע־טיק, מיט ספּינקעס, מיט דאָפּלטע קנעפּלעך און אַ סך אנדערע.

אויף די אָנלענען פון די שטולן און אויפן בעט זענען געלעגן פונאַנ־דערגעלייגט קליידער, קאָסטיומען און זשאַקעטן. זיי זענען געלעגן פלאַ־טשיק און ברייט, נשמות אָן גופים. זיי האָבן געהאַט אין זיך די איידלקייט פון גוטן שטאָף און אַ לייכטקייט, אַזאַ לעבעדיקע לייכטקייט, וואָס נאָר דער שוווּנג און די האַנט פון אַ גוטן מייסטער קאָן אָנגעבן דעם טויטן שטאָף. אין צימער האָט געשמעקט מיט נייעם, קאַלטן, גלאַנצנדיקן וועב און מיט דינעם באַטיסט, פון וועלכע עס איז געווען אויפגענייט די וועש. די וועש איז געלעגן געבונדן אין באַזונדערע פּעקלעך און אַרומגענומען מיט אויס־געהאָפטענע בענדער.

אין מיטן שטוב זענען געשטאַנען דריי גרויסע לעדערנע וואַליזעס,

וואָס די טשאַטשע בראָניע האָט געקויפט צוזאַמען מיט מאַניען. די טשאַטשע בראָניע האָט געפּאַקט די זאַכן, אַרויסגענומען אַלץ פון די שאַכטלען און עס צעלייגט אין די וואַליזעס. זי האָט געמאַכט באַזונדערע צעטלען און אויף זיי אויפגעשריבן וואָס אין יעדער וואַליזע געפינט זיך, אַז מאַניע, וועלכע איז נישט געווען קיין גרויסע באַלעבאָסטע, זאָל וויסן ווו עפּעס ליגט און נישט דאַרפן יעדער זאַך צו זוכן.

מאַניע האָט שוין געהאַט איבערגעריסן די לעקציעס פון פראַנצויזי־שער קאָנווערסאַציע, וואָס זי האָט לעצטנס גענומען ביי אונדזער שכן פיליקס עלטסטער טאָכטער. מאַניע האָט זיך איצט אַרומגעדרייט אין שטוב, גאַנצע טעג כמעט נישט פאַרלאָזט איר צימער און צענדליקער מאָל באַקוקט יעדער זאַך, וואָס האָט זיך געפונען אין די שאַכטלען, און יעדעס מאָל מיט אַזאַ אינטערעס, ווי זי וואָלט דאָס געזען צום ערשטן מאָל.

דודן איז נישט געלונגען צו טרעפן זיך מיט איר איינער אַליין, אויג אויף אויג. ער איז דערפון געווען אינגאַנצן צעבראָכן. ער איז דערמיט ווערפירט געוואָרן צו אַזאַ מצב, אַז ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַריינרייסן זיך ביינאַכט צו איר אין שטוב. די לעצטע נעכט פאַרן אַוועק־פאָרן איז אָבער מאַניע נישט געשלאָפן איינע אַליין, נאָר צוזאַמען מיט בראָניען. דאָס איז געשען נישט דערפאַר, ווייל מען האָט מורא געהאַט אַז דוד קאָן זיך ביינאַכט אַריינרייסן צו איר, נאָר ווייל מאַניע איז אין די לעצטע טעג פאַרן אַוועקפאָרן געווען אַזוי געררייצט, אַזוי אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט, אַז זי איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. זי פלעגט ליגן מיט אָפענע אויגן און צומאָל נישט איינדרימלען. האָט זי געבעטן די טשאַטשע בראָניע זי זאָל מיט איר שלאָפן. זיי זענען געלעגן אין איין בעט און גאַנצע נעכט צווישן זיך גערעדט.

מאַניע האָט גערעדט און פאַנטאַזירט וועגן דער רייזע וואָס שטייט איר פאָר און וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט איר אין דער שווייץ. וועגן דודן האָט זי מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט.

ווי שווער עס איז נישט געווען פאַר בראָניען זיך צו צעשיידן מיט מאַניען, איז זי אָבער געווען שטאַרק צופרידן, כמעט גליקלעך, וואָס איר איז געלונגען דער פּלאַן פון צעשיידן זי מיט דודן. איצט, ווען דוד האָט

אָנגעהויבן זי באַשענקען מיט צערטלעכקייטן, האָט זי נישט אויפגעהערט צו חלומען וועגן אים. זי איז געווען זיכער, אַז דוד וועט נאָך מאַניעס אָוועקפאָרן איינגאַנצן זיך ווענדן צו איר.

ערשט פאַרטאָג פלעגט מאַניע איינשלאָפן. די טשאָטשע בראָניע האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט צו שלאָפן. זי האָט שוין פון פאַרטאָג אָן געהאַלטן די לייצן פון דער צעבריקעוועטער שטוב מיט קינדער. בראָניע האָט אָנגעזאָגט די דינסטן מען זאָל מאַניען נישט וועקן, און מאַניע איז געשלאָפן ביזן האַלבן טאָג אַריין.

*

אַ טאָג פאַרן אָוועקפאָרן, ווען מאַניע מיט בראָניען זענען געזעסן פאַרטוענע ארום די שוין פולע וואַליזעס, איז פּלוצים אין צימער צו זיי אַריינגעפאַלן דוד. ער האָט אויסגעזען שטאַרק אויפגערעגט און זיין פּנים איז געווען רויט, אָנגעגאָסן מיט בלוט, ווי ער וואָלט זיך געווען געשטיקט.

טעג און וואָכן אויפגעצווונגען שווייגן זענען אים געשטאַנען אין האַלדז. האָבנדיק כסדר צווישן מאַניען און זיך פרעמדע מענטשן, האָט ער געפילט ווי מיט זייער אָנוועזנהייט האָט מען אים פאַרשטאָפּט, פאַרקנעבלעוועט דאָס מויל. איצט האָט ער מער נישט אויסגעהאַלטן און ער האָט אָן שום הקדמות אויסגעשריגן:

— מאַניע, וואָס וועט זיין דער סוף ?!

זיין אויסגעשריי, די ווערטער, דער אויפן ווי אזוי ער איז אַריין אין צימער, דאָס אַלץ איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט, אַז דוד אַליין האָט דאָס דערפילט און זיך זייער פאַרשעמט. ער איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, אַריין אין צווייטן, אַרויס אין קאָרידאָר און פון דאָרט אויף די שטיגן.

מער האָט ער שוין מאַניען ביי די בראָודע׳ס אין שטוב נישט געזען...

*

דעם טאָג זענען פון דער פרי אָן געקומען געסט זיך צו געזעגענען מיט מאַניען. עס זענען געקומען קרובים, סתם באַקאַנטע, געוועזענע שכנים, חברטעס און שכנים פון זעלבן הויז. מען איז געקומען נישט אַזוי

ווענן מאַניען ווי ווענן דודן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז צווישן דעם רייכן בראָודע׳ס טאָכטער מיט איר אָרעמען קרוב קומט עפּעס פֿאָר. איז מען געקומען זוכן סענסאַציעס.

דוד האָט זיך נישט געוויזן. אין מאַניען ווידער האָט מען נישט דערקענט, אַז זי זאָל האָבן „איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע". זי איז געווען פריילעך און באַרעדעוודיק. די פרוי בראָודע איז דעם טאָג נישט געגאַנגען אין געשעפט אַריין. זי האָט אויפגענומען די געסט און ווי נאָר אימעצער פון זיי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן ליבע און זיווג, האָט פרוי בראָודע געשיקט אַ פיר געטון דעם שמועס אויף אַנדערע וועגן.

די געסט זענען אַוועק אַנטוישטע. צוזאַמען מיט זיי איז אַוועק דער לעצטער טאָג פאַר מאַניעס אַוועקפאָרן.

די נאַכט איז דוד נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן. די בראָודע׳ס און דער עיקר די טשאָטשע בראָניע זענען געווען שטאַרק באַאומרויִקט פון דעם פאַקט. זיי האָבן זיך אָבער דערמאָנט, אַז לעצטנס האָט שוין געהאַט געטראָפן, אַז דוד איז נישט אַהיימגעקומען אויף בייַנאַכט. דאָס האָט זיי אביסל באַרויִקט. איבריקנס, עס איז געבליבן בסך־הכל עטלעכע שעה צו מאַניעס אַוועקפאָרן און קיינער האָט צו דודן נישט געהאַט קיין צייט.

געפאָרן באַגלייטן מאַניען צו דער באַן זענען אַלע, די גאַנצע שטוב, די עלטערן, אַלע שוועסטער־ברודער, אפילו די קלענסטע, און די טשאָטשע בראָניע. מען איז געפאָרן אין זעקס דראָזשקעס, אַ גאַנצע קאַראַוואַנע, צוויי דראָזשקעס זענען געווען אָנגעלאָדן בלויז מיט וואַליזקעס און האַנטפּעקלעך.

ווען די דראָזשקעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער ווינער־באַן, האָבן „נאָסילסטשיקעס" (באַן־טרעגער) אין גראַנאַטענע בלוזעס, אין גראַנאַטענע הויזן און ווייסע, אַריבערגעוואָרפענע איבער די אָרעמס פאַרטוכער, אַראָפּגענומען די וואַליזקעס און מיט זיי אַרויס אויפן פּעראָן, וווּ עס איז שוין געשטאַנען דער שנעל־צוג. בראָודע, וועלכער האָט זיין טאָכטער באַגלייט ביז צו דער גרענעץ, איז אַריין אין וואַגאָן און אַכטונג געגעבן ביים אויסזדרן די פעק. ער האָט פאַרנומען פאַר איר אַן אָרט ביים פענצטער.

נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט באַצאָלט די „נאָסילסטשיקעס״, אַלץ צעלייגט אויף זייערע ערטער, געמאַכט פאַר מאַניען אַ באַקוועם אָרט צו זיצן און אפילו צו קאָנען אַ דרעמל טון, האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער און אַ זאָג געטון: — מאַניע, הויב זיך אָן געזעגענען.

ערשט אין דער רגע האָט זי אַ טראַכט געטון וועגן דודן. זי האָט ליכט אויפגעציטערט. זי איז צו צו די דריי עלטסטע ברידער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בייזאַמען און געשטאַנען אין אַ זייט, און זיי געפרעגט: — ווו איז דוד?

זיי האָבן אַלע דריי אָפּגעענטפערט בייז און שטייף: — מיר וויסן גאָרנישט.

אינדעם איז מאַניעס מוטער צו איר צוגעפאַלן און זי אָנגעהויבן קושן. זי האָט זי לאַנג געקושט און דערנאָך געגלעט זי איידל מיט אירע דיקלעכע, ווייסע הענט איבערן פּנים. זי האָט גערעדט צו איר וואַרעמע, מאַמעשע ווערטער. פון מאַניען איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן דער גאַנצער קוראַזש און אויפגעהייטערטקייט פון פאַר די לעצטע וואָכן. זי איז געוואָרן טרויעריק, כאָטש די מוטער האָט זיך באַמיט צו זיין פריילעך און פרובירט מיט גלייכווערטלעך מאַכן זי לאַכן.

נאָך דער מוטער האָט זיך מאַניע געזעגנט מיט די יינגערע קינדער, די שוועסטערלעך און ברידערלעך פון פאַרשידענער גרייס, אַלע גוט אָנגעפּראַפּטע, מיט פעטע, רויטע באַקן. זי האָט זיי געקושט אין די באַקן און אין די קעפּ און אָנגעזאָגט צו פאָלגן די מאַמעשי און די טשאַטשע בראָניע.

דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו די דריי דערוואַקסענע ברידער. זי האָט יעדערן דערלאַנגט די האַנט און יעדער האָט צוגעלייגט צוויי מאָל זיינע ליפּן צו אירע באַקן. זיי האָבן דאָס געמאַכט אַזוי גיך און אויף יוצא וועגן, אַז מאַניע איז געבליבן נעבן זיי שטיין אַ פאַרשעמטע, ווי עס בלייבט שטיין אַן אַנטוישטער מענטש וועמענס בקשה איז נישט געוואָרן אויסגעהערט.

עס איז צו איר צוגעקומען די טשאַטשע בראָניע און איר געפאַלן אויפן האַלדז. מאַניע איז אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. בראָניע האָט זי

אַרומגעגנומען אין דער העלפט און אַ ווייענענדיקע זי צוגעפירט צום טירל פון וואַגאָן און איר געהאָלפן זיך אַריינזעצן.

מאַניע איז געשטאַנען ביים פענצטער אַ פאַרוויינטע. געבן איר איז געשטאַנען דער פאָטער און לייכט זי געגלעט איבער די אָרעמס און נאַקן. עס האָט דער קופּערנער גלאָק אָפּגעקלונגען דריי מאָל. מאַניע איז לאַנג געשטאַנען אין פענצטער פון וואַגאָן און געפּאָכעט מיט איר ווייס טיכעלע אַהין און צוריק, ווי מיט אַ ווייסער פאָן, דעם סימבאָל פון די, וואָס גיבן זיך אונטער...

*

אויפן וועג פון דער באַן אַהיים, זיצנדיק אין איין דראָזשקע, האָט די פרוי בראָודע זיך פאַרטרויט פאַר בראָניען, אַז זי איז זייער אומרויק וועגן דודן. דאַקעגן בראָניע איז געווען איצט אינגאַנצן רויק. זי איז געווען אַזוי זיכער, אַז דוד איז נישט געקומען זיך געזעגענען מיט מאַניען ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו איר, און האָט נאָר איצט אין זינען זי, בראָניען, אַז דאָס, וואָס ער איז בכלל נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן האָט זי אינגאַנצן נישט גענומען אין חשבון. זי האָט עס אַזוי ווי פאַרגעסן. זי האָט זיך איצט אַלץ אויסגעטייטשט צו איר גוטן.

ווען מען איז אַהיימגעקומען האָט די פרוי בראָודע באַלד באַמערקט, אַז דער שופלאָד פון דער שאַנק אין דער גרויסער שטוב, וווּ בראָודע האָט לעצטנס געהאַלטן געלט פאַר לויפנדיקע הוצאות, איז אויפגעבראָכן. ס'איז געוואָרן אַ טומל, אַ צערודערונג. דוד האָט זיך אויך די נאַכט נישט געוויזן.

מען האָט געוואַרט אויף בראָודע'ס קומען. ער איז אָנגעקומען ערשט צומאָרגנס אינדערפרי. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט געהאַט אין שופלאָד קנאַפּע פיר הונדערט רובל.

בראָודע האָט גערופן צוויי פאַקערס פון זיין געשעפט, געזונטע פעסטע חברה־לייט. זיי האָבן מיט שטריק געבונדן אַלע זיינע דריי עלטסטע יונגען. די אויספאָרשונג האָט בראָודע אָנגעהויבן פון יונגסטן פון זיי. ער האָט אַזוי לאַנג מיט אַ פאַסיק געשמיסן אויף זיין גאָל לייב, ביזוואַנען ער האָט

נישט דערציילט, אַז דוד האָט זיך לעצטנס פאַר זיי פאַרטרוי״ט, אַז סוף כל סוף וועט ער באַגנבענען דעם פעטער און אַוועק קיין אַמעריקע.

בראָודע האָט וועגן דעם פאַרלאָפּענעם אָנגעשריבן צו דודס פאָטער. אין אַ צייט אַרום האָט ער באַקומען פון אים אַ בריוו פול מיט זידלערייען און מיט די שרעקלעכסטע פאַרוואורפן. דודס פאָטער האָט געשריבן, אַז צוליב זייער רשעות מוז זיך איצט זיין קינד אַרומוואַלגערן איבער דער וועלט אָן אַ היים און אָן אַ מאָרגן. ער האָט געדראָט בראָודען מיט גאָט, מיט יענער וועלט און אפילו מיט מלאך־המות. לסוף האָט ער בראָודען מודיע געווען, אַז דוד זיצט אין האַמבורג ביים פאָרט און האָט נישט קיין געלט צו פאָרן קיין אַמעריקע. צו דעם בריוו איז געווען צוגעלייגט דודס אַדרעס.

בראָודע האָט תיכף דודן אַרויסגעשיקט פינף הונדערט רובל און דוד איז מיט דער נאָענטסטער שיף אָפּגעשוווּמען אין דער נייער וועלט, צום פּאָרט ניו־יאָרק.

*

די טשאָטשע בראָניע האָט שווער איבערגעלעבט דודס אַנטלויפן. זי איז געוואָרן קראַנק, באַקומען אַ שטאַרק האַרץ־קלאַפּונג. זי האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן און אויך גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. ווען זי פלעגט שוין איינשלאָפן, האָט איר פּונקט אין האַלבער נאַכט אויפ־געוועקט אַ האַרץ־קלאַפּן, וואָס האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַזאַ פּחד, אַז זי פלעגט אין מיטן דער נאַכט רופן הילף. נאָך אַזאַ אָנפאַל האָט זי שוין מער נישט געקאָנט איינשלאָפן.

בראָניע איז געוואָרן אַזוי שוואַך און אָפּגעלאָזן, אַז זי האָט אויפגע־הערט אויפצושטיין פון בעט. זי האָט אַלץ פאַרלאָזן. עס איז איר גאָרנישט אָנגעגאַנגען. די ווירטשאַפט איז געגאַנגען ווי אַ שיף אָן אַ רודער. זי האָט אַוועקגענומען פון דעם אַלעם אירע ביז איצט שטאַרקע און געניטע הענט.

די בראָודע׳ס זענען געווען אויסער זיך פון איר מצב. זיי האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. זיי זענען אָבער געווען זיכער, אַז בראָניע איז קראַנק געוואָרן פון דער צעשיידונג מיט מאַניען. זי בענקט אַזוי שטאַרק נאָך איר.

אַז דאָס מאַכט זי ממש קראַנק. בראַניע האָט געגרן אונטערגעהאַלטן די
ווערסיע וואָס די בראַודע׳ס האָבן זיך וועגן איר געשאַפֿן.

מען האָט געבערענגט צו בראַניען דעם דאָקטאָר הערץ. ער איז געקו־
מען אין אַ קאָטש געשפּאַנט אין אַ ברוין, שיין געפּוצט פערד. ער איז
געווען אַ הויכער, נאָר פֿון דער עלטער שוין אַביסל געבויגן. געווען זייער
עלעגאַנט. זיין גלייך אַרומגעשוירן ווייס בערדל, דער הויכער שטערן און
די גאָלדענע ברילן האָבן אַזוי גוט דערמאַנט אין די פּאָרטרעטן פֿון די
משכילים־פּאָזיטיוויסטן פֿון אַסימילאַטאָרישן שניט.

ער איז אַריין צו בראַניען אין צימער. מיט אים איז מיטגעגאַנגען די
פרוי בראודע. בראודע האָט זיך אָן אַ היטל אַרומגעדרייט אין דערבייאיקן
צימער. די גאַנצע שטוב, אפילו די צוויילדעוועטע קינדער, האָבן איינגע־
האַלטן דעם אָטעם פֿון גרויס דרך־ארץ פֿאַר דעם באַרימטן דאָקטאָר.

דאָקטאָר הערץ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול נעבן בראַניעס
בעט. אין בעט האָט זי אויסגעזען אַסך שענער און יונגער ווי אָנגעטוענער־
הייט. צי דערפֿאַר וואָס זי האָט די לעצטע טעג אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם
עול פֿון די פּראַקטישע שטוב־ענינים, צי פֿון דער איבערלעבונג פֿון דודס
אַנטלויפֿן, נאָר עס איז אויף איר אַרויף עפּעס אַ שיינקייט און געהויבנקייט
וואָס מען זעט זי טיילמאָל ביי שווער געטראָפֿענע מענטשן. די אויגן אירע
האָבן געברענט מיט אַ פֿאַרבאָרגן פייער און די ליפּן זענען ביי איר געווען
אַביסל צו טרוקן. דער דאָקטאָר האָט אַ שאַרפֿן קוק געטון איר אין די אויגן
און גיך אויפֿגעכאַפּט זייער אומרויקן, געררייצטן בליק. ער האָט דאַמאָלט
מיט דער האַנט אַ גלעט געטון איבער דער קאָלדרע אונטער וועלכער
בראַניע איז געלעגן און געזאָגט זייער שטיל און איידל — ספּאָקוי, מאָיע
דזשיעצקאָ (רויק, מיין קינד).

ער האָט זי געפֿרעגט ווי אַלט זי איז. זי האָט שטיל געענטפֿערט ·
— אַכט און צוואַנציק. ער האָט זי געפֿרעגט צי זי איז אַ חתונה געהאַטע.
זי האָט געענטפֿערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן: — ניין, אַ מיידל.

פֿון דעם ענטפֿער אירן האָט שוין דאָקטאָר הערץ אַלץ פֿאַרשטאַנען...

ער האָט זי אויסגעקלאַפּט מיט אַ העמערל. דערנאָך האָט ער אַרויס־
גענומען פֿון קעשענע צוויי האַלצערנע סטעטאָסקאָפּן, אַ לענגערן אויסצו־

הערן די לונגען און אַ קירצערן צום האַרץ. ווען ער האָט אַרויפגעזעצט אויפן דינעם רערל די ברייטערע, קיילעכדיקע טייל אויף צוצולייגן דאָס אויער, האָט ער זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהערט צום סקריפּ וואָס דאָס האָלץ פון סטעטאָסקאָפּ האָט אַרויסגעגעבן פון זיך. ער האָט אַזוי ליב געהאַט די האָלצערנע רערלעך, וואָס גיבן דער עיקר אַזוי גיט אָפּ די טענער פונעם האַרץ.

נאָכדעם האָט ער מיט אַ גומי־העמערל איר קאָנטראָלירט די פּיס־רעפלעקסן. ווען ער האָט דאָס אַלץ געענדיקט, האָט ער געזאָגט צו בראָניען: — יעשטשע ווראָצען דאָ טשעביע (איך וועל נאָך צוריקקומען צו דיר). דאָס ווענדן זיך אויף דו, איז שטענדיק געווען ביי אים אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע צום פּאַציענט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ ווונק געטון צו דער פרוי בראודע און אַריין אין צווייטן צימער, וווּ עס האָט אויף זיי געוואַרט מיט אומגעדולד בראודע.

אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע

דער דאָקטאָר הערץ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם אים דערלאַנגטן פאָטעל, נישט ווייט פונעם טיש. די בראודע׳ס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף צוויי שטולן נעבן זיך און מיט אַ האַנט־באַוועגונג זיי געבעטן זיך אַוועקזעצן.

דער דאָקטאָר האָט אויסגעפרעגט בראודען וועגן בראָניעס משפּחה־פאַרהעלטענישן. בראודע האָט אים דערציילט, אַז ער איז אירס אַן עלטער־פעטער, אַז זי שטאַמט פון אַ פאַראָרעמטער שטוב און אַז זי איז שוין ביי זיי קרוב זיבן יאָר. — מיר געטרויען איר אַלץ אָן, געלט און די טייערסטע זאַכן, אַלץ איז אין אירע הענט, די גאַנצע פירונג פון דער שטוב. מיר קאָנטראָלירן זי קיינמאָל נישט, מיר רעכענען איר קיינמאָל נישט נאָך. איר איז ביי אונדז זייער גוט. זי האָט ביי אונדז פון כל טוב און זי פילט זיך

פונקט ווי זי וואָלט זיך געפונען ביי זיך — האָט בראָידע נאַאיוו פאַר־ענדיקט.

דאָקטאָר הערץ האָט אַ שמייכל געטון.

דאָ האָט די פרוי בראָודע דערציילט דעם דאָקטאָר וועגן מאַניעס אַוועקפאָרן און אַרויסגערוקט זייער השערה, אַז בראָניעס קרענק איז אַ רעזולטאַט פון איר בענקשאַפט נאָך מאַניען.

דאָקטאָר הערץ האָט ווידער אַ שמייכל געטון, דאָס מאָל אַ שטאַרק אירָאָנישן. די בראָודע'ס האָבן קלאָר געזען, אַז דער דאָקטאָר האַלט זייער מיינונג פאַר אַבסאָלוט פאַלש.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבן:

— איך פאַרשרייב איר אַ רפואה. זי וועט דאָס דאַרפן נעמען דריי מאָל אין טאָג. אויב זי וועט ווידער שלעכט שלאָפן, זאָל זי נעמען אַ פערטן לעפל אויף ביינאַכט. זי טאָר נישט ליגן אין בעט. דאָס איז פאַר איר שעדלעך, זייער שעדלעך — האָט ער אָקצענטירט זיינע ווערטער, מען דאַרף זי אָבער מיט געוואַלט נישט טרייבן פון בעט, נאָר אַזוי מאַכן, אַז זי זאָל אַליין ווען אויפשטיין. זי דאַרף פאַרברענגען אין געזעלשאַפט. אָבער דער עיקר, מען דאַרף זי וואָס גיכער חתונה מאַכן.

די בראָודע'ס האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן. דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און אַריין צו בראָניען אין שטוב.

— מיין טייערע — האָט ער געזאָגט צו איר — איך וואָלט געוואָלט זען ווי הויך דו ביסט. און ווענדנדיק זיך צו דער פרוי בראָודע האָט ער זיך געפרעגט, — קאָן מען איר דערלאַנגען אַ שלאַפראָק?

די פרוי בראָודע איז אַריין אין צווייטן צימער און תיכף אַריינגע־בראַכט עפּעס פאַרוואָרפן אויף דער האַנט, זי האָט זיך געשטעלט צווישן דעם דאָקטאָר און בראָניען. די קראַנקע איז אַרויס פון בעט און די פרוי בראָודע האָט איר געהאָלפן אָנטון אויף דעם שיין אויסגעהאַפטענעם נאַכטהעמד אַ שלאַפראָק פון בלויעם זייד.

דער דאָקטאָר האָט אַ בליק געטון אויף בראָניען, זי אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צו דער קליינער סאָפע וואָס איז געשטאַנען נישט

ווייט פון בעט. ער האָט צו איר געזאָגט זייער שאַרמאַנט: — שמועסן איז זיכער באַקוועמער זיצנדיקערהייט ווי ליגנדיק.

— קינד מיינס, — האָט ער גערעדט צו איר שטיל, גלעטנדיק דער־ביי איר האַנט, — האָסט זיך פּאַר גאָרנישט צו שרעקן. דיין קראַנקהייט איז אַ שנעל פאַריבערגייענדיקע. דו דאַרפסט אַכטונג געבן צו נעמען רעגו־לער די רפואה, וועלכע איך האָב דיר פאַרשריבן. בכדי צו קענען שלאָפן דאַרפסטו ביסלעכוויז אָנהויבן אַראָפּצוגיין פון בעט. דאַרפסט זיך באַמיען צו זיין אין געזעלשאַפט פון מענטשן. נישט עסן קיין פעטע מאכלים, נעמען יעדן טאָג אַ לייכט־וואַרעמע באַד. אין אַ חודש אַרום האָף איך דיך צו זען, אָבער דאָסמאָל שוין ביי מיר.

ער האָט איר אַ דריק געטון די האַנט און איז אַרויס.

אים זענען נאָכגעגאַנגען די בראַודע׳ס. זיי זענען אַרויס אין פאָדער־צימער. דער נידריקער בראַודע האָט געמאַכט פאַרצווייפלטע באַמיונגען צו העלפן דעם הויכן דאָקטאָר אָנצוטון דעם דינעם זומער־מאַנטל. ער האָט דעם דאָקטאָר דערלאַנגט דעם הוט און ביים געזעגענען זיך אים אַריינגע־קוועטשט אין האַנט אַ גאָלדענעם פינף רובל־שטיק האָנאָראַר.

*

די נאַכט איז בראָניע נאָך אַ דאָפּלטער פּאָרציע בראָם מיט וואַלעריאַן זייער גוט געשלאָפן. דאַקעגן האָבן די בראַודע׳ס נישט צוגעטון קיין אויג. בראַודע האָט זיך געקלאָגט פאַר זיין ווייב אויף זייער גורל:

— מאַניען האָבן מיר געמוזט אַוועקשיקן פון שטוב. דוד איז ערגעץ אַיועק אין דער וועלט. טאַקע זיך נישט גוט אויפגעפירט, אָבער פאָרט אַן אייגענער. די עלטסטע זין גייען נישט בדרך הישר. בראָניען פאַרזען, און זי איז איצט שוין אַן עלטער מיידל. קראַנק צוליב דעם וואָס זי האָט נישט התונה געהאַט. און דאָס אַלץ קומט פון פאַריאָגטקייט פון פאַרהאָרעוועט־קייט, פון זוכעניש נאָך ריווח, נאָך געלט. און צו וואָס טויג אונדז דאָס געלט, אַז מיר האָבן נישט קיין נחת פון די קינדער און נישט פון די, וואָס זענען געקומען צו אונדז אין שטוב זוכנדיק ביי אונדז אַן אייגענע היים? — האָט בראַודע גערעדט ווי מיט אַ טענה צו זיך אַליין.

די פרוי בראודע איז אין אָנבליק געווען לאַין ערד אָפּטימיסטישער ווי איר מאַן, זי האָט געזאָגט: — צדוק, וואָס ווילסטו? מאָגיען האָבן מיר, דאַנקען גאָט, באַזאָרגט. זי געפינט זיך אין גוטע און געטרייע הענט. זי וועט מערצישעם אַהיים קומען און מיר וועלן טוען מיט איר אַ גאָר גראָסאַר־טיקן שידוך. דוד וואָלט באַ אינדז קא לאַט נישט געוואָרן. ער האָט זעך ארימגעשלעפּט גאַנצע טעג פּיסט און פּאַס. אין אַמעריקע וועט מען פון אים מאַכן אַ מענטש. די יינגען וועלן מיר זען צו באַזאָרגן. אייגעם און אפשר צוויי, אויך אַוועקשיקן זיי זאָלן ווערן מיט לאַטן גלייך. נאָר צו בראָ־גיען — איז זי פּלוצים באַהערשט געוואָרן פון אַ שווערער שטימונג — צו בראָגיען — מיזטי זעך, צדוק, אַ נעם טין. מיזט אַלץ אַוועקלייגן און זעיען, אַז די שדכנים זאָלן אָנהייבן צוריק קימען מיט שידוכים. צדוק, — האָט די פרוי בראודע געצויגן איר געשפּרעך, — זי איז דעך גישט מאַן קרובה, נאָר דאַנע, נאָר איך זוג דיר, גיב נאָך טאָזנט, צי אפילו נאָך פיפצנהינ־דערט ריבל נדן און לאָמיר זי באַלד חתונה מאַכן. עפּעס האָב יעך מורא פאַר איר! — האָט די פרוי בראודע אַרויסגעזיפצט מיט גרויס אַנגסט.

אירע ווערטער, וואָס אין אָנהויב האָבן זיי געצילט צו באַרויקן איר מאַן האָבן לסוף נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין שלעכט געפיל. ער האָט זיך פּלוצים, נאָך די לעצטע געשעענישן אין זיין שטוב, אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון דעם, וואָס ער האָט ביז איצט אויפגעטון אויף דער וועלט. ער האָט זיך געמאַטערט צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין פול מיט מי און איינשטעלעניש לעבן, און נישט געפונ׳ן קיין ענטפער. דעם דאָקטאָר הערצס ווערטער וועגן בראָניען האָבן אים אינגאַנצן צערודערט. ער האָט זיך קעגן איר געפילט שולדיק. אים איז געווען שטאַרק שלעכט. דער בריוו פון דודס פאָטער האָט אויך געטון דאָס זייניקע, ער האָט אים אייפגערו־דערט און אָנגעשראָקן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער שטעלט אין זיין לעבן צוליב די געשעפטן, צוליב דעם געלט און עס האָט אַ נאָג געטון מיט אַלע כוחות די פראַגע: — צו וואָס? צו ווען?!

אַזוי האָבן זיי גערעדט צווישן זיך כמעט אַ גאַנצע נאַכט, אָבער איינער האָט אויסבאַהאַלטן פאַרן צווייטן דאָס סאַמע דערעיקרשדיקע, וואָס האָט זיי ביידע לעצטנס פאַרפאָלגט. די געפאַר מיט וועלכן זייערע געשעפטן

וענען פאַרבונדן האָט זיי לעצטנס ביידע שטאַרק געשראָקן. עס איז זיי געגאַנגען צו גוט, און זיי האָבן געהאַט די מורא, וועלכע עס האָט אַ גליק־לעכער קאָרטן־שפּילער אַז אָט־אָט וועט זיך די גוטע קאָרט פון אים אָפּווענדן און ער וועט פאַרשפּילן נישט נאָר דאָס געווינענע נאָר אויך זיין אייגענעם קערן.

*

צומאָרגנס האָט זיך בראָניע אויפגעהויבן אין אַ בעסערער שטימונג, ווי מיט אַ טאָג פריער. מען האָט איר דערלאַנגט דעם שלאָפראָק און זי איז צוגעגאַנגען צום טיש עסן פרישטיק. זי איז נאָך געווען פאַרטשמעליעט פון דעם בראָם און פונעם טיפן שלאָף און קנאָפּ וואָס געגעסן. נאָכן פרישטיק האָט זי זיך אַביסל אַרומגעדרייט אין שטוב און שפּעטער צוריק אַריין אין בעט. מיט דער ווירטשאַפט האָט זי זיך נישט אינטערעסירט.

ביי די בראָודע׳ס איז געווען אַ גראַמאָפאָן. זיי האָבן אים געהאַט געקויפט נאָך מיט דריי יאָר צוריק. אָבער די יונגען האָבן אים גיך צעבראָכן. זיי האָבן גאַנצע טעג ביי אים געמייסטרעוועט, אַלע רגע געטוישט די פּליטן, געהאַלטן אין איין אַריינקוקן אין די סודות פון זיין מעכאַניזם, ביז ער איז קאַליע געוואָרן. עטלעכע מאָל האָט מען אים געגעבן צו פאַריכטן. לסוף איז בראָודען דער גאַנצער עסק מיאוס געוואָרן און מען האָט דעם גראַמאָפאָן מיט דער גרינער טובע אַרויפגעשטעלט אויף דער אַנטרע־סאָליע אין קיך.

איצט האָט זיך בראָניע דערמאָנט אין גראַמאָפאָן. זי האָט געבעטן בראָודען ער זאָל אים געבן צו פאַריכטן. זי האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט אויף דעם גראַמאָפאָן אַכטונג געבן, אַז די יונגען זאָלן אים מער נישט צעברעכן.

בראָודע האָט איר צוליב געטון. מען האָט אַראָפּגענומען דעם גראַמאָ־פאָן פון דער אַנטרעסאָליע און אים געגעבן אויסצופאַריכטן. בראָודע האָט אויך געקויפט די טייערסטע פּליטעס אָנגעשפּילטע מיט דעם בעסטן אין דער וועלט טענאָר, קאַרוזאָ, ווי ער זינגט די לירישע אַריעס פון די אָפּע־רעס פון פּוציני, לעאָנקאַוואַללאָ און אַנדערע.

אַמבעסטן האָט בראָניע ליב געהאַט צו הערן דעם פּראָלאָג און די ענד־אַריע פון לעאָנקאַוואַללאָס אָפּערע „די פּאַיאַצן". זי איז געזעסן נעבן

טיש אָנגעטון אויפֿן העמד דעם זיידענעם שלאָפראָק, און זיך צוגעהערט צום געזאַנג פון קארוזאָ. ווען ער האָט געזונגען די שלוס־אריע פון דעם פּאַיאַץ, וועגן זיינע דערנידערונגען און וועגן דער אָפּגענאַרטער ליבע, האָט זי געפילט, האָט זי געחלומט, אַז דאָס זינגט ער וועגן איר, וועגן איר אָפּגענאַרטער ליבע. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס נעמט ער אַרויס די ווער־טער פון איר מויל און וויקלט זיי איין אין זיין לירישער, ווייכער, הייסער טענאָר־שטימע און דערלאַנגט איר זיי דאָס לעצטע מאָל, ווי מען ז׳ערלאַנגט אַ פאַרמשפּטן דאָס לעצטע מאָלצייט.

זי פלעגט זיצן שעהען־לאַנג אין גרויס פאַרטראַגנקייט אַן איינגע־הערטע אין דעם געזאַנג, אין די ווערטער וואָס קארוזאָ האָט זיי אַרויסגע־הויבן מיט זיין שטימע פון די סאַמע טיפענישן אַרויס. ער האָט געזונגען איטאַליעניש, אָבער זי האָט געקענט די ליברעטאָ אויסנווייניק, און פאַר־שטאַנען יעדעס זיין וואָרט. גאַנצע פאַרמיטאָגן און גאַנצע אָוונטן איז זי געזעסן און געהערט דאָס געזאַנג. ווי נאָר די פּליטע האָט זיך געענדיקט, נאָך איידער דער גראַמאָפאָן האָט אַרויסגעלאָזט דאָס לעצטע ביסל קלאַנג, האָט זי ווידער אָנגעשטעלט די נאָדל אויפֿן אָנהויב פון דער זעלבער פּליטע און אַזוי צענטליקער מאָל נאָכאַנאַנד.

איר גאַנצע בענקשאַפט, איר מיטאַמאָל דורכגעריסענע דורך צוימען און שטערונגען — ליידנשאַפט, האָט זי אַרויסגעהערט פון דעם געזאַנג. זי פלעגט אַזוי מיטגעריסן ווערן, אַז זי האָט אָנגעהויבן מיטזינגען, מיט־וויינען און מיטלאַכן ווען דער פּאַיאַץ האָט געלאַכט איידער ער מאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. די בראָודע׳ס, וואָס פלעגן ביינאַכט אַהיימקומען פאַרמאַטער־טע פון אַ גאַנצן טאָג פול מיט געשעפטן, און זייער ווייט געווען פון מוזיק, האָבן זיך ממש נישט געהאַט ווו צו באַהאַלטן פאַר דעם גראַמאָפאָן וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שפּילן איין און די זעלבע אַריע. זיי האָט אָנגע־הויבן שרעקן די גאַנצע זאַך און בראָודע האָט שוין באַדויערט וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָנרעדן פון בראָניען און געגעבן צו פאַריכטן דעם גראַמאָפאָן.

איינמאָל זיצנדיק ביים אָוונטברויט האָט זיך בראָניע אויף אַ לאַנגער

ווײַלע פּאַרטראַכט און פּלוצים אויסגעבראָכן מיט עפּעס אַ מאָדנעם געלעכ־טער. ווען דאָס לאַכן האָט געדויערט, האָבן די בראָודע׳ס זיך געכאַפּט אַז דאָס לאַכט אַזוי בראָניע דאָס געלעכטער פֿון פּאַיאַץ, וואָס קאַרוזאָ האָט אַרויסגעלאַכט פֿון דער גראַמאָפֿאָן־פּליטע.

בראָניע האָט אָנגעהויבן לעבן אין אַ וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע. כאָטש אויסערלעך האָט מען געקענט מערקן ביי איר אַ פֿאַרבעסערונג. זי איז שוין נישט געלעגן אין בעט. שוין אפילו אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שלאָפֿראָק און אַרומגעגאַנגען אָנגעטון אין אַ ניי זיידן קלייד, האָט זי אָבער אינערלעך דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס. זי האָט יעדע דערמאָנונג פֿון דודס אַ באַרירונג אַדורכגעלעבט הונדערטפֿאַכיק. יעדע דערמאָנונג פֿון זיינס אַ צופֿעליקער האַנט־באַרירונג האָט איר געבריט. דער געדאַנק אַז ער פֿלעגט זי אַמאָל אַרומנעמען האָט זי אײַנגאַנצן אַרומגעכאַפּט מיט פֿלאַ־מען. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן די באַקאַנטע, וואָס פֿלעגן צו איר קומען, וועגן ליבעס, וואָס זי זאָל מכלומרשט האָבן אַדורכגעלעבט. זי האָט גערעדט וועגן די זאַכן אַזוי אָפֿן און דרייסט, כמעט פּרעך, אַז די הערער האָבן זיך געפֿילט פֿאַרזשעניִרט און זיך איבערגעוואָרפֿן מיט פֿילדייטיקע בליקן. מען האָט געזען, אַז מיט בראָניען טוען זיך עפּעס אָפּ נישט קיין גוטע זאַכן.

בראָודע האָט מאָביליזירט די שדכנים און זיי זענען געקומען פֿאַר בראָניען אָנשלאָגן שידוכים. עס האָט זיך אָבער נישט געקלעפּט. בראָניע איז געווען ווייט פֿון דעם. זי האָט אַלץ וואָס זיי האָבן איר דערציילט אויס־געהערט, אָבער קיינמאָל נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה. זי האָט זיך אפילו נישט געגעבן צוגעהערט צו זייערע און אפילו נישט צו בראָודע׳ס רייד. בראָודע האָט נישט געוווסט גאָרנישט וועגן בראָניעס איבערלעבונגען אין שייכות מיט דודן. ער האָט זיך דערצו נישט דערטראַכט, כאָטש ער האָט לעצטנס וועגן איר אַ סך געדאגהעט. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿאַל בראָניע צו זאַכלעך. ער האָט געטראַכט וועגן איר און וועגן איר צוקונפֿט, וועגן איר חתונה־האָבן, צו טרוקן, צו סוחרישמעסיק. בראָניע איז שוין צו ווייט געהאַט אַוועק פֿון דער רעאַלער וועלט, אַז דאָס וואָס בראָודע און די שדכנים האָבן פֿאַר איר צוגעטראַכט, אַז דאָס זאָל זיין פֿאַר איר גענוג. אַריינגעטון אין די דערינערונגען וועגן יעדער מינדעסטער דודס באַרי־

רונג, איז זי שוין אָבער געווען אויף יענער זייט פון דעם אַלעם. דאָס אַלץ, וואָס אין אירע מחשבות איז געווען בלויז גוף, האָט שוין ביי איר געהאַט אָנגענומען די פאָרמען פון כמעט אַן אידעע־פיקס. אירע בענקשאַפטן זענען איבערגעגאַנגען אין אַ קראַנקהאַפט געפיל, וואָס איז זיך אין איר צעוואַקסן ווי אַ ווילד געוויקס.

עווא סוליק

חשבון הנפש...

אַניאַ סוליק האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט ביים בעט פון איר קראַנקן· צוועלף יעריקן, איינציקן זון. זי איז געזעסן אין זעלבן גרינעם וואָלענעם קלייד אין וועלכן זי איז געגאַנגען אָנגעטון אין ווענעדיק, אין דעם מאָמענט ווען ס׳איז צו איר דערגאַנגען די דרינגענדיקע ידיעה וועגן דער קראַנקהייט פון איר קינד. זי האָט זיך אפילו נישט איבערגעטון; מודיע געווען דער דירעקציע פון פענסיאָן ווו זי האָט געוווינט, אַז זי מוז תיכף אַוועקפאָרן, געבעטן אַרויפשיקן אימיצן וואָס זאָל איר פאַרפּאַקן דעם באַגאַזש, און נישט געזעגנענדיק זיך מיט קיינעמען פון אירע סעזאָן־באַקאַנטע, אַוועק צו דער באַן.

די נאַכט ווען אַניאַ איז אָנגעקומען אין שטוב איז געווען די נאַכט פון איבערברוך אין קינדס קראַנקהייט. דאָס ייִנגל האָט געהאַט מאָמענטן ווען זיין געדאַנק איז געווען אינגאַנצן קלאָר. דאַמאָלט האָט ער זיך געפרייט מיט דער מוטער, געקושט אירע הענט, געגלעט איר פנים, גערופן: מאַמאָטשקאַ דאראגאיאַ! דערנאָך איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין שעהען פון אַבסאָלוטער אָנמאַכט און באַוווסטלאָזיקייט. ער האָט זייער אַ סך געשוויצט. אַניאַ און די קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געזעסן ביי זיין בעט אַנטקעגן איר, האָבן אים עטלעכע מאָל דערלאַנגט רפואות. דער דאָקטאָר איז געזעסן ביים קראַנקן ביז האַלבער נאַכט, דערנאָך איז ער אַוועק און געהייסן זיך יעדער שעה טעלעפאָנירן.

די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט אַניען געזען דאָס ערשטע מאָל, האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון איר. זי איז געזעסן אַ פאַרגאַפטע און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אַניעס בלוי־גרינע אויגן זענען דאַ געוואָרן אינגאַנצן בלוי און מיטאַמאָל אינגאַנצן גרין. די קופּערנע האָר אויף איר קאָפּ האָבן זיך געטורעמט מיט שטאָלץ און ווייבלעכקייט.

איר גרין קלייד האָט געשאַפן אַן אויסערגעווייטלעכע האַרמאָניע מיט איר קאַרנאַציע. פון אונטער דער העל־ראָזאַ הויט אירער האָט פון צייט צו צייט זיך דורכגעריסן אַ העל רויטע פאַרב און פאַרגאָסן דאָס פנים און האַלדז. עס איז געווען קאָנטיק, אַז אַניאַ לעבט עפּעס שטאַרק איבער.

מאָטוויעי סוליק האָט זיך נישט געוויזן אין זונס צימער. די קראַנקן־שוועסטער איז אָפט אַריינגעגאַנגען צו אים אין קאַבינעט און איבערגעגעבן וועגן מצב פון קראַנקן. ער האָט יעדעס מאָל אויסגעהערט איר קורצן באַריכט מיט אַ פאַרפלאָמט פנים און אויגן איבערגעבלוטיקטע פון נישט שלאָפן. אויף דער פרוי האָט ער זיך נישט געפרעגט.

אַניאַ האָט זיך אַרומגעקוקט אין זונס שטוב. זי האָט באַטראַכט זיין ניקעלן בעט, דאָס שניי־ווייסע בעטגעוואַנט, די בלויע זיידענע קאָלדרע. זי האָט אַ בליק געטון צום פענצטער, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט שאַלן פון טעראַקאָטע פאַרב און אויף די שווייצאַרישע פאַרהאַנגען פון דינעם טיול. זי האָט געקוקט אויפן יינגלס אַרבעטס־טיש, אויף דעם שענקל מיט ביכער אין וועלכן דאָס ערשטע און בכבודיקסטע אָרט האָבן פאַרנומען זשול ווערן, מיין ריד און וואַלטער סקאָטס, „ריטשאַרד דאָס לייבן האַרץ״. זי האָט געקוקט אויף זיין סטאָליער־וואַרשטאַט, וועלכן זי האָט אים געקויפט צו זיין געבורטסטאָג ביי דער פירמע קזשישטאָף ברון. זי האָט איינגעענורעט אירע פיס אין דעם פוכיקן שטיק העל פוטער וואָס איז געלעגן נעבן זיין בעט. זי האָט אַ בליק געטון צו דעם העלן שענקל מיט זיין וועש און מלבושים. זי האָט דערפילט די ווייכע וואַרעמקייט, וועלכע איז געגאַנגען פון איינגעהייצטן אויוון, די גוטע האַלב־קינדישע און האַלב־יוגנטלעכע געמיטלעכקייט אין וועלכע דאָס צימער איז געווען איינגעהילט. זי האָט געאָטעמט די זיסע זאַרגלאָזיקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע זאַכן. זי האָט געקוקט אויף די הענט פון איר קינד, וועלכע זענען איצט געווען בלייך און דאַר פון קראַנקהייט און פון היץ און דערזען אין זיי דעם צוטרוי מיט וועלכן זיי האָבן זיך צו דעם גאַנצן אַרום צוגערירט. אַ פלוצימע בלייכקייט האָט אין אַזעלכע מינוטן באַדעקט איר פנים, וועל־כעס איז נאָך אַזוי קורץ פאַר דעם געווען באַגאָסן מיט רויט, אַז די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט כסדר איר אָבסערווירט, איז געבליבן זיצן אַ דער־

שראָקענע און נישט געוווּסט צי דאַרף זי עפּעס טון פאַר איר. זי האָט אָבער נישט געוואַגט אָנצורופן זיך צו אַניען אפילו מיט קיין איין וואָרט.

די קראַנקן־שוועסטער האָט געוווּסט וועגן דעם פינאַנסיעלן קראַך פון סוליקן. דאָס האָבן אַלע געוווּסט. אַ שעה נאָכן דערקלערן אים פאַר באַנקראָט האָט די גאַנצע שטאָט מיט דעם געקלונגען. די שוועסטער האָט אויך געהערט, אַז דער דאַרער און טונקל־הויטיקער ליטוואַק האָט זייער אַ שיינע פרוי. אָבער, אַז זי איז אַזוי שיין, יונג און אַזוי העכסט עלעגאַנט דאָס האָט איר גאָרנישט געקאָנט איינפאַלן. איצט האָט איר, — אַ פרעמדן לגמרי מענטש, שטאַרק געקווּעלט דאָס באַוווּסטזיין, אַז פאַר דער דאָזיקער פרוי שטייען פאַר אַזויפיל שווערע לעבנס־נסיונות. זי האָט שוין געוואָרט מיט אומגעדולד אויף דער טאָג־שוועסטער, וואָס זאָל איר קומען פאַרבייטן.

*

אַניאַ האָט געוווּסט וועגן דעם, אַז מען האָט זייער פירמע דערקלערט באַנקראָט. די געדונגענע ווירטין האָט איר דעליקאַט איבערגעגעבן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך מיט זיי געטראָפן. אַניאַ האָט אָבער איצט נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן. זי האָט געיאָגט פון זיך די טרויעריקע מחשבות ווי דאמאָלט, ווען זי איז געוואָיר געוואָרן, אַז זיי האָט געדראָט אַ פינאַנסיעלע קאַטאַסטראָפע. איצט, ווען דאָס איז שוין געווען אַ געשעע־נער פאַקט, האָט זי דעם געדאַנק וועגן דעם געטריבן מיט נאָך מער עקשנות ווי פריער, ווען דאָס איז געווען אַ פאַריבערגעגאַנגענע געפאַר. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז רייך און איז גרייט איר גאַנץ גרויס פאַרמעגן אַוועקצושענקען פאַר דעם לעבן פון איר קינד. זי האָט געמאַכט חשבונות ווי אַזוי און וועמען זייער פאַרמעגן צעטיילן פאַרן פרייז פון איר זונס געזונט ווערן, און איז עס באמת גרייט געווען צו טון. זי האָט נישט געוווּסט, אַז גאָרנישט געהערט שוין צו איר...

פאַרטאָג איז געקומען דאָקטאָר קראַמטשיק. נאָך אַ קורצן אונטער־זוכן דאָס יינגל האָט ער גראַטולירט דער פרוי סוליק צו דעם גרויסן געשעעניש, צו דעם נס, ווי ער האָט עס אָנגערופן פון איר קינדס אַרויס־באַקומען זיך פון טויט־געפאַר.

דאָס יינגל האָט זיך איבערגעוועקט אַ פאַרשמאַכטער, נאָר ביים פולן

באַוווּסטזיין. ער האָט נישט געוואָלט אָפּלאָזן די מוטער פון זיך. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. בלייבן דעם טאָג מיטן קינד, אָדער אַריינגיין זיך זען מיטן מאַן. זי האָט געפילט, אַז טאָמער גייט זי אַריין צו סוליקן, וועט זי שוין אַזוי גיך נישט קאָנען זיין מיטן קינד. זי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס זי טראַכט אַזוי. פאַרוואָס וועט עס זיין אַזוי. אָבער זי איז געווען זיכער, אַז אַזוי וועט דאָס זיין. אָבער איבערלאָזן סוליקן איינעם אַליין מיט זיך האָט זי אויך נישט געקאָנט. איר האָט איבערראַשט און דערשראָקן, וואָס זי איז גראָד אָנגעקומען אין די שעהען פון איבערברוך אינעם קינדס קראַנקהייט. איר האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודאכטן, אַז איר קומען גראָד איצט וועט האָבן אַ גורלדיקע באַדייטונג סיי פאַר איר קינד און סיי פאַר איר מאַן.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעבויגן איבער איר זון, געגלעט זיין אויסגעצערט פּנים און געזאָגט צו אים הארציק און ווייך:

— זעלמאַן — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זי אים אָנגערופן מיט איר פאָטערס נאָמען, ביז איצט האָט זי אים שטענדיק גערופן זיגמונט, — זעלמאַן — האָט זי איבערגעחזרט, — איצט וועל איך דיך אויף אַ ווײַלע איבערלאָזן און אַריינגיין צום פּאַפּאַ.

— ניין, מאַמאָטשקאַ! — האָט דאָס יִנגל אויסגעשריגן. — גיי נישט אַוועק, גיי נישט צום פּאַפּאַ! ער איז נישט קיין גוטער! שוין אַזוי לאַנג ביי מיר נישט געווען. און איך בין אַזוי קראַנק, אַזוי קראַנק — האָט ער זיך אין איר געקלאַמערט.

— קינד מיינס, — האָט אַניאַ געזאָגט אַ געריררטע פון דעם ייִנגלס ווערטער — זאָג נישט אַזוי, דער פּאַפּאַ איז זייער אַ גוטער, נאָר ער האָט זיך איצט זיינע זאָרגן, זיינע שווערע זאָרגן.

זי האָט אָבער באַלד חרטה געהאַט פון דעם וואָס זי האָט געזאָגט, און אַ קוש געטון דעם ייִנגל אין קאָפּ.

— ניין, מאַמאָטשקאַ — האָט דאָס ייִנגל ווייטער געזאָגט — מיר איז שוין בעסער, און דער פּאַפּאַ האָט גאָרנישט וואָס צו זאָרגן.

אַניאַ האָט אַ ביטערן שמייכל געטון. זי האָט געזאָגט צו זעלמאַנען — זיי אַ גוט קינד. די שוועסטער וועט בלייבן מיט דיר. הער זיך איר, טו אַלץ

וואָס זי הייסט. ווי נאָר איך וועל קאָנען, וועל איך תיכף צו דיר אַריינקו־מען — און נישט וואַרטנדיק וואָס דאָס קראַנקע קינד וועט זאָגן, איז זי שנעל אַרויס פון זיין צימער.

*

אין דער גאַנצער דירה האָט געהערשט אַ שווער שטילשווייגן. אַ שטילקייט פאַר אַ גרויסן שטורעם. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די דירה ביי די סוליקס איז געווען אַ גרויסע און עס זענען געווען אַלע מעג־לעכקייטן פון איזאָלאַציע, האָט דאָך סוליק באַלד ווי זיגמונט איז קראַנק געוואָרן אַרויסגעשיקט די אַנדערע צוויי קינדער, די זעכצניעריקע עווא און די אַכטיעריקע אדעלאַ, אין אַ אונטערשטאָטישן פּענסיאָן. עס איז פּונקט אַזוי געשען, אַז זיגמונטס קראַנקהייט איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון די ווינטער־פעריען, ווען עווא איז געווען פריי פון גימנאַזיע.

אַניאַ איז געגאַנגען דורך די שטילע שטובן ווי דורך אַ געדיכטן, פאַרשאָטנטן וואַלד. די דיקע טעפּיכער האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אירע טריט און די פאַרוקטע שטאָרן ביי די פענצטער האָבן צוריקגעוואָרפן אירע בליקן, וועלכע זי האָט אין גאַנג געשיקט צום דרויסן. זי האָט זיך דער־פילט ווי זי וואָלט איינע אַליין געווען אויף אַן אומענדלעכן ים, וואָס וועט זיך אַ ליאַדע ווילע צעשטורעמען, צעשרייען, צעליאַרמען און אַלץ אַרום פאַרגיסן מיט זיך.

אַניאַ איז אַריין צו סוליקן אין קאַבינעט. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, נאָר אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. די שאַלן פון גאָלד־קאָליר זענען געווען אביסל פונאנדערגערוקט, דורך זיי האָט זיך אַ קאַרג ביסל ליכט אַריינגעריסן אין שטוב אַריין און געלאָשן געוואָרן דורך די טונקל באָרדאָ טאַפּעטן מיט וועלכע דער קאַבינעט איז געווען אויסגעקלעפּט.

איר בליק איז צוערשט געפאַלן אויף דער פולער שאַנק מיט ספרים, די איינציקע ירושה, וואָס סוליק האָט גענומען נאָך איר פאָטער און זיי נישט געוואָלט פאַרקויפן, כאָטש ער האָט אינגאַנצן נישט געקאָנט לערנען און קיינמאָל אין זיי נישט אַריינגעקוקט. די שאַנק איז געווען אַזוי איבער־פולט, אַז אויף די שרעגעס ספרים וואָס זענען געשטאַנען אויף די פּאָלי־צעס זענען געלעגן, סתם אַזוי אָנגעלייגט, אָן אַ סדר שטויסן ספרים. אַניען

איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו עפענען די שאַנק. ווי נאָר זי האָט אָפּגעע־בויגן די באַגלאָזטע טיר, איז איין ספר אַרויסגעפאַלן און געבליבן ליגן אויף דער פּאָדלאָגע אַן אויפגעעפנטס, מיט די טעוועלעך אַרויף. אַניאַ האָט זיך דערמאָנט וואָס מען האָט איר דערציילט אַ שטיק צייט נאָך איר פאָטערס טויט, אַז מען האָט אים געפונען ליגן אויף דער ערד און נעבן אים איז געלעגן אַן אָפן ספר. איר איז געוואָרן אַנגסטיק פון דעם וואָס איז איצט געשען. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן דאָס ספר פון דיל, עס צוגעטראָגן צו די ליפּן און אַ קוש געטון, כאָטש זי האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַז מען זאָל אַזוי טון מיט אַן אַראָפּגעפאַלן ספר.

זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין צימער און דערזען אין ווינקל אויף דער לעדערנער סאָפע איר מאַן, וועלכער איז דאָרט האַלב געלעגן און האלב געזעסן. די אויגן האָט ער געהאַלטן צוגעמאַכט. מען האָט אָבער געזען פון זיין אומרויקן אָטעמען, אַז ער שלאָפט נישט.

זי איז געגאַנגען אין זיין ריכטונג. ווען ער האָט דערפילט אימיצן נאָענט נעבן זיך האָט ער געעפנט די אויגן. דערזעענדיק אַניען האָט ער זיך געגעבן אַ ריס אויף פונעם אָרט, זי געוואָלט באַגריסן צו איר קומען, אָבער באַלד צוריקגעפאַלן און ווידער פאַרשלאָסן די אויגן.

אַניאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים. זי האָט אויפגעהויבן די האַנט און געוואָלט זי אַרויפלייגן אויף זיין קאָפּ. אין דער רגע האָט זי באַמערקט, אַז ער איז כמעט אינגאַנצן גרוי. די האָר פון קאָפּ, די וואָנסעס און די קורצע שטעכעדיקע האָר אויף זיינע נישט ראַזירטע באַקן און גאָמבע — אַלץ גרוי. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זי איז מיט זעקס וואָכן צוריק אַוועקגעפאָרן, האָט ער נישט געהאַט קיין איין גרויע האָר. זי האָט אַ קוק געטון אויף איר האַנט, וואָס איז געווען ווייס־ראָזא אויסגעע־צערטלט און אַזוי יונג.

עפּעס האָט איר איצט געשטערט אַרויפצולייגן איר האַנט אויף זיין גרוי געוואָרענעם קאָפּ. נישט דאַמאָלט און נישט שפּעטער האָט זי זיך נישט געקאָנט אויסטייטשן פאַרוואָס זי האָט דאָס נישט געקאָנט טון, זי האָט אים אָנגענומען ביי זיינע צוויי קנאָכיקע הענט און געזאָגט: — מאַטוויעי, וואָס איז מיט דיר?

סוליק האָט נישט געענטפערט. אַניאַ האָט אַביסל אויפגעהויבן איר שטימע און געזאָגט וואָרט ביי וואָרט: — מאַטוויעי! וואָס — איז — מיט — דיר?

סוליק האָט ווידער גאָרנישט געענטפערט, נאָר צוגעפאַלן מיט זיין פּנים צו אירע הענט און עס געריבן אין זיי אַהין און צוריק אָן איבעררייס. דאָס איז געווען אַ טרוקן געוויין, אַ געוויין אָן טרערן פון וועלכן ביי אַניען איז די הויט אויפן גאַנצן לייב געריינצלט געוואָרן. אין דעם גוט באַהייצטן צימער, האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פון קעלט.

זי האָט גענומען פון דער סאָפע אַ פּלעד פון קעמל־וואָל, זיך איינ־גאַנצן אין אים איינגעהילט און זיך נאָך נענטער צוגערוקט צו סוליקן און געטרייסלט מיט אים:

— מאַטוויעי! וואָס איז? וואָס איז?

סוליק האָט געעפנט די מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן און געקוקט אויף אַניען, געקוקט לאַנג און צודרינגלעך. ענדלעך האָט ער אַרויסבאַקומען פון זיך צוויי אָפּגעריסענע ווערטער: — באַנקראָט. אומגליקלעך.

— מאַטוויעי, באַזין זיך, — האָט גערעדט צו אים אַניאַ ווייך און צאַרט. — פאַרוואָס זאָגסטו אומגליקלעך? אָט האָבן אונדזערע שכנים, וואָס וווינען איבער אונדז באַנקראָטירט, און איך האָב גאָרנישט געזען, אַז זיי זאָלן זיין אומגליקלעך.

סוליק האָט זיך אַ ריס געטון פון אירע הענט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעהויבן לויפן איבער דעם צימער ווי אימיצער וואָלט אים געיאָגט. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַניען און איר אַריינגע־שריגן גלייך אין פּנים אַריין:

— אַניאַ, איך בין אַ פּרעסטופּניק, אַ פאַרברעכער, אַ קאָרטן־שפּילער ערגער, אַ פּאַסיק־שפּילער, אַ מערדער, אַ רוצח, אַ האַזאַרדניק, אַן אויס־וווּרף בין איך!

אַניאַ האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אים מיט אַלע כוחות. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און געטוליעט צו זיך ווי זי האָט געטוליעט איר קראַנק קינד, ווען ער האָט גערעדט פון היץ. זי האָט אים פּרובירט איינצונעמען, באַרויקן. — קינד מיינס — האָט זי געזאָגט צו אים, — וואָס פאַרא

פּרעסטופּניק ביזטו דאָס ביי מיר? וואָס פּאַראַ קאָרטן־שפּילער ביזטו? וואָס רעדסטו פּאַראַ נאַרישקייטן? מאַטוויעי!

ער האָט זיך באַרויקט. מיט איין מאָל באַרויקט. ער האָט זיך באַפּרייט פון אירע הענט, זיך אַוועקגעזעצט, געמאַכט איר אַן אָרט נעבן זיך און זי אַרומגענומען.

— הער, אַניאַ, — האָט ער צו איר גערעדט שטיל, שטילער ווי געוויינטלעך, — איך האָב נאָר שטענדיק געטראַכט, וואָס וועל איך טון ווען איך וועל ווערן רייך, ווען איך וועל ווערן נאָך רייכער. איך האָב אָבער קיינמאָל קיין טראַכט נישט געטון, וואָס וועל איך טון ווען איך וועל ווערן אָרעם.

פון דעם וואָרט „אָרעם" וואָס איז אַרויס פון סוליקס מויל, איז דורך אַניעס לייב אַדורך אַ פראָסט. די קעלט האָט זיך אָנגעהויבן אין די שפּיצן פינגער פון די פיס און געגאַנגען וואָס אַמאָל העכער, געשניטן דעם בויך, געפּרעסט דאָס האַרץ און דערגאַנגען ביז צום האַלדז, ווו די קעלט האָט געשטיקט נישט אויסצוהאַלטן.

שוין זיין זעלבסטבאַשולדיקונג האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַ גרויל. זי האָט אים איינגענומען. זי האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דעם וואָס ער רעדט. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דעם אַלעם, ווי זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון אונטער דער חופּה. דאָס וואָרט „אָרעם" האָט אָבער איר איצט דערגרייכט און איר צוגעשמידט צום אָרט.

סוליק האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז ער האָט שוין אין איר אַן אָנלען, אַז ער האָט ווידער געשלאָסן מיט איר אַ בונד, געמאַכט מיט איר שותפות. ער איז שוין געווען רויק און גערעדט צו איר קלאָר און זאַכלעך.

— אַניאַ, ווען אַנדערע באַנקראָטירן האָבן זיי געשעפטן, פאַבריקן, הייזער. מיר האָבן גאָרניט, גאָרניט, — און ער האָט אַ פּיר געטון מיט די הענט, ווי ער וואָלט אַלץ וואָס איז ביז איצט געווען, מיטאַמאָל אָפּגעשניטן.

זי האָט אויפגעכאַפּט די דאָזיקע באַוועגונג זיינע. זי האָט דערפילט דעם שניידנדיקן, אכזריותדיקן אמת פון זיינע ווערטער און אַ טראַכט געטון וועגן די קינדער. נישט וועגן דעם קראַנקן קינד, עס איז שוין געהאַט

אַרויס פון געפאַר. איבעריקנס, נישט פאַר אַזאַ לעבנס־געפאַר האָט זי איצט מורא געהאַט, איר האָט אַדורכגעשפּיזט דער געדאַנק וועגן עווען, איר עלטערער, נישט־שיינער, זעכצן־יעריקער טאָכטער. זי האָט אַרויסגעפילט פון סוליקס ווערטער, אַז אַלץ איז פאַרלוירן.

אַניאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז שוין מיט צען יאָר צוריק, נאָך איידער איר יונגסטע טאָכטער, אדעלאַ, איז געבוירן געוואָרן, אין טעג פון טיפער פאַרצווייפלונג, ווען איר באַציונג מיט סוליקן איז דורכגעגאַנגען דורך שווערע נסיונות, האָט זי זיך געטראַכט, אַז איר בשותפותדיקער וועג מיט אים קאָן נאָר זיין אַ וועג פון אומגליק. זי האָט זיך דאַמאָלט געטראַכט, אַז ווען איר וואָלט אויסגעקומען צו קעמפן פאַר דער טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ וואָלט זי זיך אפשר גיכער געפונען איר אָרט נעבן אים. זי האָט זיך איצט מיטאַמאָל דערפילט געשטאַרקט דערפון, וואָס שוין דעמאָלט, אין רייכקייט און אין שפע, האָט זי אַזוי געטראַכט. און אַ שטרענגע רויקייט איז מיטאַמאָל אויפגעגאַנגען אין איר...

אין שטורעם...

אין קאַבינעט ביי סוליקן האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. ביידע, סיי אַניאַ און סיי איר מאַן, האָבן געהאַט אַ רגע דאָס געפיל, אַז זיי האָבן אויפגעהערט עקזיסטירן, אַז זייערע לעבנס האָבן זיך אויפגעלייזט. אַניאַ האָט זיך די ערשטע אָפּגעשקאָלט פון דער דאָזיקער משונהדיקער שטימונג. זי האָט אַ פיר געטון מיט דער שילדקרעטענער קאַם איבער אירע קופּערנע האָר, אַ וויש געטון מיט ביידע הענט איבערן פּנים, ווי פרומע פרויען טוען דאָס פאַרן ערב־שבתדיקן ליכט־צינדן, דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— מאַטוויעי, גיב מיר דעם טעלעפאָן־נומער פון דיין אַדוואָקאַט.

סוליק האָט איר דערלאַנגט זיין נאָטיץ־ביכל. זי האָט גיך געמישט

די בלעטלעך און באַלד איבערגעגעבן דער טעלעפאָניסטין דעם געהע־ריקן נומער.

סוליקס אַדוואָקאַט איז געווען איינער פון די באַרימטסטע ציוויל אַדוואָקאַטן אין וואַרשע. אַליין פון רוסיש־ליטווישער אָפּשטאַמונג, האָבן די ליטוואַקעס אין אים געגלויבט, ווי די חסידים אין זייער רבין. קיין שום זאַך האָבן זיי נישט געטון אָן אים. אַלע קאָנטראַקטן, אַלע פונקטאַציעסביים קויפן און פאַרקויפן הייזער, אַלע פאָרמעלע ענינים אין שייכות מיט פאָדריאַדן, אַלץ האָט ער פאַר זיי דערלידיקט. סוליק האָט אים געוואָלט האָבן פאַר זיין שטענדיקן יורידישן ראַטגעבער. אָבער דער אַדוואָקאַט איז דערויף נישט איינגעגאַנגען, ווייל ער, ווי טייל באַנקירן און ווי בשעתו כייקין, איז נישט אַלעמאָל געווען צופרידן מיט דעם אופן ווי אַזוי סוליק האָט געפירט זיינע געשעפטן. דאָך האָט ער סוליקס איינצלנע געריכטס־ענינים יאָ געפירט.

לעצטנס, עטלעכע טעג פאַרן דערקלערן אים פאַר באַנקראָט, האָט זיך סוליק געוואָנדן צום אַדוואָקאַט און זיך אין אלעם פאַר אים פאַרטרויט. דאַסמאָל האָט דער אדוואָקאַט איבערגענומען אַלע זיינע געשעפטלעכע ענינים. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז סוליקס פרוי האָט זיך דאַמאָלט געפונען אין אויסלאַנד, האָט דער אַדוואָקאַט אויך איבערגענומען אַלע זייערע פּריוואַטע פינאַנס חשבונות, רעכענענדיק זיך מיט די פאַרשידנסטע עווענטואַליטעטן וואָס קאָנען אין אַזאַ מצב זיך שאַפן.

ווען אַניאַ האָט אָנגעקלונגען צום אַדוואָקאַט איז נאָך געווען גאַנץ פרי. ער איז נאָך נישט געהאַט אַרויס פון שטוב. זי האָט אים געבעטן ער זאָל זי זאָפאָרט אויפנעמען. דאָס האָט אָבער דער אַדוואָקאַט נישט געקאָנט איצט טון. ער האָט איר טעלעפאָניש איבערגעגעבן, אַז זייער לאַגע איז זייער נישט קיין גינסטיקע און לויט ווי אים זעט אויס, לויט דער אַטמאָס־פער וואָס האָט זיך אין געריכט געשאַפן אַרום דעם „פּאַל סוליק", איז זייער וואַרשיינלעך אַז דער פּראָקוראָר זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל סוליקן צו פאַר־האַלטן אין אַרעסט פאַר באַנקראָטירטע.

אַניאַ איז דערשיטערט געוואָרן פון דעם וואָס זי האָט געהערט. זי האָט זיך אָנגערופן אַ פאַרצווייפלטע: — וואָס זאָל איך איצט טון?

— איך קאָן אייך נישט זאָגן גענוי, וואָס איר דאַרפט טון, — האָט איר דער אַדוואָקאַט געענטפערט, — איך קאָן אייך נאָר איבערגעבן מיין מיינונג. איך האַלט, אַז אויב אייער מאַן זאָל זיך געפונען אין אַרעסט, און דאָס קאָן נאָך געשען אין די נאָענטסטע פיר און צוואַנציק שעה, וועט דאָס אויסערגעוויינלעך באַשווערן אייער אַזוי אויך געגוג שווערע לאַגע. דאָס וועט אינגאַנצן דעמאָראַליזירן אייער מאַנס בעלי־חובות. דער ווערט פון זיין פּאָרטפעל וועקסלען וועט פאַלן ביז זעראָ, און עס וועט אינגאַנצן אוממעגלעך מאַכן ווען דאָס איז, צו רעגולירן אייער מאַנס חובות מיט זיינע קרעדיטאָרן.

אַניאַ האָט גוט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. זי האָט זיך פאַר אים באַדאַנקט און אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.

— מאַטוויעי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פולער, פעסטער שטימע, — דו זאָלסט אין ערגעץ נישט גיין. איך וועל אין דריי־פיר שעה אַרום זיין צוריק.

סוליק האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף איר ווי אַ געשלאָגענער הונט. אין זיין בליק איז געווען עפּעס פון אַ בעטלער. זי האָט געדענקט דעם דאָזיקן בליק זיינעם פון אַמאָל, ווען ער האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן קומען צו זיי אין שטוב. איר איז דאָס שוין דאַמאָלט נישט ליב געווען. אָבער איצט איז זיין בעטלער־בליק איר געווען שרעקלעך. זי איז שנעל אַרויס פון זיין צימער.

*

אַניאַ איז געפאָרן אין דער אונטערשטעטישער דאַטשע, ווו אין אַ פּענסיאָנאַט האָבן זיך געפונען אירע צוויי טעכטער, די זעכצן־יעריקע עוואַ און די אַכט־יעריקע אדעלאַ.

זי האָט נאָר געקלערט וועגן עוואַן. אַ גאַנצן וועג האָט זי אויף קיין רגע נישט אויפגעהערט וועגן איר צו טראַכטן. — עווא, עווא, — האָט זי גערעדט צו זיך אָן ווערטער. — איך האָב דיר אַזויפיל מאָל געזאָגט, אַז רייכקייט איז מער ווי שיינקייט, אַז רייכקייט איז אַ פּריווילעגיע מיט וועל־כער מען ווערט באַשאָנקען דורכן גורל, אַ פּריווילעגיע פון וועלכער מען

קאָן זיך נישט אָפּזאָגן. נו, און וואָס וועל איך דיר איצט זאָגן? וואָס וועל איך דיר איצט זאָגן? — האָט זי געבראָכן די פינגער אין פאַרצווייפלונג.

זי איז אָנגעקומען אויפן אָרט. מיט אַ דראָזשקע איז זי צוגעפאָרן צום פּענסיאָנאַט. שוין פונדערווייטנס האָט זי דערבליקט די קינדער גייענדיקע אויפן שפּאַציר. עווא איז געווען אָנגעטון אין אַ קורץ מענטעלע פון גרויע קאַראַקולן און אין אַ קיילעכדיקן היטעלע פון זעלבן פוטער. אויף די פיס הויכע גרויע רעניפערן שיך פאַרצויגענע מיט שנוראָוואַדלעס אויף מעשענע העקעלעך. אַדעלאַ איז געגאַנגען אין אַ הויך, ווייס, פוכיק בערנפוטערל און אין אַ קאַלפּאַק פון זעלבן פוטער און אויך אין הויכע געשנורעוועטע שיך. זי האָט געפירט אַ שליטנדל, וואָס האָט זיך געגליטשט אויפן שניי.

אַניאַ איז אַראָפּ פון דער דראָזשקע און צו צו די קינדער. די קליינע אַלעלאַ מיט אַ רונדיק פּנים, מיט גרויסע, בלויע אויגן און מיט פאַרפלאַמטע פון פראָסט באַקן, האָט זיך געריסן צו איר, אָבער די מוטער איז צוגעפאַלן צו עווען. זי האָט זי געקושט אין אירע שמאָלע, גרויע אויגן, זי האָט געטוליעט איר שפּיציקע, סוליקישע גאָמבע אין איר ראָזאַ האַנט. זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן אירע ליפּן פון עוואס באַקן, וועלכע דער פראָסט אַפילו האָט נישט געקאָנט כאָטש אַביסל פאַרפאַרבן זייער גרויע פון ערד קאַליר הויט. זי האָט איר עלטסטע טאָכטער לאַנג געהאַלטן אין די אָרעמס.

ערשט ווען אַדעלאַ האָט זיך פון פאַרדרוס צעוויינט, האָט אַניאַ אָפּגעלאָזט עווען און אַרומגענומען די קליינע, אויפהויבנדיק זי צו זיך.

עווא איז געווען פאַרוואונדערט פון איר מוטערס צופאַלן צו איר, פון דער מוטערס אויסברוך פון צערטלעכקייט לגבי איר. זי איז געוווינט געווען, אַז די מוטער זאָל איר אַלץ נאָכגעבן, אַז זי זאָל וועגן איר טראַכטן, רעדן מיט איר וואָרעם און אינטים, אָבער אַזאַ ליבע, אַזויפיל האַרציקייט האָט זי קיינמאָל ביי איר נישט געזען.

— מאַמאַ, — האָט זי זיך אָנגערופן, — וואָס איז מיט זיגמונטן?

— ביי זיגמונטן איז היינטיקע נאַכט געווען דער קריזיס. ער איז אַרויס פון געפאַר, — האָט אַניאַ גיך געענטפערט.

— יאָ, דאָס ווייס איך, דאָס האָט מיר איבערגעגעבן די שוועסטער אינדערפרי טעלעפאָניש, אָבער צי איז אים נישט ערגער געוואָרן?

אַניאַ האָט פאַרשטאַנען אַז עוואַ איז איר חושד, אַז זי וויל אויסבאַהאַלטן פון איר אַ שלעכטע בשורה. זי האָט איר געענטפערט רויק. — ניין, אים איז נישט ערגער געוואָרן.

אַניאַ האָט געוואָלט צוגרייטן עווען צו דער קאַטאַסטראָפע וואָס איז ביי זיי געשען. זי האָט אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אָנצוהייבן מיט איר אַ שמועס וועגן דעם. עוואַ ווידער האָט זייער געוואָלט וויסן פון דער מוטער, ווי אַזוי זי האָט דאָסמאָל פאַרבראַכט אין איטאַליע. זי איז צו איר צוגעשטאַנען אַז זי זאָל איר דערציילן גענוי וועגן דעם קאַרנאַוואַל און די בעלער, וועלכע זענען דאָרט פאָרגעקומען, ווען זי האָט דאָרט געטראָפן און וואָס פאַראַ שטאָטן האָבן געטראָגן די אָנגעפאָרענע געסט.

אַניאַ האָט אין משך פון די אַכצן שעה, וועלכע זי איז געווען אין דער היים, אַבסאָלוט באַוויזן צו פאַרגעסן ווו זי איז געווען און פונוואַנען זי איז געקומען. אַלץ וואָס זי האָט אין משך פון די זעקס וואָכן, וועלכע זי איז געווען אין איטאַליע, געזען, דאָס אַלץ איז פון איר פאַרשוווּנדן, אָפּגעמעקט געוואָרן פון איר זכרון, ווי זי וואָלט עס קיינמאָל נישט געזען. ס'איז איר געוואָרן טרויעריק פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג. זי האָט זיך אָבער גיך געכאַפּט, אַז זי דאַרף זיך דערמיט נישט פּריצייטיק פאַראַטן, און זיך אָנגערופן:

— אַ גאַנצע נאַכט בין איך געזעסן ביי זיגמונטס בעט. קיין אויג אויף אַ רגע נישט צוגעטון. אינדערפרי בין איך געפאָרן צו אייך. איך בין צו מיד איך זאָל דיר קאָנען דערציילן אפילו דאָס מינדעסטע פון דעם, וואָס איך האָב געזען. איך האָף, אַז אינגיכן וועט איר שוין קאָנען אַהיימקומען, דאַמאָלט וועל איך דיר וועגן אַלעם דערציילן.

זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צום פּענסיאָנאַט. אַניאַ אין איר גרינער ראָטאַנדע מיטן הוט מיט שטרויס־פעדערן, אַזוי ווי זי איז געקומען נעכטן פון דער באַן קיין וואַרשע. זיי האָבן געטראָטן אויף דעם טרוקענעם, דינעם, ווייס־בלויען שניי, וואָס האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס ווי זיי וואָלטן געטראָטן אויף דין געמאָלענעם קרישטאָל. אַניען, וועלכע איז

געווען זייער מיד, האָט דער פראָסט אויפגעמונטערט. איר איז אַזוי גוט געווען איצט, מיט די צווײ קינדער ביי די זייטן. זי האָט געוואָלט אַז דער וועג זאָל געדויערן אײביק. זי האָט געוואָלט אַזוי גיין, און גיין, און גיין, אָן אַ סוף און אָן אַ צוועק. דער וועג האָט אָבער נישט געדויערט מער ווי עטלעכע געציילטע מינוטן און שוין האָבן זיי זיך געפונען נעבן אַרײַנגאַנג צום פענסיאָנאַט.

דאָס איז געווען אַ לוקסוסאַרטיק אײַנגעאָרדנטע דערהאָלונגס־היים פאַר רייכע קינדער און יוגנטלעכע ביז פופצן־זעכצן יאָר. דאָס אײַנשטאָקי־קע האָלצערן הויז, געבויט אינעם סטיל פון די הייזער אין די טאַטרן־בערג, מיט גאָטישע טורעמלעך און שפּיציקע דעכלעך פון רויטע דאַכוואָקעס, איז געשטאַנען אין אַ גרויסן געדיכטן סאָסנע־וואַלד. די גרינע קרוינען פון די ביימער זענען געווען באַלייגט מיט שניי, וועלכער האָט אין דער זון געפינקלט מיט ראָזאַ, בלוי און פיאָלעט. אויף די שפּיצן פון די צווייגן, דאָרט ווו זיי זענען דין און ווייך און געדיכט באַוואָקסן מיט נאָדלען, האָט זיך אָרײַנבאַקומען שניי און דאָס האָט אויסגעזען ווי צענטליקער נאָדלערס (יעזשעס) וואָלטן זיך דאָרט באַזעצט. ווידער דאָרט, ווו די צווייגן זענען געווען דיק און האַרט, נאָענט צו די שטאַמען, זענען געזעסן מחנות שוואַר־צע, הונגעריקע קראָען, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט זיך אַ ריס טון צום פליען, אָנפילנדיק די פראָסטיקע לופט מיט בייזע, ווּיסטע, צעריסענע געשרייען — קראַ—קראַ—קראַ.

אין דער זייט לינקס פון הויז, איז געווען אויסגעהאַקט אַ שטיק וואַלד און דאָרט זענען געמאַכט געווען פלעצער צו פאַרשידענע שפּילערייען. אויף איין אָרט איז איצט געווען אָנגעשיט אַ באַרג שניי פון וועלכן די קלענערע קינדער האָבן זיך אויף שליטנדלעך אַראָפּגעגליטשט און צוריק אַרויף, בכדי זיך ווידער אַראָפּצולאָזן. דאָרט ווו זומער איז געווען אַ באַסיין, איז דאָס וואַסער געווען פאַרפרוירן און עלטערע קינדער האָבן זיך געלערנט גליטשן אויף ליזשוועס. אַנדערע ווידער האָבן אויפן סקייטינג־ריגן זיך געלערנט פאָרן אויף רעדעלעך. דער גאַנצער שטח איז געווען אָנגעפולט מיט יונגע צעשפּילטע שטימעס, מיט געשרייען און געלעכטער.

ווי נאָר אַניאַ מיט די קינדער זענען צוגעקומען צום טויער פון

פּענסיאָנאַט, האָט די קליינע אַדעלאַ פון זיי זיך אָפּגעריסן און צוגעלאָפן צו די קינדער, וואָס האָבן זיך מיט די שליטנדלעך אַראָפּגעלאָזט פון שניי־באַרג. עוואַ איז געבליבן איינע אַליין מיט דער מוטער. זי האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און געפירט אין דער ריכטונג פונעם אויפנעם־צימער, בכדי זי פאָרצושטעלן פאַר דער אינהאַבערין און לייטערין פון פּענסיאָנאַט.

איידער זיי זענען אַריין אין דער איינגאַנגס־טיר האָט אַ מחנה קראָען פון די דערנעבן שטייענדיקע בוימער און פון דאַך, זיך געלאָזט פליען אין אַ קרייז מיט אַ ווילד קראַקעריי. אַניאַ האָט נישט געהערט די צעשריגענע און צעשפּילטע קולות פון די קינדער, זי האָט נאָר אַרויסגעהערט פון דעם בייזן, הונגעריקן, פויגלישן, ווילדן געשריי דאָס פּוילישע וואָרט — קראַך — קראַך — קראַך!

זי איז געבליבן שטיין אויף אַ מינוט אַ צעמישטע און דערפּילט, אַז איר פּנים איז בלייך געוואָרן. אָבער עוואַ האָט שוין געהאַט געעפנט די טיר צום אַריינגיין און אַניאַ האָט דאָסמאָל גוט אַכטונג געגעבן אַז זי זאָל צוערשט אַריינשטעלן איבער דער שוועל דעם רעכטן פוס.

עוואַ איז געווען זייער שטאָלץ פון איר מוטער. זי איז אָבער געווען אַזוי לאַנג שטאָלץ, ווי לאַנג זי האָט זי פאַרגליכן מיט אַנדערע. קיין איינע פון אירע שול־חברטעס האָט נישט געהאַט אַזאַ שיינע און יונגע מוטער ווי זי. קיין איינע פון די מוטערס, וואָס זענען געקומען באַזוכן זייערע קינדער אין פּענסיאָנאַט האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט איר, אָבער ביי דעם איז אין עוועס באַוווּנדערונג פאַר איר מוטער געווען אַ שטיק נישט פאַרגינערישקייט. עוועס געפיל צו איר איז בכלל געווען אַ דאָפּלטס. זי האָט זי ליב געהאַט און נישט ליב געהאַט, זיך מיט איר אַנטציקט און איר נישט פאַרגינען. עוואַ האָט זיך אָפט געטראַכט, צו וואָס דאַרף איר מוטער זיין אַזוי שיין און זי, עוואַ, אַזוי נישט שיין. איר האָט זיך טיילמאָל אויסגעדאַכטן, אַז די מוטער אירע האָט די שיינקייט גערויבט. זי האָט אין אַזעלכע משונהדיקע מינוטן געמאַכט דער מוטער שטילערהייט, אין זיך, די גרעסטע פאָרוווּרפן. זי האָט געהאַט צו איר טענות פאַרוואָס זי האָט חתונה געהאַט מיט איר פאָטער. זי האָט זי געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, פאַרוואָס זי איז ענלעך צום פאָטער און נישט צו איר. זי איז

געווען נישט צופרידן פאַרוואָס די מוטער קליידט זיך אַזוי שיין. זי האָט דאָס דער מוטער נישט געוואַגט צו זאָגן, אָבער דאָס אַלץ איז געבליבן שטעקן אין איר יונגער נשמה ווי דערנער און זי געמאַכט פאַרשלאָסן, פאַרביטערט און איינצייטיק הכנעהדיק.

עוואַ האָט באַקענט אַניען מיט דער אינהאַבערין און מיט עטלעכע הויפּט־אָנפירערינס פון דעם פענסיאָנאַט. ווי מענטשן, וואָס באַריידעוודי־קייט, לויבן און זיך אַנטציקן געהערט צו זייער פּראָפעסיע, האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו פאַרווארפן אַניען מיט קאָמפּלימענטן. זיי האָבן זי צענומען אויף גלידער און יעדער איינצלהייט פון איר פּנים, פיגור און קליידונג אויסגעלויבט אויף צענטליקער אופנים. אַניאַ האָט זיך געפילט זשענירט. איר איז פרעמד געווען אַזאַ אויספעלן פון דיסקרעציע. אָבער די פרויען וואָס האָבן זי איצט אַרומגערינגלט האָבן מיט זייער עקסציטירטער אַלט־מיידלשאַפט און איבערגעטריבענער העפלעכקייט נאָר געמיינט איר אָנצו־טון פאַרגעניגן.

אַניאַ האָט געזען ווי עוואַ שטייט אין אַ זייט אַן אָנגעבלאָזענע, מיט אַ מינע ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים פונאַנדערוויינען. אַניאַ האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר די פרויען, זיי אויפגעקלערט, אַז זי יאָגט זיך שטאַרק אַהיים און וויל נאָך פאַרברענגען אַ קורצע צייט מיט די קינדער. זי האָט דערליידיקט אין קאַנטאָר דעם חשבון און געבעטן דערלאַנגען דעם צווייטן פרישטיק צו די קינדער אין צימער, זיך העפלעך געזעגנט און אַרויס מיט עוואַן פון זאַל.

ווען זיי זענען אַריין אין צימער האָט אַניאַ באַמערקט אויף עוועס בעט אַ געעפנט בוך. זי האָט עס גענומען אין האַנט און אַ קוק געטון אויפן שער־בלאַט. דאָס איז געווען לעוו טאָלסטאָיס: „תחית המתים” („וואָס־קרעסעניע”).

אַניאַ האָט זיך פאַרוואונדערט.

— עוואַ, דו לעזט אַזעלכע ערנסטע ביכער?

— יאָ, מאמא, — האָט עוואַ געענטפערט — איך לעז עס שוין דאָס צווייטע מאָל.

— אַזוי געפעלט דיר דאָס בוך? — האָט איר אַניאַ געפרעגט מיט אינטערעס. — עס איז זייער שיין וואָס דו לעזט אַזעלכע ביכער. אָבער וואָס געפעלט דיר אַזוי שטאַרק אין דעם בוך?

—מיר געפעלט דער גראַף, דער גראַף ניעכליודאָוו, וועלכער פאַר־לאָזט זיין רייכטום, זיין געזעלשאַפט, אַלע זיינע געוווינהייטן, זיין גאַנץ רייכן אופן פון לעבן און נעמט אויף זיך פּיין און נויט, וואָגל און וואַנדער, אַבי צו פאַריכטן, אַבי תשובה צו טון אויף אַן עבירה, וועלכע ער איז אין די יונגע יאָרן באַגאַנגען, — האָט עווע געענטפערט אַ פאַרטראַכטע.

— יאָ, — האָט אַניאַ געזאָגט ווי פאַר זיך, — און עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס נעמען אויף זיך די שווערסטע עולן, די שווערסטע פּיין און מאַטער דאַמאָלט, ווען זיי זענען אפילו קיין עבירה נישט באַגאַנגען. זאָג מיר עווע, — האָט זי זיך מיטאַמאָל אָנגערופן אין אַ זייער באַלעבטן טאָן, — און דו וואָלסט גרייט געווען צו טון דאָס וואָס עס האָט געטון ניעכליודאָוו ווען דו באַגייסט אַמאָל אַ זינד?

— ווען איך וואָלט געווען אַ גרעפין וואָלט איך דאָס זיכער געטון.

— און ווען נישט קיין גרעפין, ווען דו וואָלסט געווען דאָס וואָס דו ביסט, וואָלסטו געגאַנגען אויפן וועג אויף וועלכן עס איז געגאַנגען דער העלד פון „תחית המתים״? — האָט זי אַניאַ נישט אָפּגעלאָזט.

— וואָס פאַראַ אָפּקלאַנג וואָלט דאָס געהאַט ווען איך וואָלט געווען אַ פשוטער מענטש? ווער וואָלט פון מיר און מיין טאַט געוווסט? וועמען וואָלט ער גענוצט? — האָט עווע גלייך געענטפערט.

אַניאַ האָט געזען ווי איבערפּלעכלעך עווע האָט גענומען די גאַנצע זאַך. אין עוועס ענטפער, אז באַר ווען זי וואָלט געווען אַ גרעפין, וואָלט זי געגאַנגען אויפן גראַף ניעכליודאָווס וועג, האָט אַניאַ דערקענט איר אייגע־נע השפעה, איר אייגענע האַנט, וואָס האָט איר טאָכטער געפירט און פאַר־פירט אין אַ וועלט פון פאַלשע אילוזיעס, אַז זי דאַרף פאַרנעמען דעם אויבן אָן, דאַרף זיין אומעטום די ערשטע און וועלן אימפּאָנירן.

און דאָס אַלץ האָב איך איר איינגערעדט אין נאָמען פון געלט, מיטן כוח פון געלט, האָט אַניאַ אַ טראַכט געטון, און איר איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן די וועלט.

זי האָט כאַטש אַ פּאָר רגעס געמוזט בלייבן אַליין. זי האָט געבעטן עווען זי זאָל אַריינרופן אַדעלען. עווא איז אַרויס. אַניאַ האָט זיך דערווייל באַרויקט.

— איך וועל אָפּעסן מיט אייך דעם צווייטן פרישטיק און זיך מיט אייך געזעגענען, איך מוז וואָס גיכער זיין אין דערהיים, — האָט אַניאַ געזאָגט, שאַרף אַקצענטירנדיק די ווערטער, און דערביי געקוקט עווען גלייך אין די אויגן.

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי, — האָט עווא געפרעגט כמעט גלייכגילטיק.

— דער פּאָפּאַ האָט גרויסע געלט־שוועריקייטן, זיך שטאַרק פאַר־דרייט אין די געשעפטן, איך מוז אים זיין בייהילפיק.

— אַך, געלט, געשעפטן, — האָט עווא זיך פאַרקרומט. איר שאַרפע גאָמבע און די שמאָלע ליפּן האָבן זיך צונויפגעצויגן אין אַן אומהיימלעכער גרימאַסע. — דער פּאָפּאַ וועט זיך שוין אַן דיר אויך אַן עצה געבן — האָט זי צוגעוואָרפן ווי דרר אגב.

— דאָסמאָל איז עס אַ סך ערנסטער ווי דו מיינסט. דאָסמאָל איז עס זייער אַ קאָמפּליצירטע לאַגע, — האָט אַניאַ איר אָפּגעענטפערט מיטן גאַנצן ערנסט.

אויף עווען האָט דאָס נישט געמאַכט דעם מינדעסטן איינדרוק.

נאָכן צווייטן פרישטיק האָט זיך אַניאַ געזעגנט מיט די קינדער. דאָס־מאָל האָט זי שוין אַדעלען אויך נישט באַוויזן. זי האָט איר אויסגעקושט די באַקן און דעם קאָפּ און די אויגן און אַוועק צו דער באַן.

אַניאַ איז אָנגעקומען אין שטוב אַרום צוויי אַזייגער. זי איז אַריין צו זיגמונטן, ער איז געשלאָפן. זי האָט געהייסן דערלאַנגען דאָס מיטאָג אין מאַנס קאַבינעט. זיי האָבן געגעסן כמעט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

געגען האַלב פיר אַזייגער האָט אַניאַ אָנגעקלונגען אין דער טיר פון דאָקטאָר אַלעקסאַנדער דאָבזשינסקי.

נאָך צוואַנציק יאָר...

דאָקטאָר אַלעקסאַנדער דאָבזשינסקי האָט געוווינט אין איינעם פון די גרויסע און רייכע הייזער אויף דער קרולעווסקע גאַס, נאָענט ביי דער מאַר־שאַלקאָווסקע, פאַרנומען אויפן ערשטן שטאָק אַ גרויסע דירה פון זעקס צימערן. ער איז שוין איצט אַלט געווען איבער פערציק יאָר, נישט חתונה־געהאַט.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק אין די רייכע יידישע און אפילו נישט־יידישע הייזער. געווען זייער פעיק, אַ סך געוווסט, אַ סך געלעזן, יעדעס יאָר געפלעגט זיינע צוויי אָפּרו חדשים פאַרברענגען אין אויסלענ־דישע קליניקעס, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט אַלע מעדיצינישע נייעסן, וועלכע עס האָבן נאָרוואָס געהאַט איינגעפירט די מאָדערנסטע אייראָפּע־אישע וועלט־באַרימטע מעדיצינער.

דאָקטאָר דאָבזשינסקי איז געווען אַ הויכער, אַ שמאָלער, אַן עלעגאַנ־טער, אָבער נישט קיין געפּוצטער. עס איז געלעגן אויף אים דער חותם פון אַ רייכער שטוב. זיין עלעגאַנץ איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענע, אַ דיסקרע־טע. ער האָט געטראָגן בעת די וויזיטן אַ שוואַרצן זשאַקעט פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ טונקעלע וועסט, אַ ווייסער וועבענער גאָרס און אַ הויכער, שטייענדיקער, ווייסער קאָלנער. זיין אייביק טונקעלער קראַוואַט איז נישט געווען באַצירט מיט אַ בריליאַנטענער שפּילקע, ווי עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. דאָס אַ ביסל לענגלעכע פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַ נידריק צוגעשוירן העל־שאַטין בערדל. די קורצע וואָנסעס, וואָס האָבן פאַרדעקט די אויבערשטע ליפּ, האָבן אויך פאַרמאַסקירט דעם שמייכל, וואָס האָט זיך אָפט באַוויזן אויף זיין מויל. ער האָט געהאַט טונקעלע, קלוגע און דורכדרינגלעכע אויגן פון אַ גוטן דיאַגנאָסטיקער און פון אַ סך וויסנ־דיקן מענטש. ער איז געווען מילד, אָבער טיילמאָל אויך סאַרקאַסטיש; געהאַט ליבעראַלע אָנשויונגען און אַריסטאָקראַטישע מאַניערן; פאַראייניקט אין זיך שאַרפזיניקייט מיט פּשטות. עס האָט זיך געפילט אין אים אַ פאַר־

באַהאַלטענער כוח פון אַ פעסטן, באַשלאָסענעם כאַראַקטער און פון אַ זעלבשטענדיק שאַרף דענקנדיקן מענטש.

ער איז געווען אַ זון פון רייכע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אַ באַקאַנטער אייזן־סוחר און אן אייגנטימער פון אַ גרויס הויז אויף נאָוואָ־ליפּיע, ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט אין שכנות, טיר ביי טיר מיט די כייקינס, אניאַ סוליקס עלטערן.

ווען אַלעקסאַנדער דאָבזשינסקי איז נאָך געווען אַ סטודענט אין פּעטערבורג, האָט ער, זייענדיק אין דער היים אויף פּעריען, געזען עטלעכע מאָל אַניען. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט פון ערשטן בליק, געוואָרן פאַר־גאַפט פון איר שיינקייט, געשמאַק און עלעגאַנץ. ער האָט אפילו אַניען איין מאָל באַלייגט אַ וויזיט ביי אירע עלטערן אין שטוב. ער איז געווען זיכער, אַז זיינע עלטערן וועלן גאָרנישט האָבן דאַקעגן, און זיי דערציילט וועגן זיינע געפילן צו אַניען. דאָס האָט אויף אייביק געחתמעט זייער ביידנס, אַניעס און אַלעקסאַנדערס גורל.

די דאָבזשינסקיס, דער עיקר די פרוי, זענען געווען אַזוי פאַרליבט אין זייער איינציקן, גערעכטענעם זון, אַז זיי האָבן געטרוימט וועגן אַ פאַנ־טאַסטישער קאַריערע פאַר אים. פּאַקטיש האָבן זיי אַליין נישט געוווסט וואָס פאַר אים צו ווערן. יעדער קאָנקרעטער פאָרשלאַג וועגן זיין צוקונפטי־קער פרוי, האָט זיי אויסגעזען צו זיין אַזוי ווייט פון דעם וואָס זיי האָבן פאַר אים אויסגעטרוימט, אַז זיי האָבן אים באַלד אָפּגעוואָרפן.

ווען זיי האָבן געהערט, אַז זייער זון טראַכט ערנסט וועגן דער שיינער, אָבער ליטווישער טאָכטער פון דעם קאָמיסיאָנער כייקין, זענען זיי געוואָרן ממש דערשיטערט. זייער פאַרצווייפלונג האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. בלויז דער געדאַנק, אַז זייער זון זאָל נעמען אַ קאָמיסיאָנערס אַ טאָכטער פאַר אַ פרוי, איז פאַר זיי געווען נישט איבערצוטראָגן, דערצו נאָך איז אַניאַ געווען אַ ליטוואַטשקע. די דאָבזשינסקיס האָבן באַשלאָסן בשום אופן צו דעם נישט צו דערלאָזן, און קיין שום מיטל האָט זיי נישט אויסגעזען צו זיין צו שאַרף און צו אומברחמנותדיק, אבי ער האָט געצילט צו שטערן זייער זונס „קינדישע פאַנטאַזיע״, ווי זיי האָבן צווישן זיך גערופן זיין פאַר־ליבטקייט אין אַניען.

די פּרוי דאָבּזשינסקי איז גראָד דאַמאָלט געווען קראַנק און זי האָט תּיכּף געמוזט אָוועקפאָרן אין די בּעדער. זי האָט אָבער געשטעלט אַ בּאַדינג, אַז זי וועט אַליין נישט פאָרן. דער פאָטער איז צוגעשטאַנען צום זון, אַז ער זאָל מיטפאָרן מיט דער מוטער. — אַליין פאָרן קאָן מען זי נישט לאָזן, ווען זי זאָל אפילו דאָס וועלן. איך קאָן נישט איבּערלאָזן די געשעפטן און איצט מיט איר מיטפאָרן. בּלייבּט נאָר איין אויסוועג, אַז דו זאָלסט מיט־פאָרן מיט איר, — האָט דער פאָטער ווי אָפּגעפּסקנט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, כאָטש אים האָט זיך זייער נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן וואַרשע, אָוועקפאָרן פון זיין שיינער שכנטע און זיך לאַנגווייליקן אויף אַ קור־אָרט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין ברירה און איז געפאָרן.

פון דעם קור־אָרט איז ער שוין דירעקט צוריקגעפאָרן קיין פּעטער־בּורג. דאָס אַקאַדעמישע יאָר האָט שוין געהאַלטן בּיים אָנפאַנג. אַלעקסאַנ־דער האָט פאַרן אַוועקפאָרן בּאַקומען אַ פאַרזיכערונג פון זיין מוטער, אַז ווי נאָר זי וועט אַהיימקומען וועט זי איבּעררעדן מיט די כייקינס און מיט זייער טאָכטער וועגן אים.

ווי נאָר די פרוי דאָבּזשינסקי איז אַהיימגעקומען האָט זי זיך אָנגעמאָלדן צו דער פרוי כייקין. זי האָט נישט געקאַרגט קיין לויבּ־געזאַנגען פאַר אַניעס שיינקייט, עלעגאַנץ און מיידלשן חן. זי האָט דערציילט דער פרוי כייקין ווי געוואַלדיק אַנטציקט און בּאַצויבּערט איר זון איז פון אַניען. זי האָט אָבער דערביי, אַזוי כּלאחר־יד, געגעבּן אָנצוגעהערן דער פרוי כייקין, אַז אַלע צופעליקע טרעפונגען פון זייערע קינדער און דער עיקר דער וויזיט פון איר זון בּיי די כייקינס, זאָל מכלומרשט האָבּן פאָרגעקומען דורך אַניעס איניציאַטיוו.

די פרוי כייקין האָט זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם דאָזיקן דרך־אגבדיקן, אָבער בּייסיקן אָנדייט. דער וויזיט, וועלכער האָט אין אָנהויבּ איר אויסגעזען צו זיין אָנגענעם און צופאַגנדיק, איז איר איצט געוואָרן איבּערדריסיק, ממש אומדערטרעגלעך. זי איז אָבער געווען צו שטאָלץ, אַז זי זאָל דאָס אַרויסווייזן, און דעריבּער געמאַכט זיך נישט פאַר־שטיין די בּייזע כוונה פון איר שכנטע און אינגאַנצן דערויף נישט רעאַגירט.

די פרוי דאָבזשינסקי האָט דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערציילט וועגן איר זון, אַז ער איז אַן אומפּראַקטישער מענטש, אַז ער רעדט זיך איין אַז זיינע עלטערן זענען מי יודע ווי רייך, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט חלומות, ער ווייסט נישט, אַז אַ יונגער דאָקטאָר מוז האָבן געלט און איינפלוסן ביז וואַנען ער אַרבעט זיך אַרויף און באַקומט אַ נאָמען און אַן אָנזען.

ווען דאָס דאָזיקע געשפּרעך איז פאָרגעקומען, האָט זיך שוין די פרוי כייקין נישט גוט געפילט. איר געזונט איז שוין געווען רואינירט. זי האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער וויזיט באַדייט. איר איז צערונען געוואָרן נאָך איינע און איצט די לעצטע אילוזיע, אַז איר טאָכטער זאָל זיך פאַרבונדן מיט אַ זון פון אַ רייכער יידיש-פּוילישער שטוב. איר איז געווען שווער שלום צו מאַכן מיטן דאָזיקן געדאַנק. זי האָט אָבער קיינמאָל נישט, אפילו אין די ערגסטע מינוטן, וועגן דעם וויזיט זיך נישט פאַראַטן נישט פאַר איר מאַן און נישט פאַר איר טאָכטער.

די פרוי דאָבזשינסקי האָט געשריבן איר זון, אַז זי איז געווען ביי די כייקינס, אָבער קיין גענויעס וועגן דעם, וואָס איז בעת דעם וויזיט פאָרגעקומען, האָט זי אים נישט אָנגעגעבן. זי האָט אים געהאַלטן אַ צייט אין שפּאַנונג, געשאַפן אַרום אַניען אַ צושטאַנד פון נישט זיכערקייט, בכדי אָפּצושוואַכן זיין אויפמערקזאַמקייט, צו לעשן זיינע געפילן און פאַרווישן פאַר אים איר בילד.

ווען די פרוי כייקין איז געשטאָרבן און סוליק האָט אָנגעהויבן אַרויפ־צוקומען עפּטער צו כייקינען אין שטוב, האָט די פרוי דאָבזשינסקי זיך צוגעיאָגט און אין אַ בריוו געגעבן צו וויסן איר זון, אַז זיין ליטווישע קראַסאַוויצע, האָט זיך אויסגעקליבן אַ מיאוסן, דאַרן נאַר זייער רייכן ליטוואַק פאַר אַ מאַן. זי האָט געראַטן איר זון נישט צו קומען אויף די פּעריען אַהיים, קיין וואַרשע, נאָר פאָרן ערגעץ ווו מיט חברים זיך צעשטרייען און פאַרווײלן.

די ידיעה וועגן אַניעס אויסקלייב און דעציזיע איז פאַר אַלעקסאַנדער דאָבזשינסקי געווען אַ שווערער קלאַפּ. זיינע געפילן צו דער פרוי פון וועמענס בילד ער האָט זיך פון דער ערשטער מינוט, ווען ער האָט זי

געזען, געלאָזט פּאַנגען, זיינע בענקשאַפטן נאָך ליבע און שיינקייט, האָבן אויסגעבראָכן אין אים מיט אַ נישט פּאָראויסגעזעענער קראַפט. ער האָט געפילט, אַז מען האָט אים באַוועלט, אַז אים איז געשען אַ געוואַלטיק אומ־רעכט. ער האָט נישט געגוי געוווסט וועמען צו באַשולדיקן אין דעם שלעכטס, אין דעם בייזן וואָס האָט אים געטראָפן. ער איז דאַמאָלט אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר, געלעבט אַלע יאָרן אין ווילשטאַנד, ער האָט פאַר גאָרנישט, וואָס האָט זיך אים פאַרוואָלט, באַדאַרפן קעמפן, אַלץ איז שוין געווען פאַר אים פון פאָראויס אויסגעקעמפט. דאָס האָט געשאַפן אין אים אַ צוטרוי צום לעבן און צו די נאָענטע, צו זיינע עלטערן, וואָס האָבן דאָס אַלץ אים געגעבן. דעריבער האָט ער נישט קוקנדיק אויף אַלע חשדים, די שאַרף פון זיינע טענות געוואָנדן צו אַניען. זיין שטאָלץ האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געפילט געטראָפן. ביי זיין נייגונג און פּאַראינטערעסירונג מיט נאַטור־וויסנשאַפטן איז ער געווען אַ ראָמאַנטי־קער. אַניען האָט ער באַשולדיקט וואָס זיין ראָמאַנטיזם האָט געליטן אַזאַ שווערע מפלה. דערפאַר אויך האָט ער אָנשטאָט צו קומען קיין וואַרשע און זיך באַמיען עפּעס אויפצוקלערן, זיין פון דער נאָענט צו דעם וואָס איז געשען, געפאָלגט דער מוטער און געפאָרן אויף אַ רייזע אין קרים.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע שוין אַ געענדיקטער דאָק־טאָר, איז שוין געווען נאָך דער חתונה פון אַניען מיט סוליקן.

איצט איז אַניאַ געשטאַנען אַ ניין און דרייסיק יעריקע פרוי, אַ מוטער פון דריי קינדער, אַ פרוי פון אַ באַנקראָטירטן גביר און געקלונגען אין דער טיר פון דאָקטאָר דאָבזשינסקי.

*

ווען אַניאַ האָט פאַרשטאַנען פון דעם אַדוואָקאַטס רייד, אַז זי מוז שוין געפינען אַ זיכער אָרט ווו אויסצובאַהאַלטן איר מאַן, האָט זי באַלד באַשטימט, אַז דאָס אָרט דאַרף זיין ביים דאָקטאָר דאָבזשינסקי. פאַרוואָס דווקא ביי אים, האָט זי דאַמאָלט געגוי נישט געוווסט, פּונקט ווי זי האָט נישט געוווסט בעת זי האָט געהאַט דעם נערוון־שאָק, נאָך דער געבורט פון אדעלען, פאַרוואָס זי האָט אַחוץ אַלע גרויסע ספּעציאַליסטן

וואָס האָבן זי באַהאַנדלט, דווקא און דורכאויס געפּאָדערט, אַז מען זאָל אויך איינלאַדן דעם דאַמאָלט גאָר יונגן דאָקטאָר דאָבוזשינסקי. עס איז איר איצט אויך געווען קלאָר, אַז אויב זי גייט צו אים וועגן אויסבאַהאַלטן איר מאַן, וועט זי אים דאָס זאָגן גלייך און אפילו דאָס פאָדערן פון אים.

וואָס אָן אמת האָבן די סוליקס קיין נאָענטע פריינד אין וואַרשע נישט געהאַט. אַניאַ האָט זיך דערווייטערט פון ליטוואַקעס און די פּוילישע האָבן זיך נישט דערנענטערט. נאָכן איבעררייסן די „זשור־פּיקסן" האָט זי זייער זעלטן איינגעאָרדנט ביי זיך אַ גרעסערע אויפנאַמע פאַר געסט. זי האָט אָבער געקאָנט איר מאַן אַרויסשיקן אין איינעם פון די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט, ווו זיי האָבן געהאַט גוטע באַקאַנטע. שטאַרק פאַרפאָלגט וואָלט אים די פּאָליציי נישט, ווייל קיין שטעק־בריוו נאָך באַהאַלטענע באַנקראָטניקעס האָט די פּאָליציי נישט געשיקט.

אַניען האָט איצט געפירט צום דאָקטאָר דאָבוזשינסקי אַ גורלדיקער כוח. דווקא אין דער צייט פון גרויסע קאַטאַסטראָפעס אין מענטשנס לעבן, טויכן ביי אים אויף געדאַנקען און פראַגן וועלכע דער מענטש האָט געהאלטן פון זיך פונדערווייטנס, צי פאַרבאָרגן אין זיינע טיפענישן און נישט אַרויפּ־געלאָזט ביז איצט אויף דער אויבערפלאַך פון זיין באַוווסטזיין.

ווען נאָך דעם וויזיט ביי אַניען, ביי די כייקינס אין שטוב, איז דער שיינער און רייכער סטודענט פון מעדיצין אַלעקסאַנדער דאָבזשינסקי אַוועקגעפאָרן מיט דער מוטער און מער וועגן זיך נישט געגעבן צו וויסן, איז אַניאַ געווען אויסערגעוויינטלעך פאַרוווּנדערט. זי האָט געזען, אַז זי געפעלט אים, זי האָט געפילט מיט איר פרויען־אינסטינקט, אַז זי מאַכט אויף אים אַ רושם. וואָלט זי נישט געווען אַזוי דיסקרעט און צוריקגע־האַלטן אפילו אין אירע מחשבות, וואָלט זי זיך געווען געזאָגט אויף זיכער, אַז ער איז אין איר ביז גאָר פאַרליבט. האָט דעריבער זיין פּלוצים פאַר־שווונדן ווערן איר פאַרוווּנדערט, אָבער נישט פאַרוווּנדעט. זי האָט זיך נישט געפילט דערפון געטראָפן. אַניעס געפילס־לעבן איז געווען אַזוי טיף, איר באַגריף וועגן ליבע אַזוי הויך, אַז זי האָט זיך נאָר געקאָנט פילן גליקלעך אָדער אומגליקלעך. סוליק האָט פאַר איר ליבעס־גרייטקייט באַדייט אָן אומגליק, אין יעדן פאַל, ביי אַלע תנאים. מיט דאָבזשינסקין

איז זי נאָך געווען צו ווייט, אַז זיין פאַרשווונדן ווערן זאָל פּאַקטיש באַדייטן פאַר איר אַן אומגליק, כאָטש זי, פּונקט ווי ער, האָט געאַנט, אַז איר איז דאָ געשען אַ גרויסע עוולה.

אַ צייט האָט איר די פראַגע פון זיין פאַרשווונדן ווערן געמאַטערט, געמאַטערט ווי אַ סוד, ווי יעדער סוד, וואָס האָט ליב מען זאָל פאַר אים געפונען אַ באַשייד. זי איז אָבער געווען שעמעוודיק, מיט אַ שטאָלצער שעמעוודיקייט, און זי האָט זיך נישט געוואָלט מיט אירע קוועלן פאַר־טרויען נישט פאַר דער מוטער און נישט פאַרן פאָטער. אַחוץ דעם האָט דאַמאָלט אויך די קרענק פון איר מוטער אָנגענומען זייער ערנסטע פאָרמען און אַניאַ האָט זי מיט אַזעלכע פראַגעס נישט געוואָלט באַאומרויקן.

ווען אויף דעם „זשור־פיקס" ביי אַניאַ סוליק איז געקומען צום אומדערוואַרטעטן אויסברוך פון דאָקטאָר דאָבזשינסקי, ווען ער האָט נישט הערשנדיק איבער זיך אַרויסגעשטאַמלט: — וואָס האָט איר זיך אַזוי צוגעאײַלט חתונה האָבן? האָט איר דען נישט געוווסט, ווי נישט גלייכגיל־טיק איך בין צו אייך? — און דער עיקר ווען ער האָט אויסגעשריגן, אַז עס איז נאָך נישט צו שפּעט, האָט זי געגנוי געוווסט, אַז עפּעס אַ גרויסע מיספאַרשטענדניש האָט פאַרפּלאָנטערט זייערע גורלות מיט אַזאַ טראַגישן קנופּ, פון וועלכן עס איז נאָר פאַראַן איין אויסוועג — אַנטלויפן דערפון וואָס ווייטער, נישט וועלן דערפון מער הערן, גאָרנישט וועלן פון דעם וויסן.

און גראָד איצט, ווען איר גאַנץ לעבן און דאָס לעבן פון אירע קינדער איז געשטאַנען אין קאָן, ווען פאַר זיי האָט זיך געעפנט אַ תהום, ווען זי האָט נישט געוווסט וואָס דער מאָרגן וועט מיט זיך ברענגען, ווען זי איז געגאַנגען זוכן די ערשטע אַנטרינונג פאַר איר מאַן, איז אין איר אויפגע־גאַנגען אַ באַצווינגערישער ווילן, געוויר צו ווערן עפּעס פון דעם סוד, וואָס האָט איר לעבן אַזוי אומברחמנותדיק באַרויבט. אין איר פאַרצווייפלט ווענדן זיך צום דאָקטאָר דאָבזשינסקי ווענן אויסבאַהאַלטן איר מאַן פאַר אַרעסטירט ווערן, וואָס וואָלט זיי געברענגט צו אַ פולקאָמער רואין, איז אויך געלעגן אַ באַהאַלטענע האָפנונג געוויר צו ווערן עפּעס וועגן זיין פאַרשווונדן ווערן מיט כמעט צוואַנציק יאָר צוריק...

אַניאַ האָט אָנגעקלונגען. עס האָט איר געעפנט אַ לאָקיי, אַ נידעריי־

קער, פולער, מיטל־יעריקער קריסט, מיט גרויסע בלאָנדע וואָנסעס און גלאַט אויסגעראַזירט פּנים. ער האָט געטראָגן אַ טונקעלן אָנצוג און אַ פּאָרברילן אויף האַלאַבלעס, נישט וואַרטנדיק אויף דעם וואָס די דאַמע וועט זאָגן, האָט ער איר דערקלערט מיט גרויס שטאָלץ, אַז אויף די דריי נאָענטסטע טעג זענען שוין קיין נומערן צום דאָקטאָר נישט פאַראַן.

אַניאַ האָט געענטפערט, אַז זי דאַרף נישט קיין נומער, און געבעטן דערלאַנגען דעם דאָקטאָר איר וויזיט־קאַרט אויף וועלכער זי האָט אָנגע־שריבן עטלעכע ווערטער.

דער לאַקיי האָט זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט נישט געטאָרט קיינעם אַריינלאָזן צום דאָקטאָר ביז פיר אַזייגער, ווען עס הויבן זיך אָן די אויפנעם־שעהען. די עלעגאַנטע דאַמע האָט אָבער גערעדט אַזוי איידל און איינצייטיק אַזוי קאַטעגאָריש, אַז דער זייער דערפאַרענער און דורכגעטריבענער לאַקיי האָט זיך איר נישט געקאָנט קעגנשטעלן.

ענדלעך האָט ער זיך דעצידירט און אַרייך אין איינעם פון די טירן פון לאַנגן קאָרידאָר און באַלד צוריקגעקומען פאַרבעטנדיק זייער העפלעך אַניען אין קאַבינעט.

דער קאַבינעט איז געווען אַ גרויסער, אַ רחבותדיקער. אַלע פיר ווענט זענען געווען אַרומגעשטעלט מיט נידעריקע ווי בופעטן ביכער־שענק פון באַרדאָ מאַהאָגאָן־האָלץ. אין זיי זענען געשטאַנען שווערע ביכער געבונדן אין לעדער און געליישט מיט גאָלד. איבער די נידעריקע שענק ביז דעם סופיט, זענען אַלע פיר ווענט געווען פאַרהאָנגען מיט בילדער פון די גרעסטע יידישע און פוילישע מאָלער. עס זענען דאָרט געהאָנגען בילדער פון גאָטליבן, מינקאָווסקין, פיליכאָווסקין, הירשבערגן, פון כעלמאָנסקין, פאַלאַטן, מאַלטשעווסקין און אַנדערע. די בילדער זענען געהאָנגען געדיכט איינס נעבן אַנדערן. דער גרויסער שרייבטיש איז געשטאַנען אַביסל אַרויסגערוקט אין פאָרנט פון צימער און געווען באַלייגט מיט פאַרשידענע מעדיצינישע און ליטעראַרישע צייטשריפטן, האַלב אויפגעשניטענע און אַזעלכע וואָס זענען נאָרוואָס אָנגעקומען מיט דער פּאָסט. ביי דער רעכטער זייט, נעבן די ביכער־שענק איז געשטאַנען אַ קיילעכדיק טישל מיט צוויי

טיפֿע, לעדערנע פֿאָטעלן. די שטאָרן ביי די צוויי פֿענצטער זענען געווען פֿאַרצויגן. אינמיטן סופֿיט האָט געברענט אַ גרויסער גאַז־לאָמפּ מיט אַ סך פֿייערן. דער בראָנזענער זשיראַנדאָל איז געווען געדיכט באַהאָנגען מיט קרישטאָלענע גלעזלעך.

ווען דער לאָקיי האָט אַניען אַריינגעפֿירט אין קאַבינעט איז דאָרט קיינער נישט געווען. זי איז געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. די גרויסע צאָל בילדער, די פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון דער בילדער־טעמאַטיק, די קאָליר־רייכקייט, דער פֿאַרבן־שפּיל האָבן זי פֿאַרכאַפּט און איבער־ראַשט. די אַטמאָספֿער פֿון דעם קאַבינעט איז געווען אַזוי אַנדערש פֿון סוליקס, פֿון דעם פֿון וועלכן זי איז נאָרוואָס געקומען, כאָטש דאָרט זענען אויך געשטאַנען שענק מיט ביכער און ספֿרים, אַז זי האָט אויף אַ מינוט פֿאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך. זי האָט זיך אַ וואַקל געטון. איר האָט זיך אָנגעהויבן אויסדאכטן אַז זי האָט נישט גוט געטון וואָס זי איז אהער געקומען.

לאַנג טראַכטן האָט זי אָבער נישט געקאָנט. עס האָט זיך געעפֿנט אַ זייטיקע טיר וואָס האָט געפֿירט פֿון די ווייטערע צימערן אין קאַבינעט אַריין, און אַניאַ האָט פֿאַר זיך דערזען דעם דאָקטאָר דאָבזשינסקי.

דאָס געשפּרעך...

ווען דאָקטאָר דאָבזשינסקי איז אַריין אין קאַבינעט, ווו עס האָט געוואַרט אויף אים אַניאַ, האָט ער זי גראָד געטראָפֿן אין די איינצלנע געציילטע רגעס, אין וועלכע זי האָט געהאַט פֿאַרלוירן די זיכערקייט אין זיך, ווען זי האָט זיך געהאַט אַ וואַקל געטון צי איז איר באַשלוס צו גיין צו אים געווען אַ ריכטיקער. ער האָט אויפֿגעכאַפּט דעם אינערלעכן געראַנגל אין אירע אויגן, אָבער דער עיקר האָבן אירע אַקסלען, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען ביי איר ווי איצט אָפֿהענטיק אַראָפּגעלאָזענע,

פּאַראַטן איר מצב. ער האָט זי שטענדיק געזען אַ שטאָלצע, אַ זיכערע ביי זיך, אַ הערשנדיקע, און אים איז געגנוג געווען די איינע מינוט פון איר פאַרלוירנקייט, אַז דווקא איצט, ווען ער האָט געוווסט וועגן דער קאַטאַסטראָפע וועלכע איז ביי זיי געשען, זאָל אין אים אויפגיין אַ באַצווינג־גערישער ווילן, דאָסמאָל מיט דער גאַנצער שטרענגקייט און שאַרפקייט וועלן אַרויסרייסן פון איר דאָס רעטעניש פון איר דאַמאָלסדיקן, פאַר צוואַנציק יעריקן, אָפּקערן זיך פון אים.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט געדולד, מיט אויסהאַלטעוודיקייט, זיך באַגריסט מיט איר אינגאַנצן אָפיציעל און איר אָנגעוויזן אַן אָרט אַנטקעגנ־איבער זיך, ביים שרייב־טיש.

אַניאַ האָט צוריקבאַקומען איר גלייכגעוויכט, זיך באַהערשט, אַ וואָרף געטון מיט איר שטאָלצן קאָפּ. די עטלעכע זומער־שפּרענקעלעך, וואָס האָבן זיך אין איטאַליע אַביסל טונקל פאַרגאָלדיקט, האָבן איצט, אונטער דעם רייך באַלויכטענעם לאָמפּ, געשפּילט אויף איר געטאָקטער נאָז ווי קליינע האָניק־טראָפּנס אין דער זון.

ווען דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט אַזוי געקוקט אויף איר, האָט ער פאַרלוירן זיין אָפיציעלקייט. זיין שטרענגקייט און שאַרפקייט איז צעטייעט געוואָרן אונטערן בליק פון אירע בלוי־גרינע אויגן. ער האָט געמוזט אָנווענדן זיין גאַנצע צוריקגעהאַלטנקייט, זיין מענלעכע געצוימטקייט ער זאָל ווידער נישט באַלד אויסברעכן מיט זיינע פאַרבאָרגענע טענות צו איר ווי דאָס איז געשען דאַמאָלט, אויף דער אויפנאַמע ביי די סוליקס אין שטוב.

אַניאַ האָט מער נישט געקאָנט דערטראָגן דאָס שטילשווייגן. צופיל איז זי געווען אויפגעברויזט פון די געשעענישן פונעם לעצטן מעת־לעת. איר האָט זיך אין דעם צימער, אין דער שטילער אַטמאָספערע פון שיינ־קייט און קונסט פאַרוואָלט אביסל מנוחה, אַ קאַפּעלע רו. זי האָט אָבער געפילט, אַז טאָמער וועט זי נאָר אויף איין מינוט נאָכלאָזן די שפּאַנונג, טאָמער וועט זי זיך אויף אַ רגע אַרויסלאָזן פון די הענט, וועט זי זיך איינ־ברעכן און צוזאַמען מיט איר וועט איינפאַלן מיט איין מאָל איר גאַנץ הויז.

זי האָט אָנגעהויבן: — הער דאָקטאָר, איך בין געקומען צו אייך, ריכטיקער, עס האָט מיך געבראַכט צו אייך זייער אַ וויכטיקער ענין.

דער דאָקטאָר האָט ברייט געעפנט די אויגן און מיט אַ העפלעכער האַנט־באַוועגונג זי געבעטן ווייטער רעדן.

— הער דאָקטאָר, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, — איר ווייסט דאָך שוין מסתמא, אַז מען האָט מיין מאַן דערקלערט פאַר באַנקראָט. איצט דראָט אים אַרעסטירט צו ווערן. יאָ, יאָ, — האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף דעם דאָקטאָרס פאַרוווּנדערונג. — איך האָב היינט אינדערפרי גערעדט מיטן אַדוואָקאַט. ער איז זיכער, אַז אַזוי וועט עס געשען... ער טאָר אָבער נישט אַרעסטירט ווערן, — האָט זי אַרויסגערעדט די ווערטער מיט אַ זיכערקייט און באַשלאָסנקייט. — נישט צוליב מיר טאָר דאָס נישט געשען. אויך נישט צוליב אים, נאָר צוליב די קינדער... און דער עיקר צוליב עווען... איר קענט זי נישט, הער דאָקטאָר — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט זאָרג און מיט שרעק — פאַר איר וועט דאָס זיין שרעקלעך, נישט איבערצוטראָגן, אויב זי וועט געוווּיר ווערן, אַז איר פאָטער געפינט זיך אין טורמע...

אַניאַ האָט ערשט איצט, ווען זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט פון מויל, זיך קלאָר געמאַכט זייער דראָענדיקן באַדייט. ערשט איצט האָט זי דערזען בולט, אַז איר דערוואַרטן שרעקלעכע זאַכן, מוראדיקע געשע־ענישן. איר פּנים איז אויסגעלאָשן געוואָרן. פון העל איז עס געוואָרן בלייך.

— איך מוז מיין מאַן שוין אויסבאַהאַלטן — האָט זי כמעט ווי אויסגע־שריגן. — איך האָב אָבער נישט ווו, — האָט זי געזאָגט שוין שטילער. פאַראַן נאָר איין און איינציק אָרט ווו איך וואָלט דאָס יאָ געקאָנט טון — האָט זי פאַרענדיקט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט.

דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט אַ הויב געטון דעם קאָפּ. ער האָט געשוויגן, נאָר זיינע אויגן האָבן געפרעגט: — ווו ?

— ביי אייך, הער דאָקטאָר, — האָט אַניאַ געענטפערט און אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין.

ער האָט זיך פאַרלוירן. אים איז אַ רחמנות געווען אויף דער שיינער פרוי, וואָס זעט נאָך אויס אַזוי גאָר יונג, וואָס האָט אַזויפיל רייץ, באַחנט־קייט און באַצווינגערישן טעם אין זיך. ער איז אָבער געווען באַשלאָסן נישט נאָכצוגעבן איר ביטע, וועלכע זי האָט אַרויסגעזאָגט כמעט ווי

אַ פּאָדערונג. ער האָט נישט געוואָלט איינשטעלן זיין נאָמען אין סוחרישע קאָמבינאַציעס, פון וועלכע ער האָט געהאַלטן אַז ער דאַרף זיין וואָס ווייטער. ער איז גרייט געווען איר צו העלפן, אָבער נישט אין דער פאָרם ווי זי האָט זיך דאָס פאַרגעשטעלט.

ער האָט לאַנג געזוכט די פּאַסנדיקע ווערטער צו דעם אָפּזאָג, געוואָלט דאָס מאַכן וואָס מילדער, געוואָלט זי צוגרייטן דערצו. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן: — אייגנטלעך, פּרוי סוליק, מיט וואָספאַראַ רעכט פאָדערט איר דאָס פון מיר?

רעכט... — האָט אַניאַ איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דאָס וואָרט ווי זי וואָלט עס געוווּיגן, ווי זי וואָלט קאָנטראָלירט זיין וואָג. — ווער האָט דען בכלל רעכט צו עפּעס וואָס געהערט נישט צו אים? ווער האָט איבערהויפּט ר'עכט פון אימיצן עפּעס צו פאָדערן, אָדער אפילו צו בעטן?

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט פעסטער אויפן אָנלען פון דער שטול און איר האָט זיך פאַרגלוסט אַ שמועס צו טון אָפן. איר קלאָרער ליטווישער קאָפּ האָט אַ שפּיל געטון און זי האָט זיך פאַרצויגן מיט די ווערטער, ווי אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער מיטן רויך פון אַ פּאַפּיראָס. — רעכט אַליין פאַר זיך, עקזיסטירט אפשר גאָרנישט, — האָט זי אַרויסגעזאָגט פריי און זיכער. — אפשר איז גאָר רעכט אַנטשטאַנען אָדער געשאַפן געוואָרן דערצו מען זאָל זיך קאָנען באַשיצן קעגן אומרעכט. עס זענען אָבער פאַראַן פליכטן, וועלכע איינער האָט אַ קעגן דעם צווייטן, ווען אפילו די מענטשן האָבן נישט מיט זיך גאָרנישט בשותפותדיקס.

פאַר דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט דער שמועס אָנגעהויבן ווערן אינ־טערעסאַנט און אינטריגירנדיק. כאָטש ער האָט געפילט אַז ער דאַרף איר וואָס גיכער זאָגן, אַז ער מוז איר ביטע אָפּוואָרפן, כאָטש ער האָט געזען אַז מיט יעדער מינוט ווערט זיין באַשלוס איר אָפּצוזאָגן שוואַכער, האָט ער אָבער געאַנט אַז זיי דערנענטערן זיך צו אַ פּונקט אין וועלכן ער וועט קאָנען זיין פראַגע, וואָס האָט אים אַזויפיל יאָרן געמאַטערט, איצט אַוועק־שטעלן פאַר איר מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. און ער האָט זיך דערויף באַשלאָסן.

— מיינט איר דערמיט זאָגן, פּרוי סוליק, אַז איך האָב פּליכטן לגבי אייך?

אַניאַ האָט ערשט איצט אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס פון דינעם, גרויען זאַמש. מיט אירע ראָזאַ, אויסגעאיידלטע הענט האָט זי אויפגעהעקלט די גרויסע קלאַמער, וועלכע האָט געשלאָסן, ביי איר האַלדז, דעם הויכן זילבער־פייענעם קאָלנער פון איר גריינער ראָטאָנדע. עס איז איר געווען ענג און הייס. זי האָט נישט געוווסט געווי וואָס איר איז. אין קאַבינעט איז געווען זייער וואַרעם, דער אויוון איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט ווי אין יעדן מעדיצינישן קאַבינעט ווו קראַנקע דאַרפן זיך אויסטון. דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט איר פאַרגעלייגט אַראָפּצונעמען די ראָטאָנדע. אַניאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און ער האָט פון אירע אַקסלען אַראָפּגענומען דאָס פוטער. ער האָט איר פאַרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין קליינעם סאַלאָן אין וועלכן עס האָט געפירט אַ טיר פון'עם קאַבינעט.

— עס איז דאָ אַזוי וווּנדערלעך שיין און גוט, אַז מיר ווילט זיך נישט פאַרלאָזן דאָס צימער, — האָט אַניאַ געזאָגט מיט אַזויפיל אוממיטל־באַרן חן, אַז דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט זיך צעשמייכלט. זי איז אים געווען נאָענט, נאָענט און אייגן. אין דער דאָזיקער שטוב פול מיט קונסט־בילדער, אין דער אַטמאָספער פון וויסן און שיינקייט איז זי געווען ווי אַ טייל פון דעם אַלעם וואָס האָט זי דאָ אַרומגערינגלט. ער האָט געקוקט אויף איר ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטער, ווי אויף אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרפלאָנ־טערט אין אַ וועלט מיט וועלכער זי האָט קיין שייכות נישט. ער האָט געקוקט אויף אַניען, אויף איר שיינקייט און אים איז געוואָרן אַזוי באַנג, אַזוי ווייטיקלעך באנג.

ער האָט פאַרגעלייגט זיי זאָלן זיך איבערזעצן אויף די פאָטעלן וואָס זענען געשטאַנען אין דער זייט נעבן דעם קיילעכדיקן טישל. אַניא האָט זיך אַוועקגעזעצט. דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט צוגערוקט זיין פאָטעל און געזעצט זיך נאָענט נעבן איר.

ער האָט איבערגעחזרט זיין פראַגע: — האַלט איר, פרוי סוליק, אַז איך האָב פליכטן לגבי אייך?

ער האָט געזען, אַז זיי זענען געקומען צו אַ ווענדע־פונקט אין זייער

שמועס. זי האָט שוין געהאַלטן איר ביטע וועגן אויסבאַהאַלטן דאָ איר מאַן פאַר דערלעדיקט, כאָטש פון דאָקטאָר דאָבזשינסקיס פּראַגעס האָט זי באַדאַרפן קומען צו גאָר אַ פאַרקערטן אויספיר. זי האָט אַזוי געהאַלטן דער־פאַר, ווייל אַזוי האָט זי געוואָלט, ווייל אַזוי איז געווען איר ווילן. זי האָט דערפילט זיין געוואַלטיקע פאַראינטערעסירטקייט אין זייער געשפּרעך. זי האָט דערפילט, אַז ער וועט שוין פון איצט אָן גיין אויף דעם וועג אויף וועלכן זי וועט דעם שמועס פירן. און זי איז געווען גרייט אים צו דער־פירן ביז צו אַ פולשטענדיקער אויפקלערונג צווישן זיי, אפילו צו אַ קעגנ־זייטיקער ווידוי. זי איז גרייט געווען פון אים צו הערן אַלץ, אפילו דאָס סאמע ווייטיקלעכסטע פאַר זיך. זי איז געווען גרייט אויפצונעמען יעדן קלאַפּ וואָס זיינע ווערטער וואָלטן איר געקאָנט ברענגען. אירע אַלע גורלות האָבן דעם היינטיקן טאָג באַדאַרפן פאַר איר זיך אַנטפּלעקן. זי איז גרייט געווען זיי אויפצונעמען אין זייער גאַנצער גרויל.

— פליכטן זענען נאָר פאַראַן קעגנזייטיקע — האָט זי געענטפערט פאַמעלעך און באַטראַכט, — איך האָב געמיינט, הער דאָקטאָר, אַז איר וועט שטעלן די פראַגע אַנדערש: צי איך האַלט, אַז מיר האָבן לגבי זיך קעגנזייטיקע פליכטן. איר מעגט אָבער זיין זיכער, אַז איך וואָלט פון אייך קיינמאָל נישט געפאָדערט אַזעלכעס, וואָס איך אַליין בין נישט גרייט פאַר אייך צו טון.

ער האָט זי אָנגעקוקט שאַרף, כמעט בייז. ער איז שוין נישט געווען זיכער ביי זיך צי ער וועט איר ביטע אָפּוואַרפן, און ער האָט געזאָגט נישט אָן פאַרביטערונג. — און מיר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז נישט נאָר איר האַלט זיך פריי פון יעדער פליכט לגבי מיר, נאָר אַז איר וואָלט אַפילו קיינמאָל נישט געוואָלט געניסן פון מיינע פליכטן לגבי אייך, ווען אַזעלכע וואָלטן עקזיסטירט.

— הער דאָקטאָר, האָט אַניאַ געענטפערט דרייסט, — איר מאַכט שוין ווידער אַ טעות. דאָס ערשטע מאָל איז דער טעות געווען פאַטאַל פאַר אונדז ביידע, איצט קאָן ער זיין פאַטאַל נאָר פאַר מיר אַליין.

זי האָט דערפילט, אַז זי זאָגט נישט דעם גאַנצן אמת. זי האָט געוווּסט אין איר חכמה, אין איר איינגעבוירענער חכמה, וועלכע איז געלעגן אין

דער האַרמאָנישער שיינקייט אירער, אַז אויב עפּעס איז אַמאָל געווען פּאַטאַל פּאַר צוויי מענטשן, מוז אַלץ וואָס אין זייער לעבן געשעט זיין שטענדיק פּאַטאַל פּאַר זיי ביידע. אַניאַ האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ. זי איז געזעסן אינעם גרינעם וואָלענעם קלייד און אין הוט מיט דער זילבערנער שטרויס־פעדער, וועלכע איז געווען אַרומגעלייגט אַרום דעם ראַנדאָ. זי האָט אַ קוק געטון אויף דעם מענטש, וועלכער איז געזעסן אַזוי נאָענט נעבן איר. זי האָט אין אים איצט גאָרנישט געזען פון אַ באַרימטן דאָקטאָר, פון אַ מענטש אַ רייכן, אַ זיכערן ביי זיך, פון גרויסע דערפּאָלגן און דערגרייכונגען. זי האָט פּאַר זיך געזען אַ מענטש אַן איינזאַמען, אַן אָנשפּאַר פּאַר אַ סך, נאָר אָן אַן אָנשפּאַר פּאַר זיך. אפילו זיין שמאָלקייט און מאָגערקייט האָט געוועקט איר צערטלעכקייט צו אים. זי איז געווען איצט פול מיט גוטקייט צו אים. זי וואָלט אים איצט גערן אַרומגענומען ער זאָל זיך אָנשפּאַרן אין איר, אין איר, וועלכע איז איצט געווען ווי דער באָדן וואָלט אַנטרינען פון אונטער אירע פיס.

ער האָט דערפילט איר סימפּאַטיע. זי האָט אויף אים געשטראַלט פון דער גאַנצער פּערזענלעכקייט אירער, אפילו פון איר דערשלאָגן געמיט. ער האָט זיך צו איר אָנגעבויגן און צו איר גערעדט שטיל ווי ער וואָלט איר אָנפאַרטרויט אַ סוד:

— זענט איר טאַקע געווען גרייט עפּעס פּאַר מיר צו טון? פּאַר מיר? פּאַר מיר, מיין איך פּאַר מיר אַליין, פּאַר מיר, פּאַר מיין פּערזאָן. און איך האָב געמיינט, אַז איר האַלט זיך נישט נאָר וויַיט פון אַלע פליכטן לגבי מיר, נאָר בכלל וויַיט פון אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות צו מיר.

— איך בין געווען וויַיט, ווען עס איז געווען צו שפּעט, איך בין אָבער גאָרנישט געווען וויַיט ווען עס איז נאָך געווען אַזוי פרי, — האָט זי געענטפערט קלאָר, נאָר מיט גרויס טרויער.

זי האָט אַ קוק געטון אויפן דאָקטאָר דאָבזשינסקי. ער איז געווען איינגאַנצן אַ פאַרענדערטער, געווען בלייך, דערשראָקן. זיינע אויגן זענען געווען צעלאָפן, ווי יעדעס פון זיי וואָלט זיך געריסן אין אַן אַנדער זייט. אין איין רגע האָבן זיך זייערע בליקן ווידער געטראָפן. זיי האָבן ביידע געוווסט אַז עס דערנענטערט זיך אַ דעצידירנדיקער מאָמענט. יעדער האָט

געזען אין צווייטנס בליק, אז איינער טראַכט דאָס זעלבע וואָס דער צווייטער.

דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט געקעמפּט מיט זיך. ווידער האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן אַן אינערלעכער געראַנגל. ער איז נישט געווען זיכער צי דאַרף ער גראָד איצט ווען דערפירן זיין געשפּרעך מיט אַניען צו אַ פינאַל וועמענס רעזולטאַטן עס זענען געווען שווער פאָראויסצוזען. ער האָט פון דער צווייטער זייט געוווסט, אַז אויב ער וועט איצט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט, וועט ער שוין קיינמאָל אזא געשפּרעך מיט איר נישט פירן.

זייער איצטיק געשפּרעך און די סיבות וואָס האָבן דערצו געבראַכט, און די באַדינגונגען אין וועלכע זיי זענען פאָרגעקומען זענען געווען אַזוי אויסנעמלעך, אַזוי איינציקאַרטיק, אַז ער האָט נישט געוואָלט גאָרנישט אָפּלייגן. ער האָט געוואָלט ווייטער אָנגיין מיט זיינע פראַגן. ער האָט אָבער שוין נישט געהאַט קיין געדולד און אויך נישט קיין צייט אַרומצוגיין אַרום דער הויפּט־פראַגע. דער בראַנזענער זייגער אויף געוויכטן, אַן אַלט קונסט־שטיק האָט שוין געוויזן צען נאָך פיר. און פּינקטלעך פיר אַזייגער האָט ער יעדן טאָג אָנגעהויבן אויפצונעמען פּאַציענטן.

ער האָט זיך דעצידירט און אַרויסגעזאָגט אין גרויסער שפּאַנונג:

— און ווי זאָל איך פאַרשטיין דאָס, אַז ווען מיין מוטער האָט זיך געוואָנדן צו אייער מוטער און צו אייך און אייך אויפגעקלערט מיינע כוונות לגבי אייך, דערקלערט מיין פאַראינטערעסירונג, מיין ליבע צו אייך, האָט איר זיך פון איר און פון אירע ווערטער אָפּגעוואָנדן.

אַניאַ האָט זיך קוים דערוואַרט ער זאָל ענדיקן. זי האָט כמעט אויס־געשריגן: הער דאָקטאָר, אַזאַ געשפּרעך איז איבערהויפּט נישט מיט מיר און נישט מיט מיין מוטער נישט פאָרגעקומען!

ער איז געבליבן זיצן אַ דערשיטערטער. ער האָט אַרויסגעפילט דעם גאַנצן פאַרצווייפלטן אמת פון אירע ווערטער. ער האָט ערשט איצט פאַר־שטאַנען דאָ, וואָס ער האָט שוין לאַנג געאַנט, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט, אַז צוליב עפּעס אַ פאַלשן חשבון האָט מען געשפּילט מיט זיין לעבן און עס פאַרשפּילט. ער האָט אפילו נישט געהאַט איצט צו וועמען האָבן קיין טענות. די מוטער זיינע איז שוין געהאַט געשטאָרבן און דער פאָטער איז

איצט געווען אַן אַלטער קראַנקער מענטש, וואָס האָט געוווינט אין איינעם פון די פּענסיאָנאַטן פאַר זקנים אין אַלט אָטוואָצק.

ער האָט אַ קוק געטון אויף אַניען. איר ליכטיק פּנים איז איצט געווען פינצטער. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער קוקט אויך אַזוי אויס. ער האָט געוואָלט צו איר צוגיין און זי אַרומנעמען. ער האָט זיך אָבער צוריקגעהאַלטן. עס האָט זיך זיי ביידע געוואָלט שרייען, שרייען פון פאַר־פאַלנקייט. און זיי האָבן ביידע טויט געשוויגן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זי אָנגענומען ביי ביידע הענט.

— אַניאַ, פּרוי אַניאַ, איך און מיין הויז זענען צו אייער דינסט. טוט וואָס איר ווילט. איר פאַרשטייט דאָך, וואָס עס באַדייט הײנטיקע צייטן צו האַלטן ביי זיך אַ מענטש נישט איינגעמאָלדן. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס דאָס וואָלט באַדייט פאַר מיר און פאַר מיין דאָקטאָר־שטאַנד, ווען מען געפינט אייער מאַן ביי מיר. אָבער דער לאָקיי און די הויז־ווירטין זענען מיינע געשוווירענע מענטשן. איך האָב צו זיי דעם פולסטן צוטרוי. זייט רויק.

און ער האָט צוגעטראָגן אַניעס ציטערנדיקע, קאַלטע הענט צו ווינע ליפּן.

*

אין אַ שעה ארום גאָך דעם געשפּרעך, איז פאַרן הויז וווּ עס האָט געוווינט דאָקטאָר דאָבושינסקי פאַרפאָרן אַ דראָזשקע. פון איר איז אויסגעשטיגן אַן עלטערער מענטש אין בלויע ברילן, אַן איינגעבויגענער, קאָנטיק אַ קראַנקער. ער איז געגאַנגען טריט ביי טריט אָנגעשפּאַרט אויף אַ דיקן שטעקן. מענטשן האָבן געזען ווי ער גייט אַרויף אויף די שטיגן, וועלכע פירן צום דאָקטאָר און קלינגט אין זיין טיר. קיינער פון זיי האָט אָבער נישט באַמערקט, אַז דער מענטש איז שוין פון דאָרט נישט אַרויס־געגאַנגען.

— דער קראַנקער וואָס איז געקומען צום דאָקטאָר, איז געווען מ׳אַטוויעי סוליק.

די ווירקלעכקייט...

ווען דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן אַניעס הענט, האָט זי געפילט ווי פון אלע קעמערלעך פון איר גוף פליִצט אָן עפּעס אַ משונהדיקער כוח וואָס קומט זיך צוזאַמען, וואַקסט פון רגע צו רגע און פּרוּווט צעשפּאַרן דאָס הארץ. איר איז נאָך פאַרבליבן גענוג צייט בכדי זי זאָל באַוויִזן פאַרהעקלען די קלאַמער פון דער ראָטאָנדע, וועלכע ער האָט איר דערלאַנגט, צו זאָגן אים „צום ווידערזען", אַרויסצוגיין פון זיין צימער, דורכצומאַכן דאָס קליינע שטיקל קאָרידאָר וואָס האָט אָפּגע־טיילט זיין קאַבינעט פון דער ארויסגאַנגס־טיר, און אפילו צו דערלאַנגען דעם לאָקיי, וועלכער האָט זיך פאַר איר טיף פאַרנייגט, אַ שיינע מטבע. אָבער ווי נאָר די טיר האָט זיך אונטער איר פאַרמאַכט, האָט זי דערפילט אַז זי קאָן מער נישט גיין, אַז זי איז נישט בכוח צו שטעלן קיין איין טריט. אַ טייל פון דעם כוח וואָס האָט געשפּאַרט אויפן הארץ האָט זיך איצט באַזעצט אין האַלדז און אומברחמנותדיק געשטיקט. זי האָט געעפנט דאָס מויל בכדי אַריינצוּוּעטעמען אביסל לופט, און פלוצים איז זי אויסגעבראָכן מיט אַ קראַמפּהאַפטן געוויין.

זי האָט נאָך געהאַט אויף אַזויפיל באַוווּסטזיין, אַז זי זאָל מורא האָבן טאָמער וועט זיך איר געוויין אַרויסרייסן און זיך צעגיין, קעגן איר ווילן, אויפן קול. זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ נאָז־טיכעלע, פאַר־שטומט עס מיט דער האַנט. קיין שום שטים האָט זיך נישט געהערט, אָבער די טרערן זענען ביי איר געפלאָסן מיט אזא שטראָם, אַז אין געציילטע מינוטן איז איר וואַלקע און דער פוטערנער קאָלנער פון דער ראָטאָנ־דע געווען אַדורכגעווייקט מיט טרערן.

זי האָט איצט אָן גאָרנישט געדענקט, נישט ווער זי איז געווען, נישט וואָס איז ביי איר געשען. זי האָט נישט געדענקט נישט אין מאַן און נישט אין די קינדער. זי האָט נישט געדענקט צו וואָס זי איז אַהער געקומען.

זי האָט נאָר געוווסט איין זאַך, אַז זי איז געניִיט פֿון דאַנען אַוועקצוגיין אַוועקצוגיין אויף שטענדיק, כאָטש נאָר דאָ איז איר אָרט. פֿאַר דעם אָרט איז זי געבוירן געוואָרן און דער מענטש פֿון וועלכן זי גייט איצט אַוועק איז דער איינציקער פֿאַר וועמען עס איז ווערט געווען צו לעבן, צו זיין שיין און צו גיין איבער דער וועלט.

דער שטאַרקער שטראָם טרערן האָט שוין געהאַט אָפּגעפּלייצט. זי איז נאָך געשטאַנען אַ פּאַרטראַכטע, נישט געהערט און נישט געזען. זי איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער טיר און מיט דער רעכטער האַנט געגלעט דאָס מעשענע טעוועלע וואָס איז דאָרט געווען צוגעקלאַפּט און אויף וועלכן עס איז מיט געשריבענע אותיות געווען אויסגראַווירט זיין נאָמען.

פּלוצים האָט זי אונטערגעהויבן אביסל די וואַלקע און צוגעטראָגן צום מויל די פֿינגער וואָס האָבן געגלעט דאָס טעוועלע, ווי פֿרומע יידן קושן אַ מזוזה.

עס האָבן זיך דערהערט טריט אויף די שטיגן. זי האָט שנעל אַראָפּ־געלאָזט די וואַלקע און אָנגעהויבן גיין. זי האָט געשטעלט די טריט זייער פּאַמעלעך, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ נישט געווען זיכער אַז זי קאָן גיין. דער פֿראָנט־איינגאַנג איז געווען באַלויכטן מיט אַ גאַז־לאָמפּ, וועלכער איז אין דער פֿאָרם פֿון אַ מוזע מיט אַ פֿאַקל אין דער האַנט, געשטאַנען אין אַ נישע.

די עטלעכע מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף די שטיגן, האָבן זיך צוגערוקט צו דער וואַנט און געמאַכט פֿאַר איר אָרט אַדורכצוגיין. זי איז געגאַנגען און געוויינט. די מענטשן האָבן געקוקט אויף איר מיט רחמנות, זייענדיק זיכער, אַז דאָס גייט זי פֿון דאָקטאָר, וועלכער האָט מסתמא אָפּגעזאָגט דאָס לעבן פֿון אירס אַ נאָענטן.

ווען זי איז אַרויס אויף דער גאַס איז שוין געווען נאַכט. דער סאַקסי־שער גאָרטן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער נאָענט איז געשטאַנען אַ שטומער. אַניאַ האָט איבערגעשניטן די גאַס. זי האָט אויסגעמיטן די טראַמ־ווייען געשפּאַנטע אין פֿערד, וואָס האָבן פֿריילעך געקלונגען צו דער מאַסע זיך איילנדיקע מענטשן, וואָס האָבן מיט לעבן און מיט רעש פֿאַרפֿולט די טראָטואַרן ביי די ראָגעס פֿון די גאַסן קרולעווסקע און מאַרשאַלקאָווסקע.

זי איז אַריין אין גאָרטן. עס איז דאָרט געווען פּוסט און גליטשיק. אַלץ האָט זיך געווייקט אין דער נעץ. דער געדיכטער שניי, וואָס איז געפאַלן האָט די ביינערדיקע, נאַקעטעביימער געמאַכט ווייך און ווייס. די נאַסקייט האָט אַניצן אַרומגעקלעפּט, אַדורכגעדרונגען אין איר לייב. עס איז איר געוואָרן שטאַרק קאַלט. אַן אינערלעכע טרוקענע, שניידנדיקע קעלט האָט זי געלעמט, געמאַכט אוממעכטיק און זי מפקיר געווען פאַר דער נאַסער קעלט, וואָס איז געקומען פון דרויסן.

זי האָט נאָך אַלץ געוויינט. איר האָט זיך געדאַכטן, אַז די טרערן זענען דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט וואָס היט איר פּנים פון פאַרגלי־ווערט ווערן. זי האָט נישט געוווּסט ווו זי גייט, נאָר ווען זי איז צוגע־קומען צום טויער פון גאָרטן, וואָס האָט געפירט צו דער זשאַביע גאַס, האָט זי געזען, אַז זי גייט אַהיים.

זי האָט שוין נישט געטראַכט וועגן אים, וועגן דעם מענטש, וואָס איז איר נאָרוואָס געווען אַזוי נאָענט. ער איז פאַר איר ווידער פאַרשוווּנדן ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. זי האָט זיך געפילט צעשמעטערט, ווי עפּעס וואָלט זי צעריסן אויף באַזונדערע גלידער.

ערשט ווען זי איז צוגעקומען צו דער טיר, אויף וועלכער עס איז געווען צוגעקלאַפּט אַ מעשן טעוועלע מיטן נאָמען מאַטוויעי סוליק, האָט זי זיך צוזאַמענגענומען. דער זעלבער אינערלעכער כּוח, וואָס האָט זי געפירט אהיים האָט איר איצט געהאָלפן זיך צוזאַמענעמען און זיך אויס־גלייכן. זי האָט געקוקט אויף דעם נאָמען סוליק גלייכגילטיק. ער האָט נישט געוועקט אין איר קיין שרעק און אוודאי נישט קיין ליבע.

ווען זי איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט, וועלכער איז געווען קוים באַלויכטן, האָט סוליק אין דער טונקלקייט באַמערקט איר פאַרענדערט פּנים. ער איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. זי האָט אים אָבער נישט געלאָזט אויף זיך קוקן. זי האָט אים דערלאַנגט דעם ווינטער־פּאַלטן, אויס־געפּוצט אַ פּאָר טונקעלע ברילן, וועלכע ער האָט אַמאָל געטראָגן בעת אַן אויגן־אָנצינדונג, זי האָט אים אַריינגעשטעקט אין האַנט אַ דיקן שטעקן מיט אַ גומענער סקיפּקע, וואָס איז איר פאַרבליבן פון דער צייט ווען איר

מוטער האָט שוין נישט געקאָנט גיין אָן אַן אָנלען, און געזאָגט צו אים שטיל און פּשוט:

— הער, מאַטוויעי. דו מוזט זיך אַ צייט אויסבאַהאַלטן. נישט אויס־געשלאָסן אַז דער פּראָקוראָר זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל דיך צו פאַרהאַלטן. פאַרפאַלן... נעם זיך נישט איבער, — האָט זי אים געטרייסט. — איך וועל אַלץ טון, אַז מען זאָל וואָס גיכער אָראָפּנעמען פון דיר דעם אַרעסט־באַפעל. דערווייל מוזטו זיין זייער פאָרזיכטיק.

זי האָט דערזען זיינע אויסגעשראָקענע אויגן, זיין איינגעפאַלן פּנים. די צוויי קנייטשן, וואָס זענען געגאַנגען פון זיין נאָז ביז איבער דער אונ־טערשטער ליפּ, זענען איצט געוואָרן לענגער און אַזוי טיף, ווי דאָס גאַנצע פּנים וואָלט זיך אין זיי געוואָלט באַהאַלטן. עס איז איר אַ רחמנות געווען אויף אים. זי האָט גאָרנישט צו אים געפילט אַחוץ מיטלייד. ער איז געווען אין אירע אויגן אַ קרבן, אַ קרבן פון איר ביטערן גורל.

סוליק האָט אָנגעטון דעם דערלאַנגטן פּאַלטן, פאַרלייגט די ברילן, גענומען דעם שטעקן אין האַנט. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט: זיגמונט, זיגמונט, ער האָט זיך געריסן זען דאָס קראַנקע יינגל זיינס.

אַניע האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט פון קאַבינעט.

— הער, מאַטוויעי, באַזין זיך. — איר קלינגענדיקע שטימע איז איצט געווען הויל און הייזעריק. — קיינער טאָר דיך איצט נישט זען. קיינער טאָר נישט וויסן וואָן דו ביסט אַוועק פון שטוב. איך וועל אַרויס די ערשטע אויף די טרעפּ זען צי קיינער גייט נישט. ווען איך וועל דיר געבן אַ צייכן, וועסטו אַרויס פון דער טיר, אַראָפּ פון די טרעפּ, אַרויס פון טויער, באַלד אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס און זיך אַריינזעצן אין אַ דראָזשקע. דו זאָלסט צופאָרן צום דאָקטאָר דאָבזשינסקי.

זיינע אויגן האָבן אַחוץ שרעק אויך אויסגעדרוקט שטוינונג ווען ער האָט דערהערט דעם אַדרעס אויף וועלכן ער דאַרף פאָרן זיך אויסבאַהאַלטן. אַניאַ האָט איבערגעחזרט: — דו וועסט צופאָרן צום דאָקטאָר דאָבזשינסקי. ווען דו וועסט אויסשטייגן פון דער דראָזשקע זאָלסטו גיין פאַמעלעך, ווי

עס גייט אַ קראַנקער. דאָרט וועט מען שוין אויף דיר וואַרטן. דאָרט וועסטו בלייבן. וועסט נישט אַרויסגיין פון שטוב, זיך פאַר קיינעם נישט ווייזן. איך וועל זיך מיט דיר כסדר פאַרשטענדיקן טעלעפאָניש אָדער דורך בריוו.

זי האָט גערעדט אַזוי קלאָר און זאַכלעך, ווי מען רעדט צו אַ קינד, וועלכעס מען שיקט דאָס ערשטע מאָל אַליין אין גאַס. אים איז פון איר זאַכלעכקייט געוואָרן גוט, ווי גוט עס איז צו וויסן, אַז מען האָט אַ מאַמען. איר האָבן די ווערטער געשטיקט און זי האָט פון זיי וואָס גיכער געוואָלט פּטור ווערן.

זי איז אַרויס פון דער איינגאַנגס־טיר. ער איז געבליבן שטיין. זי האָט זיך אומגעקערט און אים געגעבן אַ צייכן. ער איז צו צו די שטיגן, געוואָלט זי אַרומנעמען, זיך געזעגענען. זי האָט אָבער געוויזן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אַראָפּגיין. ער איז אַראָפּ פון די שטיגן.

אַניאַ איז צוריק אַריין דורך דער אויפגעלענטער טיר, פאַרמאַכט זי שטיל און אַריין אין קאַבינעט. איר איז דאָ ווידער געוואָרן מוראדיק קאַלט. זי האָט דערפילט, אַז זי איז אַליין... אַליין... אַליין? ניין! נישט אַליין... יאָ אַליין... אַליין מיט דריי אויסגעצערטלטע קינדער... אַליין מיט עוולן... מיט עוולן! מיט מיליאָנען חובות און מיט גאָרנישט...

זי האָט פּלוצים דערפילט אַ מערדערלעכע מידקייט, אַ מידקייט, וואָס קאָן אומברענגען אַ מענטש. זי האָט דורכאויס געוואָלט אַריינגיין צו זיגמונטן. זי האָט דאָס קינד נישט געזען אַ גאַנצן טאָג. איר איז אָבער באַפאַלן אַן אָנמאַכט. זי האָט געפילט אַז ביי דער מינדעסטער אָנשטרענגונג וועט זי אַוועקפאַלן. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט צו זיך אין שלאָף־צימער, אַליין דאָס ערשטע מאָל געמאַכט דאָס בעט, זיך אויסגעטון און מיט די לעצטע כוחות זיך אַריינגעוואָרפן אין בעטגעוואַנט.

איר האָט זיך אויסגעדאכטן, אַז מען האָט איר פאַרלייגט אויפן פּנים אַ מאַסקע מיט שלאָף־געטראַנק. זי האָט זיך געשטיקט און געעטעמט וואָס אַמאָל טיפער און פאַרצווייפלטער. שוואַרצע רעדער האָבן זיך איר געדרייט פאַר די אויגן. זי האָט געפילט, אַז זי פאַלט וואָס אַמאָל נידריקער און איז געזונקען אין אַ שלאָף אַ טיפן, אָן חלומות.

*

אַרום איינס ביינאַכט האָט אַניען אויפגעוועקט אַ שאַרף קלינגען ביי דער פראָנט־טיר. מען האָט שוין געמוזט אַ צייט קלינגען ווייל זי האָט געפּילט, ווי מען וואָלט זי שוין לאַנג געוועקט פון שלאָף. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי נאָך געהערט דאָס קלינגען, וואָס האָט זיך צו איר געריסן דורכן שלאָף, וועלכן זי איז נישט בכוח געווען איבערגעוועל־טיקן. זי איז אַרויס פון בעט, פאַרוואָרפן אויף זיך דאָס פוטער און אַריין אין קאָרידאָר, וועלכער איז צוליבן קראַנקן קינד געווען אַ גאַנצע נאַכט באַלויכטן מיט אַ קליין נאַפט־לעמפּעלע. דאָרט האָט זי זיך געטראָפן מיטן שטוב־מיידל און מיט דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט גענעכטיקט אין זיגמונטס צימער. אַלע דריי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פּחד. דאָס שטוב־מיידל האָט געעפנט די טיר.

עס איז אַריין דער רעווירעאָווי אין אַ בלויען שינעל מיט דער שווערד ביי דער לינקער זייט און מיט אַ טעקע אין דער רעכטער האַנט. נאָך אים איז אַריין אַ סטאָיקאָווע און דער סטרוזש פון הויף, וועלכער האָט געהאַלטן אין האַנט אַן אָנגעצונדענע לאמטער. אַניאַ האָט זיך מער דערשראָקן פאַר דעם סטרוזש, ווי פאַר דעם רעווירעאָווי מיטן סטאָיקאָווע. אין משך פון די גאַנצע זיבעצן יאָר וואָס זיי האָבן געוווינט אין דעם הויז, האָט דער סטרוזש קיין איין מאָל נישט געוואגט צו קומען צו זיי דורך דעם פראָנט־איינגאַנג. אפילו אין ביי־יאָר, ווען ער איז געקומען ווינטשן, איז ער אויך געקומען דורך דער קיך־טיר.

ווי נאָר די פּאָליציי איז אַריין אין קאָרידאָר האָט דער סטרוזש פאַר־שלאָסן די טיר און אַרויסגענומען דעם שליסל. ער האָט אַלע געלאָזט שטיין אין דעם כמעט פינצטערן קאָרידאָר און זיך גענומען לויפן אין די ווייטערע צימערן.

אַניאַ איז געשטאַנען אַ דערשטוינטע און מיט אַ שוואַך קול אים נאָכ־געשריגן: — קודאַ, קודאַ (וואוהין וואוהין). זי האָט געזען ווי דער פרעמדער מענטש, וואָס האָט ביז איצט מורא געהאַט אָנצוקלאַפּן אין זייער טיר, לויפט

איבער אירע שטובן ווי ער וואָלט געווען ביי זיך. זי האָט דערפילט דאָס ערשטע מאָל דעם ביטערן טעם פון ווערן הפקר.

דאָס שטוב־מיידל האָט גענומען נאָכלויפן דעם סטרוזש. ער איז געלאָפן ביז צו דער קיך־טיר, זי אָפּגעשלאָסן און אַרויסגענומען דעם שליסל. ווען ער איז צוריקגעקומען אין קאָרידאָר, ווו אַלע זענען נאָך געשטאַנען, האָט ער דערלאַנגט דעם רעווירנאָווי די שליסלען ראַפּאָרטירנ־דיק: — ווסיע דוויערי זאַקריטי. (אַלע טירן געשלאָסן).

דער רעווירנאָווי האָט באַפוילן מאַכן ליכט אין אַלע שטובן. מען האָט אומעטום אָנגעצונדן די גאַז־לאָמפּן. די אָנגעצונדענע זשיראַנדאָלן אינמיטן דער נאַכט האָבן אַרומגענומען די רייכע דירה מיט אַ טרויעריקער פייער־לעכקייט. דער רעווירנאָווי איז מיט אַן ערנסטן טריט אַריין אין קאַבינעט, זיך אַוועקגעזעצט נעבן סוליקס שרייב־טיש און ווענדנדיק זיך דירעקט צו אַניען אויסגערופן:

— וואַשאַ פאַמיליאַ, אימיאַ, אָטשעסטוואָ?!

— סוליק, אַננאַ זעלמאַנאָווּנאַ — האָט אַניע גיך געענטפערט.

— וואַש פּאַספּאָרט (אייער פּאַספּאָרט) — האָט דער רעווירנאָווי געזאָגט מיט אַ באַסאָווער שטים.

אַניאַ איז אַריין אין שלאָף־צימער און אַרויסגענומען פון איר האַנט־וואַליזקע, צו וועלכער זי האָט זיך נישט געהאַט צוגערירט די גאַנצע צייט זייט זי איז געקומען פון דער באַן, איר אויסלענדישן פּאַס.

דער רעווירנאָווי, וואָס האָט איר דעם פּאַס געהאַט אַליין געבראַכט אין שטוב אַריין און באַקומען אין דער האַנט פינף רובל, סתם אַזוי זיך, און פאַר איר זיך דאַמאָלט געבוקט אין דרייען, האָט איצט געקוקט אויפן פּאַס און די ברוינע לעדערנע טעוועלעך מיט די גאָלד געליישטע אותיות, ווי ער וואָלט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. ער האָט אַ וויש געטון די גרויסע, גרויע וואָנסעס און געזאָגט:

— סודאַריניאַ זנאַטשיט ז׳זאַגראַניצי פּריעכאַלאַ, וואָט אינטערעסנאָ (די הארנטע איז הייסט עס צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, נו, אינטערעסאַנט).

ער האָט געבלעטערט דעם פּאַספּאָרט, באַקוקט מיט נייגעריקייט די

גרענעץ־ און צאָל־סטעמפּלען. מיטאַמאָל האָט ער זיך ווידער אָנגערופן, אָבער דאָסמאָל מיט כעס:

— וואַשאַ פאַמיליאַ, אימיאַ, אָטשעסטוואָ?!

— סוליק אננא זעלמאַנאָוונאַ, — האָט אַניאַ געענטפערט.

— אַ זדיעס פּישעט טשטאָ טאָ דרוגאָיע (און דאָ שטייט גאָר עפּעס אַנדערש) — האָט זיך דער רעווירּאָווי געוואָנדן צו אַניען מיט אַ געבייזער. — זדיעס פּישעט טשטאָ טאָ כאַנאַ זעלמאַנאָוונאַ.

— איזוויניטיע, איזוויניטיע (ענטשולדיקט, ענטשולדיקט), — האָט אַניאַ צעמישטע אים געענטפערט, — דיעסטוויטעלנאָ (ריכטיק), סוליק חנה זעלמאַנאָוונא.

דער רעווירּאָווי האָט איר אָנגעקוקט מיט איראָניע, דער יונגער סטאַיקאָווע מיט שאַרפע, שפּיציקע וואָנסעלעך איז אויסגעבראָכן מיט אַן אָפּגעריסן געלעכטער, אים האָט צוגעכיקעט דער דאַרער און הויכער סטרוזש, נאָר דאָס קריסטלעכע שטוב־מיידל האָט נאַרישוואַטע געפּינטלט מיט די אויגן. זי האָט נישט געוווּסט צי דאַרף זי מיט זיי מיטלאַכן, אָדער זיך נאָך האַלטן לגבי דער באַלעבאָסטע מיטן געהעריקן רעספּעקט.

אַניאַ האָט נישט רעאַגירט אויף זייער פאַרהאַלטן זיך, די עטלעכע שעה טיפער שלאָף האָבן איר זייער גוט געמאַכט. זי האָט זיך געפילט געקרעפטיקט. זי איז שוין געווען אַ באַרויקטע. זי האָט זיך צוגענומען מיטן פוטער און געשטאַנען אַ שטאָלצע.

דער רעווירּאָווי האָט ארויסגענומען פון דער טעקע אַ לאַנג ווייס פּאַפּיר און געפרעגט אַניען: — אַ סוליק מאָרדקא מאָיסיעיעוויטש קטאָ עטאָ בודיעט (ווער איז דאָס סוליק מרדכי מאָיסיעיעוויטש)?

— דאָס איז מיין מאַן, — האָט זי געענטפערט.

— אַ גדיע אָן (און ווו איז ער)? — האָט זיך דער רעווירּאָווי ווידער צעבייזערט.

אַניאַ האָט אויפגעקלערט דעם רעווירּאָווי אינגאַנצן רויק, אַז איר מאַן פאָרט אָפט איבער די פּראָווינץ־שטעט, אַז גראָד נעכטן איז ער אַוועקגעפאָרן און זי ווייסט נישט ווען ער וועט קומען.

— קאַק טאָ, קאַק טאָ (וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס) — האָט זיך

דער רעווירֿאָווי אָנגעהויבן צו סקאַנדאַלעווען. אַניעס רויִקייט האָט אים אַרויסגעבערענגט פון זיך. ווו איז ער געפאָרן? — האָט ער געשריגן אויפן גאַנצן קול.

אַניאַ האָט אים איצט געענטפערט נאָך רויקער ווי פריער. איר רויִקייט איז געווען אַ רויקייט פון דעטערמינאַציע. אפילו אַזאַ אַלטער אויסגעפּרוּווטער פּאָליציי־מענטש ווי דער רעווירֿאָווי, האָט זיך דערפילט אומהיימלעך פון איר רויִקייט. ער האָט אויפגעהערט זיך בייזערן.

די קראַנקן־שוועסטער איז שוין לאַנג געהאַט צוריקגעגאַנגען צום קראַנקן קינד אין צימער, דאָס שטוב־מיידל האָט אַניאַ שוין געהאַט אַרייַנגעשיקט אין איר אַלקער אַריין. דער סטרוזש איז שוין איצט געשטאַנען אַביסל הכנעהדיקער און דער סטאַיקאָווע איז געזעסן אין אַ זייט אַ שטילער. דער רעווירֿאָווי האָט אויך נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר זיך נישט אויפגעהערט טרייסלען פון איינגעהאַלטענעם כעס.

מיטאַמאָל האָט ער גענומען פון סוליקס בראָנזענעם שרייב־געצייג, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, די פעדער, זי איינגעטונקען אין טינטאָרן און זיך גענומען שרייבן אויפן לאַנגן פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער טעקע. ער האָט געשריבן לאַנג, מאַכנדיק מיט דער האַנט ברייטע, משונהדיקע באַוועגונגען. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט הויך:

— דאַוואיטיע סדיעלאיעם אָביסק (קומט, מיר וועלן מאַכן אַ רעוויזיע).

אַניאַ האָט דערפילט, אַז אַ בלייכקייט באַדעקט איר פּנים. ביים האַרץ איז איר געוואָרן לויז, ווי עס וואָלט ערגעץ אָוועקגעשוווּמען. זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דער רעוויזיע זי האָט אַמבעסטן געוווּסט, אַז זיי וועלן איר מאַן דאָ נישט געפינען. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם בלויזן זוכן, פאַר דעם, אַז ביי איר אין שטוב וועט מען זוכן, מאַכן אַ רעוויזיע. זי האָט אויף אַ רגע זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן.

ווען זי האָט די האַנט אַוועקגענומען איז שוין די פּאָליציי מיטן סטרוזש געגאַנגען דורכן קאָרידאָר אין די ווייטערע צימערן.

פון נסיון צו נסיון

די רעוויזיע האָט זיך אָנגעהויבן פונעם סאַלאָן. ווען דער רעוויראָווי האָט דערזען די טעפּיכער, וואָס זענען דאָרט געלעגן, די בילדער און גאָבע־לינען, וועלכע זענען דאָרט געהאָנגען, האָט ער זיך אָנגערופן צום סטאָיקאָ־ווע הויך, אַז אַלע זאָלן הערן: — וואָט נאַזשילי (אָט, האָבן זיי אָנגעזאַמלט). דער סטאָיקאָווע האָט אונטערגעברומט: דאַ, דאַ, (יאָ, יאָ). ער האָט אָבער אָנגעהויבן באַקומען דרך־ארץ פאַר דער יונגער אײנהאַבערין פון אַזויפיל רייכע זאַכן. דער דאָזיקער אָרעמער סטאָיקאָווע האָט אויך באַמערקט אַניעס אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט. אפילו דער אַלטער בייזער רעוויראָ־ווי האָט געוואָרפן אויף איר שפּיציקע בליקן מיט די ווינקלען פון זיינע שפּיזנדיקע אויגן.

אַניאַ איז געשטאַנען אַרומגענומען מיט דער ראָטאָנדע. זי האָט אויפ־געהויבן דעם פייענעם קאָלנער און זיך פאַרדעקט דעם האַלדז און די גאָמ־בע. פונעם גרוי־זילבערנעם פוטער האָט זיך אַרויסגעזען איר ראָזאַ מויל מיט די פּערלדיקע ציין. די אויבערשטע ליפּ איז ביי איר געווען אַביסל אָנגעדראָלן און די אויגן אינגאַנצן גרין, ווי דאַמאָלט ווען זי איז אין כעס. דאָס, וואָס זי האָט פאַרשטעלט די מילדע, ווייכע, האַלב־אָוואַלע גאָמבע מיטן פוטערנעם קאָלנער האָט צוגעגעבן איר פּנים עפּעס רוגזהדיקס. זי האָט מיט אירע פונאַנדערגעלאָזטע קופּערנע האָר אויסגעזען ווי אַ צערייצטע לייביכע.

דעם רעוויראָוועס זאָגט „וואָט נאַזשילי", האָט זי אויפגעטרייסלט, ווי־זייער אַן אומאָנגענעמע באַרירונג, זי האָט אָבער זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט.

זיי האָבן שנעל געענדיקט דאָס זוכן אין סאַלאָן, אָפּגעשלאָסן די טיר, אַרויסגענומען דעם שליסל און אריין אין צימער אין וועלכן עס זענען געשטאַנען בלויז מלבושים־שענק. דאָ האָט שוין דאָס זוכן געדויערט לענ־

גער. מען האָט געעפנט אַלע שענק און געזוכט געגוי צווישן די הענגנדיקע מלבושים און קליידער. דאָ האָט זיך אויך איבערגעחזרט דאָס אָפּשליסן די טיר נאָך דער רעוויזיע.

די גאַנצע צייט האָט אַניאַ געלאָזט גיין די פּאָליציי מיטן סטרוזש פאַר זיך. זי האָט זיך געהאַלטן מיט זיי אויף אַ געהעריקער דיסטאַנס. ווען זיי האָבן זיך אָבער דערנענטערט צום שלאָף־צימער איז זי זיי פאַרלאָפן דעם וועג, צוגעלאָפן צום בעט, פון וועלכן זי איז נישט לאַנג געהאַט אַרויס, און אַליין איבערגעוואָרפן דאָס בעטגעוואַנט בכדי וויזן אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ.

צום סאַמע סוף זענען זיי צוגעקומען צו זיגמונטס צימער. דאָס קראַנקע ייִנגל איז נישט געשלאָפן. עס האָט אים אויפגעוועקט דאָס קלונגען אין דער טיר. ער איז געלעגן אַן אומרויקער. עס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאכטן, אַז אין די ווייטערע צימערן געשעט עפּעס. די קראַנקן־שוועסטער וואָס איז תיכף צו אים צוריקגעקומען ווי נאָר די פּאָליציי איז אַריין, האָט אים באַרויקט, אויסגערעדט, אַז אים דאכט זיך, געבעטן זיך ביי אים ער זאָל איינשלאָפן. אָבער דאָס ייִנגל האָט נישט געקאָנט איינגעדרימלט ווערן, זיך כסדר אויפגעזעצט און זיך צוגעהערט צום מינדעסטן גערויש וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ווייטערע צימערן.

איצט ווען די פּאָליציי איז געשטאַנען נעבן דער טיר פון זיין צימער, האָט אַניאַ געבעטן דעם רעוויראָווי, אַז זיי זאָלן דאָרט נישט אַריינגיין, ווייל דאָס קראַנקע קינד וועט זיך זייער דערשרעקן. דער רעוויראָווי האָט נישט געוואָלט וועגן דעם הערן. ער האָט זיך געריסן פאַראויס. אַניאַ האָט אים פאַרשטעלט מיט זיך דעם וועג, געבעטן זיך ביי אים שטיל און הייס. און ווען ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער קלאַמקע בכדי צו עפענען די טיר, האָט זי איין אַ גרויס פאַרטראַגנקייט געגלעט זיין באַוואָקסענע, ביינערנע און אָדערדיקע האַנט מיט אירע דינע, אויסגעאיידלטע, ראָזאַ פינגער.

דער אַלטער רעוויראָווי האָט געזשמורעט די אויגן, געהויבן די וואָנסעס ווי אַ קאַץ. ער האָט הנאה געהאַט פון אַניאַס צערטלעכקייטן, וועלכע זי אַליין האָט גאָרנישט באַמערקט. פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

ערשט ווען פון זיגמונטס צימער איז אַרויס די קראַנקן־שוועסטער, אַן עלטערע, איידעלע קריסטין, אַ רוסישע, און אויך זייער געבעטן דעם רעווירֶאָווי נישט איבערצושרעקן דאָס קינד, וואָס איז נאָרוואָס אַרויס פון געפֿאַר און איז נאָך זייער שוואַך, האָט אַניאַ ביי אים געפּועלט אַז אַריין מאָכן די רעוויזיע אין ייִנגלס צימער וועט נאָר דער סטרוזש אַליין.

ווי זיגמונט איז נישט געוואָרן דערשטוינט פון דעם ביינאַכטיקן וויזיט פון דעם סטרוזש ביי אים אין שטוב, האָט אָבער דאָס, וואָס דער סטרוזש האָט זיך אַראָפּגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע און געזוכט אונטער זיין בעט אויסגעזען אים צו זיין אַזוי קאָמיש, אַז ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול.

— וואָס זוכט איר דאָס אַזוי? — האָט אים זיגמונט געפרעגט — אָ! איך זוך אַ גרויסן פויגל — האָט אים דער סטרוזש פריילעך געענטפערט און זיגמונט האָט זיך ווידער צעלאַכט.

נאָך דעם זענען אַלע אַריין ווידער אין קאַבינעט און דער רעווירֶאָ־קוי האָט זיך אויפסניי אַוועקגעזעצט שרייבן. ווען ער האָט געענדיקט האָבן אַלע אָנוועזנדע אונטערגעשריבן דעם פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיע. ערשט דאַמאָלט האָט די פּאָליציי מיטן סטרוזש פאַרלאָזט סוליקס דירה, איבער־לאָזנדיק די שליסלען פון די אָפּגעשלאָסענע טירן אויפן שרייב־טיש אין קאַבינעט.

אַניאַ איז צוריק אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער. זי האָט אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דאָס פוטער און אַריין אין בעט. זי האָט מורא געהאַט אויס־צולעשן דאָס ליכט, נאָר געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין די הל־געלע פלאַמען פון דעם גאַז־לאָמפּ. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי שלינגט די פלאַמען און וואָס מער זי שלינגט זיי אַלץ מער שטאַרקט זיך אין איר דער דורשט און אַ טרוקנקייט שטיקט אין האַלדז און אין קעל און לייגט זיך איר אויפן האַרץ מיט אַ ראַציקער האַרטקייט ווי פון אַ רייב־אייזן. זי האָט נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם וואָס איז געשען. קיין איין ערנסטער געדאַנק האָט זיך ביי איר נישט געקאָנט אָנהאַלטן. עס זענען איר געקומען אויפן זכרון פאַרשידענע קלייניקייטן, פאַרגעדענקטע פון די קינדער־יאָרן, אַזעלכע וואָס איז איר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זי

געדענקט זיי. דאָס זענען געווען זכרונות וואָס עס דערמאָנען זיך נאָר שווער־קראַנקע, ווען זייער לעבן וויגט זיך אויף דער וואָגשאָל. זי האָט נישט נאָר מורא געהאַט אויסצולעשן דאָס ליכט, נאָר אפילו מורא געהאַט צוצומאַכן די אויגן. אַזוי איז זי געלעגן לאַנגע שעהען מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין די פלאַמען אַריין און געוואַרט ביז דאָס ליכט פון טאָג וועט זיי אַריינזאַפּן אין זיך און זיי וועלן נישט ווערן.

באַלד אינדערפרי זענען געקומען: אַ פאָרשטייער פון האַנדלס־געריכט, דער קאָמאָרניק, דער סינדיק און אויך סוליקס אַדוואָקאַט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפּשרייבן דאָס מעבל און ווערט־זאַכן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי סוליקן אין דער דירה.

דער געריכטס־פאָרשטייער און דער קאָמאָרניק האָבן פאָרגעלייגט אַז מען זאָל צונויפנעמען אַלע טייערע מעבלען און ווערט־זאַכן אין סאַלאָן, זיי אָפּשרייבן און פאַרחתמענען די טיר. דעם סינדיק איז דער געדאַנק געפעלן געוואָרן. דאָס וואָלט שטאַרק פאַרלייכטערט די פּראָצעדור ביים אָפּשרייבן. אַניאַ איז פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט אינגאַנצן געריינצלט געוואָרן. זי האָט זיך אין דער רגע דערזען אַ פאַרפאַלענע, אַ פאַרפאַלענע אויף אייביק, אָן דער מינדעסטער מעגלעכקייט דערפון אַנטרינען צו ווערן.

דער אַדוואָקאַט פון איר מאַנס צד האָט געזען אַניעס פּנים, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשן. ער האָט נישט איין באַנקראָט בייגעוווינט און אויף זיינע אויגן האָבן זיך צענטליקער יוסטע עקזיסטענצן איינגעבראָכן און איינגעפאַלן. דאָך האָט אים אַניעס צער און איר שטאָלץ אין איר פּנים און איר גאַנץ פאַרהאַלטן זיך שטאַרק געריכט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז נישט געווען אָנגענומען אַז אַן אַדוואָקאַט זאָל נעמען אויף זיך די אחריות פאַר די אָפּגעשריבענע זאַכן פון אַ בעל־חוב, זיינס אַ קליענט, האָט אָבער דאָסמאָל סוליקס אַדוואָקאַט זיך געוואָנדן צום סינדיק אַז מען זאָל אַלץ איבערלאָזן אַזוי ווי עס איז איצט, און ער נעמט אויף זיך די אחריות פאַר די אָפּגעשריבענע זאַכן.

דער סינדיק וואָס איז אויך געווען אַ באַקאַנטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן די ביטע פון זיין עלטערן באַרימטן קאָלעגע און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַלץ בלייבט שטיין און הענגען ווי ביז איצט.

נאָר די גאַבלאָטקעס מיט דעם טייערן סעווורישן פּאָרצעליי און די קרישטאָל־זאַכן געפּאַסטע אין גאָלד און אין זילבער האָט מען פֿאַרחתמעט פֿון אויסנווייניק. פֿון דעם האָט דער קאָמאָרניק בשום אופֿן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. אויך האָט מען סוליקס אַלע מלבושים צוזאַמענגענומען אין די שענק, אַדורכגעצויגן אַ שפּאַגאַט דורך די לעכלעך פֿון די קנעפּ און די עקן שפּאַגאַט צוגעחתמעט מיט ליאַק צו אַ טעוועלע און אַרויפֿגעלייגט אויף דעם ברענענדיקן ליאַק דעם רוסישן מלוכה שטאַמפּ.

דער געריכטס־פּאָרשטייער האָט געהאַלטן אַן אָנגעצונדן ליכט, דער סינדיק האָט געהאַלטן דאָס טעוועלע אויף וועלכן עס זענען געלעגן די צוויי עקן פֿונעם שפּאַגאַט, דער קאָמאָרניק האָט געהאַלטן אַ לאַנגן שטיק רויטן ליאַק איבערן פֿייער פֿונעם ליכט און ווען דער ליאַק האָט זיך אָנגעצונדן און זיך צעשמאָלצן האָט ער אים געגאָסן אויפֿן טעוועלע און צוגעליאַקע־וועט צו אים די צוויי עקן פֿון שפּאַגאַט. ערשט ווען דאָס אַלץ איז שוין געווען געמאַכט האָט ער צוגעדרוקט דעם מעשענעם שטאַמפּ צום נאָך ווייכן ליאַק. אַניאַ האָט געקוקט אויף די דריי בלאַנדע געדיכט באַוואַקסענע קעפּ פֿון די דריי פֿרעמדע מענטשן, וואָס שטייען איצט אָנגעבויגן איבער דעם ברענענדיקן רויטן ווי בלוט ליאַק און איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די דאָזיקע דריי מענטשן פֿירן דאָ דורך עפּעס אַ מיטלאַלטערלעכן געהיימען ריטואַל. סוליקס אַדוואָקאַט האָט נאָכן פֿעסטשטעלן די פּראָצעדור פֿון אָפּשרייבן און נאָכן געבן זיין התחייבות, זיך געזעגנט און אַוועק. אַניאַ איז געבליבן אַליין מיט די פֿרעמדע מענטשן. ווען זי האָט געקוקט אויף זיי, בעתן פֿאַרחתמענען די זאַכן, ווען זי האָט געזען זייערע פּנימער אין רויטן פֿייער־ליכט פֿון ברענענדיקן ליאַק האָט זי געזען אין זיי נישט קיין פֿאָר־שטייער פֿון רעכט און גערעכטיקייט, נאָר פֿאַרשווערער, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר הויז. זי איז אַזוי ביז איצט ווייט געווען פֿון דעם אַלעם וואָס איז ביי זיי געשען, אַז זי האָט זיך אומבאַוווּסטזיניק אָנגע־כאַפּט אין דעם בילד פֿון אַ פֿאַרשווערונג און אויף עטלעכע רגעס, געפֿיי־גענדיק זיך פּנים אל פּנים מיט די געריכטס־פּאָרשטייער, שטייענדיק אַזוי נאָענט נעבן זיי, זיך איבערגעגעבן אונטער דער ווירקונג פֿון איר פֿאַנטאַזיע און זי האָט זיך איינגערעדט, אַז אָט אָט וועט זיך באַווייזן איר רייכער מאַן

און די פאַרשווערער וועלן אין גרויס בהלה אַנטלויפן און דער משונהדי־קער קאָשמאַר וואָס ציט זיך שוין אַזוי לאַנג, וועט מיט איינמאָל פאַרשווינדן.

עס איז קיינער נישט געקומען, און דער קאָשמאַר פון אָפּשרייבן די זאַכן האָט זיך געצויגן גאַנצע זעקס שעה. ווען זיי זענען אַוועק האָט אַניען אַנגענומען אַ געפיל פון עקל. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס קאָן זיין, אַז גראָד זי געפינט זיך אין צענטער פון דעם אַלעם וואָס געשעט איצט ביי זיי. זי איז בייז געווען אויף איר מאַן, פאַרוואָס ער באַהאַלט זיך אויס, כאָטש זי האָט קלאָר געוווּסט, אַז ווען ער זאָל זיך נישט אויסבאַהאַלטן וואָלט ער סיי ווי סיי מיט איר נישט געווען...

די אָפּגעשריבענע שטוב־זאַכן, יעדנפאַלס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געהערט צו אַניען אויפן סמך פון אַן אינטערציזע־אַקט. אָבער אַניע האָט געמוזט אַרויסטרעטן געריכטלעך און פאָדערן זייער באַפרייונג פון אַרעסט. פונעם געריכט איז אויך געווען אָפּהענגיק וועלכע זאַכן צו באַפרייען און וועלכע נישט. כאָטש אַניאַ האָט געוווּסט, אַז אַ גרויסער טייל זאַכן וועט ווידער געהערן צו איר, האָט זי זיך געמיאוסט צוצורירן צו אַלעם, וואָס האָט זיך געפונען אַרום איר, צו דעם אַלעם וואָס איז געווען באַקלעפּט מיט צעטלען פונעם געריכטס־קאָמאַרניק. עס איז איר דאָס אַלץ געוואָרן טמא.

זי איז אַריין אין באָד־צימער, זיך אויסגעבאָדן, איבערגעטון זיך אינגאַנצן, זיך אביסל אָפּגערוט און אַריין צו זיגמונטן אין צימער.

*

דאָס יינגל איז געווען זייער שוואַך, בלייך און אויסגעצערט. ער איז געווען באַאומרויקט פון דעם ביינאַכטיקן וויזיט פונעם סטריזש און פון די פרעמדע טריט, וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן ביי זיי אין דער דירה און זיך דערטראָגן צו אים אין צימער. ער איז נאָך אָבער געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט נישט געפילט גאָרנישט קיין קאָנקרעטעס און נישט אַריינגעטראַכט וואָס דאָס קאָן באַדייטן. עס איז נאָך צו אים פון דער אויסערלעכער וועלט וויייניק וואָס דערגאַנגען. ער האָט נישט געפרעגט קיין סך פראַגן, נאָר זיך שטאַרק דערפרייט ווען די מוטער איז צו אים אַריינ־

געקומען, ער האָט אָבער נישט געדענקט ווי לאַנג זי איז ביי אים נישט געווען.

אַניאַ האָט באַפּרייט די קראַנקן־שוועסטער מיט עטלעכע שעה פריער ווי געוויינלעך און איז אַליין געבליבן מיטן ייִנגל. ווי נאָר זי איז אַריין אין ייִנגלס צימער איז זי געוואָרן פריילעך, גוט אויפגעלייגט. זיי האָבן זיך געשפּילט ווי צוויי קינדער. כאָטש זיגמונט איז שוין אַלט געווען צוועלף יאָר און געווען אַ גוטער שילער, איז ער אָבער געווען נאָך קינדיש. ער האָט נאָך זייער ליב געהאַט שפּיל־זאַכן. דאָס וואָס ער איז געווען אַן איינ־ציקער זון און דער עיקר די ברייטע שטוב אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן, ווו מען האָט אַלע זיינע קאַפּריזן נאָכגעגעבן און ווו ער איז ווייט געווען פון יעדן פּראַקטישן ענין און זאָרג, האָט ביי אים נישט אַנטוויקלט דאָס געפיל פון רעאַליטעט.

זיי האָבן געשפּילט אין „טערניטשקע״, זיגמונט האָט כסדר געוווּנען און אַניאַ האָט זיך זייער געפרייט פון דעם, וואָס איר קינד שפּילט אַזוי גוט צו דאָס מזל.

דערנאָך האָבן זיי געשפּילט אין דאָמינאָ און אין וואַרף־ביינדלעך. אַניא האָט געטומלט, געשריגן, געפּאַטשט אין די הענט, זיך געפרייט סיי ווען זיגמונט האָט געוווּנען סיי ווען זי האָט געוווּנען. זי האָט זיך מיט דעם ייִנגל געשפּילט ווי מיט אַ קליין קינד און אַליין האָט זי אויך אויסגעזען זאָרגלאָז און קינדיש. זיגמונט האָט געקוקט אויף איר מיט פאַרווּנדערונג און מיט אַנטציקונג. אַזאַ צעשפּילטע און פריילעכע האָט ער זי נאָך קיינ־מאָל נישט געזען. זי האָט אים דערציילט פאַרשידענע פאַנטאַסטישע געשיכטן וועגן אירע רייזעס. זי איז אַריין אין טראַנס און איר פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט און די אויסגעטראַכטע דורך איר אויפן אָרט געשיכטן זענען געווען וואָס אַמאָל מער פאַרכאַפּנדיק און אויסטערליש. זיגמונט איז ווי שיכור געוואָרן פון אירע מעשיות. ער האָט זיך אויפגעזעצט, זי אַרומ־גענומען און ווי אַ באַנומענער זי געהאַלדזט און געקושט.

ווען ער איז מיד געוואָרן האָט זי אים אָנגעלייגט אויפן קישן, אים געגלעט איבערן פּנים און קאָפּ. דערנאָך האָט זי אים אַליין אַריינגעבראַכט עפּעס צו עסן אויף אָוונט־ברויט. נאָך דעם האָט זי אַריינגעבראַכט אַ שיסל

וואַרעם וואַסער מיט צוויי דיקע באָד־האַנטעכער. זי האָט דעם יינגל אָפּגע־וואַשן דעם גאַנצן קערפּער, אָנגעטאָן אַ פרישן וואַרעם פלאַנעלן העמד, איינגעוויקלט אים אין דעם פּוכענעם איבערבעט און געזעסן ביי אים אַזוי לאַנג ביזוואַנען ער איז מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן איינגעשלאָפן.

דאָס איז געווען די לעצטע פריילעכע זאָרגלאָזע נאַכט אין זייער היים אויף לעשנאָ. אַניאַ האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרלירן פון דער זיסקייט פון דער דאָזיקער נאַכט. ווען דאָס יינגל איז שוין גוט געשלאָפן איז זי אַרויס פון זיין צימער, אַריין צו זיך, זיך גיך אויסגעטון, גענומען אַ שלאָף־מיטל, אַריין אין בעט און באַלד איינגעשלאָפן.

*

אינדערפרי איז אַניאַ אויפגעשטאַנען אַן אויסגערוטע, אַ פרישע. זי איז געווען ערנסט און קאָנצענטרירט. עס איז אין איר גאָרנישט געווען פון דער צעשפּילטקייט פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. זי האָט געגעסן פרישטיק ביי זיגמונטן אין שטוב, אים דערציילט, אַז בקרוב וועלן שוין די שוועסטערן זיין צוריק אין דער היים, דערלאַנגט אים די האַנט אַ קוש צו טון, אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ און אַרויס.

זי האָט גערופן די הויז־ווירטין און געבעטן זי בלייבן אויפן ביז־איצטיקן פּאָסטן, ווייל זי, אַניאַ, וועט זיין איצט שטאַרק באַשעפטיקט און אויך מוזן אַביסל אַרומפאָרן איבער דער פּראָווינץ. זי האָט איר אויסגע־צאָלט דעם געהאַלט וואָס איז איר געקומען ביז איצט און איר באַצאָלט פאַר דריי חדשים פאָראויס, בכדי די הויז־ווירטין זאָל נישט האָבן דעם חשד, אַז זיי קאָנען אַמאָל שפּעטער נישט האָבן צו באַצאָלן.

אַניאַ איז מיט איין מאָל געוואָרן אויסגערעכנט און פּראַקטיש. זי האָט איצט גערעדט מיט דער הויז־ווירטין אַזוי זאַכלעך און פּשוט, ווי מיט אַ טאָג צוריק בעת זי האָט גערעדט מיט סוליקן וועגן זיין אויסבאַהאַלטן זיך. זי האָט זיך בּאַראַטן מיט דער הויזווירטין וואָס זי זאָל טון מיט די קינדער. אהיימנעמען האָט זי זיי נאָך נישט געקאָנט, ווייל דווקא איצט און ביז צו דער דעזאינפעקציע, האָט געדראָאָט די גרעסטע געפאַר זיך אָנצו־שטעקן. ווידער לאָזן זיי אין פּענסיאָנאַט האָט זי אויך נישט געקאָנט, ווייל

עווא איז שוין געגאַנגען אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע און האָט נישט געטאָרט איצט אַדורכלאָזן אפילו קיין איין טאָג.

די הויז־ווירטין האָט געהאַט אין וואַרשע אַ דירה, אַ באַשיידענע אָבער זייער אַ פיינע. די ווירטשאַפט דאָרט האָט געפירט איר איינציקע דערוואַקסענע טאָכטער. אַ גאַנצן טאָג איז דאָרט קיינער אַחוץ דער טאָכ־טער נישט געווען. די הויז־ווירטין איז געווען אַן אלמנה און די טאָכטער נישט קיין חתונה־געהאַטע. האָט זי פאַרגעשלאָגן אַריינצונעמען צו זיך עווען מיט אַדעלען. די טאָכטער אירע וועט זיך מיט זיי פאַרנעמען, קאָכן, צוגרייטן אין שולע, גיין מיט אַדעלען שפּאַצירן און טון פאַר זיי אַלץ, וואָס זיי וועלן באַדאַרפן.

אַניאַ האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאַג. איר איז געווען דווקא צו דער האַנט, וואָס עווא וועט זיך איצט באַקאָגען מיט באַשיידענע לעבנס־באַדינגונגען אין דער פרעמד, איידער זי וועט זיך מוזן צוגעוווינען ביי זיך. אַחוץ דעם איז איר געווען וויכטיק, אַז די קינדער וועלן זיין אין זיכערע הענט. זי איז גיך פאַרטיק געוואָרן מיט דער ווירטין וועגן די געלט־באַדינ־גונגען און צומאָרגנס אינדערפרי איז זי אַרויסגעפאָרן נאָך די קינדער.

דער פּאַטאַלער ליגן

ווען אַניאַ איז אָנגעקומען אויף דער דאַטשע אין דערהאָלונגס־הויז, האָט זי דאָרט אָנגעטראָפן עווען זייער אַ דענערווירטע. זי איז געזעסן ביי זיך אין צימער און דערוואַרט דער מוטערס קומען מיט גרויס אומגעדולד. איר האָט זיך אויסגעדאכטן אַז די מענטשן וואָס קומען דאָ באַזוכן די קינ־דער זייערע, קוקן אַזוי מאָדנע אויף איר און סודען זיך מיט דער אינהאַ־בערין און מיט די אָנפירערינס פון פּענסיאָנאַט. זי האָט אויך געהאַט דעם איינדרוק אַז בסך הכל עטלעכע שעה נאָך איר מוטערס אַוועקפאָרן מיט דריי טעג צוריק, האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט די באַציונג פון די פּענסיאָ־

נאָט־אָנגעשטעלטע צו זיי, צו עווען און אַדעלען. מען האָט אויפגעהערט ווי ביז איצט זיי נאָכצוגיין, זיך נאָכצופרעגן צי זיי פאַרלאַנגען עפּעס, מען האָט אפילו אויפגעהערט זיך צו פרעגן צי דאָס עסן שמעקט זיי. עוואַ, וועלכע איז געווען פעיק און אינטעליגענט, אָבער צוליב איר נישט שיינ־קייט זייער עמפּינדלעך, האָט איצט אין דער געענדערטער באַציונג צו זיי און אין די פרעמדע מענטשנס נייגעריקע בליקן, באַלד אַרויסגעפילט עפּעס נישט גוטס פאַר זיך. אין דעם טאָג ווען עס איז ביי די סוליקס פאָרגעקו־מען דאָס אָפּשרייבן פון די מעבלען און זאַכן, האָט עוואַ, אין משך פון די־זעקס שעה, וואָס דאָס האָט געדויערט, געקלונגען פיר מאָל אויפן טעלעפאָן און זיך געפרעגט וואָס הערט זיך אין שטוב, ווי זי וואָלט געווען זיכער אַז ביי זיי געשעט עפּעס.

עווען זענען דורך דער צייט עטלעכע מאָל אַדורכגעגאַנגען דורכן זכרון איר מוטערס ווערטער וועגן דעם, אַז איר פאָטער האָט זיך שטאַרק פאַרדרייט אין די געשעפטן. זי האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט דעם ערנסט מיט וועלכן די מוטער האָט איר געזאָגט, אַז דאַסמאָל איז דאָס זייער אַ קאָמפּליצירטע לאַגע. דאַמאָלט, ווען זי האָט די ווערטער געהערט פון איר שיינער און רייכער און העכסט־עלעגאַנטער מוטער האָט עס נישט געמאַכט אויף איר דעם מינדעסטן רושם. עס איז אָבער גענוג געווען, אַז זי זאָל באַמערקן, צי איר זאָל זיך נאָר אויסדאַכטן, אַז אין דער באַציונג צו איר האָט זיך עפּעס געענדערט צום ערגערן, אַז די ווערטער זאָלן אָנהויבן צוריקקומען צו איר און פאָדערן באַשייד. זי האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרבינדן דאָס געהערטע מיט דער געענדערטער באַציונג פון די פרעמדע מענטשן צו זיי.

ווען עווא האָט דערזען איר מוטער איז זי צוגעפאַלן צו איר. זי איז געווען אויפגעברויזט, אָבער זייער צופרידן וואָס די מוטער איז שוין דאָ. אַניאַ האָט זי געקושט מיט גרויס צערטלעכקייט, אָבער שוין מיט אַ געווי־סער צוריקגעהאַלטנקייט, נישט אַזוי ווי דאָס פריערדיקע מאָל, נאָך איר צוריקקומען פון אויסלאַנד. עוואַ האָט געקוקט דער מוטער אין די אויגן אַריין, געוואָלט עפּעס פון זיי אַרויסלייענען. אָבער אַניעס פנים און אירע אויגן האָבן גאָרנישט פאַראַטן. זי איז ווי ביז איצט געווען ווייטער די־

שענסטע און די שטאָלצסטע און די עלעגאַנטסטע פון אַלע מוטערס, וועל־כע עווא האָט געקענט. עווא האָט איצט געקוקט אויף דער מוטער מיט גרויס פאַרגעניגן כאָטש נישט אָן קנאה, ווי אַניעס שיינקייט וואָלט פאַר עווען געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז קיין שום בייז קאָן ביי זיי נישט געשען.

אַניאַ האָט זיך געפרעגט אויף אַדעלען. די קליינע איז געווען אויף אַ שפּאַציר, אויף וועלכן די דערציערין האָט זי מיטגענומען מיט אַ גרופּע יונגע קינדער.

עס איז געווען איינער פון די געזונטע און שיינע ווינטער־טעג. ביינאַכט האָט געכאַפּט אַ פראָסט. אַלץ וואָס איז מיט אַ טאָג פריער געווען נאַס און אומעטיק, איז איצט געווען טרוקן און זיך פריילעך געשפּילט מיט גלאַנצנ־דיקער, פראַסטיקער טראַציקייט אַנטקעגנאיבער דער צעהעלטער זון.

— עוואַ — האָט זיך אַניאַ אָנגערופן — פון איבערמאָרגן אָן דאַרפסטו שוין אָנהויבן גיין אין גימנאַזיע. אָבער אַהיים נעמען קאָן איך איך נאָך נישט. דער דאָקטאָר דערלויבט נישט. ערשט נאָך דער דעזינ־פעקציע, אין אַ צען טאָג אַרום, וועט איר קאָנען שוין זיין אינדערהיים. דערווייל וועט איר זיין ביי אונדזער הויז־ווירטין, דער מאַדאַם לוריע. זי האָט אַ גאַנץ פיינע דירה אויף זלאָטע. איר איינציקע טאָכטער, זייער אַ ווילע און אינטעליגענטע פריילין וועט זיך מיט זיי פאַרנעמען.

עוואַ האָט געהאַט אַ זויערע מינע. זי האָט זייער פיינט געהאַט צו זיין אין דער פרעמד. זי האָט אויסגענוצט איר אומצופרידנקייט בכדי זיך אין איין וועגס באַקלאָגן אויפן פענסיאָנאַט.

— מאַמאַ, ווען איך זאָל אפילו נישט דאַרפן גיין אין גימנאַזיע, וואָלט איך שוין דאָ לענגער נישט געבליבן.

— פאַרוואָס ? עווא, פאַרוואָס ? — האָט אַניאַ אויסגערופן מיט פאַר־וווּנדערונג.

— זייט עטלעכע טעג קוקן עפּעס די מענטשן אויף מיר אַזוי מאָדנע, אַז מיר איז אומהיימלעך דערפון. אויך דאַכט זיך מיר, אַז די אָנגעשטעלטע און אַפילו די דינערשאַפט האָט זיך געענדערט אין באַצוג צו אונדז. איך פאַרשטיי נישט וואָס איז דאָ געשען. אָבער מיר איז אַזוי אומאַנגענעם דערפון. מיר איז איבעריק יעדע מינוט וואָס איך געפון זיך דאָ, — און

זי האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, ווי זי וואָלט שוין געוואָלט פון דאַנען אַנטלויפן.

אַניע איז געבליבן זיצן א צעטומלטע. — אך, מענטשן, מענטשן — האָט זי גערעדט ווי צו זיך, — אך, ווי פאַרדאָרבן מענטשן זענען — איז זי געווען אויסער זיך פון עמפּערונג.

דאָס וואָס אַניאַ האָט נישט אָפּגעלייקנט עוועס חשד, נאָר אָנשטאָט דעם זיך באַקלאָגט אויף מענטשלעכער פאַרדאָרבנקייט, האָט ערשט איצט פאַר עווען קלאָר געמאַכט אַז איר חשד איז געווען אַ ריכטיקער. ביז איצט האָט זי זיך נאָך טיילמאָל איינגערעדט, אַז אפשר דאַכט זיך איר דאָס אויס, אז אפשר האָט זי אַ טעות. אָבער איצט איז איר שוין געווען קלאָר, אַז עס איז עפּעס געשען. איר שמאָל פּנים האָט זיך צונויפגעצויגן און איר דינע, סוליקישע גאָמבע איז ביי איר געוואָרן שאַרף און שפּיציק.

— מאַמאַ, וואָס איז מיט אונדז געשען? — האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ דערשטיקט פון שרעק קול.

— עוואַ, דו וויסט דאָך, איך האָב דיר שוין מיט עטלעכע טעג צוריק געזאָגט, אַז דער פּאַפּאַ האָט זיך שטאַרק פאַרדרייט אין די געשעפטן, — האָט אַניאַ איר געזאָגט אַ טרויעריקע.

— אָבער וואָס האָבן פרעמדע מענטשן דערצו? — האָט עוואַ אויסגעשריגן.

— עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט עס מער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר פרעמדע מענטשן, — האָט אַניאַ איר געענטפערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— זאָל דאָס באַדייטן, אַז דער פּאַפּאַ האָט באַנקראָטירט? — האָט עוואַ געפרעגט שטיל נאָר אַזוי שאַרף, אַז אַניאַ האָט זיך געפילט ווי דורכגעשפּיזט.

אין עוועס שמאָלע אויגן איז געווען אַזויפיל אומענדלעכע פאַר־צווייפלונג, אַז אַניאַ האָט איר נישט געקאָנט זאָגן דעם גאַנצן אמת. זי איז אויך דערשטוינט געוואָרן פון עוועס דורכדרינגלעכקייט, פון איר אָריענ־טירן זיך אין ענינים וועגן וועלכע עס האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז זי האָט קיין אַנונג נישט. אַניאַ האָט עטלעכע רגעס נישט געענטפערט אויף איר

פּראַגע, נאָר ווען זי האָט געזען ווי עווא נעמט נישט אַראָפּ איר פּאַר־צווייפלטן בליק פון אירע, אַניעס, ליפּן, האָט זי געענטפערט: — באַנקראָ־טירט? ניין, דאָס נישט. אָבער עפּעס ענלעכעס דערצו, — האָט זי צוגע־געבן נאָך אַ פּאָר רגעס טראַכטן.

עוועס פּנים האָט אויפגעלעבט. עס האָט נאָכגעלאָזט די געוואַלטיקע שפּאַנונג. זי האָט געגלויבט דער מוטער, זי האָט קיינמאָל נישט געהערט פון איר מויל קיין ליגן. אַניאַ האָט קיינמאָל נישט גענאַרט קיין קינד. דאָס וואָס זי האָט צוגעזאָגט האָט זי שטענדיק אויסגעפירט. דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, איז שטענדיק געווען אמת. עווא האָט פון איר מוטערס רייד געהערט נאָר דאָס, אַז דער פאָטער האָט נישט באַנקראָטירט. די ווערטער „אָבער עפּעס ענלעכעס דערצו" זענען שוין צו איר נישט דערגאַנגען. עווא האָט איר פרייד נישט אַרויסגעוויזן, אָבער זי איז געווען גליקלעך ווען זי האָט געהערט פון דער מוטערס מויל, אַז דער פאָטער האָט נישט באַנקראָטירט.

אַדעלאַ איז געקומען פון שפּאַציר. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער מוטער, זי געגלעט און געקושט, זיך גאָרנישט געקאָנט פון איר אָפּרייסן.

אַניאַ האָט געבעטן די אינהאַבערין פון פּענסיאָנאַט מאַכן די רעכענונג און אַריינשיקן אימיצן פון דער דינערשאַפט צו פּאַרפּאַקן די זאַכן. אין אַ שעה אַרום איז פאַר דעם פּענסיאָנאַט פאַרפאָרן אַ דראָזשקע. אַניאַ האָט איבערגעלאָזט דער דינערשאַפט אַ שיינעם לעצט־געלט, זיך מיט אַלע געזעגנט און צוריקגעפאָרן מיט די קינדער קיין וואַרשע.

*

זיי זענען פאַרפאָרן פאַר איינעם פון די גרויסע, גרויע הייזער פון דער גרויער זלאָטע גאַס. זיי זענען אַריין אין אַ גרויען הויף פאַרמויערט מיט הויכע מויערן פון אַלע זייטן ווי אַ פעסטונג. דער סטרוזש האָט געטראָגן די וואַליזקעס און זיי האָבן זיך פאַרנומען אין לינקן איינגאַנג פון הויף, אויפן צווייטן שטאָק.

די מאַדאַם לוריע, די הויז־ווירטין ביי די סוליקס, און איר איינציקע

טאָכטער, האָבן פאַרנומען אַ דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך. די צימערן זענען געווען פול מיט אַלט מעבל נאָר אין אַ גוטן צושטאַנד. אומעטום, אויף די אָנלענען פון די פאָטעלן, אויף די טישלעך, אויף דער פלושענער־קאַנאַפּע זענען געלעגן גרעסערע און קלענערע אויסגענייטע סערוועטקעס „רישעליע". אויף די פאָדלאָגעס פאַר די פאָטעלן, קאַנאַפּעס און בעטן, זענען געלעגן אַ סך קליינע טעפּיכער. עס זענען געשטאַנען עטאַזשערקעס אָנגעשטעלטע מיט אומצאָליק ביליקע פאָרצעלייענע קלייניקייטן. אַלץ איז געווען אָפּגעשטויבט און ציכטיק. מען האָט געזען אַז די מענטשן פון דער וווינונג לעבן צווישן די מעבלען און זאַכן, אָבער קיין לעבעדיקן שייכות צו זיי האָבן זיי נישט. מען האָט געפילט אין דער שטוב עפּעס אַ דערוואַר־טונג, מען האָט געפילט, אַז די מענטשן פון דער וווינונג און די וווינונג גופא וואַרטן אויף עפּעס, וואָס פאַרזאַמט צו קומען.

אַניען מיט די קינדער האָט אָפּגעוואַרט דער מאַדאַם לוריעס טאָכ־טער, אַ מיידל פון עטלעכע צוואַנציק יאָר, אַ שאַטינקע מיט העל־ברוינע אויגן. אַ שמאָלע, פון מיטעלן וווקס. אין איר פּנים איז אַלץ געווען רעגו־לער, אַזוי ווי אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין זייער דירה. אין איר איז גאָרנישט געווען ספּעציעל מיאוס, ווי עס איז גאָרנישט געווען ספּעציעל שיין. זי איז געגאַנגען אָנגעטון באַשיידן, גוט אויפגעצייט, נאָר אָן אַ ספּע־ציעלן געשמאַק. זי האָט נישט געהאַט דעם חוש פאַר קלייניקייטן פון דער דאַמען־גאַרדעראָבע, וואָס קאָנען אפילו די אַמבאַשיידן אָנגעטוענע פרוי מאַכן עלעגאַנט.

דער פרוי לוריעס טאָכטער, יאַדוויגאַ האָט זי געהייסן, האָט געענדיקט אַ פּוילישע פּענסיע, גערעדט גוט פראַנצויזיש, געווען שטאַרק באַלעזן. צו דער מוטער האָט זי געהאַט אַ צערטלעכע באַציונג ווי צו אַ קינד. אַזוי ווי אין דער פרעמד, ווי אַ הויז־ווירטין אין רייכע שטובן, איז די פרוי לוריע געווען ענערגיש, אונטערנעמעריש, באַשלאָסן און אומדערמידלעך אַרבעטזאַם, אַזוי אַהיימקומענדיק איז זי געווען אומבאַהאָלפן, נאַכגיביק און טיילמאָל גאָר קאַפּריזנע ווי אַ קליין קינד. קאָן זיין, אַז די לאַסט פון טראָגן אויף זיך גרויסע פרעמדע ווירטשאַפטן, דער מוז נאָכצוקומען און אפילו פאָראויסצופילן די פאַרשידנסטע פאַרוועלענישן פון די רייכע באַלעבאָס־

טעס און זייערע צעבאַלעוועטע קינדער, האָט זי אַזוי דערשעפּט, אַז אין דער היים האָט זי שוין צו גאָרנישט נישט געהאַט קיין ווילן אַחוץ באַדינט צו ווערן. און קאָן זיין, אַז דאָס האָט די דערוואקסענע טאָכטער זי אַזוי געצערטלט, אויסלעבנדיק אַזוי אַרום איר מוטער־געפיל, צו וועלכן זי האָט אין געהיים נאָך אפילו פארהוילן פאַר זיך, שטאַרק געבענקט, דער עיקר זייט דעם טויט פון איר פאָטער, ווען זי איז געבליבן איינע אַליין מיט דער מוטער. עס איז אויך מעגלעך, אַז דערפאַר וואָס די מוטער האָט אַרויסגע־וויזן אזויפיל ענערגיע און לעבנס־שכל, און זיך געשטעלט צו שווערער אַרבעט באַלד נאָך איר מאַנס טויט, ווען זי איז געבליבן מיט דער טאָכטער אָן מיטלען צום לעבן, האָט זיך אין יאַדוויגען געשאַפן און אַנטוויקלט אַ מוטער־קולט, וועלכער האָט זיך, וואָס עלטער זי איז געוואָרן, געהאַלטן אין איין פאַרטיפן און פאַרשטאַרקן.

ווי עס זאָל נישט זיין האָט יאַדוויגא געהאַט אין זיך אַ דינסט־גרייטקייט, אַ ווילן מיט עפּעס אַנטקעגנצוקומען די אַלע, וועלכע האָבן זיך נאָר צו איר געוואָנדן. זי האָט זיך אויסערגעוויינטלעך דערפרייט מיט אַניען און מיט די קינדער. זי האָט שוין פאַר עווען מיט אַדעלען געהאַט צוגע־גרייט איינע פון די שטובן, אַריינגעשטעלט דאָרט אַ בעט פאַר עווען, פאַר אַדעלען איז באַשטימט געווען צום שלאָפן די קאַנאַפּע.

עוואַ איז נישט געווען אַנטציקט פון דעם אָרט ווו זי וועט מוזן פאַר־ברענגען גאַנצע צען טעג. אין דער צייט ווען די מוטער מיט יאַדוויגען האָבן אויפגעפּאַקט די וואַליזקעס און צעלייגט די מיידלעכס זאַכן אין דער זייַ אָפּגעטרעטענער טייל שאַנק, איז עוואַ געזעסן אויפן ראַנד פון דער קאַנאַפּע און נישט אויסגעטון דאָס פאַראַדנע מאַנטעלע פון גרויע קאַראַקולן, כאָטש אין שטוב איז געווען זייער ווארעם. יאַדוויגא איז געווען שטאַרק פאַרוווּנ־דערט פון דעם, וואָס עוואַ האַלט זיך דאָ ביי זיי אַזוי פרעמד. זי האָט זיך כמעט געפילט דערפון געטראָפן.

עווען האָט געשראָקן די ביז גאָר באַשיידענע שטוב. זי האָט זיך נאָך מער געשראָקן דערפון, וואָס די מוטער נעמט אויף פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך דאָס, אַז זי וועט דאָ, אין אַזעלכע כמעט אָרעמע באַדינגונגען, דאַרפן בלייבן גאַנצע צען טעג. זי האָט דערין געזען אַ שלעכטן סימן פאַר זיך. עס האָבן

זיך אין איר דערוועקט חשדים, וועלכע די מוטער האָט מיט איר דערקלערן, אַז דער פֿאָטער האָט נישט באַנקראָטירט, געהאַט פֿאַרטריבן. זי איז געווען זיכער, אַז די מוטער האָט געזאָגט דעם אמת, עס האָבן זיך אָבער איר ערשט איצט דערמאָנט די ווערטער וועלכע זענען פֿריער צו איר ווי נישט דערגאַנגען. עס האָבן זיך איר דערמאנט די ווערטער „באַנקראָט נישט, נאָר עפּעס ענלעכעס דערצו". אין איר קאַטאַסטראָפֿישער פֿאַנטאַזיע האָט זי שוין געזען, אַז דאָס ענלעכע צו באַנקראָט וועט אויסזען אַזוי, ווי עס זעט אויס די דירה.

ווען אַניאַ האָט געוואָלט אַוועקגיין איז עוואַ צו איר צוגעשטאַנען אַז זי וויל דורכאויס מיט איר מיטגיין. און אַז עוואַ האָט געוואָלט מיטגיין האָט שוין אַדעלע אויך נישט געוואָלט בלייבן. אַניאַ האָט עווען געגעבן צו פֿאַרשטייען, אַז זי גייט אַהיים און זי קאָן זי דאָרט נישט מיטנעמען. עוואַ האָט זיך געעקשנט, אַז זי וויל דורכאויס מיט איר מיטגיין. עס האָט געדויערט געננוג צייט ביזוואַנען עוואַ האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז זי דאַרף דאָ בלייבן.

יאַדוויגא האָט באַקומען זייער אַ גוטע דערציונג אין שטרענג אַסימילאַטאָרישן גייסט. זי איז אויך געווען אָנגעשטעקט מיט די דאַמאָלסדיקע אידעען פֿון פֿרויען־עמאַנציפּאַציע. זי האָט געהאַט אויפֿן לעבן אַ ניכטערן בליק. אַ טאָכטער פֿון אַ בערזע־אַגענט, ווער עמען דאָס מזל האָט נישט צוגעשפּילט און וועלכער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געיאָגט נאָך רייכקייט־מיראזשן, האָט יאַדוויגאַ איר קינדהייט און יוגנט דורכגעמאַכט אין זייער באַשיידענע באַדינגונגען. אָבער אין די שווערע באַדינגונגען האָט מען זי, ווי אַן איינציק קינד, זייער געצערטלט. אירע עמאַנציפּאַציע־אידעען זענען ביי איר געווען מער אַ קאַפּריז ווי אַן אמתער וועלט־אויסבליק, עס איז אין דעם געווען בלויז טעאָריע אָן דעם מינדעסטן פּראַקטישן צוגאַנג. דער אייגנטלעכער טרוים פֿון יאַדוויגען איז געווען חתונה צו האָבן.

יאַדוויגא האָט זיך זייער באַמיט צו דערנענטערן צו עווען. זי האָט צו איר אַ סך גערעדט, דער עיקר אין די ערשטע צוויי טעג, איידער עוואַ האָט אָנגעהויבן צוריק גיין אין גימנאַזיע. יאַדוויגאַ האָט צו איר גערעדט וועגן לעבן, אַז לעבן איז אַ קאַמף און נישט קיין פֿאַרווײַלונג, אַז דער עיקר טעם

אין לעבן ליגט אינעם צוגרייטן זיך צום לעבן, אין דערגרייכן זעלבשטענ־דיקייט און רעכט צו דיספּאָנירן מיט זיך. אין עווען, וואָס האָט געהאַט אַ שאַרפע אינטעליגענץ, ווי די קינדער פון רייכע היימען וואָס האָבן צייט און מעגלעכקייטן זיך צו פאַרנעמען מיט זיך און זיך פאַרטיפן אין אַלע פּסיכאָלאָגישע דינקייטן, האָט יאַדוויגעס טראַפּאַרעטנע אופן פון טראַכטן און רעדן און איר מיטלמעסיק אויסזען, און די מיטלמעסיקייט פון דעם מיליע וואָס זי האָט געשאַפן אַרום זיך, פּשוט געוועקט אַ ווידערווילן. זי איז געווען צופרידן ווען זי האָט אָנגעהויבן גיין אין גימנאַזיע און געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן די לעקציעס.

אויפן צווייטן טאָג נאָכדעם ווי זי האָט נאָך די פּעריען אָנגעהויבן צוריק גיין אין שולע, האָט אימיצער פון עוועס חברטעס איר אונטערגע־וואָרפן אַן אויסשניט פון אַן אַנטיסעמיטישער צייטונג, ווו עס איז מיט אַ בולטער טענדענץ און מיט די שאַרפסטע באַצייכנומען געווען באַשריבן דער באַנקראָט פון מאַרדקאָ (מאַטוויעי) סוליק. די צייטונג האָט דערביי זיך אָפּגערעכנט מיט דעם פרעמדן עלעמענט, מיט די ליטוואַקעס, וואָס קומען קיין פּוילן, פּאַראַזיטירן אויף דער לייכטזיניקייט פון די פּאָליאַקן, פירן אַ רייך פאַרשווענדעריש לעבן אויפן פרעמדן חשבון און רואינירן הונדערטער משפחות וואָס האָבן זיי אין זייער נאַיוויטעט באַשאָנקען מיט צוטרוי. די צייטונג פאַרענדיקט איר גיפטיק אַרטיקל מיט דעם, וואָס דעם דורכגעטריבענעם באַנקראָטניק סוליק איז נאָך געלונגען אַחוץ אַלעם צו פאַרשווינדן פון די הענט פון דער גערעכטיקייט, וועלכע זוכט אים אַרום.

עווא האָט באַמערקט דעם צייטונגס־אויסשניט ביי זיך אין דער טעקע אַ מינוט פאַרן פאַרענדיקן זיך פון דער לעצטער לעקציע. זי איז אַרויס פון קלאַס, אַריין אין דער גאַרדעראָב, געכאַפּט דעם מאַנטל אונטערן אָרעם און אַזוי האַלטנדיק אין דער האַנט די טעקע און אונטערן אָרעם דעם מאַנטל — אַרויס אין גאַס. דורכגייער זענען געוואָרן אויפמערזאַם וואָס אַ פריילײן אין אַ שילער־מונדיר לויפט איבער דער גאַס אין אַ פראָסט האַלטנדיק דעם ווינטער־מאַנטל אונטער דעם אָרעם. ערשט ווען עווא האָט דערפילט אַ שניידנדיקע קעלט, וואָס איז איר דערגאַנגען צום האַרץ,

האָט זי באַמערקט אַז זי גייט אין בלויזן קליידל. זי איז אַריין אין אַ טויער און אָנגעטון דעם מאַנטל.

ווען עוואַ איז אַהיימגעקומען האָט זיך יאַדוויגאַ פאַר איר דערשראָקן. זי איז געווען אינגאַנצן בלוי. דאָס פּנים, די ליפּן, אַלץ בלוי, טונקל בלוי, ברוין בלוי. עוואַ האָט זיך צומאָל מיט יאַדוויגען נישט באַגריסט, נאָר איר נעהייסן, נישט געבעטן, נאָר געהייסן שוין לויפן רופן די מוטער.

ווען יאַדוויגאַ איז אַ דערשראָקענע אַרויס פון שטוב, האָט עוואַ צענטליקער מאָל איבערגעלייענט די גיפטיקע נאָטיץ. אַליין דערצויגן ווייט פון יידישקייט, נישט קיין ייד און נישט קיין גוי, האָט זי אייגנטלעך קעגן דער עצם נאָטיץ גאָרנישט געהאַט אויסצוזעצן. זי איז נאָר געווען טויט־געטראָפן און פאַרשעמט, ווייל דאָס האָט זיך באַצויגן צו איר פאָטער. זי האָט זיך אויך איבערצייגט, אַז די מוטער האָט זי אָפּגענאַרט, איר געזאָגט אַז דער פאָטער האָט נישט באַנקראָטירט און אַז ער געפונט זיך אויף איינער פון זיינע געוויינטלעכע רייזעס, בעת עוואַ האָט איר אַזוי פיל מאָל געפרעגט פאַרוואָס קומט ער זיך נישט זען מיט איר און מיט אַדעלען.

נאָך דעם ווי זי איז אביסל געקומען צו זיך און אָנגעהויבן צונויפ־נעמען די געדאַנקען איז זי ווי געווען אפילו צופרידן דערפון וואָס די מוטער האָט זי אָפּגענאַרט. זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען, אַז איר מוטער איז אויך נישט אָן פעלערן. ביז איצט האָט זי באַטראַכט די מוטער מיט איר שיינקייט און מעלות ווי אַן אידעאַל פון פולקאָמענהייט, און דאָס האָט איר פאַרדראָסן, געוועקט איר קנאה. איצט, ווען זי האָט געכאַפּט די מוטער אויף אַ ליגן, האָט זי געהאַט שאָדן־פרייד. זי האָט געזען אין דער מוטער אַ שותף צו דעם וואָס איר פאָטער האָט אָפּגעטון. דער האַס, וואָס זי האָט אין דער ערשטער רגע געהאַט צום פאָטער, פאַרוואָס ער האָט זי אַזוי פאַר־שעמט, איז קלענער געוואָרן ווען זי האָט אויך די מוטער באַטראַכט פאַר אַ שותף צו זיינע מעשים.

זי האָט באַשלאָסן, נאָך איידער די מוטער איז געקומען, מער אין גימנאַזיום נישט צוריקצוגיין.

די קייט פון טעותים...

ווען אַניאַ איז מיט אַ צעפּאָכעט פּון שרעק האַרץ אַריין צו די לוריעס אין שטוב, איז עווֹאַ געזעסן אויף דער קאַנאַפּע אַן אומבאַוועגלעכע, ווי זי וואָלט נישט געזען און נישט געהערט. זי האָט זיך קיין ריר נישט געטון ווען די מוטער איז אַריין, נישט געענטפערט אויף איר באַגריסונג, נאָר אין עטלעכע רגעס אַרום מיט אַ מעכאַנישער באַוועגונג אויסגעצויגן צו איר די האַנט מיט דעם צייטונגס־אויסשניט.

אַניאַ האָט אַ שטייענדיקע גענומען פון עווס האַנט דעם אויסשניט, אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף דעם קאָפּ פון דער נאָטיץ מיט די פעטע אותיות, און ווי אַן אונטערגעשניטענע אַ פאַל געטון אויפן פּאָטעל וואָס איז געשטאַנען נעבן איר, נישט ווייט פון דער קאַנאַפּע.

פון דעם פאַלן האָט דאָס סערוועטל, אויסגעניייט „רישעליע״, וואָס איז געלעגן שפּיציק אויפן אָנלען פון פּאָטעל, זיך אַראָפּגעגליטשט. יאַדוויגאַ האָט אַוועקגעלייגט גלייך דאָס סערוועטל אויפן פריערדיקן אָרט, אַ בליק געטון אויף דער מוטער און אויף דער טאָכטער און דיסקרעט אַרויס פון צימער.

— עווֹאַ... קינד מיינס, — האָט אַניאַ געזאָגט שטיל, מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטימע, — זיי נישט אין כעס אויף מיר... וואָס איך האָב דיר נישט געזאָגט דעם גאַנצן אמת... איך האָב נישט געקאָנט ביי זיך פועלן... זאָגן דיר אַלץ... איך האָב דאָס געטון צוליב דיר...

עווֹאַ האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער מוטערס רייד. איבער איר דאַר לייב איז אַדורך אַ ציטער, זי האָט זיך אָנגעהויבן איינגאַנצן צו טרייסלען. דער געדאַנק, אַז די מוטער האָט צוליב רחמנות אויף איר געזאָגט איר ליגן, איז איר געווען דערווידער.

אַניאַ האָט גלייך דערפילט אַז זי איז באַגאַנגען אַ פעלער. זי האָט נישט באַדאַרפט זאָגן, אַז צוליב איר, צוליב עווען, האָט זי געזאָגט ליגן. זי האָט אויך איצט קלאָר געזען, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות, וואָס זי האָט

נישט געזאָגט באַלד, נאָך אויף דער דאַטשע, דעם גאַנצן אמת, ווען עוואַ האָט פאַר איר קלאָר אַוועקגעשטעלט די פראַגע, צי האָט דער פאָטער באַנקראָטירט.

אַניאַ האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם וואָס זי האָט אויס־באַהאַלטן פאַר עווען דעם אמתן מצב זייערן, איז עוואַ געוואָרן עפּעס אַ צווייטער צד אין די געשעענישן, וואָס זענען לעצטנס ביי זיי פאָרגעקו־מען. אָנשטאָט איר אַלץ צו פאַרטרויען און אַריינבעמען זי אין שותפות, אין דעם בונד, וואָס דאַרף זיי, די גאַנצע פאַמיליע סוליק, צוגרייטן צו אַ לעבן אין אַזוי שטאַרק געענדערטע באַדינגונגען, האָט אַניאַ געשטעלט עווען אויסער דעם אַלעם. אַזוי אַרום האָט זי דערפירט דערצו, אַז אָנשטאָט זייער קינד זאָל זיין צוזאַמען מיט זיי, זאָל זי גאָר אפשר אַרויסטרעטן קעגן זיי מיט טענות און פאַרוואָרפן און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך...

אַניאַ האָט דאָס אַלץ איצט געזען אַזוי בולט און שאַרף, אַז די קלאָר־קייט דערפון האָט איר מוראדיק וויי געטון, ווי עס טוט ווי ווען מען שניידט אַ לעבעדיק געוועב. זי האָט געזען, אַז אַלץ וואָס זי האָט געטון פאַר עווען, די גאַנצע דערציונג וואָס זי האָט איר געגעבן, איז געווען אַ פאַל־שע, אַ געבויטע אויפן זאַמד, געשטיצט אויף דער פאַלשער הנחה, אַז רייכ־קייט איז אַ גרונדגעפעסטיקטע זאַך אויף וועלכער מען קאָן זיך שטענדיק און אויף שטענדיק אָנשפּאַרן.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. אַניאַ האָט שוין גאָרנישט געקאָנט צוריקציען פון דעם וואָס זי האָט געזאָגט און געטון. זי האָט איצט נאָר געוואָלט עווען באַרויקן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון פאָטעל, זיך איבערגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, נאָענט צו עווען און געמאַכט אַ באַוועג־גונג ווי זי וואָלט די טאָכטער געוואָלט אַרומנעמען.

עוואַ האָט זיך אַ ריס אויף געטון פון אָרט אויף דער קאַנאַפּע און זיך איבערגעזעצט אויפן פאָטעל, אויפן אָרט וווּ עס איז נאָרוואָס געזעסן איר מוטער.

אַניאַ האָט זיך דערפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם. אויף איין רגע האָט זיך אין איר אָנגעצונדן דער אָנגערירטער מוטער־שטאָלץ. זי האָט אָנגעשטעלט אויף עווען אַ פּאָר ברייט געעפנטע, גרינע אויגן פול מיט

כעס, זיך געגרייט איר צו זאָגן אַ פּאָר שאַרפע ווערטער. נאָר אינצווישן האָט זי דערהערט עמעס ראַציק קול:

— ווו איז דער פּאַפּאַ?

אַניען איז פאַרגאַנגען דער כעס. זי האָט דערזען פאַר זיך איר קינד אַ פאַרלוירנס. זי האָט דערזען דאָס איינגעצויגענע, טונקלהויטיקע פּנים פון איר טאָכטער, אַ מיידל אין זיבצעטן יאָר אָן יעדן יונגפרוילעכן חן. זי האָט זי געזען אָרעם און נישט שיין. אַניען האָבן זיך דערמאַנט די צוויי טיפע קנייטשן אין סוליקס פּנים, און איר האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז זי זעט זיי שוין אין זייער גאַנצער שאַרפקייט, צעלייגטע צווישן עמעס צו שמאָלער נאָז און האַלב בלויע ליפּן.

אַניאַ האָט דערפילט אַז זי האָט דורכגעלאָזט אַ וויכטיקן מאָמענט, ווען זי האָט געקאָנט אַ נעם טון עמען מיט אַ שטאַרקער האַנט, אַ טרייסל טון מיט איר און זי פּרוּוון אַוועקשטעלן מיטביידע פיס אויף דער ערד. זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפן. אַנשטאָט רעדן שאַרף, האָט זיך אַניאַ ווידער געלאָזט באַהערשן פון שוואַכקייט און רחמנות און געענטפערט עמען ווייך און מילד:

— דער פּאַפּאַ איז דאָ.

— אָבער ווו איז ער? — האָט עמאַ אויסגעשריגן.

— ער איז אויף אַ זיכער אָרט, — האָט אַניאַ געענטפערט אַ פאַר־שעמטע.

— איך וויל זען דעם פּאַפּאַ! — האָט עמאַ ווידער אויסגעשריגן.

אַניאַ איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטע. זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

— איך וויל שוין זען דעם פּאַפּאַ! — האָט עמאַ איבערגעחזרט מיט כעס.

— דו קאָנסט אים איצט נישט זען, — האָט אַניאַ זי געפּרוּווט באַרויִקן.

— איך מוז אים שוין זען! — איז עמאַ אַרויס פון זיך.

— עמאַ, דער פּאַפּאַ איז ביי זייער אַ הויכגעשטעלטער פּערזאָן. איך האָב צוגעזאָגט אַז קיינער וועט נישט וויסן דעם אַדרעס ווו דער פּאַפּאַ געפינט זיך.

— איך וויל גאָרנישט וויסן, — האָט זיך עווא געקאָכט, — איך מוז שוין זען דעם פּאַפּאַ!

אַניאַ איז געבליבן אין אַ גרויסער קלעם. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. זי האָט געזוכט אַן אופן ווי אַזוי עווען איינצורעדן. וועגן פירן זי צום פּאַטער, האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. זי האָט עווען אפילו נישט געקאָנט געבן דעם טעלעפאָן־נומער צו רעדן מיטן פּאַטער טעלעפאָניש. אַניאַ האָט די דאָזיקע אַבסאָלוטע סודותדיקייט געהאַלטן פאַר איר הייליקן חוב לגבי דעם דאָקטאָר דאָבזשינסקי, כאָטש ער האָט מיט איר אפילו וועגן דעם נישט גערעדט. פאַר איר איז דאָס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

— עוואַ, — האָט אַניאַ אָנגעהויבן פון דאָס ניי, שוין אַ פאַרמאַטערטע, — איך האָף אַז גאָר אינגיכן וועסטו קאָנען זען דעם פּאַפּאַ. דו ביזט דאָך שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. דו דאַרפסט דאָך פאַרשטיין, אַז אויב אימיצער האָט אונדז געטון אַזאַ גרויסע טובה און אויסבאַהאַלטן דעם פּאַפּאַ ביי זיך, קאָן איך אים נישט אויסשטעלן אויף קיין געפאַר. דער פּאַפּאַ געפינט זיך ביי אַזאַ פּערזאָן, וואָס טאָמער וואָלט מען דערפון געוווּיר געוואָרן, וואָלט דאָס געווען אַ גרויס אומגליק פאַר דעם מענטש, נישט נאָר פאַר אונדז.

וואָס מער אַניאַ האָט געוואָלט איבערצייגן עווען, אַז זי קאָן איצט דעם פּאַטער נישט זען, און אַז זי זאָל זיך פון דער פאָדערונג אָפּזאָגן, אַלץ מער איז געוואַקסן עוועס איינגעשפּאַרטקייט און פאַרביסנקייט. זי האָט נישט געקאָנט איינזיצן. יעדער זאַץ פון דער מוטערס רייד האָט איר אויסגעזען צו זיין אומענדלעך און אומדערטרעגלעך לאַנג. ווען די מוטער האָט געענדיקט האָט עוואַ איבערגעחזרט איינע און די זעלבע ווערטער: — איך מוז זען דעם פּאַפּאַ!

אַניאַ איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ דערשעפּטע און אַן אַפּהענטיקע. זי האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון.

פּלוצים האָט אַניאַ דערפילט אויף זיך עוועס בריענדיקן בליק. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען, אַז עוואַ קוקט אויף איר מיט ביטערניש און מיט פאַרדאַכט. זי האָט געלייענט אין עוועס געדאַנקען,

װעלכע זענען איצט, אין מאָמענט פון אויפטרייסלונג, געלעגן פאַר איר אָפּן, אַז עוואַ טאַדלט איר עלעגאַנץ, איר אויסזען, וואָס האָט אפילו אין די דאָזיקע מוראדיקע, קאַטאַסטראָפישע טעג זיך מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון פריער. זי איז געוועזן זיכער, אַז עוואַ מאַכט זי, אַניען, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס איז מיטן פּאָטער געשען. זי איז געזעסן א צעטומלטע און איינגעאַנצן אַ פאַרלוירענע.

ווי נאָר עווא האָט דערזען דער מוטערס פאַרלוירנקייט האָט זי ווילד אויסגעשריגן: — מאַמאַ! איך ווייס, מיטן פּאַפּאַ איז געשען אַ שרעקלע־כע זאַך!

אַניאַ איז געוואָרן דערשטוינט פון עוועס צודרינגלעכקייט. זי האָט זיך קוים צוזאַמענגענומען און אַרויסגערעדט:

— קינד מיינס, ווי פאַלן דיר איין אַזעלכע געדאַנקען. דעם פּאַפּאַ איז גאָרנישט געשען קיין שלעכטס.

עוואַ האָט זיך איינגעאַנצן אָנגעצונדן. פון אירע שמאָלע, גרוי־שטאָלענע אויגן האָט געשפּריצט מיט פייער. זי האָט אַרויסגעסיקעט דורך די פאַר־קלעמטע ציין:

— מאַמאַ, דו זאָגסט מיר שוין ווידער נישט דעם אמת. איך ווייס, איך ווייס אויף זיכער, אַז מיטן פּאַפּאַ איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך!

אַניאַ האָט פאַרבראָכן די הענט. זי האָט דערזען איר קינד אויפן ראַנד פון אַ גרויס אומגליק און אויף אַ מינוט אַ טראַכט געטון וועגן אַרויסרופן אַ דאָקטאָר, וועגן באַרויקונגס־מיטלען פאַר עווען. זי האָט אָבער פאַרשטאַ־נען, אַז קיין שום דאָקטאָר וועט נישט קענען געניג פאַרשטיין וואָס דאָ איז געשען. איז איר דורך אַ געדאַנק וועגן אַרויסרופן דעם דאָקטאָר דאָבזשינ־סקי. דערווייל האָט זי ווידער אַ בליק געטון אויף עווען און דערזען זי פּלוצים אַ באַהערשטע נאָר מיט אויגן פול מיט שנאה צו איר, צו אַניען.

אַניאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט שוין ווידער געמאַכט אַ טעות. זי איז געווען זיכער אַז עוואַ וויל זען דעם פּאָטער בכדי זיך וואַרפן אויף אים מיט טענות, בכדי זיך אָפּצורעכענען מיט אים פאַר דער חרפה, פאַר דעם וואָס ער האָט אָפּגעטון, און דאָ האָט זי גאָר געזען עווען אַ פאַר־

טרייסלטע, אַן אויפגעציטערטע און אַ צאַפּלדיקע איבערן פּאָטערס גורל, צי איז אים נישט געשען עפּעס שלעכטס.

דאַקעגן האָט אַניאַ געזען אין עווען בייזן, שטעכיקן בליק וואָס איז געווען געווענדט אויף איר, אַז אין עווען ברענט אַ כעס, אַ האַס צו איר, אַניעס אויסזען, ווייל די שיינקייט אירע האָט דאָס געמאַכט דעם פּאָטער אירן אַזוי אינגאַנצן אָפּהענגיק און אונטערטעניק לגבי דער מוטער, און אפילו זי, עווען, געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל זיין צו דער אייגענער מוטער פול מיט קנאה און איינצייטיק פול מיט הכנעה.

אַניאַ האָט געוווסט פון לאַנג וועגן דעם טאָפּלט־געפיל וואָס עווא האָט צו איר. אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס זי האָט אַזאַ שיינע מוטער און אַ געפיל פון נישט פאַרגינערישקייט, פון פשוטער אייפערזוכט. איצט האָט זי געזען אַז דאָס טאָפּלט־געפיל האָט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע, אַ גאַר פאַרקערטע ריכטונג: — פון אַ גרויס מיטגעפיל צום פּאָטער און אַן אָפענע, פאַרבי־סענע שנאה צו דער מוטער, צו אַניען.

מוטער און טאָכטער האָבן איצטביידע געשוויגן. און וואָס לענגער זיי האָבן געשוויגן, אַלץ מער האָט אַניאַ געזען אין עווען פאַרביסנקייט, אַז עווא איז זי חושד, אַז דאָס האָט אירס, אַניעס, פאַרליבטקייט אין שיינע זאַכן, אין אַ רחבותדיק לעבן, דערפירט דעם פּאָטער צו באַנקראָט.

אַניאַ האָט זיך געפילט שווער געטראָפן פון דעם, וואָס איר אייגן קינד משפּט זי אַזוי שלעכט. איר האָט מוראדיק וויי געטון, וואָס דווקא צו איר, וואָס איר גאַנץ לעבן איז געווען איין קייט פון זיך אָפּזאָגן פון פער־זענלעכן גליק, אבי סוליקן, דעם פרעמדן, ווילד פרעמדן סוליק, געבן אַן אָנהאַלט אין לעבן, און די קינדער, דער עיקר איר, עווען, געבן דורך ווילשטאַנד און אויסערלעכן גלאַנץ אַן אילוזיע פון גליק, — וואָס דווקא צו איר זאָל עווא האָבן אַזאַ נישט גערעכטע באַציונג. דאָך ווי באַוואָלט זי האָט זיך דערפון נישט געפילט, ווי וויי דאָס האָט איר נישט געטון, איז זי אָבער געווען צו קלוג נישט צו זען, אַז דער טאָכטערס שנאה צו איר דער־פאַר, וואָס צוליב אירע חנען איז איר פּאָטער געווען אינגאַנצן אונטער־טעניק אונטער איר און קיינעם אַחוץ זי נישט געזען, אַז די שנאה האָט אַ געוויסע באַרעכטיקונג.

אַזוי זענען מוטער און טאָכטער געזעסן נעבן זיך און איינע האָט געטראַכט דער צווייטערס געדאַנקען, ווי דאָס איז מיט אַזויפיל יאָר צוריק געשען צווישן זעלמאַן כייקינען און דעם נאָך דאַמאָלט פרעמדן מאַטוויעי סוליק, און ווי דאָס איז געשען נישט לאַנג צוריק צווישן דאָקטאָר דאָבזשינ־סקי און אַניאַ סוליק...

דער גורל האָט ווידער געפּלאָנטערט אַניעס פאַרפּלאָנטערט לעבן. זי, דער קרבן, איז ווידער געוועזן די שולדיקע... זי, וואָס ס׳האָט זיך אויסגעטראַכט אַז זי איז געבוירן געוואָרן צו ווערן פון לעבן באַשאָנקען, זי האָט געמוזט כסדר צאָלן... און זיך גאָרנישט געקאָנט אויסקויפן...

*

דאָס שטילשווייגן צווישן דער מוטער און טאָכטער האָט זיך פאַר־צויגן און געוואָרן וואָס אַמאָל פיינלעכער. ענדלעך האָט זיך אַניאַ אָנגערופן:

— עוואַ, נעם זיך אין די הענט. דו האָסט נאָך נישט געגעסן קיין מיטאָג. דו מוזט אויך צוגרייטן די לעקציעס. פאַרגעס נישט, אַז מאָרגן פרי דאַרפסטו גיין אין שולע.

— מיין פוס וועט מער די שוועל פון דער שולע נישט איבערטרעטן!

— האָט עוואַ אויסגעשריגן מיט כעס און באַשלאָסנקייט.

אַניען איז באַפאַלן אַ פּחד. זי האָט געזוכט און נישט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט וואָס זאָל צודרינגען און געפינען ביי עוען אַן אָפּקלאַנג.

— קינד מיינס, דו מאַכסט זיך דאָך אומגליקלעך. דו האָסט נאָך אינ־גאַנצן עטלעכע געציילטע מאָנאַטן צו ענדיקן די גימנאַזיע. טו זיך אָן אַ כוח, שטאַרק זיך. קוק זיך נישט אום אויף קיינעם. עוואַ, דו מוזט ענדיקן די גימנאַזיע אויב דו ווילסט זיך נישט מאַכן אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן!

— האָט אַניאַ זיך געבעטן ביי איר.

— איך וועל שוין נישט ווערן אומגליקלעך, מיך האָט מען שוין אומגליקלעך געמאַכט, — האָט עוואַ געענטפערט מיט אַזויפיל צעבראָכנ־קייט, אַז די ווערטער האָבן זיך געלייגט אויף אַניעס געמיט מיט אַן אויס־וועגלאָזער פינצטערניש.

זי האָט דערפילט אַזאַ מערדערלעכע מידקייט ווי דאַמאָלט, ווען זי

האָט אַרויסגעפּראַוועט סוליקן פון שטוב, עטלעכע שעה אײדער די פּאָליצײ איז אים געקומען אַרעסטירן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך פאַר עװען װעט איצט זײן בעסער איבערצובלײבן אײנע אַלײן.

אַניע איז אַרויס פון עװעס צימער. זי איז אַרײן צו יאַדוויגען, װעלכע האָט זיך פאַרנומען איצט מיט אַדעלען. אַניאַ האָט געבעטן יאַדוויגאַן לאָזן איצט עװען אײנע אַלײן אַ געװיסע צײט, דערנאָך איר דערלאַנגען מיטאָג און פּרוּװן מיט איר אַ שמועס טון װעגן גײן אין שולע.

צום מיטאָג האָט זיך עװאַ אפילו נישט צוגערירט. זי האָט נאָר אויסגעטרונקען אַ גלאָז איבערגעקאָכט װאַסער פון דער קאַראַפקע, װעלכע מען האָט דערלאַנגט צוזאַמען מיט מיטאָג. עװאַ איז געלעגן אויפן פּאָטעל צונױפגעדרײט װי אַ בײגל און אַרומגענומען מיטן קאַראַקולענעם מענטעלע. אויף יאַדוויגעס פילמאַליקע װענדונגען האָט זי נישט געענט־פערט. נאָר װען יאַדוויגאַ האָט געװאָלט מאַכן ליכט אין שטוב, האָט עװאַ זי געבעטן, אַז זי זאָל דאָס נישט טון, אַז זי װיל בלײבן אין דער פינצטער.

אַרום צען בײנאַכט איז אַניאַ װידער געקומען. עװאַ איז נאָך אַלץ געלעגן אין דער פינצטער אָן אײנגעקאָלערטע. זי איז געװען אַזוי קלײן, אַזאַ עלנד און אָפּגעלאָזנקײט איז געלעגן אין איר דאַרן גוף, אַז זי האָט אויסגעזען װי אַ הימלאָזער הונט אין אַ קאַלטער, רעגנדיקער פינצטערער נאַכט. אַניאַ מיט יאַדוויגען האָבן זי מיט געװאַלט איבערגעטראָגן אין בעט, זי אויסגעטון און איבערגעדעקט מיט אַ פּוכענער דעק.

די גאַנצע זיבן טעג װאָס עװאַ און אַדעלא האָבן נאָך געמוזט בלײבן בײ דער פרוי לוריע, איז עװאַ כמעט נישט אַרויס פון בעט. זי האָט זיך קוים צוגערירט צום עסן. געלעגן גאַנצע טעג מיט פאַרמאַכטע אויגן. איר דאַר פּנים האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן און אויסגעזען װי אַ פינצטער געװאָרענע האַלבע לבנה. פאַר די זיבן טעג האָבן זיך אין אַניעס קופּערנע האָר אויף די שלעפן אַרײנגעכאַפּט אַ סך װײסע.

אויפן אַכטן טאָג אינדערפרי איז אַניאַ געקומען און אָנגעהויבן מיט יאַדוויגען פאַרפּאַקן די קינדערס זאַכן. עװאַ האָט זיך װי איבערגעװעקט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט װי פון אַ לעטאַרג און מיט לונאַטישע באַװעגונ־גען אויסגעצויגן די הענט נאָך איר אַנטועכץ, אַלײן זיך אָנגעטון, אַרויפ־

געצויגן אויף זיך דאָס קאַראַקולענע מענטעלע און געוואַרט. דער סטרוזש איז געקומען נאָך די וואַליזקעס. אַניאַ האָט זיך געזעגנט מיט יאַדוויגען, זי געקושט און געדאַנקט און איבערגעבעטן פאַר די אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס זי האָט איר פאַרשאַפן. דערנאָך האָט יאַדוויגא זיך געזעגנט מיט אַדעלען. די שטענדיק צעשפּילטע און פריילעכע אַדעלא מיטן קיילעכדיקן פּנים, מיט די לעבעדיקע צעבליצטע אויגן, איז געווען לעצטנס איבערגע־שראָקן. זי האָט געזען אַז עפּעס איז געשען מיט איר שוועסטער, זי האָט פאַר עפּעס מורא געקריגן און זיך געטוליעט צו דער מוטער. אַניאַ האָט זי געהאַלטן ביי דער האַנט.

ווען אַניאַ מיט אַדעלען זענען אַרויסגעגאַנגען, איז זיי עוואַ נאָכגע־גאַנגען. זי האָט זיך מיט יאַדוויגען נישט געזעגנט, אפילו נישט קיין קוק געטון אויף איר.

ביים טויער האָט שוין געוואַרט אויף זיי אַ דאָראָזשקע. אַניאַ האָט געוואָלט אַז עוואַ זאָל אַריין די ערשטע. עוואַ האָט נישט געוואָלט. זי האָט זיך אויך נישט געוואָלט זעצן אויף דעם ברייטן אויסגעבעטן זיץ־אָרט אין דער דאָראָזשקע. דאָרט האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַניאַ מיט אַדעלען. עוואַ איז געזעסן אַקעגנאיבער זיי, אויפן שמאָלן און האַרטן בענקעלע.

די פאַרשוועכטע היים...

ווען אַניאַ מיט די קינדער זענען פאַרפאָרן מיט דער דאָראָזשקע פאַרן הויז אויף לעשנאָ, וווּ זיי האָבן געוווינט, איז אַרויסגעקומען דער סטרוזש, דער זעלבער וואָס האָט ביי זיי אָפּגעשלאָסן די טירן ווען די פּאָליציי איז געקומען זוכן סוליקן, זיך טיף פאַרנייגט פאַר אַניען, און גענו־מען די וואַליזקעס אַרויפצוטראָגן אין שטוב אַריין.

עוואַ איז די ערשטע אַראָפּ פון דער דאָראָזשקע. זי האָט באַקוקט דאָס הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט, מיט אַזאַ אינטערעס, ווי מען קוקט אויף

אַ היים, צו וועלכער מען איז צוריקגעקומען נאָך לאַנגע יאָרן אַרומוואַנ־דערן איבער דער וועלט. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך איבער די שטיגן, אויסגעטראָטן יעדן טריט מיט הנאה, ווי אַ גוטער ווייַן־טרינקער שלינגט פּאַמעלעך יעדן שלוק ווייַן. ווען זיי האָט געעפנט די טיר דאָס זעלבע שטוב־מיידל, וואָס איז געווען ביי זיי פריער, איז די פאַרשלאָסענע אין זיך, די צוריקגעהאַלטענע עוואַ שיער איר נישט געפאַלן אין די אָרעמס פון פרייד.

עוואַ איז געגאַנגען איבער אַלע צימערן. זי האָט פאָרזיכטיק און נישט זיכער געעפנט די טיר פון יעדן פון זיי, און ווען זי האָט געזען אַז אין די צימערן איז אַלץ ווי עס איז געווען פריער, איידער זי האָט די שטוב פאַרלאָזט, איז אַ שטילע פרייד זיך איבער איר צעגאַנגען. זי האָט זיך נישט געוואָלט פאַראָטן פאַר די אַרומיקע מיט איר פרייד, האָט זי אַריינגעשמייכלט, אַריינגעפרייט זיך אין זיך אַריין.

זי האָט גוט געוווסט וואָס ביי זיי איז געשען. נאָר דאָס, וואָס אַלץ איז ביי זיי אין שטוב געווען ווי פריער, האָט איר געמאַכט פילן ווי זי וואָלט אויף דאָס ניי באַגליקט געוואָרן. ביי די לוריעס אויף זלאָטע איז עווא געווען זיכער, אַז זי וועט שוין קיינמאָל מער נישט זען איר אַמאָליקע רייכע שטוב, אַז זי האָט שוין גאָרנישט, גאָרנישט...

עוואַ האָט זיך געפילט זשעניִרט פאַר דער פרוי לוריע, וועלכע איז ביי זיי נאָך איצט געווען די הויז־ווירטין, פאַר איר, עוועס, פאַרהאַלטן זיך ביי די לוריעס אין שטוב. אָבער די פרוי לוריע איז געווען האַרציק צו איר. זי האָט עווען באַגריסט ווי זי וואָלט ערשט נאָרוואָס צוריקגעקומען פון דער דאַטשע, ווי די צען טעג וועלכע עווא האָט פאַרבראַכט ביי איר אין הויז וואָלטן גאָר בכלל נישט געווען.

דערנאָך איז עוואַ אַריין צו זיגמונטן אין שטוב. דאָרט איז שוין לאַנג געווען אַדעלא און זיגמונט האָט איר געוויזן די אַלע מתנות, וואָס ער האָט בעת דער קראַנקהייט באַקומען. עוואַ האָט זיך זייער געפרייט מיט אים. אָבער סיי זי און אפילו די קליינע אַדעלאַ האָבן זיך געהאַלטן פון אים אַביסל פונדערווייטנס, מיט אַ ספּעציעלער מין צוריקגעהאַלטנקייט, ווי מען

באַצייט זיך צו אַ מענטש, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט פון אַ סוד און צו וועלכן מען האָט נאָך נישט צוריק באַקומען דעם פולן צוטרוי.

זיגמונט איז נאָך אַלץ געלעגן אין בעט. ער איז נאָך נישט אַרומגעגאַנגען, געווען זייער דאַר און אויסגעאיידלט. זיינע פינגער זענען געווען דין און לאַנג און די הענט האָבן ביי אים געציטערט.

פון דעם אַלעם וואָס עוואַ האָט פאַר דער לעצטער שעה איבערגעלעבט, האָט זי דערפילט אַ גרויסן צופלוס פון צערטלעכקייט. זי האָט געזוכט די מוטער. אַניאַ איז שוין נישט געווען אין דערהיים. עוואַ איז צוריק אַריין צו זיגמונטן, זיך געזעצט נעבן זיין בעט און ווען אַדעלאַ האָט אויף אַ מינוט אַוועקגעקוקט, האָט עוואַ גיך צוגעטראָגן זיגמונטס דאַרע, לאַנגע פינגער צו אירע ליפּן. זיגמונט האָט אַ צי געטון עווען ביים צאָפּ און זיך צעלאַכט.

*

עוואַ איז געזעסן ביים מיטאָג און געגעסן מיט אַפּעטיט אַלץ וואָס מען האָט איר דערלאַנגט. זי האָט געקוקט מיט ליבשאַפט אויף דער וואַזע פון טשעכישן פּאָרצעליי אין וועלכער מען האָט אַריינגעבראַכט די זופּ. זי האָט געגלעט מיט די אויגן דאָס זילבערנע טיש־געשיר. אַניאַ האָט געזען ווי עוואַ עסט מיט גרויס חשק, זי האָט געזען ווי עוואַ פרייט זיך מיט יעדער קלייניקייט פונעם שיין סערווירטן טיש. זי האָט אויך געזען ווי עוואַ האָט זיך פאַר די לעצטע צען טעג שרעקלעך פאַרענדערט. איר לאַנג פּנים איז געווען אינגאַנצן איינגעפאַלן, די דאַרע באַקן זענען אַזוי ווי צוגעפאַלן פון ביידע זייטן נאָז און זי אַזוי אַרום שטאַרק פאַרלענגערט. די טונקעלע הויט אירע איז געוואָרן נאָך טונקעלער, מער ערד־קאָליריק, און די ליפּן אַזוי שמאָל, ווי אַ שניט פון אַ שאַרף מעסער.

אַניאַ איז געזעסן ביים טיש און כמעט גאָרנישט געגעסן. זי האָט קוים געקאָנט עפּעס אַראָפּשלינגען, עס האָבן איר אין האַלדז שטאַרק געשטיקט די טרערן.

נאָך מיטאָג איז אַניאַ אַריין צו זיך. זי איז געווען דערפרייט פון דער פאַרענדערונג אין עוועס געמיט און אין איר אויפפירן זיך. זי איז אָבער

איינצייטיק געווען מוראדיק פאַרצווייפלט. אַניאַ האָט געזען, אַז אַלץ וואָס זי האָט געטון פאַר עווען איז געווען איין פאַטאַלע קייט פון טעותים. האָט זי געגעבן עווען אַ רייכע, זאָרגלאָזע דערציונג, האָט זי עווען דערמיט דעמאָביליזירט און געמאַכט נישט לעבנס־פעיק. האָט זי איר נאָר געוויזן אַ פּרווו פון אַ דורכשניטלעכער עקזיסטענץ, ווי ביי די לוריעס, איז עס פאַר עווען געווען אַזאַ שאָק, אַז זי האָט שיער נישט באַצאָלט דערפאַר מיט איר פּסיכישן געזונט. אַניאַ האָט פאַראויסגעפילט, אַז צוליב עוועס קאַטאַסטראָפישן כאַראַקטער שטייען איר נאָך פאָר מיט דער טאָכטער גאָר שווערע נסיונות...

אַניאַ האָט געיאָגט די דאָזיקע געדאַנקען פון זיך, ווי זי האָט אַמאָל, אין די גאָר גוטע צייטן, געיאָגט פון זיך דעם ווילן און חשק אָרעם צו ווערן. די געדאַנקען וועגן איר עלטסטער טאָכטערס גורל זענען אָבער כסדר צוריקגעקומען און זי נישט אָפּגעלאָזט.

*

פאַרנאַכט צו האָט עוואַ געזאָגט דער מוטער, אַז זי גייט באַזוכן אירס אַ שול־חברטע. אַניאַ האָט אַביסל מורא געהאַט פאַר דעם וויזיט, אָבער צוריקהאַלטן האָט זי עווען דערפון נישט געוואָלט.

עוואַ איז צוריקגעקומען פון דעם באַזוך זייער אַ פאַרטראַכטע. ביים נאַכט־מאָל האָט זי שטאַרק אָבסערווירט די מוטער. עוואַ האָט ערשט איצט באַמערקט די ווייסע האָר וועלכע האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין אַניאַס קאָפּ. זי האָט זיך דערמיט זייער איבערגענומען. עס איז איר אויך געווען אַ שאָד, וואָס אַזאַ שיינקייט ווערט פאַרשטערט, ווי עס ווערט צוליב אַ שלעכטער בשורה פאַרשטערט אַ גרויסער יום־טוב. עווען איז מוראדיק אומעטיק געוואָרן פון די ווייסע האָר וואָס האָבן געלאָשן דעם צעפלאַמטן קופּער פון אַניעס קאָפּ. זי האָט זיך באַשולדיקט אין גורם זיין דערצו. עוואַ האָט זיך געמאַכט שווערע פאַרוווּרפן פאַרוואָס זי איז צו דער מוטער געווען לעצטנס אַזוי שלעכט און ריקזיכטלאָז.

צומאָרגן מיטאָג, אַ טאָג נאָכן צוריקקומען אַהיים, האָט עוואַ אויסגע־דריקט איר גרייטקייט אָנצוהויבן ווידער גיין אין שולע. אַניאַ איז דערפון געווען זייער צופרידן. עס איז אָבער אַרויסגעשווומען אַ גרויסע שוועריַ־

קייט. עוואַ האָט באַדאַרפט באַרעכטיקן איר צען־טאָגיקע אָפּוועזנהייט פון דער שולע. עס האָט נאָר געקאָנט זיין איין באַרעכטיקונג: — קראַנקהייט. דערצו האָט אָבער עוואַ באַדאַרפט האָבן אַ צייגעניש פון אַ דאָקטאָר, אַז זי איז געווען קראַנק.

אַניאַ האָט ווידער אַ טראַכט געטון וועגן דאָקטאָר דאָבושינסקי. זי האָט געטראַכט וועגן אים נאָר אין נויט־פאַלן. קיין גליק האָט מען נישט דערלאָזט אַז זיי זאָלן האָבן צוזאַמען, איז זיי דעריבער געבליבן צוזאַמען בלויז אומגליק. אַניאַ האָט געוווּסט אַז זי האָט אין דאָקטאָר דאָבושינסקי אַ זיכערן פריינט. ער איז געווען זיכער ווי דער טויט. אין לעבן האָט אַניאַ געזען בלויז אומזיכערקייט.

זי האָט אָנגעקלונגען און טעלעפאָניש באַשטעלט ביים דאָקטאָר אַ וויזיט. ווען אַניאַ איז אַרויפגעקומען מיט דער טאָכטער, וועלכע דער דאָקטאָר האָט נישט געקענט, האָט ער קוים געקאָנט באַהאַלטן זיין פאַר־וווּנדערונג פון עוועס אויסזען. עס איז געווען דאַמאָלט די צייט ווען די־אָביעקטיווע שולע אין דער מעדיצין האָט נאָך פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט. מען האָט פריער אונטערזוכט דעם קראַנקן און ערשט שפּעטער אים אויס־געפרעגט געוויסע איינצלהייטן. עוואַ האָט זיך אויסגעטון. אַניאַ האָט זיך דערשראָקן פון איר מאָגערקייט. זי האָט געהאַט אינגאַנצן אַ פלאַטשיקע, יינגלישע ברוסט. דאָס גאַנצע לייב איז געווען פון ערד־קאָליר, און אַ סימן פון ראַזיקייט.

דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט ביי עוועו אַן אַלגעמיינע דערשע־פּונג, ווי פון אַן ערנסטער קראַנקהייט. ער האָט געפרעגט וואָס איז מיט איר געווען. אַניאַ האָט אים אויפגעקלערט, אַז עוואַ איז גאַנצע צען טעג געווען קראַנק, נאָר צוליב געוויסע אומשטענדן האָט מען צו איר נישט געקאָנט רופן קיין דאָקטאָר.

דאָקטאָר דאָבושינסקי האָט פאַרשריבן עווען שטאַרקונגס־מיטלען. אַניאַ האָט גענומען דעם רעצעפּט און געזאָגט דעם דאָקטאָר, אַז פון מאָרגן אָן דאַרף עוואַ אָנהויבן גיין אין גימנאַזיע און מוז פאַרשטעלן פאַרן דירעק־טאָר אַ מעדיצינישע צייגניש, אַז זי איז געווען קראַנק.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגערופן: — פרוי סוליק, איך שטעל פריינ־

ציפּיעל נישט אויס קיין צייגנישן און איך האַלט נישט, אַז אייער טאָכטער דאַרף שוין אָנהויבן גיין אין גימנאַזיע.

אַניאַ האָט זיך נישט אויפגעשטעלט און נישט אַוועקגעגאַנגען, זי האָט נאָר שטיל איבערגעחזרט: — מאָרגן פרי דאַרף מיין טאָכטער שוין זיין אין שולע.

דאָקטאָר דאָבזשינסקי האָט אויסגעשריבן אַ צייגניש און איר דערלאַנגט.

*

אין דער זעלבער צייט, האָט אין דער זעלבער וווינונג, נאָר מיט צוויי צימערן ווייטער, זיך געדרייט איבער דער שטוב אַרויף און אַראָפּ מאָטוויעי סוליק. ער האָט די לעצטע טעג שטאַרק געבענקט נאָך דער פרוי און קינדער. ער האָט געהאַט פון זיי ידיעות נאָר זייער קאַרגע. די צוויי וואָכן, וועלכע ער איז דאָ געווען, זענען פאַר אים געווען ווי צוויי לאַנגע, קאָשמאַרע יאָרן. אים האָבן זיך געחלומט שווערע דערדריקנדיקע חלומות. אים האָבן זיך געחלומט בילדער פון זיינע שווערע קינדער־יאָרן, דאַמאָלט ווען ער איז געוואָרן אַ יתום, די פאַרשעמטקייטן וועלכע ער האָט איבערגעטראָגן, ווען די מוטער האָט נישט געהאַט פאַר אים צו באַצאָלן חדר־געלט. די לעצטע נאַכט האָט זיך אים געחלומט דער אָנפאַל פון די משרתים, ווען זיי האָבן ביי אים אַרויסגעריסן דאָס אָפּשפאָר־ביכל און אים אָנגעשפּיגן אין פּנים.

סוליק האָט געוווסט, פון זיין לעצטן טעלעפאָן־געשפּרעך מיט אַניען, אַז זי האָט צרות פון עווען. וואָס גענוי עס איז געשען, האָט ער נישט געוווסט. ער האָט לעצטנס שטאַרק געבענקט נאָך זיין עלטסטער טאָכטער, וואָס איז געווען אַזוי ענלעך צו אים. ער איז געווען אומרויק וועגן איר, זי דורכאויס געוואָלט זען, אָבער נישט געוווסט ווען דאָס וועט ענדלעך געשען...

ווען עווא מיט אַניען זענען אַריין צום דאָקטאָר, האָט עווא באַמערקט אין וואַרטע־זאַל זיצן אַ מאָגערן מאַן, אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי איר פאָטער. זי איז אין דער ערשטער רגע געווען זיכער, אַז דאָס איז ער. זי האָט שיער נישט אויסגעשריגן פון אומדער־

וואַרטקייט. אָבער באַלד האָט זי באַמערקט איר טעות. אַחוץ אַלע אַנדערע אונטערשידן האָט נאָך איר פֿאָטער געהאַט אינגאַנצן טונקעלע האָר און דער מאַן אין וואַרטע־צימער איז געווען גרוי...

עוואַ האָט לעצטנס, נאָכן צוזאַמענשטויס מיט דער מוטער, נישט גערעדט מיט איר וועגן פֿאָטער. זי האָט אָבער שטאַרק נאָך אים געבענקט. אים דורכאויס געוואָלט זען, אָבער נישט געוווּסט ווען דאָס וועט ענדלעך געשען...

פֿאָטער און טאָכטער זענען געווען אַזוי נאָענט נעבן זיך און דאָך אַזוי ווייט... און זיי האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט.

*

איידער עוואַ איז צוריקגעקומען פֿון די לוריעס, האָט אַניאַ פֿאַראָרדנט, אַז מען זאָל די גאַבלאָטקעס, וואָס דער קאָמאָרניק האָט בעתן אָפּשרייבן די זאַכן פֿאַרחתמעט, איבערציען מיט די צודעקן מיט וועלכע מען פֿלעגט זומער־צייט איבערדעקן די קאַנאַפּעס און די אַנדערע געבעטע מעבלען. אַניאַ האָט נישט געוואָלט, אַז עוואַ זאָל באַלד ביים אַהיימקומען באַמערקן די רויטע, בלוטיקע חתימות פֿון ליאַק, וואָס האָבן נאָכגעהאָנגען ביי די שלעסער פֿון די גאַבלאָטקעס, ווי אָפֿענע העלדזער פֿון געשחטענע עופֿות.

ווען עוואַ איז אַהיימגעקומען איז זי געווען אַזוי גליקלעך פֿון דעם, וואָס זי האָט אַלץ אָנגעטראָפֿן אין שטוב אַזוי ווי עס איז געווען פֿריער, אַז די איבערגעדעקטע גאַבלאָטקעס האָבן אין איר נישט דערוועקט דעם מינדעסטן חשד. שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן גיין צוריק אין שולע, איז זי געווען אַזוי פֿאַרנומען מיט די שול־אויפֿגאַבן און מיטן אָניאָגן די פֿאַרשפּעטיקטע, דורך דער צייט פֿון איר אָפּוועזנהייט, לימודים, אַז זי האָט קיין צייט נישט געהאַט וועגן עפּעס אַנדערש צו טראַכטן.

אָבער אַ צייט שפּעטער איז איר אַמאָל, אין אַ פֿאַרנאַכט, פּלוצים איינגעפֿאַלן פֿאַרוואָס זענען די גאַבלאָטקעס פֿאַרשטעלט מיט איבערציען? זי האָט דאָס קיינמאָל ביי זיי נישט געזען, אַפֿילו אין זומער, ווען כמעט אַלע מעבלען און זשיראַנדאָלן זענען געווען איבערגעצויגן מיט צודעקן, זענען אויך די גאַבלאָטקעס געשטאַנען נישט פֿאַרדעקטע. טאָ ווי קומט דאָס,

אַז ווינטער, ווען אַלע מעבלען זענען אָפּגעדעקט, זאָלן דווקא די גאַבלאָט־קעס זיין פאַרשטעלט?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער קליינער אמפּיר קאַנאַפּע אויף וועלכער זי איז געזעסן און צוגעגאַנגען פּאַמעלעך צו דער גאַבלאָטקע. אַ דערשראָקענע, אַזוי ווי זי וואָלט אָפּגעטון עפּעס אַ זייער פאַרבאָטענע זאַך, האָט זי אונטערגעהויבן דעם לייוונטענעם צודעק.

אין אָנהויב האָט זי גאָרנישט באַמערקט קיין ספּעציעלעס. אַלץ איז אין דעם גלעזערנעם שענקל געשטאַנען ווי פריער. אָבער ווען עוואַ איז איינגעבויגן אַרונטער אונטער דעם צודעק, האָט זי ערשט דערזען אַ שטיק טאָוול מיט אַ רויטער ליאַקענער חתימה אַראָפּהענגען ביים שלאָס אויף צוויי עקן פון אַ שפּאַגאַט.

עוואַ האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט אַראָפּגעשלונגען עפּעס זייער אַ קאַלטע זאַך, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך געגליטשט אין האַלדז, פאַר־נומען זיך אַביסל לינקס און אַריין איר דירעקט אין האַרץ. איר איז פון דעם געוואָרן קאַלט איבערן גאַנצן גוף, ביז צו די שפּיצן פינגער פון די פיס.

זי האָט זיך קוים אָפּגעבאַקומען פון דעם אַראָפּהענגנדיקן צודעק. זי איז צוגעגאַנגען און אויפגעהויבן דעם צודעק פון דער צווייטער גאַבלאָטקע און ווידער דערזען די זעלבע רויטע חתימה. זי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו די קונסט־בילדער און גאָבעלינען, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די ווענט, און דערזען ביי די זייטן פון זייערע ראָמען צוגעקלעפּטע רויטע צעטלען פון קאָמאָרניק.

עוואַ האָט געוואָלט שרייען, זיך קוים איינגעהאַלטן, געביסן די פינ־גער ביז בלוט. זי האָט שוין איצט געוווסט צו וואָס עס דינען די לייוונטע־נע צודעקן אויף די גאַבלאָטקעס. זי האָט ערשט איצט באַנומען איר מוטערס געפילן. זי האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, אַז אפילו אין די דאָזיקע שרעק־לעכע צייטן פאַר איר מוטער, האָט זי קודם כל אין זינען געהאַט זי, עוואַן, און זי געוואָלט פאַרשוינען.

זי האָט זיך געשלייכט איבערן סאַלאָן ווי אַ פרעמדע. איר זענען אַלע זאַכן וואָס זענען דאָ געשטאַנען און געהאָנגען געוואָרן מיאוס. עס איז איר

דאָס אַלץ געוואָרן טמא. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער פון דעם אַלעם פּטור ווערן.

עוואַ איז אַדורכגעגאַנגען נעבן אַ הענגנדיקן שפּיגל אין אַן אַלטער בראַנזענער ראַם און פּלוצים דערזען איר אייגן פאַרענדערט פּנים. זי האָט געזען אַז זי איז מיאוס. זי האָט געקוקט אויף זיך, אויף איר פון ערד־קאָליר לאַנג פּנים, אויף דער שמאָלער נאָז און שפּיציקער גאָמבע, מיט עקל. זי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן פאַר נישט קיין שיינע. אָבער איצט האָט איר זיך אויסגעזען אַז זי איז משונהדיק מיאוס, אַ סך מיאוסער ווי זי איז געווען אין דער אמתן.

עוואַ האָט געקוקט אויף זיך און געטראַכט, אַז אָט פאַר אַזאַ מיאוס פּנים האָבן זיך איר פאָטער און מוטער אַזוי באַמיט, אַרומגעשטעלט מיטן שענסטן און רייכסטן. זי האָט זיך געטראַכט, אַז פאַר אַזאַ מיאוס פּנים איז איר וווּנדערשיינע מוטער פאַר דער צייט גרוי געוואָרן.

דער גאַנצער האַס וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט צום פאָטער און דער־נאָך צו דער מוטער איז איצט איבערגעגאַנגען אין אַ זעלבסט־האַס. עוואַ האָט אויפגעהויבן אויף זיך אַ פּאָר געביילטע פויסטן און זיך אַליין געדראָט. זי האָט מיט פאַרביסענער, פאַרווירטער ווילדקייט זיך געשפּיגן אין פּנים אַריין, אין איר אייגענעם אָפּבילד אין שפּיגל.

אַניען איז געווען אויפּפאַלנד וואָס עוואַ טוט אַזוי לאַנג אין סאַלאָן איינע אַליין. זי האָט שטיל געעפנט פון דאָרט די טיר און דערזען דאָס בילד ווי איר טאָכטער שטייט ביים שפּיגל מיט אַ פּאָר געביילטע פויסטן און שפּייט אויף זיך. זי האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אַזאַ פּחד, ווי זי וואָלט פּלוצים דערזען דעם שאָטן פון טויט איר אַנטקעגנגיין.

זי איז אַריין צו זיך אין שלאָף־צימער, זיך געוואָרפן אויף דער קאָזעטקע און מוראדיק געוויינט, ווי דאַמאָלט ווען זי איז צוריקגעגאַנגען פון דאָקטאָר דאָבזשינסקי נאָך זייער געשפּרעך. אַניאַ האָט געזען אַז איר קינד איז פאַרלוירן. זי האָט זי איצט באַוויינט, ווי זי האָט ערשט נישט לאַנג צוריק באַוויינט איר אייגן לעבן...

עוואַ האָט זיך באַזיניקט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן זאַל ווי זי

וואָלט דערפילט, אַז אימיצער איז דאָ געווען. זי האָט מיט אַ נאָז־טיכעלע אָפּגעווישט דעם שפּיגל און אַרויס פון סאַלאָן. איר האָט זיך דורכאויס פאַרוואָלט זען די מוטער. זי האָט זי געזוכט אין אַלע שטובן און געפונען אין שלאָף־צימער אויף דער קאָזעטקע אַ פאַרוויינטע. ווואָ האָט נישט געוווּסט אַז די מוטער האָט זי געזען. עס איז איר דאָס אפילו נישט איינגעפאַלן. זי האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט אַניעס פאַרטרויערטקייט און זיך געטוליעט צו דער מוטער מיט איר קאַלט ווי אויסגעלאָשן לייב...

דער וועג אין „אַמאָל"...

עס זענען אַדורך חדשים אָן גרויסע ענדערונגען ביי די סוליקס. דאָס געריכט האָט באַפרייט נאָר אַ קליינעם טייל פון די אָפּגעשריבענע ביי זיי זאַכן. דעם באַפרייטן טייל האָט דאָס געריכט אָנערקענט ווי אויסשליסלעך אָנגעהעריקע אַניען אויפן סמך פון אַן אינטערציזע־אַקט. דער גרעסערער טייל זאַכן איז ווייטער פאַרבליבן פאַרחתמעט ווי פריער.

אַניאַ האָט נישט געוואָלט איינפירן קיין דראַסטישע אָפּשפּאָרונגען אין דער ווירטשאַפט פון הויז. זי האָט עס געטון צוליב וועזן. כאָטש ווואָ איז איצט געווען צו דער מוטער גוט, אויפמערקזאַם און זייער איבערגעגעבן, כאָטש ווואָ האָט אַניען שטאַרק מיטגעפילט און באַמיט זיך איר לייכטער מאַכן, מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, האָט אָבער די לעקציע פון די צען טעג וועזן זיין ביי די לוריעס אַניען אַזוי אָנגעשראָקן, אַז זי האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט עפּעס וועזנטלעכעס צו ענדערן. זי האָט בלויז אָפּגעשאַפט די ספּעציעלע קעכין וואָס זי האָט געהאַלטן צום קאָכן און באַקן. איצט האָט דאָס שטוב־מיידל ביי דער מיטהילף פון דער פרוי לוריע אויסגעפירט אויך די פונקציע פון אַ קעכין.

אַניאַ האָט נישט געוווּסט אז ווואָ וואָלט זייער גערן איינגעגאַנגען אַראָפּנידערן זייער לעבנס־ניוואָ, איינצופירן באַשיידענע לעבנס־תנאים.

אַניאַ האָט נישט געוווּסט, אַז עווען איז דערוווּסט דאָס אַלץ, וואָס איז איר, אַניען, דערוווּסט, אָט די אַלע זאַכן וואָס שטייען און הענגען אין די שטובן און ווילן אפשר פריער צי שפּעטער, פאַרקויפט ווערן פון האַמער, אויף ליציטאַציע. אַניען איז געווען אויפפאַלנד וואָס עווא פרעגט זיך קיינמאָל נישט אויף יאַדוויגען, וואָס זי האָט נאָך קיין איין מאָל איר נאָמען נישט דערמאָנט. אַניאַ האָט באַמערקט, אַז עוואַ מיידט עקשנותדיק אויס צו דער־מאָנען די צייט פון איר זיין ביי די לוריעס און אַנטלויפט פון יעדער ווייט־סטער אָנדייטונג וואָס האָט אַ שייכות צו דער צייט. אַניאַ איז געווען זיכער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל עווען שרעקט דער געדאַנק, אַז איר אופן לעבן זאָל אַמאָל נישט ווערן ענלעך צו יאַדוויגעס, אַז עוואַ מיידט אויס צו דערמאָנען איר זיין ביי די לוריעס דערפאַר, ווייל יעדע דערמאָנונג וועגן זיי האָט אין איר פאַרשטאַרקט די זיכערקייט, געוויזן איר בולט אַז אַזוי וועט דאָס טאַקע זיין.

און דערפאַר, ווייל אַניאַ האָט דאָס נישט געוווּסט, פלעגט זי איינציק־ווייז אויסקויפן פון לאָמבאַרד קאָסטבאַרע זאַכן פון איר ביזשוטעריע, וועל־כע סוליק האָט געהאַט פאַרמשכנט אין דער צייט פון איר לעצט מאָל זיין אין איטאַליע, און עס פאַרקויפן, בכדי צו דעקן די גרויסע הוצאות וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער שטוב־פירונג.

סוליק איז נאָך אַלץ געווען באַהאַלטן אויפן פריערדיקן אָרט. ער האָט זיך געפילט שלעכט, כמעט אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. זיינע ענינים האָבן זיך נישט גערוקט פאָראויס. דער גרעסטער טייל פון זיינע בעלי־חובות האָבן אויסגענוצט זיין באַנקראָט און סתם נישט געצאָלט די וועקס־לען וואָס זיי האָבן ביי אים דיסקאָנטירט. מען האָט זיך אין אַ סך פאַלן געמוזט מיט זיי פּראָצעסירן. דאָס געלט וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער קאַסע פון סינדיק איז זיך צעגאַנגען אויף געריכטס־הוצאות און אויף אַדוואָקאַטן.

אַניאַ פלעגט פון צייט צו צייט אַרויספאָרן אויף דער פּראָווינץ זיך באַמיען ביי סוליקס בעלי־חובות אַרויסצובאַקומען וואָס מער. זי האָט געוואָלט, אַז ביים סינדיק זאָל זיך אָנזאַמלען אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס זאָל בילדן דעם יסוד צוצוטרעטן ענדלעך רעגולירן סוליקס פאַר־

פּליכטונגען צו זיינע קרעדיטאָרן. אויך נאָר אַזוי אַרום, דורך שאַפן אַ געהעי־ריקע סומע, וואָלט דערמעגלעכט געוואָרן אַז סוליקס אַדוואָקאַט זאָל אַרויס־טרעטן פאַרן געריכט מיט אַ פאָרשלאַג אַראָפּצונעמען קודם כל פון סוליקן דעם אַרעסט־באַפעל.

אַניען איז דאָס דערווייל נישט געלונגען. בכדי דאָס אַדורכצופירן וואָלט זי געמוזט זיך לאָזן אויף אַ לענגערער צייט איבער שטעט און שטעטלעך, אונטערהאַנדלען מיט יעדן סוליקס בעל־חוב באַזונדער, ווידמען איר גאַנצע צייט און ענערגיע נאָר צו דעם צוועק. כל זמן עווא איז נאָך געגאַנגען אין שולע האָט אַניאַ זי מורא געהאַט צו לאָזן אַליין, אָן אויפזיכט אויף אַ לענגערער צייט.

ווען עוואַ האָט געענדיקט די גימנאַזיע האָט זי אַליין פאָרגעשלאָגן דער מוטער, אַז זי וויל איבערנעמען דיווירטשאַפט אין שטוב. אַניאַ איז דערפון געווען זייער צופרידן. מען האָט אָפּגעשאַפט די פרוי לוריע און עוואַ האָט זיך גענומען צו די שטוב־ענינים.

נישט עוואַ און נישט אַניאַ האָבן נישט געהאַט רעזיגנירט פון דעם, אַז עוואַ וועט שטודירן אויף דער אוניווערזיטעט. זיי האָבן נאָר דערווייל אָפּגעלייגט דעם פּלאַן אויף דער צייט ווען זייער מאַטעריעלע לאַגע וועט שוין זיין אַ קלאָרע און אַ באַשטימטע. נישט מוטער און נישט טאָכטער איז דאַמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז זיי וועלן דעם פּלאַן קיינמאָל נישט רעאַ־ליזירן...

עוואַ האָט זיך גענומען מיט חשק צו דער ווירטשאַפט. זי האָט געוווּסט, אַז די הילף וואָס זי וועט אַזוי אַרום געבן דער מוטער וועט אַניען צוגעבן מוט און זיכערקייט אינעם אַדורכפירן דעם פּלאַן וועגן ענדלעך באַפרייען דעם פאָטער, וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט נישט געזען. עוואַ האָט אויך צוגעהאָלפן אַדעלען וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין גימנאַ־זיע און זיגמונטן וועלכער איז געווען אַ געניט מיטלמעסיקער שילער.

ווען אַניאַ האָט געזען עווס איבערגעגעבנקייט צו דער שטוב, איר פאַרנומענקייט, ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט וואָס זי וויזט אַרויס האָט זי באַקומען צו עווען צוטרוי און דעצידירט זיך איר לאָזן אַליין. אַניאַ האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זי האָט אומעטום אויסגענומען, איר אויסזען,

איר עלעגאַנץ, האַלטונג און קלאָרער שכל האָבן געוועקט ביי יעדן דעם טיפסטן רעספּעקט. איר איז געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ סך מער ווי זי האָט געטראַכט. אין משך פון עטלעכע חדשים האָט זיך ביים סינדיק אָנגעזאַמלט אַ גענוג גרויסע סומע געלט. דאָס האָט דערלויבט סוליקס אַדוואָקאַט אַרויסצורוקן די פאָדערונג וועגן אויפהויבן דעם באַנקראָט פון זיין קליענט, פון סוליקן.

אויף דער ערשטער זיצונג פון געריכט זענען די אַדוואָקאַטן פון סוליקס קרעדיטאָרן געווען איבעראַשט פון דעם סינדיקס באַריכט וועגן דער הויך פון דער סומע, וואָס האָט זיך די לעצטע חדשים ביי אים אָנגעזאַמלט. זיי האָבן זיך דעריבער נישט געיאָגט צו רעגולירן סוליקס חובות ביי זייערע קליענטן, די בענק. זיי זענען געווען זיכער, אַז ס׳וועט זיי געלונגען אַרויסצובאַקומען מער ווי מען שלאָגט זיי איצט פאָר. אויך דער סינדיק גופא האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק שוין צו ליקווידירן דעם גאַנצן פּראָצעס. אזוי ארום איז דער פאָרשלאָג פון סוליקס אַדוואָקאַט וועגן אויפהויבן דעם באַנקראָט אַדורכגעפאַלן. עס איז אויך אַדורכגעפאַלן זיין ווענדונג וועגן אַראָפּנעמען פון סוליקן דעם אַרעסט־באַפעל.

אַניאַ האָט דאַמאָלט באַשלאָסן אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט צו וואַרפן אין קאַמף פאַר באַפרייען איר מאַן. עס איז שוין געהאַט אַדורך אַ יאָר זינט מען האָט אים דערקלערט פאַר באַנקראָט. עס איז שוין געווען אַ יאָר זינט ער איז געווען באַהאַלטן ביים דאָקטאָר דאַבזשינסקי. אַניאַ האָט אים שוין לענגער דאָרט נישט געקאָנט האַלטן. עס איז שוין געווען איבער דער טבע אַזוי צו באַהעסטיקן אַזאַ נאָענטן־וייטן מענטש ווי עס איז געווען פאַר איר דאָקטאָר דאַבזשינסקי. אויך האָט זיך סוליק וואָס אַמאָל ערגער געפילט. דער מצב פון זיינע נערוון איז געווען אַ דראָענדיקער, לויטן דאָקטאָרס פעסטשטעלונג. אַניאַ האָט פארטרויט פאַר איר עלטסטער טאָכטער איר פּלאַן. עווא וועמענס אַלע מחשבות און פארלאנגען זענען געווען געווענדט נאָר דערצו, אַז די לאַגע פון זייער הויז זאָל שוין זיין ענדלעך אָן אַנטשפּאַנטע און אַז איר פאָטער זאָל שוין אַרויס פון דער געהיימער געפענגעניש, האָט אונטערשטיצט אַניעס פּלאַן מיטן גאַנצן ברען פון איר פרישׂ אויפגעוואַכט ליבע־געפיל צו איר פאָטער און מוטער.

אַניאַ האָט פאַרקויפט איר גאַנצע ביזשוטעריע, זי האָט פאַרקויפט אַלע ווערט־זאַכן וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן דורכן געריכט ווי אַנגעהעריקע אויסשליסלעך איר. זי האָט דאָס געלט אַריינגעטראָגן צום סינדיק אויפן חשבון פון סוליקס חובות. ערשט דאַמאָלט זענען די אַדוואָקאַטן פון צווייטן צד און דאָס געריכט איינגעגאַנגען אַראָפּצונעמען פון סוליקן די פּערזענ־לעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פארן באַנקראָט. סוליק האָט ענדלעך נאָך אַ יאָר צייט פאַרלאָזט זיין באַהעלטעניש וועגן וועלכער קיינער, אַפילו עוואַ, האָט ווייטער נישט געוווּסט ווו זי האָט זיך געפונען.

סוליק איז געווען איינגאַנצן גרוי, פאַרעלטערט, אויסגעלאָשן, אָן ענער־גיע און אָן כוחות. ער פלעגט שנעל מיד ווערן. ווען ער פלעגט זיך אַוועק־לייגן אויף דער קאַנאַפּע אָפּרוען איז ער מאָדנע ענלעך געווען צו עווען, ווען זי איז געלעגן אָן איינגעקאָרטשעטע אויף דער קאַנאַפּע ביי די לוריעס. ווען עוואַ האָט דערזען דעם פאָטער האָט זי זיך צעוויינט. אדעלא און זיג־מונט האָבן זיך געהאַלטן פון אים פונדערווייטנס. זיי האָבן געקוקט אויף אים אַזוי, ווי אַדעלא און עוואַ האָבן געקוקט אויף זיגמונטן ווען זיי האָבן אים דאָס ערשטע מאָל געזען נאָך דער קראנקהייט. זיי האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ מענטש, וועלכער איז געווען אַ צייט לאַנג איינגעהילט אין אַ סוד און צו וועלכן מען האָט נאָך נישט צוריק באַקומען דעם פולן צוטרוי.
די איינציקע וואָס האָט זיך געפרייט מיט סוליקן, איז געווען אַניאַ.

עוואַ האָט איצט קוקנדיק אויפן פאָטער זיך דערמאנט אין דעם מאַן, וועלכן זי האָט געזען אין וואַרטע־צימער ביים דאָקטאָר, און וועלכער האָט איר אויסגעזען צו זיין ענלעך צו איר פאָטער. זי האָט זיך דאַמאָלט באַלד געכאַפּט, אַז זי מאַכט אַ טעות, ווייל איר פאָטער האָט געהאַט טונקעלע האָר און יענער מאַן איז געווען אַ גרויער. איצט ווען זי האָט דערזען איר פאָטער אַ גרויען איז עווען צוריק אויפגעגאַנגען דער געדאַנק, צי איז עס נישט געווען טאַקע איר פאָטער. זי האָט אים געפרעגט:
— פאַפּאַ, ביזטו נישט געזעסן אַמאָל אין וואַרטע־צימער ביים דאָקטאָר דאָבזשינסקי ווען איך בין דאָרט מיט דער מאַמאַ אַריינגעקומען?

סוליק און אַניאַ זענען געבליבן דערשטוינטע הערנדיק פון עוואַס מויל אַזאַ פראַגע. אַניאַ האָט זיך גיך געכאַפּט און געענטפערט: — ווען

דער פּאַפּאַ וואָלט אפילו געווען ביים דאָקטאָר דאָבזשינסקי וואָלט ער אויך נישט געזעסן אין וואַרטע־זאַל, נאָר געווען באַהאַלטן.

*

אַ יאָר צייט איז ווידער אַדורך ביז וואַנען סוליק האָט זיך נישט אָפּגעוויקלט פון אַלע זיינע פאַרפּלאָנטערטע געשעפטן. ווען דאָס געריכט האָט ענדלעך אויפגעהויבן אים פון באַנקראָט האָט זיך ביים ענדגילטיקן חשבון, וואָס סוליק און אַניאַ האָבן געמאַכט, אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען געבליבן כמעט אָן מיטלען צום לעבן.

דאַמאָלט האָבן זיי זיך אַריינגעצויגן צו אונדז אויפן הויף אויף פּאָקאָרנע. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך געהאַט איבערגעצויגן אין דער נייער דירה אויפן זעלבן הויף.

די סוליקס האָבן פאַרנומען אַ דירה פון דריי צימערן מיט אַ קיך אַנטקעגנאיבער אונדז, נאָר אויפן דריטן שטאָק, איבער די פּעיסינס.

די סוליקס האָבן זיך געבערענגט צו ציען ביינאַכט. קיינער פון הויף האָט וועגן דעם נישט געוווסט. נאָר אינדערפרי האָט מען באַמערקט, אַז אין דער ליידיקער דירה אויפן דריטן שטאָק דרייען זיך אַרום מענטשן. באַלד האָט מען אויך געזען ווי מען פּוצט דאָרט די פענצטער און זייער אַן עלעגאַנטע און שיינע פרוי פאַרלייגט דאָס ערשטע די גאַרדינען.

אַדעלאַ האָט זיך גיך געפונען חברטעס פון הויף. זי האָט זיך זייער גוט געלערנט און פלעגט זיך גערן באַווייזן מיט אירע גוטע באלנס וועלכע זי האָט באַקומען אין דער שולע. זיגמונט איז פאַר דער לעצטער צייט שטאַרק אויסגעוואקסן. ער האָט געהאַט אַ פּנים פול מיט פּרישטשיקעס. ער פלעגט אַדורכגייענדיק דורכן הויף וואַרפן בליקן פול מיט קנאה צו די יינגלעך אין זיין עלטער וואָס האָבן זיך נאָך געשפּילט אויפן הויף אין „פּאלאַנט" צי אין „קוקסאַ". זיגמונט האָט נישט געהאַט קיין צייט זיך צו שפּילן. ער האָט געהאַט אַביסל אַ שווערן קאָפּ, אָבער דערפאַר געווען זייער געוויסנהאפט. ער פלעגט נישט אַוועקגיין פון טיש אַזוי לאַנג, ביזוואַנען ער האָט נישט געהאַט פאַרענדיקט אַלע שול־לעקציעס. זיגמונטן וואָלט איצט זייער צונוץ געקומען אַ הילפס־לערער אין שטוב, אָבער די סוליקס האָבן

זיך דאָס נישט געקאָנט דערליבן. אַמאָל פלעגט אים עווא זייער גערן צוהעלפן, אָבער לעצטנס האָט זי אָפּט נישט געהאַט צו אים קיין געדולד.

אין הויף האָט מען געוווּסט, אַז די סוליקס האָבן נאָך אַ טאָכטער, דאָס עלטסטע קינד, אָבער קיינער פון הויף האָט זי נישט געקענט. קיינער האָט זי נישט געזען. די דינסט־מיידלעך וואָס פלעגן אַמאָל אויף אַ מינוט זיך אַריינכאַפּן צו די סוליקס דינסט, האָבן דערציילט, אַז די עלטסטע טאָכ־טער זיצט שטענדיק אויף דער קאַנאַפּע און לייענט ביכער.

אין אָנהויב האָבן די סוליקס געהאַלטן אַ דינסט, אַ יונג קריסטלעך־מיידל. דערנאָך האָבן זיי זי אָפּגעשאַפט. אַניאַ פלעגט אַליין גיין איינקויפן. זי האָט אויך אַלץ אַליין געטון אין שטוב, אפילו געפּוצט די פּאָדלאָגעס. עווא האָט איצט, להיפוך צו דעם ווי זי האָט זיך פאַרהאַלטן אין דער אַלטער דירה, ווו זי האָט געפירט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, זיך אינגאַנצן נישט געמישט אין דערווירטשאַפט. זי פלעגט, אַחוץ לייענען גאַנצע טעג, גאָרנישט טון, אפילו טוישן די ביכער אין ביבליאָטעק פלעגט אויך גיין איר מוטער.

סוליק האָט געמאַכט עטלעכע מאָל פאַרצווייפלטע באַמיונגען זיך צוריק אַרויפצוהויבן, אָדער כאָטש אַביסל פאַרבעסערן זייער איצטיקן מצב. ער האָט פּרובירט אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט עטלעכע קלענערע בענק. מען האָט אים אויפגענומען. די דירעקטאָרן האָבן מיט אים געשמועסט, אָבער ווען עס איז געקומען צו עפּעס קאָנקרעטס, האָט סוליק נישט געקאָנט פּרע־ציזירן וואָס אייגנטלעך ער וויל פון זיי.

סוליק האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין סך פאַנטאַזיע. ער האָט אפילו אין זיינע בליענדיקסטע צייטן, מער ווי איין טריט נישט געקאָנט מאַכן. ער האָט שטענדיק באַדאַרפן אימיצן וואָס זאָל אים אַ שטויס טון ווען עס האָט געהאַלטן ביי עפּעס וויכטיקעס. אין דעצידירנדיקע מאָמענטן האָט אים אויסגעפעלט כוח און מוט צו שטעלן אויף זיך. איצט, נאָכן באַנקראָט און נאָכן אָפּזיצן אין באַהעלטעניש מער ווי אַ יאָר, איז סוליק געוווען ביי זיך אַזוי קליין און זיך געפילט אַזוי שרעקלעך געפאַלן, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אפילו ווי געהעריק האַלטן און מען האָט דעריבער געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אויסגעשפּילטן.

אַניאַ איז געווען דרייסט און זיכער ביי זיך. זי האָט געהאַט אַ גיכע אָריענטאַציע, פאַרמאָגט דעם כוח צו שנעלער דעציזיע. זי האָט געקאָנט זיין אַ גוטער עצה־געבער און אַרויסהעלפער. זי האָט אין דער עת־צרה געוואָרפן אַלץ וואָס זי האָט געהאַט, איינגעשטעלט איר און אירע קינדערס לעבן אַבי סוליקן צו ראַטעווען, אָבער קיין סוחרישע אידעען האָט זי נישט פאַרמאָגט. דאָס האָט פשוט נישט געהערט צו איר, דאָס איז נישט געלעגן אין דעם קרייז פון אירע מעגלעכקייטן. קיין „עפּעס" פון גאָרנישט האָט זי נישט געקאָנט באַשאַפן.

סוליק האָט זיך באַמיט צו ווערן אַן אָפיציעלער בערזע־אַגענט. אָבער דווקא אים, ביי וועמען די קרעדיטאָרן האָבן באַקומען אומפאַרגלייכלעך מער ווי אין אַנדערע באַקראַט־פאַלן, דווקא אים האָט די פּאָליציי נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין צייגניש פון גוטער מאָראַלישער אויפפירונג, און קיין איינע פון די בענק האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין רעקאָמענדאַציע צו דער פאַרוואַלטונג פון דער אַקציעס־און געלט־בערזע אים אויפצונעמען ווי אַן אַגענט. אַזוי זענען סוליקס לעצטע האָפענונגען צו פאַרבעסערן זיין און זיין פאַמיליעס מערכה צונישט געוואָרן.

ווי משונהדיק דאָס זאָל נישט האָבן געווען, האָט זיך גראָד סוליק, דאָס געוועזענע אָרעמע, טונקל־הויטיקע, ליטווישע בחורל, וואָס איז געקו־מען קיין וואַרשע כמעט אין איין העמד, דער סוליק וואָס האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין גוטוויליקן, פון קיינעם נישט אויפגעצוווּנגענעם דחקות, דער סוליק, וואָס האָבנדיק שוין הונדערטער און אפילו טויזנטער רובלס אָפּגעשפּאָרטע אין באַנק, האָט נאָך אַלץ געגעסן אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט אַ זויערער אוגערקע און געשלאָפן אויף די שטיגן, דווקא ער האָט איצט מוראדיק אָפּגעפילט זיין לאַגע און גאָרנישט געקאָנט מיט איר שלום מאַכן. ער איז אַרויסגעטרעטן מיט ביטערע טענות קעגן אַניען. ער האָט איר געמאַכט פאָרווורפן פאַרוואָס זי האָט אַלץ אַוועקגעגעבן די קרעדיטאָרן און אַליין געבליבן מיט ליידיקע הענט. ער האָט געהאַלטן, אַז ווען דאָס וואָלט געווען אומפאַרמיידלעך, האָט זי אים באַדאַרפן ברענגען פאַר אַ קרבן, אַבי נישט דערפירן די שטוב, זיך און די קינדער צו אַזאַ האָפענונגסלאָזן מצב.

און וואָס? זי האָט שוין פאַר זיך נישט עקזיסטירט. פאַר זיך איז זי

שוין געווען אַן אַבסטראַקציע. אַ דאַר לייב און אַ קורצער נאָמען. זי האָט שוין לאַנג געהאַט אויפגעגעבן אירע חלומות וועגן שטודירן, ווערן זעלבּ־שטענדיק, שאַפן זיך עפּעס אַן אָרט אין דער וועלט. די סוליקס האָבן אַבסאָלוט נישט געהאַט די מעגלעכקייט איר לאָזן ווייטער זיך בילדן. עוואַ האָט נישט געזען פאַר זיך קיין שום וועג. זי האָט נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טון, זיך געהאַלטן פאַר אַ לאַסט פאַר די עלטערן. זי האָט שוין גאָר־נישט פאַר זיך געוואָלט. זי האָט נאָר נישט געוווּסט ווי אַזוי צו ווערן אויס.

עוואַ האָט זיך דערווייל איינגעטיילט צווישן פאָטער און מוטער. זי איז געווען מיט דער מוטער אויף דער זייט פון פאָטער און מיטן פאָטער אויף דער זייט פון דער מוטער. די סוליקס האָבן זיך קיינמאָל, אפילו איצט נישט געקריגט. עס איז צווישן זיי נישט געפאַלן קיין הויך וואָרט. נאָר די שטילע, פשוטע ווערטער פון סוליקן זענען געפאַלן מיט אַזאַ שווערקייט אויף אַלעמענס געמיט, אַז עס איז קוים מעגלעך געווען אויסצוהאַלטן.

סוליק האָט פון קינדווייז אויף געטראָגן אין זיך אַ פאַרבאָרגענע, טיף באַהאַלטענע בענקשאַפט נאָך שיינקייט און רחבות. פאַר דער בענקשאַפט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעם, פון דעם מינדעסטן, פון דעם וואָס האָט געקאָסט אפילו נישט מער, ווי אַ גראָשן. שפּעטער, נאָך דער חתונה מיט אַניען, האָט ער אויך פאַרגרעסערט זיין פאַרמעגן נאָר מיט דעם געדאַנק דערנאָך צו קאָנען דערפון געניסן. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַט כוח און ענערגיע, האָט ער געשטרעבט צו פאַרמערן זיינע קאַפּיטאַלן, בכדי אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן, ווען ער וועט שוין נישט קענען אַזוי שווער אַרבעטן, זאָל ער קאָנען געניסן פון די אַלע שיינקייטן און פון די אַלע רחבותן וועלכע ער האָט זיך באַצייטנס אָנגעגרייט.

איצט האָט ער געזען, אַז ער איז דורכגעפאַלן. די קאַטאַסטראָפע האָט ביי אים נישט נאָר צוגענומען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט בעת זי איז אויס־געבראָכן, נאָר אויך אַלץ, וואָס ער האָט ווען דאָס איז, אין משך פון אַלע יאָרן פון זיין אַרבעט, געהאַט. די קאַטאַסטראָפע האָט זיך ביי אים נישט אָנגעהויבן דאַמאָלט ווען זי איז אויסגעבראָכן, נאָר דאַמאָלט ווען ער האָט אָנגעהויבן אָפּשפּאָרן זיינע ערשטע פאַרדינטע גראָשנס. די קאַטאַסטראָפע האָט אים נישט נאָר געטראָפן איצט, קעגנוואַרטיק, נישט נאָר צעשטערט

זיין צוקונפט נאָר אויך זיין פאַרגאנגענהייט. סוליק האָט געהאַלטן, אַז די קאַטאַסטראָפע האָט ביי אים צוגערויבט זיין פרוי און קינדער. אין אַזאַ מצב, האָט ער געזאָגט, האָט ער נישט צו זיין פרוי און קינדער קיין שום רעכט.

נאָר אַניאַ, די וווּנדערשיינע אַניאַ, די אויסגעצערטלטע, איינציקע טאָכטער, אַ דערצויגענע אין ווױלשטאַנד און אין ליבע, נאָר אַניאַ האָט שלום געמאַכט מיט איר איצטיקער לאַגע. זי וואָלט איצט, אפילו איצט, און אפשר דווקא איצט, געקאָנט זיין גליקלעך, ווי זי האָט זיך דאָס אַמאָל געטראַכט, אַז אין נויט, אינעם קאַמף פאַר דעם טאָג־טעגלעכן לעבן וואָלט זי זיך געפונען איר אָרט נעבן סוליקן. זי האָט אָבער געזען, אַז איר מאַן און עלטסטע טאָכטער בלאָנדזשען אינעם אַמאָל. און דווקא דער גוטער און רייכער „אַמאָל" איז פאַר זיי געווען פול מיט געפאַרן.

אַניאַ האָט געזען אַז אין איר הויז וואַקסט אָן אַ שווערע טראַגעדיע און זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי און מיט וואָס זיך איר קעגנצושטעלן...

די לעצטע שותפות

די מאַטעריעלע לאַגע ביי די סוליקס איז געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלע, איינגאַנצן אָן אַן אויסוועג. זיי האָבן שוין געהאַט באַגרענעצט די שטוב־אויסגאַבן ביז אַ מינימום, אָבער אַפילו אויף אַזאַ באַשיידענעם אופן לעבן וואָלט דאָס, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן, געסטייעט נאָר אויף עטלעכע געציילטע חדשים. נישט נאָר סוליק, נישט נאָר עווא, נאָר אַפילו די אָפּטי־מיסטישע אַניאַ, האָט אויך אָנגעהויבן זען, אַז זיי זענען פאַרפאַלענע, אַז ווער ווייסט צו וואָס זיי וועט נאָך אויסקומען זיך צו דערקייקלען.

דאַמאָלט איז סוליקן געקומען אויפן געדאַנק אויסצונוצן זיין אַמאָלי־קע בוכהאַלטעריע־קענטעניש און זוכן פאַר זיך אַ פּאָסטן פון אַ בוכהאַלטער. אַניאַ האָט אונטערגעהאַלטן דעם דאָזיקן געדאַנק, זי האָט סוליקן דערמו־טיקט דאָס צו טון, זי האָט אים פאַרזיכערט אַז דאָס וועט זיין פאַר אים

נאָר אַ צייטווייליקע באַשעפטיקונג. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האַלט דאָס פאַר אַ גליקלעכן איינפאַל, ווייל אַזוי אַרום וועט ער אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט דער סוחרישער וועלט און וועט זיך נאָך דערשלאָגן צו אַן אייגן געשעפט, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער אייגנטלעכער טרוים פון סוליקן פון זיינע יונגסטע יאָרן אָן.

נאָר עווא איז נישט געווען אַנטציקט פון אירע עלטערנס פּראָיעקט. כאָטש זי האָט געזען אַז קיין אַנדערער אויסוועג איז נישטאָ. זי איז שוין דאַמאָלט אַלט געווען אין צוואַנציקסטן יאָר, אַ סך פאַר די לעצטע דריי יאָר זיך אָנגעזען און איבערלעבט. זי האָט גוט געוווסט וואָס עס דערוואַרט אירע עלטערן און די קינדער, טאָמער וועט איר פאָטער קיין בוכהאַלטער־פּאָסטן נישט באַקומען. עווא האָט אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן צו זאָגן יאָ אויף איר פאָטערס פּראָיעקט, ווייל זי האָט פאָראויסגעפילט, אַז טאָמער ווערט ער אַ בוכהאַלטער, וועט ער שוין קיינמאָל נישט ווערן עפּעס מער דער־פון. זי האָט חושד געווען די מוטער, אַז איר רעדן וועגן אַ בוכהאַלטער־פּאָסטן ווי וועגן אַ צייטווייליקער באַשעפטיקונג איז נאָר כדי דערמיט צו דערמוטיקן דעם פאָטער אין זיין געפאַלנקייט, אָבער אַליין גלויבט זי נישט אין דעם אין וואָס זי פּרווט דעם פאָטער מאַכן גלויבן.

כאָטש עווא האָט געוווסט, אַז וואָס איר מוטער טוט איז ריכטיק און נויטיק, סיי פאַר זייער פּשוטער עקזיסטענץ און סיי פאַר איר פאָטערס פּסיכישן געזונט, האָבן אָבער אירע יונגע חלומות אין איר קעגן דעם פּראָ־טעסטירט, געריסן זיך פון דער קייט פון טאָג־טעגלעכקייט, געוואָרפן זיך מיט אַלע כוחות קעגן שטראָם, ווי עס וואַרפט זיך אַ שיף וועלכע איז פאַר־מישפּט אונטערצוגיין...

נאָך עטלעכע וואָכן זוכעניש איז סוליקן געלונגען צו באַקומען אַ פּאָסטן פון דריי שעה אַ טאָג בוכהאַלטעריע אין איינעם פון די געשעפטן אויף נאַלעווקעס. דאָס געשעפט האָט געהערט צו אַ געוועזענעם אָנגע־שטעלטן, וואָס האָט אַמאָל געאַרבעט מיט סוליקן צוזאַמען אין דעם מאַנו־פאַקטור־געשעפט, ווו סוליק איז געוואָרן אויבער־משרת. דער דאָזיקער סוחר איז דאָס לעצטע יאָר שטאַרק רייך געוואָרן נאָך דעם, ווי ער האָט באַנקראָטירט אויף אַ גרעסערער סומע.

פון איינעם אַזאַ פּאָסטן האָט סוליק נישט געקאָנט אויסהאַלטן זיין משפחה. מיט דער צייט האָט ער באַקומען נאָך אַ פּאָסטן אין אַ צווייט געשעפט. שפּעטער האָט ער באַקומען באַשעפטיקונג אין די נאָכמיטאָג־שעהן.

סוליק האָט זיך גענומען אין די הענט. ער האָט אָנגעהויבן לייגן מער אַכט אויף זיין אויסערלעכקייט. די וואָנסעס, וועלכע ער פלעגט טראָגן געדרייט אַרויף, און זיי לעצטנס געהאַט פאַרנאַכלעסיקט, האָט ער צוריק אָנגעהויבן אָנצוגעבן זייער אַמאָליקע פאָרם. ווי נאָר ער פלעגט אַהיימקומען, ביי מיטאָג צי ביינאַכט, האָט ער זיך באַלד אויף די וואָנסעס אָנגעטון אַ מאַשינקע, וועלכע ער האָט מיט צוויי שוואַרצע בענדעלעך און צוויי האַלאַבלעס פאַרלייגט אויף די אויערן.

אַניאַ האָט אַכטונג געגעבן, אַז סוליקס הויזן זאָלן זיין אָפּגעפּרעסט אויף אַ קאַנט. זי האָט אויפגעפּאַסט ער זאָל אָפּט טוישן די שטייפע „סטאָיאָנצע־וויקלאַדאַנע״ (שטייענדיק־אויסגעלייגטע), ווייסע, וועבענע קעלנער. זי האָט אַכטונג געגעבן, אַז זיינע ווייסע נאָז־טיכלעך זאָלן בלאַנקן און אַז ער זאָל שטענדיק האָבן אין דער קעשענע אַ רעזערוו־טיכל אויף איבערצופּוצן די ברילן.

סוליק איז געוואָרן זייער געוויסנהאַפט. ער פלעגט קומען פּינקטלעך צו דער באַשעפטיקונג. ווי נאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין קאַנטאָר־טישל, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם קאַנט פון דער רעכטער הויז, דערנאָך דעם קאַנט פון דער לינקער הויז, דערנאָך האָט ער איבערגעפּוצט די ברילן מיטן ספּעציעלן דערצו טיכעלע, דערנאָך קאָנטראָלירט צו אין די טינטערס איז פאַראַן גענוג טינט, רויטן און שוואַרצן, דערנאָך האָט ער גענוי קאָנטראָלירט צי די שפּיצן פון די פעדערלעך זענען ריין און שאַרף, דערנאָך ערשט איינגעטונקען די פעדער אין טינט, דאָס ערשטע ביסל אָנגענומענע טינט אָפּגעווישט מיט לעש־פּאַפּיר, ווידער איינגעטונקען די פעדער און גענומען אַוועקלייגן אין די ביכער אויסקאַליגראַפירטע ציפערן.

די אַלע וואָס האָבן געקענט דעם אַמאָליקן סוליק, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט צו ענדיקן אַן אָנגעהויבן געשפּרעך, דעם וואָס האָט

זיך אײביק געיאָגט, האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּװוּנדערן פֿון דער ענדע־רונג, װעלכע איז אין אים פֿאָרגעקומען.

*

אױסערלעך האָט איצט דאָס לעבן בײַ די סוליקס אױסגעזען צו פֿליסן נאָרמאַל. סוליק פֿלעגט יעדן אינדערפֿרי אַװעקגײן צו זײַן באַשעפֿטיקונג. אַניאַ פֿלעגט אים מיטגעבן אַ קלײן פּעקעלע מיט צװײ בוטערבראָטן אײַנ־געװיקלט אין פּערגאַמענט־פּאַפּיר און פֿאַרבונדן מיט אַ בענדעלע. אַניאַ פֿלעגט גײן אײַנקויפֿן, אַניאַ האָט געראַמט, אַניאַ האָט געקאָכט, אַניאַ האָט דערלאַנגט צום טיש. זיגמונט איז געגאַנגען אין גימנאַזיע. דאָס לערנען איז אים אָנגעקומען שװער. ער האָט אָפֿט געהאַט עגזאַמענס, בײַ יעדן פֿערטל־יאָר. אַניאַ פֿלעגט יעדעס מאָל, װען זיגמונט האָט געהאַט אַן עגזאַמען, געבן אױף ר׳ מאיר בעל־הנס און אָנצינדן ליכט אפֿילו װען דער עגזאַמען איז אױסגעפֿאַלן אין שבת...

אַדעלאַ איז געגאַנגען אין שולע, זי איז געװען זײער אַ גוטע שילערין און אַ גוט קינד. זי האָט צוגעהאָלפֿן דער מוטער מיט װאָס זי האָט נאָר געקאָנט. עװאַ האָט געלײענט ביכער...

אַניאַ פֿלעגט זיך יעדן נאָכמיטאָג, װען זי האָט געהאַט געענדיקט מיט דער װירטשאַפֿט, אָנטון אַ טונקל קלײד, זומער פֿון זײד און װינטער פֿון װעלװעט, מיט אַ װײַסן מאַריאַ־סטיואַרט קראַגן. זי האָט זײער ליב געהאַט די קראַגנס װאָס האָבן אַזױ בולט אונטערגעשטראָכן די ליניעס פֿון איר שײנעם קאָפּ, װאָס איז נאָך אַלץ שטאָלץ געזעסן אױף איר הױכן האַלדז.

אַניאַ האָט לעצטנס אָנגעהױבן װערן גרױ. זי האָט זיך װײטער געקעמט אַרױף, װי אַ טורעם. איר קופּערנער קאָפּ האָט איצט אױסגעזען װי אַ פֿײַער װאָס איז לײַכט באַשאָטן געװאָרן מיט אַש.

װי סוליק האָט זיך נישט באַמיט, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אױס־באַהאַלטן פֿאַר אַניען זײַן מידקײט און געררײצטקײט. אים האָט שטאַרק געמאַטערט זײַן אַרבעט. דער עיקר שװעריקײט איז באַשטאַנען דערין, װאָס ער האָט געמוזט זײַן אָנגעשטעלט אין דרײַ געשעפֿטן. יעדער באַלעבאָס האָט געהאַט זײַנע קאַפּריזן, זיך געמישט אין דער בוך־פֿירונג, געזאָגט

דעות מיט עם־הארצישער פאַרשאַרטקייט. סוליקן האָט זייער ווי געטון, וואָס ער מוז זיין אָנגעשטעלט ביי געוועזענע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן אַמאָל זיך געהאַלטן פאַר אַ כבוד, ווען ער האָט באַוויליקט מיט זיי צו פאַרטוישן אַ וואָרט. איצט זענען זיי געווען די חכמים, זיי פלעגן זיך וויצלען אויף זיין חשבון, ווען זיי האָט זיך אויסגעדאכטן אַז ער זעט נישט, האָבן זיי אָפּגע־שפּעט פון אים. צווישן זיך פלעגן זיי זאָגן, אַז דער ליטוואַק איז שטענדיק געווען אַ חמור למשא און אַזוינער איז ער פאַרבליבן.

זייט סוליק איז געווען באַהאַלטן איז ער געוואָרן זייער אַפּאַטיש. ער פלעגט אין דער פרעמד גאַנצע טעג נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, אויב ער האָט נישט געמוזט. מענטשן האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער איז מעלאַנכאָ־ליש. אָבער אין דער היים איז ער געווען גערייצט, אויפגערעגט און פלעגט טיילמאָל אויסברעכן מיט טענות און טשעפּן זיך צו די קינדער פאַר בילע־וואָס. אַממיינסטן האָט ער זיך געטשעפּעט צו דער גוטער, לעבעדיקער און פריילעכער אַדעלאַ.

אַניאַ פלעגט זיך באַמיען אים צו באַרויקן. זי האָט יעדן פאַרענטפערט, פאַר יעדן געהאַט אַ שמייכל, אָבער געווען טיף פאַרזאָרגט איבער סוליקס נערוון־צושטאַנד. אויך עווא האָט זי די לעצטע צייט גאָר שטאַרק באַאומ־רויקט.

*

וואָס מער די שטוב ביי די סוליקס האָט זיך אויסערלעך איינגעשטעלט און אָנגענומען דעם מאָנאָטאָנעם נוסח פון די קוים באַמיטלטע הייזער פון באַשיידענעם מיטלשטאַנד, ווו די צייט פליסט רויק און אָן אויפטרייסלונ־גען, אַלץ מער איז געוואַקסן עוועס אינערלעכער אומרו. אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן זיך געפונען אין דער קאַטאַסטראָפע, און אפילו שפּעטער, ווען זיי זענען געשטאַנען ביים ראַנד פון פאַרלוירן גיין, האָט נאָך ערגעץ־ווו, טיף פאַרבאָרגן אין עווען געטליעט אַ האָפנונג, אַז עפּעס וועט זיך ביי זיי ראַשיק, מיטאַמאָל אומדערוואַרטעט ענדערן. אָבער איצט ווען אַלץ האָט זיך מכלומרשט באַרויקט, ווען יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, האָט עווא דערזען די גאַנצע האָפנונגסלאָזיקייט פון

איר לאַגע. איר האָט זיך אָפּט אויסגעדאכטן, אַז זי געפינט זיך ביי די לוריעס, אַז די אַלע מעבלען, וואָס שטייען דאָ, די אַלע קליינינקייטן וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער רייכער דירה, אַז דאָס אַלץ איז דאָ פרעמד. זי האָט געזען אַז די שטוב־מענטשן באַוועגן זיך, לעבן, גייען אַדורך צווישן די זאַכן, נאָר מיט זיי אַליין האָבן זיי נישט קיין שום לעבעדיקן שייכות. ביי די לוריעס האָט אויסגעזען ווי די מענטשן און די שטוב גופא וואַרטן אויף עפּעס, וואָס פאַרזוימט צו קומען. דאָ האָט אפילו קיינער אויף גאָר־נישט געוואַרט, נישט אַניאַ, נישט סוליק און נישט זי, עוואַ. זיגמונט און אַדעלאַ האָבן נאָך אויסשליסלעך געלעבט אויף דער קאָנטאָ פון זייער יונגקייט און האָבן זיך אין דעם שווערן, מרה־שחורהדיקן חשבון נישט געדעכנט.

עוואַ האָט לעצטנס אָפּט געטראַכט וועגן יאַדוויגען. זי האָט איר מקנא געווען, ווייל יאַדוויגאַ איז פון קינדווייז אויף דערצויגן געוואָרן אין אַ באַשיידענער סביבה, זי איז געווען צוגעוווינט צו אַ גרוי לעבן. זי האָט איר מקנא געווען מיט איר, יאדוויגעס, קאָנען וואַרטן, מיט איר גלויבן אַז זי האָט אויף וואָס צו וואַרטן. אַזאַ גלויבן איז עווען געווען אינגאַנצן פרעמד. עוואַ האָט שוין דאַמאָלט, ווען זי איז געווען ביי די לוריעס, געזען, אַז יאַדוויגעס גלויבן האָט אַ גרעסערן שייכות צו איר מוטערס פּלענער וועגן זי חתונה מאַכן, ווי צו אירע „אייגענע“ עמאַנציפּאַציע־אידעען.

דאַקעגן עווען, וועלכע איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין רייכ־טום, און וועלכע איז, נישט געקוקט אויף דעם, שטענדיק געווען אַן אומ־רויקע, אַן אומצופרידענע פון זיך, האָט די קאַטאַסטראָפע פאַרכאַפּט אין איר זיבעצעטן לעבנס־יאָר, אין דער אומגעדולדיקער צייט, ווען האָפנונגען און חלומות מערן זיך, פאַדערנדיק תיכף זייער דערפילונג. עוואַ האָט געהאַט אַ שאַרפע אינטעליגענץ, זי האָט געזען אַז זי האָט נישט אויף וואָס צו וואַרטן. אַחוץ דעם האָט זי בכלל נישט געקאָנט וואַרטן, דאָס איז געווען להלוטין קעגן איר האַסטיקער נאַטור.

עוואַ איז ביז איצט נאָך געווען אינגאַנצן נישט אויפגעוועקט. צוליב איר נישט־שיינקייט, האָט אַניאַ אויסגעמיטן באַצייטנס מיט איר אויף די טעמעס צו רעדן. דערנאָך, נאָך דער קאַטאַסטראָפע, האָט זי נישט געהאַט

וואָס מיט איר צו רעדן. עווען איז געווען ווייט און אומבאַקאַנט יעדער קערפּערלעכער באַגער. עוואַ האָט געוווּסט פון ביכער וועגן סעקסועלן לעבן פון דער פרוי, אָבער צו איר, האָט זיך איר אויסגעדאַכטן, האָט עס קיין שייכות נישט.

עוואַ האָט זיך לעצטנס אָנגעהויבן מיאוסן מיט איר קערפּער. אַניאַ האָט באַמערקט, ווי עוואַ גנבעט זיך אַריין ביינאַכט אין בעט אַריין אין די טאָג־וועש, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך בלויז דאָס קליידל. אַניא האָט זיך דער־מאָנט דעם סקאַנדאַל וואָס עוואַ האָט געמאַכט ביי די לוריעס אין שטוב די ערשטע נאַכט, וואָס עוואַ מיט אדעלען האָבן דאָרט פאַרבראַכט, ווען אויף עווען פראַגע, ווו זי קאָן זיך אויסבאָדן פאַרן שלאָפן גיין, האָט איר יאַדווי־גאַ דערלאַנגט אַ שיסל וואַרעם וואַסער זיך אַרומצוּוואַשן. אַניאַ האָט זיך דערמאָנט דעם שפּאָטישן בליק מיט וועלכן עוואַ האָט געקוקט אויף יאַדווי־גען ווען זי האָט איר געזאָגט, אַז זונטיק וועט זי זיך קאָנען אויסבאָדן אין דער צינענער וואַנע, וועלכע איז אַ גאַנצע וואָך געשטאַנען אויף דער־אַנטרעסאָלע. אַניאַ האָט זיך דאָס אַלץ דערמאָנט, און איר איז שרעקלעך טרויעריק געוואָרן פון דעם, צו וואָס עוואַ איז דערגאַנגען. זי האָט עווען נישט געמאַכט קיין באַמערקונג, זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, אָבער געזען דערין אַ שלעכטן סימן...

עוואַ האָט שוין געוואָלט זיין פון זיך וואָס ווייטער. זי האָט געזען, אַז דער שטח צווישן איר טראַכטן וועגן זיך און צווישן דעם פאַקטישן זיך, ווערט וואָס אַמאָל גרעסער. זי האָט נאָר נישט געוווּסט ווי לאַנג דאַרף דאָס דויערן, אַז דער שטח צווישן זיך און זיך זאָל ווערן אַזוי גרויס, אַז איינער פון צווייטן זאָלן זיך שוין קאָנען אָפּשיידן, באַפרייען פּטור ווערן פון זיך...

דאָס ערשטע מאָל ווען זי האָט וועגן דעם אַ טראַכט געטון, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן. אַ קאַלטער שוויס האָט זי אָפּגעגאָסן פון פחד. דערנאָך האָט זי שוין געטראַכט וועגן דעם רויקער. גאָר לעצטנס איז דער געדאַנק געוואָרן איר וואָס אַמאָל נענטער, עס האָט איר אפילו געצויגן דערצו. ווען זי האָט וועגן דעם געטראַכט, האָט זי געפילט ווי עפּעס אַ זיסקייט וואָלט זיך איר צעלייגט אין גריבעלע, אונטערן האַרץ, ווי דאָס געשעט ביי אַ מענטש, וואָס האַלט ביים פאַרפרוירן ווערן...

*

דערווייל איז די צייט געגאַנגען. סוליק האָט זיך געפילט וואָס אַמאָל ערגער. געווען דערשעפּט, דערשלאָגן, און די דאָקטוירים האָבן דורכאויס גערעדט ער זאָל פאַרלאָזן כאָטש דעם נאָכמיטאָגדיקן פּאָסטן. סוליק האָט זיך אָבער דערויף נישט געקאָנט דערלויבן. עס האָט אַזוי אויך קוים געסטייעט צו דעקן די שטוב־הוצאות און שול־געלט פאַר די צוויי קינדער.

ווי אַניאַ האָט מיט איר דורכדרינגלעכקייט נישט געזען עווס מצב, האָט זי דאָך זיך נישט געקאָנט אָפּווונדערן פון איר גלייכגילטיקייט צו איר פּאָטערס פּיין. ווואָ איז געווען סיי צו אַניען און סיי צום פּאָטער אויסער־געוויינטלעך גוט און צערטלעך. אָבער מיט געבן עטלעכע לעקציעס, וואָלט זי געקאָנט באַפרייען דעם פּאָטער ער זאָל נישט דאַרפן גיין אויף זיין נאָכמיטאָג שטעלע. אַניאַ האָט זיך באַקאַנט מיט עטלעכע שכנטעס פון הויף אויף פּאָקאָרנע, האָבן זיי איר פאָרגעשלאָגן שיקן זייערע קינדער זיך לער־נען ביי עווען. זיי זענען געווען גרייט זייער גוט צו באַצאָלן.

אַניאַ האָט פאַרענטפערט איר טאָכטער, אַז זי האָט נישט קיין צייט ווייל זי גרייט זיך שטודירן. עווען האָט זי דירעקט וועגן די לעקציעס נישט געזאָגט. זי האָט איר דאָס נאָר געגעבן אָנצוגעהערן, אָבער קלאָר געזען, אַז עוואַ האַלט נישט דערביי.

אַניען איז נישט געגאַנגען בלויז אין געלט, אין הילף פאַר סוליקן. זי האָט זיך געטראַכט ווי גוט עווא האָט זיך געפילט ווען זי האָט איבער־גענומען די ווירטשאַפט אין שטוב ווען זיי האָבן אָפּגעשאַפט די פרוי לוריע. אַניאַ האָט געוואָלט איצט דורך די לעקציעס געבן עווען באַשעפטיקונג, איר אַרויסרייסן פון די טונקעלע מחשבות אין וועלכע זי האָט געפילט אַז עוואַ זינקט וואָסאַמאָל מער.

זי האָט געוווּסט, אַז נישט פון איבעראַרבעטן זיך איז איר מאַן נער־וועז־קראַנק. זי האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אים געקומען פון דעם, ווייל ער זעט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל דעם איצטיקן מצב נישט ענדערן. עוואַ האָט אָבער דאָס אויך געוווּסט, זי האָט געוווּסט אַז אים וועט שוין גאָרנישט העלפן. זייענדיק שוין אַליין ווייט פון אַ סך זאַכן פון דער וועלט האָט זי נישט געהאַט קיין מוט, און נישט קיין חשק, און נישט קיין כוח

און אויך נישט געזען קיין זינען צו דערלאַנגען איר פּאָטער אַ האַנט, כאָטש זי האָט אים גאָר שטאַרק ליב געהאַט.

*

ווען מאַניע בראָודע האָט זיך געגרייט צו פאָרן אין דער שווייץ, זענען די פרוי בראָודע און דער עיקר די טשאָטשע בראָניע צוגעשטאַנען צו אַניען, אַז זי זאָל פּועלן ביי איר טאַטער זי זאָל געבן מאַניען לעקציעס פון פראַנצויזישער קאָנווערסאַציע. די בראָודע׳ס וואָלט דאָס געווען זייער צו דער האַנט. זיי האָבן נישט געוואָלט שיקן מאַניען ווייט אויף לעקציעס בכדי נישט געבן דודן, וועלכער האָט אויף איר געלויערט, קיין געלעגנהייט זיך מיט איר צו טרעפן. איינלאַדן ווידער אַ לערערין צו זיך, איז די בראָודע׳ס אויך נישט געווען באַקוועם. אין דער גרויסער אָבער צעפּאָרענער שטוב זייערער איז פשוט נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ לערערין אויף עטלעכע שעה אַ טאָג, דערצו נאָך איצט, ווען די צוגרייטונגען צו מאַניעס אַוועקפאָרן זענען געווען אין פולן ברען און אַלע און אַלץ איז געווען דער־מיט פאַרנומען.

האָבן זיך די בראָודע׳ס זייער אָנגעכאַפּט אין דער מעגלעכקייט אַז מאַניע זאָל נעמען די לעקציעס ביי סוליקס טאָכטער. די טשאָטשע בראָניע האָט דעליקאַט געגעבן אָנצוצוהערן אַניען, אַז די הויף־שכנים וווּנדערן זיך, וואָס אַזאַ עלעגאַנטע און שיינע פרוי ווי אַניאַ מוז אַלץ אַליין טון אין שטוב און איר דערוואַקסענע טאָכטער העלפט איר אפילו אין מינדעסטן נישט צו. זי האָט זיך אויך געוווּנדערט וואָס אַניאַ דערלויבט דעם מאַן, שוין אַן עלטערן מענטש, אַזוי שווער אַרבעטן און צו דער טאָכטער, וואָס טוט גאַנ־צע טעג גאָרנישט, באַציט זי זיך מיט אַזויפיל נאַכגיביקייט און סבלנות. די טשאָטשע בראָניע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין דאָס וווּנענדיק אין אַ הויף, קאָן מען זיך נישט אָפּזונדערן פון אַנדערע לאָקאַטאָרן, ווייל סיווי ווייסט איינער, וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן, און וואָס מער אימיצער מיינט, אַז ער האָט פאַרן צווייטן אויסבאַ־האַלטן, אַלץ גענויער ווייסט מען וואָס ביי יענעם טוט זיך...

די טשאָטשע בראָניע האָט אַניען אָנגעוויזן אויף דער גוטער זייט פון דער באַקאַנטשאַפט פון איר טאָכטער מיט אַזאַ לעבנסלוסטיקער, פריילעכער,

פול מיט לעבנס אימפּעט מיידל ווי עס איז מאַניע. דאָבּיי האָט זי נישט איין מאָל אונטעגעשטראָכן אַז די בראודע׳ס זענען גרייט צו באַצאָלן וויפיל זי וועט נאָר וועלן.

אַניען איז געווען שטאַרק נישט אָנגענעם אויסצוהערן אָט דאָס אַלץ פון אַ פרעמדן מענטש. זי איז אין אָנפאַנג געווען אויפגעבראַכט דערפון און נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן נישט אַרויסצוווייזן איר עמפּערונג פון דער דרייסטקייט מיט וועלכער אַ פרעמדער מענטש רעדט וועגן אירע פאַמיליע־ענינים. אָבער ביי זיך האָט אַניאַ געטראַכט, אַז דער פרעמדער מענטש איז אפשר גערעכט. נאָך דער שעדלעכער ווירקונג וואָס די דורכ־שניטלעכע, גרויע פערזאָן פון יאַדוויגען האָט געהאַט אויף עווען, האָט זי אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס נענטערע באַקענען זיך מיט אַזאַ מיידל ווי מאַניע קאָן פאַר עווען זיין אַ גרויסע אויפפרישונג. אַניאַ האָט אויך געוואָלט אַזוי אַרום פאַרמינערן דעם אינטערעס פון די שכנים צו זיך. פון בראַניעס ווערטער האָט זי פאַרשטאַנען, אַז די פאַמיליע סוליק שטייט איצט אין צענטער פון די הויף־פאַראינטערעסירונגען.

אַניאַ האָט דאָס מאָל גערעדט מיט עווען אָפן און דירעקט וועגן די בראודע׳ס פּראָפּאָזיציע. עוואַ האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. אַניאַ איז אָבער צו איר צוגעשטאַנען, געווען צודרינגלעך, אויפפּאָדערנדיק און באַנוצט דערביי די סאַמע ווייטאָגלעכסטע אַרגומענטן. עוואַ האָט געקוקט אויף איר מוטער מיט פאַרוווּנדערונג. זי האָט געהערט אירע ווערטער מיט שטוינונג.

צו אַניעס שיינקייט איז איצט צוגעקומען אַ שאַרפקייט און ערנסט־קייט, וועלכע מען קאָן נאָר זען ביי זעלנער וואָס שטייען אַרויסגערוקט אויפן סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטן און געפערלעכסטן פּאָסטן. עוואַ האָט געזען אַז דאָסמאָל וועט זי זיך מוזן אונטערגעבן. אין אירע חשבונות, אין וועלכע עס איז שוין געווען ווייניק עפּעס פון דער וועלט האָט זיך ווידער אַריינגעפּלאָנטערט אַניאַ, איר מוטער.

פון איצט אָן, האָט זיך עוואַ געטראַכט, טראָגט זי שוין נישט אַליין די אחריות פאַר זיך. איר איז דערפון לייכטער געוואָרן. איר מוטער איז אַזוי אַרום ווידער געוואָרן אַ שותף צו איר גורל...

דער סך־הכל...

מאַניאַ בראודע האָט אָנגעהויבן קומען צו עוואַ סוליק אויף לעקציעס פון פראַנצויזישער קאָנווערסאַציע. ס׳איז געווען אָנהויב האַרבסט. אויף דער וועלט האָט אָנגעהויבן ווערן גראָ. עווא איז געווען אין אַ שווערער שטימונג. ווען מאַניע איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אויף דער לעקציע, האָט זי געטראָגן אויף די אָרעמס פאַרוואָרפן אַ העלן מאַנטל. ביים אַריינקומען האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל מיט אַ האַלב קיילעכדיקער טאַנץ־באַוועגונג, ווי זי וואָלט געמאַכט אַ פּירועט און אָנשטאָט זיך צו באַגריסן, איז זי אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

עוואַ האָט מיט אירע שמאָלע, טונקל־גראָע אויגן געקוקט אויף מאַניען, ווי אויף עפּעס אַ משונהדיק באַשעפעניש. איר איז נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט אויסגעקומען צו זען אַזאַ מין פאַרהאַלטן זיך. עוואַ און מאַניע האָבן זיך נישט געקענט, דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך איצט געזען. ווען מאַניען איז אַדורך דער פּאַראָקסיזם פון לאַכן, האָט זי זיך דערפילט נישט אָנגענעם. עוואַ האָט נישט געמאַכט די מינדעסטע באַוועגונג, זי האָט גאָרנישט געטון בכדי זיך מיט מאַניען באַקענען, נאָר געזעסן און זי אַדורכגענומען מיטן בליק פון אירע שטאָלענע אויגן.

ערשט ווען אַניאַ איז אַריינגעקומען און אויפגעכאַפּט די פאַרלעגנהייט אין וועלכער ביידע פרייליינס געפונען זיך, האָט זי זיך אָנגערופן: — וואָס, נאָך אַלץ זיך נישט באַקענט? — מיט אַ חנעוודיקער האַנט־באַוועגונג האָט זי אָנגעוויזן איינער אויף דער צווייטער און אַרויסגעזאָגט ווי אַ שפּרוך: — מאַניע בראודע — מיין עלטסטע טאָכטער, עוואַ. ביידע פרייליינס האָבן זיך דערלאַנגט די הענט. מאַניע האָט זיך ווידער צעלאַכט, אָבער שוין מער נישט געווען אין פאַרלעגנהייט.

מאַניע איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ טונקל־בלוי זיידן קלייד מיט אַ קראַגן און מאַנקעטן פון ווייסן גיפּיור. זי האָט ליב געהאַט זייד און די

טונקל־בלויע פאַרב, וואָס האָט אַזוי גוט האַרמאָניזירט מיט אירע האָר און העלער קאַרנאַציע. האָר האָט זי געהאַט טונקל־בלאָנדע, דיקע מיט אַ זײַדע־נעם גלאַנץ. זײַ זענען געווען געדיכטע און שווערע, מיט אַ געזונטער, שפּעדי־קער שווערקייט. לעצטנס האָט זי געטראָגן די האָר פאַרלייגט הויך אויפן קאָפּ, אויפן יאַפּאַנישן שטייגער. די פריזור און די הויכע קנאָפּלען פון די לאָטשן האָבן זי געמאַכט העכער. זי האָט נאָר געוואָלט זײַן הויך. זי האָט שטאַרק באַדויערט וואָס זי איז אַ נידעריקע. איר ראָזאָ פּנים און פולער האַלדז וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פון צווישן די טונקל־בלאָנדע האָר און טונקל־בלויען זייד פון קלייד איז נישט געווען ספּעציעל שיין, אָבער פריי־לעך, פול מיט פּאַרבאָרגענער לוסט און פאַרטייעטער זינלעכקייט.

עוואַ איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע אין אַ טונקל גראַנאַטענעם אונ־טערגעבעטן סאַטינענעם שלאָפראָק, אויף די פיס אַ פּאָר בראָקאַטענע לעטשלעך פון אַמאָל, און געטראָגן פאַרוואָרפן אויף זיך דאָס מענטעלע פון גרויען קאַראַקול, וואָס איז שוין געווען אַ שפּאָר ביסל אויסגעריבן. די האָר האָט זי געהאַט פאַרקעמט אַרויף פונעם שטערן און פאַרכאַפּט פון אונטן מיט אַ גאַנץ ברייטן קאַם.

עוון איז שוין געווען קאַלט, כאָטש ס׳זענען געווען די ערשטע טעג פון פריען האַרבסט. עפּעס איז אין איר אָפּגעלאָזנקייט געלעגן לעצטנס אַ נישט אָנפּאַסבאַרער חן, וועלכן זי האָט קיינמאָל, אַפילו אין די בעסטע צייטן, נישט געהאַט. דאָס איז געווען אַ חן פון פאַרטראַגנקייט, אַ חן פון אַ מענטש וואָס שוועבט צווישן הימל און ערד, פון בין־השמשותדיקייט.

נאָך דעם ווי מאַניע האָט זיך שוין געהאַט באַקענט מיט עוון, און נאָך דעם ווי זי האָט זיך שוין געהאַט דאָס צווייטע מאָל אויסגעלאַכט, איז זי מיט אַמאָל געוואָרן מיט עוון היימיש, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אירס אַן אַלטע באַקאַנטע. מאַניע האָט דאָס ערשטע געפרעגט עוון, צי זי גייט אָפט אין טעאַטער. דערבײַ האָט זי אין איין אָטעם אויסגערעכנט אַלע אָפּערעטן־ און רעווי־טעאַטערס וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשע און אַפילו די, וואָס פלעגן קומען פון אויסלאַנד אויף גאַסטראָלן. עוואַ, וועלכע האָט שוין גאַנץ לאַנג נישט פאַרלאָזט די שטוב, אינערגעץ נישט געגאַנגען

און קיינעם און גאָרנישט געזען, איז בכלל נישט גענויגט געווען וועגן זיך צו דערציילן וואָס זי טוט. זי איז געווען פון מאַניעס אויפפירונג געוואַלדיק שאָקירט. מאַניע האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט גערעדט פויליש. עוואַ האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זי איז געקומען צו איר זיך לערנען פראַנצויזיש, און זי בעט איר נאָר אין דער שפּראַך צו איר זיך ווענדן.

מאַניע האָט אָנגעהויבן רעדן פראַנצויזיש. עוואַ האָט איר כסדר פאַראָכטן די גראַמאַטיקאַלישע פעלערן און די נישט ריכטיקע אויסשפּראַך. מאַניע האָט פאַרלוירן איר גאַנצע לעבעדיקייט, ס׳איז איר געוואָרן אומעטיק. זי האָט נישט געהאַט וואָס צו רעדן. ס׳האָט איר מיטאַמאָל אויסגעפעלט אַ טעמע. פּלוצים האָט זי אַ כאַפּ געטון אַ בוך, וואָס איז געלעגן נעבן עוואַן אויף דער קאַנאַפּע, עס געעפנט, אַ קוק געטון אויפן שער־בלאַט, איבערגעלייענט אויפן קול: פ. מ. דאָסטאָיעווסקי, „פאַרברעכן און שטראָף״. אַ וואָרף געטון דאָס בוך און אַרויסגעקרעכצט: — אַך, וואָס פאַראַ נודנע זאַך!

און באַלד איז מאַניע ווידער געוואָרן אויפגעלעבט, זי איז איבערגעגאַנגען אויף פויליש און געפרעגט עוואַן, צי זי האָט געלייענט באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן״, בראַנטאַמס „דאָס לעבן פון די פריילעכע דאַמען״, אַרעטינס „ווי אַזוי נאַנאַ האָט איר טאָכטער פּיפּי אויסגעבילדעט אויף אַ קורטיזאַנע״. און באַלד איז זי אַראָפּגעפאַלן צו אַזעלכע ביכער ווי „די עבירות פון גלח פּרעפעקט״ און „די אַוואַנטורעס פון אַ קאַפּיטאַן״. דערביי האָט זי ביים טיטל פון יעדן בוך געכיקעט, געקוקט עוואַן אין די אויגן און ווידער געכיקעט. עוואַ האָט פון גרויס פאַרלעגנהייט אַ שמייכל געטון. פאַר מאַניען איז דער שמייכל געווען אַ סימן פון אַפּראָבאַטע, אַז עוואַ איז צופרידן פון דעם שמועס. זי האָט איר פאַרגעלייגט, אַז אויב זי האָט די ביכער נאָך נישט געלייענט, איז זי איר גרייט צו דערציילן דעם אינהאַלט.

עוואַ האָט איר געדאַנקט. זי האָט געבעטן מאַניען רעדן פראַנצויזיש, און אויף אַזעלכע טעמעס וואָס וועלן איר, לויט איר אייגענער פאָרשטעלונג, קאָנען צונוץ קומען אין דער שווייץ. מאַניע איז ווידער אַראָפּגעפאַלן ביי

זיך, זי האָט גיך אָנגעהויבן גענעצן און זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ געהאַפּטן זיידן נאָז־טיכעלע.

עוואַ האָט געזען אַז קיין סך וועט זי פון מאַניען נישט אַרויסבאַקו־מען, האָט זי איר פאַרגעלייגט, אַז זי וועט פאַר איר עפּעס פאַרלייענען און מאַניע זאָל זיך גוט צוהערן צו דער אויסשפּראַך. עוואַ האָט פאָרגעלייענט די נאָוועלע פון אַלפאָנס דאָדע, „דער קליינער דעלפין". עוואַ האָט אַזוי ליב געהאַט די מוזיק פון דער דאָזיקער פּאָעטישער פּראָזע, דעם געמיש פון די קורצע און לאַנגע זאַצן, וואָס דאָ האַקן זיי אָפּ דעם אָטעם, און דאָ ווידער ציען זיי אים עד כלות הנפש. זי האָט אין דעם מיטלייד צום קליינעם דעל־פין וואָס מוז שטאַרבן, אויסגעוויטיקט איר מיטלייד צו זיך אַליין...

ס'זענען קוים אַדורך די צוויי שעה וואָס זענען געווען באַשטימט אויף דער לעקציע. מאַניע האָט זיך ווידער טאַנצנדיק אַ דריי געטון אין אַ האַלבן פּירועט און פאַרוואָרפן דעם מאַנטל. זי האָט זיך פריילעך געזעגנט מיט עוועַן און אַרויס.

עוואַ איז געווען אַ פאַרמאַטערטע. אין איר פּנים איז געווען אַזויפיל פאַרצווייפלונג, ווי אין אַ פּנים פון אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעטרונקען סם און ווייסט אַז זיינע שעהען זענען געציילטע. אַניאַ האָט געקוקט אויף עוועַן, ווי זי זיצט אַן איינגעקאָרטשעטע, אַ צונויפגעצויגענע, ווי זי וואָלט געוואָלט, וואָס וויניקער אָרט פאַרנעמען, מען זאָל זי וואָס וויניקער אָנזען, און אַניאַ איז געוואָרן פול מיט אומענדלעכן צער. זי האָט שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער זאַך מיט די לעקציעס. זי איז גיך אַריין אין קיך צוגרייטן דאָס מיטאָג. מיט אַ שופלע האָט זי געשיט די צעהאַקטע שטיקלעך קוילן אונטער דער פּליטע און אַ פאַרטראַכטע געקוקט, אַזוי ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל געזען, ווי דאָס פייער פאַרכאַפּט יעדעס שטיקל קויל, נעמט עס אַרום, צינדט עס אָן און פאַרברענט.

*

צומאָרגנס איז מאַניע ווידער געקומען אויף אַ לעקציע צו עוועָן. דאָס מאָל האָט זי שוין נישט גערעדט וועגן טעאַטער און ביכער, נאָר וועגן קליידער, קאָסטיומען, זשאַקעטן און וועגן אַנדערע טיילן פון איר גאַרדע־

ראָב. זי האָט אויסגערעכנט די צאָל שטאָפּן וואָס זיי האָבן איינגעקויפט אויף די קליידער, וועלכע מען נייט איר איצט. דערביי האָט זי ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, אַז זיי האָבן אַלץ געקויפט אין דער קריסטלעכער פירמע אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס, באַגוסלאַוו הערזע. מאַניע האָט געגעבן צו פאַרשטיין עווען, אַז כאָטש די זעלבע סחורה האָבן זיי געקאָנט באַקומען אין אַ יידיש געשעפט אויף די נאַלעווקעס אַ סך ביליקער, אָבער — אַ קריסטלעכע שניידערקע קוקט גאָר אַנדערש אויף אַ יידישער קליענטין, ווען זי זעט אַז מען האָט די שטאָפּן געקויפט ביי הערזען — האָט מאַניע האַלב־קאָנפידענציאָנעל צוגעגעבן. מאַניע האָט ליב געהאַט טאָפּט צוליב דעם רויש וואָס ער גיט פון זיך אַרויס ביים גיין. זי האָט ליב געהאַט נישט נאָר גלאַנץ, נאָר אויך רויש. זי האָט ליב געהאַט געמוסטערטן פראַנצויזישן זייד, דער עיקר מיט גרויסע, העלע בלומען. זי האָט ליב געהאַט בלויען שיפאָן־וועליור, פאַר זיין דעליקאַטקייט און ווייכקייט, און דערפאַר ווייל אין שיפאָן־וועליור קומט די בלויע פאַרב שטענדיק אַרויס אַ פאַרטיפטע. פון וואָלענע קליידער־שטאָפּן האָט זי ליב געהאַט שוואַרצן פראַנצויזישן דראַפּ־דע־דאַם, פאַר דער דינקייט פון זיין פאָדים. מאַניע, וועלכע האָט נישט געקאָנט געגוי פרעציזירן קיין פשוטן געדאַנק, האָט זייער גענוי געקאָנט אַרויסברענגען די ניואַנסן פון די פאַרשידענע זייד און וואָל־שטאָפּן.

כאָטש עווא איז פון מאַניעס באַרעדעוודיקייט גיך געוואָרן מיד, האָט זי דאָך אויפגעכאַפּט דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן שטריך ביי איר, און, ווי דערווידער עס איז איר נישט געווען דער אינהאַלט פון מאַניעס רייד, האָט זי זיך צוגעהערט נישט אָן אויפמערקזאַמקייט.

עווא האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט מאַניען זי זאָל רעדן פראַנצויזיש. זי האָט די גאַנצע צייט וואָס זי האָט גערעדט וועגן די שטאָפּן, גערעדט פויליש. ווי נאָר מאַניע האָט דערהערט אַז זי דאַרף רעדן פראַנצויזיש, איז זי געוואָרן אומעטיק. עווען איז אַ רחמנות געווען אויף דעם מיידל, וועלכע מען מאַטערט דווקא מיט פראַנצויזישער קאָנווערסאַציע. ביידע האָבן זיי געדאַנקט גאָט ווען די לעקציע האָט זיך געענדיקט.

קנאַפּע צוויי חדשים צייט האָבן געדויערט די פיינלעכע פאַר עווען

לעקציעס. מאַניע פלעגט יעדעס מאָל קומען מיט עפּעס אַנדערש. דאָ האָט זי גערעדט וועגן די פּאַסאָנען פון די קליידער, וועלכע מען האָט איר געניית, דאָ ווידער האָט זי דערציילט, ווי רייך ס׳זענען אירע שווייצאַרישע קרובים צו וועלכע זי פאָרט, און אַנדער מאָל האָט זי אָנפאַרטרויט עווען אַ סוד, אַז איר פאָטער האָט אַזויפיל געלט, אַז ער וואָלט געקאָנט קויפן דריי גרויסע הייזער, נאָר ער האָט מורא דאָס צו טון. דערביי האָט זי עפּעס אַזוי געצויגן מיט די פּלייצעס, ווי זי וואָלט דערמיט געגעבן עווען צו פאַר־שטיין, אַז זי ווייסט נישט פאַרוואָס איר פאָטער האָט מורא צו קויפן זיך הייזער. זי האָט געקוקט אַזוי מאָדנע אויף עווען, ווי זי וואָלט געוואַרט אַז זי, עוואַ, זאָל איר קלאָר מאַכן דעם זין דערפון, אויפקלערן איר דאָס רעטעניש.

פאַר עווען זענען די שמועסן געווען אַ שווערע איבערלעבעניש. זי פלעגט נאָך יעדן מאַניעס אַוועקגיין זיין אינגאַנצן אַ צעבראָכענע. מאַניע איז געווען פאַר איר צו פּשוט, אַז זי זאָל איר מקנא זיין. זי האָט אפילו נישט געהאַט דעם אויבערפלעכלעכן אינטערעס פאַר געוויסע לעבנס־פּראָבלעמען, וועלכע ס׳האָט געהאַט יאדוויגא. מאַניע האָט זיך צומאָל נישט אַריינגעביסן איןֿ לעבן, זי האָט נאָר פון לעבן גענאַשט. און צו נאַשן האָט זי געהאַט אַ סך. זי האָט ליב געהאַט זיידענע קליידער, האָט זי זיי געהאַט איבערגענוג. זי האָט ליב געהאַט גיין אויף אָפּערעטעס, אויף רעוויעס, איז זי געגאַנגען. איצט איז איר פאָרגעשטאַנען אַזאַ רייזע אין דער שווייץ. די בראָודע׳ס האָבן געהאַט געלט און מאַניע האָט דערפון גענאַשט, וויפיל ס׳האָט זיך איר געוואָלט.

עוואַ האָט זיך געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט זי אַליין אַחוץ עולן גאָרנישט געהאַט פון איר פאָטערס רייכקייט. צוליב דעם ווייל איר פאָטער איז געווען רייך, האָט מען צו איר צוגענומען אַ פראַנצויזישע באָנע, וועל־כע האָט איר פאַרפּאָלגט מיט די לעקציעס פון פראַנצויזישער גראַמאַטיק און דיקציע. ס׳איז ביי דער באָנע געוואָרן אַ פראגע פון איר אַמביציע, אַז עוואַ זאָל רעדן פראַנצויזיש ווי אַ געבוירענע פּאַריזערין. דערפאַר, ווייל איר פאָטער איז געווען רייך, האָט זי געמוזט זיך לערנען שפּילן קלאַוויר, כאָטש זי האָט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין מוזיקאַליש געהער. אין דעם

פּאַל מיטן שפּילן קלאַוויר האָט זיך גאָר שטאַרק געעקשנט סוליק אַליין. ער האָט דווקא געוואָלט אַז זיין עלטסטע טאָכטער זאָל קענען שפּילן, און ס׳האָט גענומען אַ גאָר לאַנגע צייט ביזוואַנען ס׳איז אים געלונגען איבער־צוצייגן אַז דאָס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה. צוליב דער זעלבער סיבה, האָט זי געמוזט זיין פון די בעסטע שילערינס אין גימנאַזיע. זי איז געווען זייער אַ פּעיקע, דאָך פלעגט זיך מאַכן, אַז פון עפּעס אַ געביט איז זי טייל־מאָל געוואָרן שוואַכער. אין אַזאַ פּאַל האָט מען תיכף צו איר צוגענומען אַ קאָרעפּעטיטאָר און זי האָט גלייך געמוזט זיין צוריק צווישן די בעסטע.

אַזוי אַרום, האָט עווא געטראַכט, האָט זי צוליב איר פּאָטערס פּאַר־מעגן נאָר געמוזט צאָלן מיט פּליכטן, מיט עולן, מיט אַרבעט. אָבער ווען זי האָט געקאָנט אויך עפּעס אָנהויבן געניסן, לויט איר אייגענעם ווילן און איינזען, האָט זי שוין נישט געהאַט פון וואָס. דאַקעגן פון מאַניען האָט קיינער גאָרנישט געפאָדערט, אָדער כמעט ווי גאָרנישט. און ווען מען האָט אפילו פון איר יאָ פאַרלאַנגט, האָט זי זיך אויך דערפון גאָרנישט געמאַכט. אמת, זי קען טאַקע גאָרנישט, אָבער איר האָט דאָס אין לעבן נישט געשטערט, פאַרקערט, ס׳איז איר געווען גרינגער, זי האָט נישט געהאַט קיין שום אינטעלעקטועלן באַלאַסט און זי האָט געקאָנט און טאַקע גענומען דאָס לעבן לייכט, אָן שום פּראָבלעמען און מאַטערנישן.

— און וואָס האָב איך דערפון, אַז איך האָב יאָ געלערנט ? ווייס איך דען אַ סך מער פון איר ? — האָט נישט איינמאָל עווא זיך אַליין געפרעגט, — און וואָס האָב איך דען דערפון אַז איך האָב זיך געלערנט, ווען איך האָב זיך גאָרנישט אויסגעלערנט ? וואָס האָט דען מיר מיין בילדונג אַחוץ צער געגעבן ?

טיילמאָל פלעגט עווען באַפאַלן אַ חשק צו לעבן. זי פלעגט אינגאַנצן ברענען פון ווילן אַריינצוואַרפן זיך אין לעבן, געניסן פון יעדער מעגלעכ־קייט, ברעכן אַלע צוימען, ווען אפילו דאָס זאָל איר פירן צו אַ תהום. אָבער אַלץ אין איר און אַלץ אין איר דערציונג האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם, זיך אָפּגעשאָקלט פון אַזעלכע געדאַנקען. און אַזוי גיך ווי דאָס פייער האָט זיך אין איר אָנגעצונדן אַזוי גיך האָט זיך עס אויסגעלאָשן.

אין טאָג פון אַוועקפאָרן איז מאַניע געקומען זיך געזעגענען מיט

עווען. מאַניע איז געווען אַזוי איבערגענומען מיט דעם וואָס שטייט איר פאָר, אַז זי איז געווען ווי שיכור. אַלץ וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן איז געווען ניי און לויט דער לעצטער מאָדע. זי האָט אַריינגעבראַכט מיט זיך אַ ריח פון די טייערסטע פראַנצויזישע פּאַרפומען. ווען מאַניע איז צוגע־גאַנגען צו עווען זיך געזעגענען, האָט זי אויסגעשטרעקט די הענט ווי זי וואָלט עווען געוואָלט אַרומנעמען. עוואַ, וועלכע האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ נישט דאָיקע, פאַר אַן אָפּגעשיידטע, האָט אויסגעמיטן יעדער באַרירונג פון אַן אַנדערן מענטש. אפילו פון אירע אייגענע פּאָטער־מוטער. ווען מאַניע האָט אויסגעצויגן צו איר די אָרעמס, האָט זיך עוואַ מיטאַמאָל צוריקגע־צויגן. מאַניעס אָפענע אָרעמס זענען געבליבן ליידיקע הענגען אין דער לופטן. צי דערפאַר, וואָס זי האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ באַליידיקונג פאַר זיך, צי פון עפּעס אַ שלעכט פאָרגעפיל, נאָר די צעשטראָלטע מאַניע האָט זיך פּלוצים צעוויינט. ווי נאָר עוואַ האָט געזען אַז מאַניע וויינט, איז זי אַריין אין צווייטן צימער און צוגעהאַקט אונטער זיך די טיר.

*

דער ווינטער איז אָנגעקומען אַ בייזער, אַ פאַרביסענער, אַ פרעמדער, מיט צונויפגעהאַקטע, קאַלטע אייז־ציין. עוואַ איז אַ גאַנצן ווינטער קיין איינמאָל נישט אַרויס פון שטוב, כאָטש אַניאַ פלעגט צו איר צושטיין אַז זי זאָל מיט איר אַרויסגיין כאָטש אויף אַ פּאָר מינוט.

עוואַ פלעגט גאַנצע טעג און אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן ביים געהייצטן אויוון. זי איז געזעסן אין אויסגעבעטן שלאָפראָק, פאַר־וואָרפן דאָס קאַראַקולענע מענטעלע אויף די אָרעמס און זיך געטוליעט צום וואַרעמען אויוון. דאָ פלעגט זי צולייגן צו אים אירע לאַנגע, דאַרע הענט. דאָ האָט זי געטוליעט איר טונקל־הויטיקע, סוליקישע באַק מיט אַ האַלבער, לאַנגער גאָמבע, צו זיינע ווייסע, גלאַנציקע וואַרעמע קאַפליעס. אַן אַנדער מאָל איז זי געשטאַנען מיט די פּלייצעס צום אויוון, דאָ ווידער האָט זי אים אַרומגענומען מיט די הענט און אָרעמס און געוואַרעמט איר איינגע־פאַלענע ברוסט און בויך. דער אויוון איז געווען אין ווינטער איר בעסטער פריינד און פאַר אים האָט זי זיך מתודה געווען. דאָ האָט זי ביזן סוף

אַדורכגעטראַכט אַלע געדאַנקען און אויסגעברענט ביזן לעצטן פּונק אַלע פאַרלאַנגען. זי איז געווען אינגאַנצן ווי אויסגעהוילט און פּוסט אַזוי ווי אַ פאַרלאָזענע נעסט.

דער ווינטער האָט די מענטשן געהאַלטן בייזאַמען. ער האָט זיי געהאָלפן זיך צוזאַמענגעמען. אפילו סוליק האָט זיך דערפילט בעסער. ער איז געוואָרן מוטיקער, פרישער. נאָר עוואַ איז נישט אָפּגעטראָטן פון אויוון, אַזוי ווי דאָס גאַנצע ביסל לעבעדיקע וואַרעמקייט וואָלט זי געצויגן פון אים.

איינמאָל האָט זי געהערט ווי איר שוועסטער אַדעלאַ לערנט זיך אויף אויסנווייניק ניעקראַסאָווס אַ ליד: „טשטאָ טי ספּיש, מוזיטשאָק״? (וואָס שלאָפסטו פויערל?). ווען אַדעלאַ האָט אַקצענטירט די ווערטער: „ווסטאַן פּראָסניס, פּאָדנימיס״! (שטעל זיך אויף, וועק זיך איבער, הויב זיך אויף!) איז עוואַ געווען זיכער, אַז די ווערטער זענען געשריבן פאַר איר. זי איז געווען איבערצייגט, אַז אַדעלאַ אַקצענטירט ספּעציעל אַזוי די ווערטער פאַר אירעטוועגן. זי האָט זיך אויף אַ מינוט ווי אויפגעוועקט און זיך אַרומגעקוקט, ווו זי איז אין דער וועלט. פּלוצים האָט זי דערהערט: „נאָ סעביאַ פּאָגליאַדי, טשטאָ טי ביל, אי טשטאָ סטאַל, אי טשטאָ יעסט או טיעביא״ (גיב אויף זיך אַ קוק, וואָס דו ביסט געווען, און וואָס ביסט געוואָרן און וואָס דו פאַרמאָגסט). עוואַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי איז שוין גאָר נישט געווען און גאָרנישט געהאַט...

אַ גאַנצן ווינטער האָט מאַניע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עוואַ האָט זיך מיט איר נישט געזעגנט, געהאַלטן אין איין שיקן צו עווען אַנזיכטס־קאַרטן פון דער שווייץ מיט גרוסן, און אויך פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען פון זיך אין פאַרשידענע ווינטער־ספּאָרט קאָסטיומען, און אין פאַרשידנסטע קליידער פון מאַסקן־בעלער און קאַרנאַוואַלן. יעדער אַזאַ גרוס פון מאַניען איז פאַר עוואַן געווען אַ ווייטאָגלעכע איבערלעבונג. כאָטש עוואַ האָט מאַניען קיין איינמאָל נישט געענטפערט אויף אירע גרוסן האָט מאַניע נישט אויפגעהערט איר מיט זיי ממש צו פאַרשיטן.

*

ווען ס׳איז אַוועק דער ווינטער און די ערשטע פרילינגס־ווינטלעך האָבן אַ ווייע געטון אין די געעפנטע, נאָך אַ גאַנצן ווינטער, פענצטער, איז

עוואַ געוואָרן זייער אומרויק. אויך סוליק האָט זיך ווידער דערפילט גאָר שלעכט. עווען האָט עפּעס געצויגן ערגעץ אַ משונהדיק געפיל, אַ געמיש פון שרעק און הנאה.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען די קינדער זענען געהאַט אַוועק אין שולע, סוליק איז געגאַנגען צו זיין באַשעפטיקונג און אַניאַ איז אַראָפּ איינ־קויפן, האָט עוואַ דערפילט אַז זי מוז אַוועק, זי מוז שוין אַוועק, אַז דאָס מוז שוין געשען. זי איז צו צום שופלאַד, געזוכט דאָרט אַ פּאָר זאָקן און גראָד אַרויסגענומען אַ פּאָר שוואַרצע זאָקן, וואָס זי האָט געטראָגן ווען זי איז נאָך געווען אַ שילעריך. זי האָט זיי גיך אַרויפגעצויגן אויף די דאַרע פיס. זי האָט אָפּגעבונדן דעם גאַרטל פון שלאָפראָק און זיך געוואָלט איבערטון. ס׳איז איר אָבער באַפאַלן אַ שרעק אַז זי וועט פאַרשפּעטיקן. זי האָט צוריק פאַרבונדן אין גרויס איילעניש דעם גאַרטל און געגאַנגען צו דער טיר, זי איז אָבער צו צום פענצטער און עס ברייט געעפנט.

אויפן הימל האָבן זיך די וואָלקנס פונאַנדערגערוקט און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּירעקיק בלוי שטיק הימל, ווי אַ בלויער ברונעם. עוואַ האָט נישט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון דעם בלויען טיף. נישט ווייסנדיק וואָס זי טוט, איז זי אַרויף אויפן אָפענעם פענצטער. ס׳זענען איר אַנטקעגנגעקו־מען מאָוימדיקע געשרייען. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט אַ פלי טון אין דער הייך און אין דער זעלבער רגע האָט זי דער־פילט אַ הונדערט־פודיקע שווערקייט אין רוקן, אַ פינצטערניש האָט פאַר־פלייצט דעם קאָפּ, און זי איז פון דעם דריטן שטאָק אַראָפּ אין דער שטיי־נערנער טיף פון הויף.

*

אונטן אין הויף, האָט זיך געלופטערט אויף אַ נידעריק בעטל אַ שטויס בעטגעוואַנד. אַראָפּפאַלנדיק האָט עוואַ פאַרטשעפּעט אין ראַנד פון בעטל. זי האָט מיט זיך מיטגעשלעפּט פון דאָרט צוויי קישנס און מיטן קאָפּ און רוקן געבליבן אויף זיי ליגן.

דער גרויער הויף

די לאָקאַטאָרן, וואָס האָבן געוווינט אונטער די סוליקס, האָבן באַמערקט אַז פאַר זייערע פענצטער איז פאַרבייגעפאַלן אַ גרויסע, טונקעלע זאַך. טייל האָבן באַמערקט, אַז אויף אַ שפּליטער פון אַ רגע איז אין צימער געוואָרן טונקל, ווי פון אַ פאַרביילויפנדיקן שאָטן. זיי זענען צו צום פענצ־טער און פאַר זייערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס שרעקלעכע בילד.

אויפן הויף, אויף די ברעגעס פון צוויי רויטע, אָפּגעצויגענע קישנס, איז געלעגן עווא. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, אינגאַנצן אומבאַוועג־לעך, די אויגן פאַרמאַכט. פון אונטער איר טונקעלער הויט האָט זיך, דער עיקר אַרום דער נאָז און אויף דער אויבערשטער ליפּ, אַרויסגעזען אַ טויטע ווייסקייט, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פון איר אָפּגעפלאָסן. זי האָט נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע סימנים פון לעבן. אַרום איר איז נישט געווען קיין צייכן פון בלוט.

אויף די פיס האָט זי געטראָגן שוואַרצע זאָקן און אירע דאַרע קניען זענען געווען צוגעדעקט מיט די פּאָלעס פון איר לאַנגן, אונטערגעבעטן שלאָפראָק. זי איז געלעגן קליין און שמאָל און אויסגעזען ווי אַ צוועלף־דרייצן־יעריק קינד.

דער הויף האָט אויפגעציטערט. עטלעכע מענער זענען אַראָפּ און געלאָפן רופן די גיכע הילף. מען איז אַרויף צו די סוליקס, געקלונגען און געקלאַפּט אין דער טיר, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט.

פאַוועל דער סטרוזש האָט אָפּגעשלאָסן דאָס טויער און אַוועקגע־שטעלט זיין טאָכטער, העלענע, אַז זי זאָל קיין זייטיקע מענטשן נישט אַריינלאָזן. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט דאָס טויער. עס איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַ ברוינע קאַרעטע פון דער גיכער הילף, געשפּאַנט אין צוויי פערד. דאָס טויער איז ווידער געוואָרן אָפּגעשלאָסן.

פון דער קאַרעטע איז אויסגעשטיגן דער דאָקטאָר אין אַ ווייסן

כאַלאַט און אין אַ בלוי געליאַמעוועט מיט גאָלד, היטל. אים איז נאָכגע־גאַנגען אַ סאַניטאַר טראָגנדיק אויף אַ פּאַסיק אַ קאַסטן מיט מעדיקאַמענטן און באַנדאַזשן.

דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַז עווא לעבט. ער האָט פאַר־זיכטיק איר אונטערגעהויבן דעם קאָפּ און געזען אַז דער שאַרבן איז לגמרי נישט באַשעדיקט. ער האָט זייער פאַמעלעך אַ דריי געטון איר קאָפּ אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס און קאָנטראָלירט דעם נאַקן־ביין, דערנאָך דעם רוקן־ביין. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. ער האָט נישט געפונען ביי איר קיין שום קערפּערלעכע פאַרלעצונגען. ער האָט אַרויסגערוקט די השערה אַז די זעלבסטמערדערין איז ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט אַדאַנק דעם, וואָס זי האָט פאַרטשעפּעט אין בעטל און מיטגעשלעפּט די צוויי קישנס וואָס האָבן זיך צום גליק אַרונטערגערוקט אונטער איר קאָפּ און רוקן. דער דאָקטאָר האָט נאָר ביי איר פעסטגעשטעלט אַ שווערן פּסי־כישן שאָק און פאַראָרדנט זי פאָרזיכטיק אַרויפליי̇גן אויף דעם אַמבולאַנס־בעטל און זי אַרויפגעטראָגן אין שטוב אַריין. היות ביי די סוליקס איז די שטוב געווען געשלאָסן, האָט מען זי דערווייל געזאָלט אַריינטראָגן צו דעם נאָענטסטן שכן.

ווען מען האָט עוועז אָנגעהויבן אַרויפליי̇גן אויפן בעטל איז אָנגע־קומען אַניאַ. ווען זי האָט דערזען, אַז דאָס טויער איז אָפּגעשלאָסן, האָט איר האַרץ אַ שווערן ציטער געטון פון אַ שלעכט פאָרגעפיל.

העלענע האָט פאַר איר ברייט געעפנט דאָס טויער, אַזויווי פאַר אַ מענטש וועלכן מען האָט לאַנג דערוואַרט. זי האָט אָנגעקוקט אַניען מיט אַזעלכע גרויסע אַרויסגעשטאַרצטע פון שרעק אויגן, אַז אַניאַ האָט שוין איצט אויף זיכער געוווּסט, אַז ביי זיי איז געשען אַן אומגליק. זי האָט צוגעאײַלט דעם טריט און געגאַנגען אין דער ריכטונג צום הויז־איינגאַנג ווו עס האָט זיך איצט באַוועגט אַ גרופּע מענטשן.

ווי נאָר די מענטשן פון הויף האָבן זי דערזען, זענען זיי זיך צעלאָפן, יוי עס וואָלט זיי אַרומגעכאַפּט אַ בהלה. בלויז איינער, האָט אַדורכלויפנדיק געבן איר אַ געשריי געטון: — זי לעבט! און באַלד נעלם געוואָרן. דעם הויף האָט באַהערשט אַ טויטע שטילקייט.

אַניאַ איז צוגעקומען צום הויז־איינגאַנג, ווען מען האָט אַריינגעטראָגן עווען. אַניאַ האָט קיין געשריי נישט געטון, זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דאָס קושל מיט די איינגעקויפטע פּראָדוקטן, זי האָט זיך צו קיינעם מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, אפילו נישט צום דאָקטאָר. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם בעטל, וועלכעס עס האָבן געטראָגן צוויי סאַניטאַרן, און נאָר געקוקט אויף איר טאָכטער, וועלכע האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ פאַרמאַטערט, שלאָפנדיק קינד.

אַניאַ איז נאָכגעגאַנגען נאָכן בעטל און פאַר איר זענען געגאַנגען דער דאָקטאָר און די סאַניטאַרן. אָבער די שכנים, וואָס האָבן אַריבערגעקוקט פון די אַנטקייגנאיבערדיקע פענצטער, האָבן נאָר געזען אניעס קאָפּ, מיט די טורעמדיקע זיך אויף איר האָר. זי איז געווען אַזוי הויך און גרויס, ווי זי וואָלט מיט זיך פאַרשטעלט אַלץ אַרום.

מען האָט עווען אַריינגעלייגט פּאָרזיכטיק אין בעט. דער דאָקטאָר האָט איר געמאַכט אַן איינשפּריצונג פון מאָרפיום און פאַראָרדנט איר לאָזן אין אַבסאָלוטער רו. אַניאַ איז געזעסן איינע אַליין ביי איר טאָכטערס בעט און נישט אַראָפּגענומען פון איר אויף קיין רגע די אויגן, ווי זי וואָלט זיך איר פּנים געוואָלט אויסלערנען אויף אויסנווייניק.

דריי שעה שפּעטער האָט שוין עווא נישט געלעבט. זי איז געשטאָרבן פון אַן אינערלעכן בלוט־אויסגוס.

*

צומאָרגנס, מיטאָג־צייט, איז פאַרפאָרן אין הויף די עגלה, געשפּאַנט אין צוויי פערד און זיך אָפּגעשטעלט ביים איינגאַנג, ווו עס האָבן געוווינט די סוליקס. דער הויף איז אין איין רגע געוואָרן אויסגעליידיקט פון מענטשן. מען האָט פאַרמאַכט אַלע פענצטער און באַלקאָנען, און אַוועקגענומען פון דאָרט די קינדער.

ווען די עגלה איז אַריין אין הויף, האָבן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי די סוליקס, אָנגעשטעלטע פון די געשעפטן ווי סוליק איז איצט געווען באַשעפטיקט, אים מיט געוואַלט אַרויסגעפירט פון צימער אין וועלכן עס איז געלעגן זיין טויטע טאָכטער.

ווען עווא איז געשטאָרבן איז אימיצער פון די שכנים געלאָפן אין געשעפט, ווו סוליק האָט אין די שעהען געאַרבעט, און אים איבערגעגעבן, אַז זיין טאַטער איז פּלוצים זייער קראַנק געוואָרן, און אַז עס וואָלט גלייך געוועזן ער זאָל תיכף גיין אַהיים. סוליק האָט זיך פון דער שלעכטער בשורה באַלד אַזוי פאַרלוירן, אַז ער איז געבליבן זיצן ווי אַ געלעמטער און נישט געקאָנט בשום אופן שטעלן קיין טריט. צוויי אָנגעשטעלטע פון געשעפט האָבן אים גענומען אונטער די הענט, אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און אים געברענגט אין שטוב אַריין.

ווען סוליק איז דערגאַנגען אַז זיין טאַטער איז טויט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין פאָטעל און אַזוי געזעסן שוין מער ווי אַ מעת־לעת אָן אַ באַוועג צו טון מיט אַן אבר, נישט קיין פינטל צו טון מיט אַן אויג, איינ־גאַנצן אַ פאַרשטייפטער. ער האָט נישט געענטפערט אויף קיין פראַגן, נישט גענומען אין מויל אַריין קיין טראָפּן וואַסער. דער דאָקטאָר, וועלכן מען האָט צו אים אַרויסגערופן האָט געהאַלטן, אַז אויב אין סוליקס איצ־טיקן מצב וועט אין משך פון די נאָענטסטע פיר און צוואַנציק שעה נישט אַריינטרעטן קיין ענדערונג, וועט מען אים דאַרפן אָפּפירן אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע.

נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעפירט סוליקן פון דער שטוב, ווו עווא איז געלעגן, זענען עטלעכע מענטשן אַראָפּ צו דער עגלה, בכדי אַרויפצו־ברענגען פון דאָרט דעם קאַסטן. אין דעם האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלינגען אין טויער. עס איז אַריין אין הויף דער אַלטער רעוויראָווי זייטשיק, מיט דער באָרד אלא גענעראַל סקאָביעלעוו, און געהייסן דעם בעל־עגלה צוריק אַוועקפאָרן. דער רעוויראָווי איז אַרויף צו די סוליקס און פאַר אַניען פאָרגעשטעלט אַ באַפעל פון פּראָקוראָר אָפּצוהאַלטן די לוויה פון עווא און איבערשיקן איר קערפּער אין פּראָסעקטאָריום צום פּאַלמעסן.

באַלד איז אויפן הויף פאַרפאָרן דער וואָגן פון פּראָסעקטאָריום. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פליייש־פורגאָן, פון דרויסן און פון אינעווייניק באַשלאָגן מיט ווייסן צינק־בלעך. פון קאָזשיאָל זענען אַראָפּגעשפּרונגען צוויי יונגע, געזונטע קריסטן אָנגעטועניע אין ווייסע פאַרטעכער. זיי האָבן אויפגעהויבן די דעק פון דעם וואָגן און אַרויסגענומען פון דאָרט עפּעס

אַזעלכעס ווי אַ מולטער פון צינק־בלעך אויף צוויי האָלצערנע שטאַנגען איבערגעדעקט מיט אַ ווייס ליילעך. זיי זענען דערמיט אַרויף אין שטוב צו די סוליקס.

אַניאַ האָט אויפגעצאַפּלט. עס האָט מיט איר אַ טרייסל געטון, ווי בעת אַן ערד־ציטערניש. אָבער מיטאַמאָל האָט זי אַ הויב אויף געטון איר קאָפּ, ווי דאָס טוט אַ לעבן־געבליבענער צווישן חורבות. זי האָט זיך אַ ריס אַרויס געטון פון דעם קאָשמאַר, וואָס האָט זיך זייט נעכטן פרי אַרום איר פאַרפלאָנטערט, און זיך גענומען אין די הענט אַריין.

באַלד האָט מען געזען ווי צוויי מענטשן פון די סוליקס גייען אַריין מיט די קריסטן פון פּראָסעקטאָריום־וואָגן אין דער שענק, וואָס איז געווען ביי אונדז אויפן הויף. דעם ייד פון דער עגלה האָט מען אויך איבערגערעדט און מיט אַ צוזאָג צו באַלוינען געפּועלט ביי אים ער זאָל בלייבן מיט דער עגלה וואַרטן. אַניאַ האָט אָנגעטון אַ טונקעלן זשאַקעט און אַ הוט אויפן קאָפּ, און אַ גלייכע און אַ שטאָלצע האָט זי ווי דאַמאָלט, ווען זי האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען איר באַנקראָטירטן מאַן, זיך איצט געוואָרפן ראַטעווען דעם טויטן קערפּער פון איר עלטסטער טאָכטער.

עס האָט גענומען אַ סך צייט. די האַלב־שיכורע קריסטן פון פּראָ־סעקטאָריום־וואָגן האָבן זיך אָפּט סקאַנדאַלעוועט. דער ייד פון דער עגלה איז שוין עטלעכע מאָל געהאַט אַרויף אויפן קאָזשיאָל און געוואָלט אַוועק־פאָרן. מען האָט זיי געהאַלטן אויפן הויף מיט אַלע כוחות. עס האָבן זיך אַריינגעמישט אַסך לאָקאַטאָרן. יעדער האָט מיט עפּעס אַנדערש מכבד געווען די קריסטן און יעדער האָט אַן אַנדער מוסר־וואָרט געזאָגט דעם ייד פון דער עגלה. ערשט פאַרנאַכט צו איז אַניאַ געקומען צופאָרן מיט אַ דראָזשקע און געהאַלטן אין דער האַנט די דערלויבניש פון פּראָקוראָר אַדורכצופירן די לוויה. עס האָט איר אין דעם געהאָלפן דער דאָקטאָר דאָבזשינסקי.

דער פּראָסעקטאָריום־וואָגן איז אַוועקגעפאָרן. מען איז צוגעטרעטן צו דער לוויה. עטלעכע מענטשן האָבן אַרויסגענומען דעם קאַסטן פאַרן מת און אַרויף צו די סוליקס. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער בעל־עגלה האָט

דערווייל אָנגעצונדן ביי די זייטן פון דער עגלה צוויי לאָמטערנעס. די שוואַרצע עגלה איז אַרויסגעפּאָרן פון הויף און אַריין מיט די צוויי ברענענ־דיקע ביי די זייטן לאָמטערנעס אין פינצטער־געוואָרענעם טויער, ווי אין אַ טונעל וואָס פירט דורך טויט אין דער וועלט פון נישט־ווערן...

עס האָט זיך אַ שווערע געדיכטע, ערב־פרילינגדיקע ראָסע געלייגט אויף דער ערד און נאָס געמאַכט די שטיינער. מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז ווען די פרוי סוליק, מיט אירע צוויי קינדער ביי די זייטן, איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה פון איר עלטסטער טאָכטער, האָבן די שטיינער געוויינט...

*

אַ קורצע צייט אַרום נאָך עווען טויט און נאָך דעם ווי סוליק איז אַזוי שווער קראַנק געוואָרן, איידער די מענטשן פון הויף האָבן נאָך באַוויזן צו קומען צו זיך, האָט מען דעם גאַנצן הויף אויסגעגאָסן מיט אספאַלט.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען געזען אויפן הויף שטיין אַ גרויסן קעסל. נעבן אים זענען געלעגן שטשאַפּעס האָלץ און עטלעכע פּאַריסטע קריסטן האָבן זיך געדרייט אַרום דעם קעסל, פון וועלכן עס איז געגאַנגען אַ רויך און עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון סמאָלע. איינער האָט געהאַקט די שטשאַפּעס האָלץ און געשטופּט שטיקער פון זיי אין ברענענדיקן פּיסק פון קעסל. אַנדערע זענען געשטאַנען אַרום דעם קעסל און מיט ריזיקע גאָפּלען געמישט די שוואַרצע, בריענדיקע, צעקאָכטע סמאָלע, ווי אין גיהנום. דערנאָך האָבן זיי מיט גרויסע קאָך־לעפל אָנגעשעפּט די זידיקע סמאָלע און געגאָסן אין האָלצערנע עמערס אַריין. זיי האָבן די עמערס סמאָ־לע דערלאַנגט אַ קריסט וואָס איז געשטאַנען קניענדיק אויף דער ערד. ער האָט אויף די קניען געטראָגן עפּעס אַזעלכעס צוגעשפּיליעט מיט פּאַסקעס און שנאַלן, וואָס האָט זיך מיר אויסגעזען צו זיין טוכענע ברילן אויף לעדערנע האָלאָבליעס. דער קריסט האָט די דערלאַנגטע עמערס אויס־געגאָסן פאַר זיך און מיט עפּעס אַזוינס ווי אַ וואַלגער־האָלץ גלייך געמאַכט די פליסנדיקע סמאָלענע מאַסע און באַשאָטן זי מיט געלן זאַמד.

אין משך פון עטלעכע טעג איז דער גאַנצער הויף געווען באַדעקט מיט אַ גרויען אספּאַלטענעם פּאַנצער. דער הויף האָט פאַרלוירן זיין לעצט

ביסל חן. דער אַמאָליקער בלויער הויף איז אינגאַנצן געוואָרן גרוי. עס זענען מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן אַלע גריבלעך צווישן די שפּיציקע שטיינער אין וועלכע די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין ניס אָדער אין קוקסאָ. מען האָט שוין מער נישט געקאָנט מאַכן קיין „קליאַטקעס" פאַר ווערעם און פליגן, ווייל מען האָט שוין נישט געקאָנט ווי אַמאָל מאַכן צווישן די שטיינער קיין גריבלעך, אַריינלאָזן דאָרט זשוקעס און געכאַפּטע פליגן און פאַרשטעלן דאָס גריבעלע מיט אַ צעבראָכן שטיקל שויב. פּאַוועל דער סטרוזש האָט געיאָגט מיטן פּאַסיק די קינדער און נישט געלאָזט שרייבן אויפן פרישן אַספאַלט קיין „קלאַסן" מיט קרייד. דער גרויער הויף איז איצט געלעגן שטייף און קאַלט, ווי אַ טויטע זאַך.

*

מיין טאַטע האָט זיך עפּעס צעווערטלט מיט דעם געוועזענעם „מעל־דונקאָווע זשאָנדצע", וואָס איז געוואָרן אַדמיניסטראַטאָר פון הויז און האָט דאָס איינגעפירט די גייע „פּאַזשאָנדקעס". מיין טאַטע האָט פון לאַנג געהאַט פאַרלוירן די סימפּאַטיע צום הויף, נאָכדעם ווי מען האָט דאָס אָרט פון דער שול פאַרדונגען אויף אַ מאַגאַזין פון שטיוול. איצט, נאָך די געשעענישן ביי די סוליקס, האָבן אַלע ביי אונדז, דער טאַטע, די מאַמע און מיינע דער־וואַקסענע שוועסטערן, געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. די דער־וואַקסענע מענטשן פלעגן זיך דערמאָנען אַלץ, וואָס איז משונהדיקס און טרויעריקס דאָרט פאַרלאָפן פאַר די לעצטע יאָרן. זיי האָבן גערעדט דערפון, אַז יעדער הויף האָט זיך זיין גורל. פון זייערע רייד, וועלכע איך האָב וויניק פאַרשטאַנען, פלעגט אין די פאַרנאַכטן אָנפאַלן אויף מיר אַזאַ אומעט און אימה, אַז איך האָב אויך שוין געוואָלט, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער פון דאָרט אַוועק.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער טאַטע האָט אונדז, קינדער, דערציילט, אַז מיר וועלן זיך בקרוב איבערציען אין אַן אַנדערער דירה. איינמאָל האָט מיך די מאַמע מיטגענומען אין דער נייער דירה, וועלכע איז געשטאַנען ליידיק. איך האָב געזען ווי די מאַמע לייגט אַרונטער, אין איין שטוב, אונטערן אויוון אַ פּעקעלע אין וועלכן עס איז געווען זאַלץ און ליכט.

יחיאל האָפּער

*

אין איינעם אַ זומער־טאָג איז פאַרפאָרן פאַרן טויער אויף פּאָקאָרנע אַ גרויסער, פאַרמאַכטער, גרינער וואָגן מיט אַ האַלב־קיילעכדיקן דאַך. אויף די ווענט פון דעם וואָגן איז מיט ריזיקע, ווייסע אותיות געווען אויפגעמאָלן דאָס וואָרט: „סירענא". קריסטן מיט ליינענע, ברייטע פּאַסן איבער די אָרעמס זענען צו אונדז אַרויפגעקומען, צענומען די מעבלען, זיי אַראָפּגעטראָגן און אַריינגעשטעלט אין וואָגן אַריין. איך האָב אַכטונג געגעבן, אַז די פּאַננע מאַדזשיא זאָל ביים פאַרפּאַקן מיינע שפּיל־זאַכן גאָרנישט פון זיי נישט פאַרגעסן. דערנאָך האָב איך גענומען אונטערן אָרעם מיין סידור, מיין חומש און ד׳אמיטשיס „דאָס האַרץ", מיט וועלכן איך פלעג זיך דאַמאָלט נישט צעשיידן, און מיר האָבן אויף שטענדיק פאַרלאָזט דעם הויף אויף פּאָקאָרנע.

פּאַרטײטש־צעטל פֿון פרעמדע ווערטער

לויטן אלף־בית סדר:

אוואַגעס — באַמערקונגען.
אוראַדזינעס — געבוירן־טאָג.
אימיעָנינעס — נאָמענס־טאָג.
אַלעמביק — אַלקאָהאָל־געטראַנק; אַ צונאָמען פאַר אַ שיכור.
באָטשעק — חזיר־פלייש.
באָזשע נאַראָדזעניע — קריסמעס, חײנאַכט.
בעזרענקאָחניק — אַ שפּענצערל אָן אַרבל.
גאַפּע (גײן אויף גאַפּע) — אַרײנגײן אָן אַ בילעט.
גאַלוווקע — אָפיציעלער מלוכה יום־טוב.
גוויאַזדקעס — קרײנדלעך אויף שול־און מיליטער־היטלען.
דזהאַרניק — הויז־וועכטער.
חאַלוווקע — נאָמען פון אַ מאַרק אין וואַרשע.
חוינעם פלאַץ — (פאַרגרײזט פון וואַיענני פלאַץ), מיליטערישער פלאַץ.
חיעזשך — אויבערשטער שטאָף פון אַ פוטער; דאָס סאָמעטענע קאַפּל פון שטריימל.
חיעלקאַנאָץ — פּסחא.
זאַבאַבאָנעס — אַבערגלויבן.
זניידע — אַן אונטערגעוואָרפן קינד.
לעטניקעס — אַרויספאָרער אויף זומער־חוינונג.
מאַניאַקעס — גרויסע מעטאַלענע קנעפּ.
סאַמאָאָבראָנע — זעלבשוץ.
סטאַיקאָווע — פּאָליציאַנט.
סטאַיקאָ — פּאָליצייאישער פּאָסטן אויף דער גאַס.
סטודענטלעך — גימנאַזיסטן אין מונדירן.
סינאלקאָ — לימאָנאַדע.
פאַציאַטע — אַ דאַך־שטיבל.
פאַכהאַלני ליסט — אַ שול לויב־בריוו.
פאַצעטקעס — געפוצטע פרויען; הויכע, שמאָלע גלעזלעך.
פענק — אַ בינטל.
פאָקראָווצעס — איבערדעקן צו מעבל.
פשעפּיערקע — אַ קליינע חעש.
פּאָדריאַדטשיקעס — מיליטער־ליפעראַנטן.
צירקל — פּאָליציי באַצירק.
קאַזיאָננע — מלוכהשע.
קאַטיאָלאָק — אַ האַרטער קאַפּעלוש.
רעווירעָחע — אַ רוסישער פּאָליציי־אָפיציר.

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער;

י. זרובבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאָ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי — ניישטאַדט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
יצחק לעוו:	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
יצחק פאַנער:	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
מרדכי יפה:	צען ישראל דיכטער

Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*